STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02162

ANNA KARENINA

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

יעקב פרוזמאן
לון - מאסס,

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַננאַ קאַרענינאַ

ראָמאַן אין אַכט טיילן

יידיש שלמה שיינבערג

צווייטער באַנד

פינפטער און זעקסטער טייל

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאָבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמישער
אויסגאַבע פון רוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Anna Karenina“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

In Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

פינפטע טייל

I.

די פירשטין שטשערבאַצקאַיאַ איז געווען אין דער מיינונג, אַז מאַכן די חתונה פאַר דער פאַסט־צייט, צו וועלכער עס איז געבליבן פינף וואָכן, איז אוממעגלעך, ווייל אַ האַלבער אויסשטייער האָט נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן ביז דעמאָלט; אָבער זי האָט נישט געקאָנט נישט איינשטימען מיט לעווינען, אַז נאָך דער פאַסט־צייט וואָלט געווען שוין צו שפּעט, ווייל דעם פירשט שטשערבאַצקיס אַן אַלטע לייבלעכע מומע איז געווען זייער קראַנק און האָט געקאָנט אי־יכן שטאַרבן, און דעמאָלט וואָלט דער טרויער נאָך פאַרהאַלטן די חתונה. זי האָט באַשלאָסן, אַז דעם קלענערן טייל פון אויסשטייער וועט זי צוגרייטן איצטאַנצן אַצינד, דעם גרעסערן אָבער וועט זי אַרויסשיקן שפּעטער, און איז געווען זייער בייז אויף לעווינען דערפאַר, וואָס ער האָט איר בשום אופן נישט געקאָנט ערנסט ענטפערן, צי ער איז מסכּים אויף דעם, צי נישט. דערדאָזיקער פּלאַן איז געווען נאָך באַקוועמער דערפאַר, וואָס דאָס יונגע פּאָר איז באַלד נאָך דער חתונה געפאָרן אין דאָרף אַריין, ווו די זאַכן פון דעם גרויסן אויסשטייער וועלן נישט נייטיק זיין.

לעווין האָט זיך ווייטער געפונען אַלץ אין זעלבן צושטאַנד פון צעדולטקייט, אין וועלכן אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער און זיין גליק בילדן דעם איינציקן הויפּט־ציל פון אַלעם עקזיסטירנדיקן און אַז טראַכטן און זאָרגן דאַרף ער אַצינד וועגן גאָרנישט, אַז אַלץ טוט זיך און וועט געטון ווערן פאַר אים דורך אַנדערע. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין שום פּלענער און צילן פאַר דעם קינפטיקן לעבן, ער האָט דאָס געלאָזט באַשליסן דורך אַנדערע, וויסנדיק, אַז אַלץ וועט זיין אויסגעצייכנט. זיין

ברודער סערגיי איוואַנאָוויטש, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש און די פירשטין האָבן אים אָנגעוויזן, וואָס ער האָט געדאַרפט טון. ער האָט בלויז מסכּים געווען אויף אַלעם, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט. דער ברודער האָט געבאָרגט פאַר אים געלט, די פירשטין האָט געראַטן אוועקצופאָרן פון מאָסקווע נאָך דער חתונה. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געעצהט צו פאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט אויף אַלץ מסכּים געווען. „טוט, וואָס איר ווילט, אויב דאָס פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגן. איך בין גליקלעך, און מיין גליק קאָן נישט נישט גרעסער ווערן, נישט קלענער ווערן, וואָס איר זאָלט נישט טון", האָט ער געטראַכט. ווען ער האָט איבערגעגעבן קיטין סטעפּאַן אַר-קאַדיעוויטשס עצה — צו פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך זייער גע-וווּנדערט, וואָס זי האָט נישט איינגעשטימט אויף דעם, און האָט געהאַט וועגן זייער קינפטיקן לעבן עפּעס אייגענע באַשטימטע פאָדערונגען. זי האָט געוווּסט, אַז לעווין האָט עסקים אין דאָרף, וועלכע ער האָט ליב. ווי ער האָט געזעען, האָט זי נישט בלויז נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע עסקים, נאָר אויך נישט געוואָלט זיי פאַרשטיין. דאָס האָט אים, פונדעסט-וועגן, נישט געשטערט צו האַלטן דידאָזיקע עסקים פאַר זייער וויכטיק. און דעריבער האָט זי געוווּסט, אַז זייער היים וועט זיין אין דאָרף, און האָט געוואָלט פאָרן נישט קיין אויסלאַנד, וווּ זי וועט נישט וווינען, נאָר דאָרט אַהין, וווּ זייער היים וועט זיין. דערדאָזיקער באַשטימטע אויסגע-דריקטער באַשלוס האָט לעווינען פאַרוווּנדערט. נאָר אַזוי ווי אים איז געווען אַלץ איינס, האָט ער גלייך אַ בעט געטון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, ווי דאָס וואָלט געווען זיין פליכט, צו פאָרן אין דאָרף אַריין און דאָרט איינאָרדנען אַלץ, וואָס ער ווייסט, מיט דעם געשמאַק, וועלכן ער פאַר-מאָגט אין אַזאַ גרויסער מאָס.

— פונדעסטוועגן הער נאָר, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איין-מאָל געזאָגט לעווינען, אומקערנדיק זיך פון דאָרף, וווּ ער האָט אַלץ איינגעאָרדנט פאַרן קומען פון דעם יונגן פּאָר, — דו האָסט אַ צייגניש וועגן דעם, אַז דו ביסט געווען זיך מתוודה זיין?

— ניין. וואָס איז דען?

— אָן דעם קאָן מען נישט נעמען קיין חופּה-קדושין.

— אַי, אַי, אַי! — האָט לעווין אויסגעשריגן. — איך האָב זשאָך מיך שוין, דאַכט זיך, אפשר אַ יאָר ניין נישט מתוודה געווען. עס איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן.

— שיין לייט ביסטו! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש לאַכנדיק

בענאַגט, — און מיך רופסטו ניהיליסט! מ'קאָן אָבער נישט אַזוי. דו מוזסט זיך מתוודה זיין.

— ווען־זשע? עס איז געבליבן פיר טעג.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אויך דאָס באַזאָרגט. און לעווין האָט גענומען זיך גרייטן צו קאָמוניע. אַלס אַ מענטש אַן אומגלויביקער און איינציייטיק אַזעלכער, וואָס האָט אַכטונג פאַרן גלויבן פון אַנדערע מענטשן, איז לעווינען די אָנוועזנהייט און דאָס אָנטייל נעמען אין פאַרשידענע קירכלעכע צערעמאָניעס געווען זייער שווער. אַצינד, אין דעם צו אַלעם פילבאַרן, צעווייכטן געמיטס-צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, איז דידאָזיקע געצוווּנגענע געמאַכטקייט געווען פאַר לעווינען נישט בלויז שווער, נאָר האָט אויסגעזען אינגאַנצן אוממעגלעך. אַצינד, אין צושטאַנד פון זיין רום, פון זיין בליונג, וועט ער מוזן אָדער ליגנט זאָגן אָדער גאָט לעסטערן. ער האָט זיך נישט געפילט בכוח צו טון נישט דאָס, נישט יענץ. אָבער וויפיל ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט בא סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, צי מען קאָן נישט באַקומען קיין צייגניש, נישט האָבנדיק זיך מתוודה געווען, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַלץ דערקלערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

— און וואָס אַרט דאָס דיך — צוויי טעג. און ער איז אַן אומגעוויינלעך ליבער, קלוגער אַלטיטשקער. ער וועט דיר אַזוי אַרויסרייסן דעמדאָזיקן צאָן, אַז דו וועסט גאָרנישט פילן.

שטייענדיק בא דער ערשטער גאָטעסדינסט, האָט לעווין געפּרוּווט אויפפרישן אין זיך די יינגלערישע זכרונות פון יענעם שטאַרקן רעליגיעזן געפיל, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פון זעכצן ביז זיבעצן יאָר; אָבער ער האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז דאָס איז פאַר אים אינגאַנצן אוממעגלעך. ער האָט געפּרוּווט קוקן אויף דעם אַלעם, ווי אויף אַ פּוסטן מנהג, וואָס האָט נישט קיין באַדייטונג, וואָס איז ענלעך צו דעם מנהג פון מאַכן וויזיטן; אָבער ער האָט דערפילט, אַז ער קאָן אויך דאָס בשום אופן נישט טון. לעווין האָט זיך געפונען אין דער באַציונג צו דער רעליגיע, ווי די מערהייט פון זיינע צייט־מענטשן, אין דער אומבאַשטימטסטער לאַגע. גלייבן האָט ער נישט געקאָנט, אָבער איינציייטיק איז ער נישט געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיין נישט אמת. און דעריבער, נישט זייענדיק אימשטאַנד צו גלייבן אין דער וויכטיקייט פון דעם, וואָס ער טוט, נישט קאָנענדיק קוקן אויף דעם, ווי אויף אַ פּוסטער פאָרבאַליטעט, האָט ער די גאַנצע צייט פון דעם גרייטן זיך צו קאָמוניע

איבערגעלעבט אַ געפיל פון פאַרלעגנהייט און בושה, טוענדיק דאָס, וואָס ער אַליין פאַרשטייט נישט, און דערפאַר, ווי אַן אינערלעכע שטימע האָט זים געזאָגט, עפּעס פאַלשס און נישט שיינס.

אין דער צייט פון דער גאָטעסדינסט האָט ער דאָ געהערט די תפילות, באַמיענדיק זיך זיי צוצושרייבן אַזאַ באַדייטונג, וואָס זאָל זיך נישט צעגיין מיט זיינע בליקן, דאָ, פילנדיק, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין און מוז זיי פאַראורטיילן, האָט ער זיך באמת נישט צו הערן זיי, נאָר האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, באַאָבאַכטונגען און זכרונות, וועלכע האָבן מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט אין דער צייט פון דעמדאָזיקן ליידיק שטיין זיינעם אין קירכע געבלאָזשעט אין זיין קאָפּ.

ער איז אָפּגעשטאַנען די מיטאָג־תפילה, די נאַכט־תפילה און די אָוונט־כּללים און צומאָרגנס, אויפשטייענדיק פריער ווי געוויינלעך, נישט טרינקענדיק קיין טיי, איז ער געקומען אַכט אַ זייגער אינדערפרי אין קירכע צו הערן די פרימאָרגן־כּללים און ווידויס.

אין קירכע איז קיינער נישט געווען, חוץ אַן אָרימען זעלנער, צוויי זקנות און די קירכנדינערס.

אַ יונגער דיאַקאָן, וואָס זיינע צוויי העלפטן פון לאַנגן רוקן, האָבן זיך שאַרף געצייכנט הינטער דער דינער סוטאַנע, האָט אים אויפגענומען, איז גלייך צוגעגאַנגען צום טישעלע בײַ דער וואַנט און אָנגעהויבן לייענען די כּללים. וואָס מער ער האָט געלייענט, באַזונדערס בײַ דעם אָפטן און שנעלן איבערחזרן די זעלבע ווערטער: „האָספּאָדי פּאָמילוי", וועלכע האָבן געקלונגען ווי „פּאָמילאָס, פּאָמילאָס", האָט לעווין אַלץ מער געפילט, אַז זיין געדאַנק איז פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט און אַז מען טאָר אים אַצינד נישט טשעפּען און אויפרודערן, וואָרים עס וועט אַרויסקומען אַ פּלאָנטער, און דעריבער האָט ער, שטייענדיק הינטערן דיאַקאָן, נישט געהערט און נישט אַריינגעדרונגען אין זיינע ווערטער, נאָר בלויז געטראַכט וועגן דאָס זייניקע. „אומגעהייער אַ סך אויסדרוק פאַרמאָגט איר האַנט", האָט ער געטראַכט, דערמאַנענדיק זיך, ווי זיי זענען נעכטן געזעסן אין ווינקל בײַם טיש. צו רעדן האָבן זיי נישט געהאַט וועגן וואָס, ווי תמיד כמעט אין דער צייט, און זי, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן טיש, האָט זי געעפנט און פאַרמאַכט, און אַליין זיך צעלאַכט, קוקנדיק אויף אירע באַוועגונגען. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער האָט אַ קוש געטון די האַנט און דערנאָך באַקוקט די שטריכן, וואָס גייען זיך צונויף אויף דער ראָזער האַנט־פלאַך. „ווידער פּ אָ מ י ל אָ ס", האָט לעווין

אַ קלער געטון, צלמענדיק זיך, בוקנדיק זיך און קוקנדיק אויף דעם עלאַסטישן באַוועגן זיך פון דעם דיאַקאָנס רוקן, בעתן בוקן זיך. „זי האָט דערנאָך גענומען מיין האַנט און באַקוקט די שטריכן: — דו האָסט אַ פיינע האַנט, — האָט זי געזאָגט". און ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין האַנט און אויף דעם דיאַקאָנס קורצער האַנט. „יאָ, אַצינד וועט זיך שוין דאָס גיך ענדיקן, — האָט ער געטראַכט. — ניין, דאַכט זיך, ווידערמאָל פון אָנהייב, — האָט ער אַ קלער געטון, זיך צוהערנדיק צו די תפילות. — ניין, עס ענדיקט זיך; אָט בוקט ער זיך שוין צו דער ערד. דאָס איז שטענדיק פאַרן סוף.

אומבאַמערקט באַקומען אין דער האַנט מיטן פּליסענעם אומשלאָג אַ דריי רובלדיקע אַסיגנאַציע, האָט דער דיאַקאָן געזאָגט, אַז ער וועט אָנשרייבן, און, קלאַפּנדיק מונטער מיט די נייע שטיוול איבער די פּליטעס פון דער ליידיקער קירכע, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דעם אַלטאַר. אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַרויסגעקוקט פון דאָרט און אַ רוף געטון לעווינען. דער ביז אַצינד פאַרשלאָסענער געדאַנק האָט זיך אַ ריר געטון אין לעווינס קאָפּ, נאָר ער האָט אים שנעל פאַרטריבן. „עס וועט ווי עס איז אַריבער", האָט ער אַ קלער געטון און זיך געלאָזט גיין צו דער אַמבאָנע. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך און, פאַרקערנדיק רעכטס, דערזעען דעם גייסטלעכן. דער אַלטיטשקער גייסטלעכער, מיט אַ שיטערער האַלב גרויער באָרד, מיט מידע, גוטע אויגן, איז געשטאַנען באַם באַלעמער און געמישט דעם „טרעבניק". לייכט פאַרנייגנדיק זיך פאַר לעווינען, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו זאָגן מיט אַ געוויינלעך קול די תפילות. נאָכדעם ווי ער האָט זיי פאַרענדיקט, האָט ער זיך געבוקט צו דער ערד און זיך געווענדט מיטן פנים צו לעווינען.

— דאָ שטייט קריסטוס אומגעזען, אָננעמענדיק אייער ווידוי — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער קרייצונג. — צי גלייבט איר אין דעם אַלעם, וואָס די הייליקע אַפּאָסטאָלישע קירכע לערנט אונז? — האָט דער גייסטלעכער פאָרגעזעצט, אָוועקדרייענדיק די אויגן פון לעווינס פנים און צונויפלייגנדיק די הענט הינטערן עפּיטראַכיל.

— איך צווייפל, איך צווייפל אין אַלעם, — האָט לעווין אַ זאָג געטון מיט אַן אומאָנגענעם קול פאַר זיך און איז שטיל געבליבן.

דער גלח האָט צוגעוואַרט עטלעכע סעקונדן, צי ער וועט נישט נאָך עפּעס זאָגן, און, צומאַכנדיק די אויגן, האָט ער מיט אַ שנעלן וולאַדימירער רעדנסאַרט אויף „אָ" געזאָגט:

— צווייפל איז אייגנטימלעך דער מענטשלעכער שוואַכקייט, אָבער מיר זענען מחויב מתפלל צו זיין, אַז דער דערבאַרמדיקער גאָט זאָל אונז שטאַרקן. וועלכע זענען אייערע הויפּט-זינד? — האָט ער צוגעגעבן אָן דער מינדסטער הפסקה, ווי באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרלירן קיין צייט.

— מיין הויפּט-זינד איז צווייפל. איך צווייפל אין אַלעם און געפין זיך מערסטנטיילס אין צווייפל.

— צווייפל איז אייגנטימלעך דער מענטשלעכער שוואַכקייט, — האָט דער גלח איבערגעחזרט מיט די זעלבע ווערטער. — אין וואָס-זשע צווייפלט איר דער עיקר?

— איך צווייפל אין אַלעם. איך צווייפל טיילמאָל אפילו אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, — האָט לעווין נישט ווילנדיק געזאָגט און זיך דערשראָקן פאַר דער אומאָנשטענדיקייט פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער אויפן גלח האָבן לעווינס ווערטער, ווי עס האָט זיך געדאַכט, נישט געמאַכט קיין איינדרוק.

— ווי אַזוי-זשע קאָן מען צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ קוים באַמערקטן שמייכל.

לעווין האָט געשוויגן.

— ווי אַזוי-זשע קאָנט איר צווייפלען אין דעם באַשעפער, ווען איר זעט זיינע שאַפונגען? — האָט דער גלח ווייטער גערעדט מיט אַ שנעלן געוויינלעכן לשון. — ווער-זשע האָט באַשיינט דעם הימלישן רוים מיט די ליכטער? ווער האָט איינגעהילט די ערד אין איר שיינקייט? ווי אַזוי-זשע איז דאָס מעגלעך אָן אַ באַשעפער? — האָט ער געזאָגט, און מיט אַ פראַגע אַ קוק געטון אויף לעווינען.

לעווין האָט געפילט, אַז עס וואָלט נישט אָנשטענדיק געווען זיך אַריינצולאָזן אין פילאָזאָפישע וויכוחים מיטן גלח, און דעריבער האָט ער געזאָגט אַלס ענטפער בלויז דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער פראַגע.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געזאָגט.

— איר ווייסט נישט? ווי אַזוי-זשע צווייפלט איר אין דעם, אַז גאָט האָט אַלץ באַשאַפן? — האָט מיט אַ פריילעכער פאַרוווּנדערונג דער גלח געפרעגט.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, — האָט לעווין געזאָגט, רויט ווערנדיק

אַזן פילנדיק, אַז זיינע ווערטער זענען נאַריש און אַז זיי טאָרן נישט זיין נאַריש אין אַזאַ לאַגע.

— זייט מתפּלל צו גאָט און בעט אים. אפילו די הייליקע פאָטערס האָבן אויך געהאַט ספקות און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל שטאַרקן זייער גלויבן. דער שטן האָט אַ גרויסן כּוח, און מיר טאָרן זיך אים נישט אונטערגעבן. זייט מתפּלל צו גאָט, בעט אים. זייט מתפּלל צו גאָט, — האָט ער אייליק איבערגעחזרט.

דער גלח האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַזוי ווי פאַרקלערנדיק זיך.

— ווי איך האָב געהערט, קלויבט איר זיך חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון מיין פּאַראַפיע־איינוווינער און גייסטיקן זון, פון דעם פירשט שטשערבאַצקי? — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — אַ העררלעך מיידל.

— יאָ, — האָט לעווין געענטפערט, רויט ווערנדיק פאַרן גלח. „צו וואָס דאַרף ער פרעגן וועגן דעם בשעת דער ווידוי?“ האָט ער אַ קלער געטון.

און, אַזוי ווי ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע, האָט אים דער גלח געזאָגט:

— איר קלויבט זיך חתונה צו האָבן, און גאָט וועט אייך, אפשר, מזכּה זיין מיט קינדער, נישט אמת? וואָס זשע, וואָסער דערציונג קאָנט איר געבן אייערע עופעלעך, אויב איר וועט נישט גובר זיין אין זיך דעם נסיון פון שטן, וואָס ציט אייך צו אומגלויבן? — האָט ער געזאָגט מיט מילדן פאַרוואורף. — אויב איר וועט ליב האָבן אייערע קינדער, וועט איר ווי אַ גוטער פאָטער, נישט בלויז רייכקייט, לוקסוס, כּבוד וועלן פאַר אייער קינד; איר וועט וועלן זיין רעטונג, זיין גייסטיק אויפלייכטן מיט ליכט פון אמת. נישט אַזוי? וואָס זשע וועט איר ענטפערן דעם אומשולדיקן עופהלע, ווען עס וועט אייך פרעגן: „טאַטעשי, ווער האָט באַשאַפן אַלץ, וואָס אַנטציקט מיך אויף דער וועלט, — די ערד, די טייכן, די זון, די בלומען, די גראָזן?“ צי וועט איר דעם עופהלע זאָגן: „איך ווייס נישט“? איר קאָנט נישט וויסן, ווי אַזוי גאָט האָט אייך אין זיין גרויסן חסד אַנטפּלעקט דאָס אַלץ. אָדער דאָס קינד אייערס וועט אייך פרעגן: „וואָס וואַרט מיך אויף יענער זייט לעבן?“ וואָס וועט איר דעם קינד זאָגן, אויב איר ווייסט גאָרנישט? ווי אַזוי וועט איר דעם קינד ענטפערן? איר וועט עס אויסשטעלן אויפן רייץ פון דער וועלט און פון

טייוול ? דאָס איז נישט גוט! — האָט ער געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אין אַ זייט און קוקנדיק אויף לעווינען מיט גוטע, מילדע אויגן.

לעווין האָט גאָרנישט געענטפערט — נישט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין וויכוח מיטן גלח, נאָר דערפאַר, וואָס קיינער האָט אים נישט געשטעלט אַזעלכע פראַגן, און ביז זיינע עופּהלעך וועלן שטעלן דידאָזיקע פראַגן, וועט נאָך צייט זיין אי־בערצוקלערן, וואָס צו ענטפערן.

— איר טרעט אַריין אין אַ לעבנס־פּעריאָד, — האָט דער גלח ווייטער גערעדט, —ווען מען דאַרף זיך אויסקלייבן אַ וועג און זיך האַלטן אָן אים. זייט מתפּלל צו גאָט, אַז ער זאָל אין זיין חסד אייך העלפן און ליטזעליקן, — האָט ער פאַרענדיקט. — פאָטער און באַשעפער אונזערער יעזוס קריסטוס, מיט דעם חסד און דיין גרויסער מענטשנליבע, זיי מוחל... — און, פאַרענדיקט די תּפילה פון פאַרגעבונג, האָט דער גלח אים געבענטשט און אָפּגעלאָזט.

ווען לעווין האָט דעם טאָג זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער איבער־געלעבט אַ פריידיק געפיל פון דעם, וואָס די אומבאַקוועמע לאַגע האָט זיך געענדיקט און זיך געענדיקט אַזוי, אַז אים איז נישט אויסגעקומען ליגט צו זאָגן. חוצדעם, איז אים געבליבן אַ נישט קלאָרע דערינערונג וועגן דעם, אַז דאָס, וואָס דערדאָזיקער ליבער און גוטער אַלטיטשקער האָט געזאָגט, איז גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש, ווי אים האָט זיך אין אָנהייב אויסגעוויזן, און אַז אין דעם איז עפּעס דאָ אַזוינס, וואָס מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן.

„פאַרשטייט זיך, נישט אַצינד, — האָט לעווין געטראַכט, — נאָר ווען ס'איז שפּעטער". לעווין האָט אַצינד געפילט, מער ווי פריער, אַז אין דער נשמה איז עפּעס בײַ אים נישט קלאָר און נישט ריין און אַז אין דער באַציונג צו דער רעליגיע געפינט זי זיך אין דער זעלבער לאַגע, וועלכע ער האָט אַזוי אָפט געזען און נישט ליב געהאַט אין אַנדערע און פאַר וועלכע ער האָט געטאַדלט זיין פריינט סוויאַזשסקי.

פאַרברענגענדיק דעם אָוונט מיט דער כּלה בײַ דאָללין, איז לעווין געווען באַזונדערס פריילעך, און, דערקלערנדיק סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטשן דעם אויפגערודערטן צושטאַנד, אין וועלכן ער געפינט זיך, האָט ער געזאָגט, אַז אים איז פריילעך, ווי אַ הונט, וועלכן מען האָט

געלערנט שפּרינגען דורך אַ רייף און װעלכער, פאַרשטייענדיק, ענדלעך, און אויספירנדיק, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, קוויטשעט ער, דרייט מיטן וויידל און שפּרינגט פון באַגייסטערונג אויף די טישן און פענצטער.

II.

אין טאָג פון דער חתונה האָט לעווין, ווי דער מנהג איז (די פירשטין און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז אַלע מנהגים זאָלן אָפּגעהיטן ווערן), נישט געזעען זיין כלה און געגעסן מיטאָג בײַ זיך אין האָטעל מיט דריי בחורים, וואָס האָבן זיך צופעליק פאַרזאַמלט בײַ אים: סערגיי איוואַנאָוויטש, קאַטאַוואַסאָוו, אַ חבר פון אוניווערזיטעט, איצינד פּראָפעסאָר פון נאַטורוויסנשאַפטן, וועלכן לעווין האָט געטראָפן אויף דער גאַס און אַרייַנגעשלעפּט צו זיך, און טשיריקאָוו, אַן אונטערפירער, אַ מאָסקווער פרידנס־ריכטער, לעווינס אַ חבר פון אַ יאַגד אויף בערן. דאָס מיטאָג איז געווען זייער אַ פרייליכס. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען אין בעסטן געמיטס־צושטאַנד און האָט זיך געוויילט מיט קאַטאַוואַסאָווס אָריגינעלקייט. פילנדיק, אַז זיין אָריגינעלקייט ווערט אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען, האָט קאַטאַוואַסאָוו קאָקעטירט מיט איר. טשיריקאָוו האָט פריילעך און גוטמוטיק אונטערגעהאַלטן יעדן געשפּרעך.

— ער איז דאָך געווען, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, צעציענדיק זיינע ווערטער, ווי ער איז געוויינט געוואָרן אויף דער קאַטעדרע, — אַזאַ פעיקער חברה־מאַן אונזער פריינט קאָנסטאַנטין דמיטריטש. איך רעד וועגן אָפּוועזנדע, ווייל ער איז שוין נישטאָ. אויך די וויסנשאַפט האָט ער דעמאָלט ליב געהאַט, נאָכן אַרויסגיין פון אוניווערזיטעט, אינטערעסן געהאַט מענטשלעכע, איצינד אָבער איז איין העלפט פון זיינע פעיקייטן געווענדט אויף זיך אָפּצונאַרן, און די צווייטע — אויף צו באַרעכטיקן דאָסדאָזיקע אָפּנאַרן.

— קיין מער אַנטשלאָסענעם שונא פון חתונה האָבן האָב איך נישט געזעען, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— ניין, איך בין נישט קיין שונא. איך בין — אַ פריינט פון דעם צעטיילן די אַרבעט. מענטשן, וועלכע קאָנען גאָרנישט מאַכן, דאַרפן מאַכן מענטשן, און די איבעריקע דאַרפן אַרבעטן פאַר זייער אַנטוויקלונג

און גליק. אָט ווי איך פאַרשטיי. אויף אויסצומישן דידאָזיקע צוויי פּאַכן איז דאָ אַ וועלט מיט בעלנים; איך געהער נישט צו זיי.

— ווי גליקלעך וועל איך זיין, ווען איך וועל געווויר ווערן, אַז איר האָט אייך פאַרליבט! — האָט לעווין געזאָגט. — איך בעט אייך, לאַדט מיך איין אויף אייער חתונה.

— איך בין שוין פאַרליבט.

— יאָ, אין קאַראַקאַטיצע. דו ווייסט, — האָט זיך לעווין געווענדט צום ברודער, — מיכאַיל סעמיאָניטש שרייבט אַ ווערק וועגן דערנערונג און...

— נו, פּלאָנטערט שוין בעסער נישט? ס'איז אַלץ איינס וועגן וואָס. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס איך האָב טאַקע ליב קאַראַקאַטיצע.

— אָבער זי וועט אייך נישט שטערן ליב צו האָבן אַ ווייב.

— זי טאַקע נישט, אָבער דאָס ווייב וועט שטערן.

— פאַרוואָס זשע?

— איר וועט שוין זעען. אָט האָט איר ליב באַלעבאַטישקייט, יאַגד; נו, וועט איר זעען!

— און היינט איז אַרכיפּ געווען, געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אָן אַ שיעור הירשן אין פּרודנע און צוויי בערן, — האָט טשיריקאָוו געזאָגט.

— מילא, איר וועט זיי שוין אָן מיר נעמען.

— טאַקע אזוי, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — מיט דער בערן-יאַגד מעגסטו דיך שוין פאַרויס געזעגענען: דאָס ווייב וועט נישט לאָזן!

לעווין האָט אַ שמייכל געטון. די פאַרשטעלונג, אַז דאָס ווייב וועט אים נישט לאָזן, איז אים געווען אזוי אָנגענעם, אַז ער איז גרייט געווען אויף אייביק זיך אָפּצוזאָגן פון דעם פאַרגעניגן צו זעען בערן.

— און ס'איז פונדעסטוועגן אַ שאָד, וואָס מען וועט דידאָזיקע צוויי בערן נעמען אָן אייך. איר געדענקט אין כאַפּילאָווע דאָס לעצטע מאָל? אַ וווּנדערלעכע יאַגד וואָלט געווען, — האָט טשיריקאָוו געזאָגט.

לעווין האָט אים נישט געוואָלט אַנטוישן אין דעם, אַז עס קאָן ערגעץ זיין עפּעס גוטס אָן איר, און דעריבער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

— נישט אומזיסט האָט זיך געשאַפן דער מנהג זיך צו געזעגענען

מיטן בחורישן לעבן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — ווי גליקלעך דו זאָלסט נישט זיין, איז פאָרט אַ שאָד די פרייהייט.

— און זייט אייך מודה, אַז ס'איז דאָ אַזאַ געפיל, ווי בּאַ גאָגאָלס חתן, אַז ס'גלוסט זיך דורכן פענצטער אַדורכצושפּרינגען?

— עס איז זיכער דאָ, אָבער ער וועט זיך נישט מודה זיין! — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט און זיך הויך צעלאַכט.

— וואָס-זשע, דאָס פענצטער איז אָפן... לאָמיר שוין פאָרן קיין טווער! איין בּערעכע, מען קאָן גיין אויף דער נאָרע. כ'לעבן, לאָמיר פאָרן מיטן צוג, וואָס גייט אָפּ פינף אַ זייגער! און דאָ — זאָלן זיי זיך טון, וואָס זיי ווילן, — האָט טשיריקאָוו שמייכלענדיק געזאָגט.

— נו, זעט איר, בּנאמנות, — האָט לעווין שמייכלענדיק געזאָגט. — איך קאָן נישט געפינען אין מיין נשמה דאָסדאָזיקע געפיל פון בּאַדויערן מיין פרייהייט!

— בּאַ אייך אין דער נשמה איז איצינד אַזאַ כאַאָס, אַז איר וועט גאָרנישט געפינען, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט. — וואַרט צו, איר וועט נאָר אַ בּיסל צו זיך קומען, וועט איר שוין געפינען.

— ניין, איך וואָלט געפילט כאָטש אַ בּיסל, אַז, אַ חוץ מיין געפיל (ער האָט נישט געוואָלט זאָגן אין זיין אָנוועזנהייט קיין ליבּע)... און גליק, איז מיר פונדעסטוועגן אַ שאָד צו פאַרלירן די פרייהייט... פאַרקערט, איך בּין פון דעם פאַרלירן טאַקע די פרייהייט צופרידן.

— שלעכט! אַ האָפענונגסלאָזער סוביעקט! — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט. — מילא, לאָמיר אויסטרינקען פאַר זיין געהיילט ווערן אָדער לאָמיר אים בּלויז ווינטשן, אַז כאָטש איין הונדערטטהלק פון זיינע פאַנטאַזיעס זאָל מקוים ווערן. און דאָס וועט שוין זיין אַזאַ גליק, וואָס איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען.

בּאַלד נאָכן מיטאָג זענען די געסט אַוועקגעפאָרן, כּדי צו בּאַוויזן זיך אָנצוטון אויף דער חתונה.

בּלייבּנדיק אַליין און דערמאָנענדיק זיך אָן די רייד פון דידאָזיקע בּחורים, האָט לעווין נאָכאַמאָל זיך געפרעגט: צי עס איז דאָ אין זיין נשמה דאָס געפיל פון בּאַדויערן זיין פרייהייט, וועגן וועלכן זיי האָבּן גערעדט?

ער האָט אַ שמייכל געטון בּאַ דער פראַגע. „פרייהייט? נאָכוואָס פרייהייט? דאָס גליק בּאַשטייט בּלויז אין ליבּ האָבּן און פאַרלאַנגען:

טראַכטן מיט אירע פאַרלאַנגען, מיט אירע געדאַנקען, דאָס הייסט קיין שום פרייהייט, — אָט דאָס הייסט גליק!"

„אָבער צי קען איך אירע געדאַנקען, אירע פאַרלאַנגען, אירע געפילן?" האָט אים פלוצלינג אַ פליסטער געטון עפּעס אַ שטימע. דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים. און ער האָט זיך פאַרטראַכט. און פלוצלינג האָט אים באַהערשט אַ מאָדנע געפיל. עס איז אים באַפאַלן אַ שרעק און אַ צווייפלען, — אַ צווייפלען אין אַלץ,

„וואָס איז, אויב זי האָט מיך נישט ליב? וואָס איז, אויב זי האָט חתונה מיט מיר, בלויז כּדי חתונה צו האָבן? וואָס איז, אויב זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי טוט? — האָט ער זיך געפרעגט. — זי קאָן זיך מישב זיין און, ערשט נאָך דער חתונה פאַרשטיין, אַז זי האָט נישט ליב און נישט געקאָנט מיך ליב האָבן". און אויסטערלישע, די ערגסטע געדאַנקען וועגן איר האָבן אים אָנגעהויבן איינפאַלן. ער איז אייפערזיכטיק געוועזן אויף איר צו ווראָנסקין, ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווי דערדאָזיקער אָוונט, ווען ער האָט זי געזען מיט ווראָנסקין, וואָלט געוועזן נעכטן. ער האָט חושד געווען, אַז זי האָט אים נישט אַלץ געזאָגט.

ער איז שנעל אויפגעשפּרונגען. „ניין, דאָס קאָן מען נישט אַזוי! — האָט ער זיך געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג. — איך וועל גיין צו איר, פרעגן, זאָגן דאָס לעצטע מאָל: מיר זענען פריי, און צי איז נישט גלייכער זיך אָפּצוהאַלטן? אַלץ בעסער, ווי אייביק אומגליק, שאַנד, אומצוטרוי!!"

מיט פאַרצווייפלונג אין האַרץ און מיט כּעס אויף אַלע מענטשן, אויף זיך, אויף איר איז ער אַרויסגעגאַנגען פון האָטעל און געפאָרן צו איר.

ער האָט זי געטראָפן אין די הינטערשטע צימערן. זי איז געזעסן אויף אַ קופערט און וועגן עפּעס גערעדט מיט אַ מיידל, איבערקלויבנדיק קופּעס פאַרשידנפאַרביקע קליידער, וואָס זענען צעלייגט געווען אויף די אָנלענען פון די שטולן און אויף דער פּאָדלאָגע.

— אַך! — האָט זי אויסגעשריגן, דערזעענדיק אים, און אינגאַנצן אויפגעשיינט פון פרייד. — ווי אַזוי ביסטו, ווי אַזוי-זשע זענט איר? (ביז דעמדאָזיקן לעצטן טאָג האָט זי אים געזאָגט אַמאָל „דו", אַמאָל „איר"). איך האָב מיך גאָרנישט געריכט? און איך קלייב איבער מיינע מיידל-קליידער, טייל איין יעדן עפּעס...

— אַ! דאָס איז זייער פיין! — האָט ער געזאָגט, מיט מרה-שחורה קוקנדיק אויף דעם מיידל.

— גיי, דוניאַשאַ, איך וועל דיך שוין רופן, — האָט קיטי געזאָגט.—

וואָס איז מיט דיר? — האָט זי געפרעגט, כסדר אים זאָגנדיק „דו". ווי נאָר דאָס מיידל איז ארויסגעגאַנגען. זי האָט באַמערקט זיין אויסטערליש פנים, דאָס צערודערטע און מרה־שחורהדיקע, און אַ שרעק איז זי באַ־פאַלן.

— קיטי, איך פייניק מיך. איך קאָן נישט אַליין מיך פייניקן, — האָט ער געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג אין דער שטימע, שטיין בלייבנדיק פאַר איר און מיט געבעט קוקנדיק איר אין די אויגן אריין. ער האָט שוין געזעען לויט איר ליבנדיק ערלעך פנים, אַז ס'קאָן גאָרנישט ווערן פון דעם. וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו זאָגן, אָבער אים איז פונדעסט־וועגן נייטיק געווען, אַז זי אַליין זאָל אים אויפווייזן זיין טעות. — איך בין געקומען זאָגן, אַז עס איז נאָך נישט שפעט. דאָס אַלץ קאָן מען צו נישט מאַכן און נאָך אויסבעסערן.

— וואָס? איך פאַרשטיי גאָרנישט. וואָס איז מיט דיר?

— דאָס, וואָס איך האָב טויזנט מאָל געזאָגט און קאָן נישט נישט טראַכטן... דאָס, אַז איך בין דיך נישט ווערט. דו האָסט נישט געקאָנט מסכים זיין חתונה צו האָבן מיט מיר. באַטראַכט דיך. דו האָסט געהאַט אַ טעות. דו טראַכט דיר גוט איבער. דו קאָנסט מיך נישט ליב האָבן... אויב... זאָג־זשע בעסער, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר. — איך וועל זיין אומגליקלעך. זאָלן אַלע רעדן, וואָס זיי ווילן; אַלץ בע־סער, ווי אומגליק... אַלץ בעסער אַצינד, כל־זמן ס'איז נאָך צייט...

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי דערשראָקן געענטפערט, — דאָס הייסט, אַז דו ווילסט דיך אָפּזאָגן... אַז מען דאַרף נישט?

— יאָ, אויב דו האָסט מיך נישט ליב.

— דו ביסט משוגע געוואָרן! — האָט זי אויסגעשריגן, רויט ווערנ־דיק פון פאַרדראָס. אָבער זיין פנים איז געווען אַזוי נעבעכדיק, אַז זי האָט איינגעהאַלטן איר פאַרדראָס און, אַראָפּוואַרפנדיק די קליידער פון דעם פאָטעל, האָט זי זיך צוגעזעצט נענטער צו אים. — וואָס מיינסטו? זאָג אַלץ.

— איך מיין, אַז דו קאָנסט מיך נישט ליב האָבן. פאַרוואָס קאָנסטו מיך ליב האָבן?

— גאָט מיינער, וואָס־זשע קאָן איך?... — האָט זי געזאָגט און זיך צעוויינט.

אַך, וואָס האָב איך געטון! — האָט ער אויסגעשריגן און, שטעלנ־

דיק זיך פאַר איר אויף די קניען, האָט ער אָנגעהויבן צו קושן אירע הענט.

ווען די פירשטין איז אין פינף מינוט אַרום אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי זיי געטראָפן שוין אינגאַנצן איבערגעבעטענע. קיטי האָט נישט בלויז אים פאַרזיכערט, אַז זי האָט אים ליב, נאָר, ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס זי האָט אים ליב, האָט זי אים אפילו דערקלערט פאַרוואָס. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב דערפאַר, וואָס זי פאַרשטייט אים אינגאַנצן, דערפאַר, וואָס זי ווייסט, וואָס ער דאַרף ליב האָבן, און אַז אַלץ, וואָס ער האָט ליב, איז גוט. און דאָס האָט איר אויסגעזעען גאַנץ קלאָר. ווען די פירשטין איז אַריינגעקומען צו זיי, זענען זיי צוזאַמען געזעסן אויפן קופערט, איבערגעקליבן די קליידער און זיך געקריגט וועגן דעם, וואָס קיטי האָט געוואָלט אַוועקגעבן דוניאַשען דאָס ברוינע קלייד, אין וועלכן זי איז געווען אָנגעטון, ווען לעווין האָט איר געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל דאָס קלייד קיינעם נישט אַוועקגעבן, און מען זאָל געבן דוניאַשען דאָס בלויע.

— ווי פאַרשטייסטו נישט? זי איז אַ ברונעטין און עס וועט איר נישט פּאַסן... באַ מיר איז דאָס אַלץ אויסגערעכנט.

געוויר געוואָרן, נאָכוואָס ער איז געקומען, איז די פירשטין האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט בייז געוואָרן און אים אַהיימגעשיקט זיך אָנטון און נישט שטערן קיטין זיך צו מאַכן די פריזור, ווייל שאַרל וועט באַלד קומען.

— זי עסט אַזוי אויך נישט די אַלע טעג און איז מיאוסער געוואָרן, און דו צערודערסט זי נאָך מיט דיינע נאַרישקייטן, — האָט זי אים געזאָגט. — גיי, גיי, ליבער.

לעווין האָט, אַ שולדיקער און פאַרשעמטער, אָבער אַ באַרויקטער, זיך אומגעקערט אין זיין האָטעל אַריין. זיין ברודער, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, אַלע אין פולן טואַלעט, האָבן שוין געוואַרט אויף אים, כדי צו געבן אים די ברכה מיטן בילד. צו בעלמוטשען איז נישט געווען קיין צייט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט נאָך געדאַרפט צופאָרן אַהיים, כדי צו נעמען איר פאָמאַדירטן און פריזירטן זון, וועלכער האָט געדאַרפט פירן דאָס בילד מיט דער כלה. דערנאָך האָט מען איין קאָטש געדאַרפט שיקן נאָכן אונטערפירער, און די צווייטע, וועלכע וועט אָפּפירן סערגיי איוואַנאָוויטשן, צוריקשיקן... בכלל איז געווען קאָמפּליצירטע

אונטערנעמונגען געווען זייער א סך. איינס איז געווען אָן ספק, אַז מען טאָר נישט בעלמוטשען, ווייל עס איז שוין האלב זיבן.

פון דעם בענטשן מיטן בילד איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ קאָמיש־פייערלעכער פּאָזע צוזאַמען מיטן ווייב, האָט גענומען דאָס בילד און, הייסנדיק לעווי־נען זיך בוקן צו דער ערד, האָט ער אים געבענטשט מיט אַ גוטן און שפּאָטישן שמייכל און אים דריי מאָל געקושט; דאָס זעלבע האָט אויך געטון דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און באַלד זיך אָנגעהויבן איילן צו פאָרן און ווידער זיך טועה געווען אין דעם מאַרשרוט פון די קאַטשן, וואָס איז פון פריער באַשטימט געווען.

— נו, איז אָט וואָס מיר וועלן טון: דו פאָר אין אונזער קאַטש נאָך אים, און סערגיי איוואַנאָוויטש וועט זיין אַזוי גוט צופאָרן, און דער־נאָך שיקן.

— אדרבה, עס פרייט מיך זייער.

— און מיר וועלן באַלד קומען מיט אים. די זאַכן זענען אוועק־געשיקט? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— אוועקגעשיקט, — האָט לעווין געענטפערט און געהייסן קוזמאַן דערלאַנגען זיך אָנצוטון.

III.

אַן עולם מענטשן, באַזונדערס פון פרויען, האָט אַרומגערינגלט די קירכע, וואָס איז באַלויכטן געווען צו דער חתונה. די, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אינעווייניק, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום די פענצ־טער, געשטופּט זיך, געקריגט און אַריינגעקוקט דורך די שטאַכעטן.

מער ווי צוואַנציק קאַטשן זענען שוין געווען אויסגעשטעלט דורך די זשאַנדאַרן לענגאויס דער גאַס. אַ פּאָליציי־אָפיציר, זיך גאָרנישט מאַכנ־דיק פון פראָסט, איז געשטאַנען באַם איינגאַנג, שיינענדיק מיט זיין מונ־דיר. אומאויפהערלעך זענען צוגעפאָרן נאָך קאַטשן, און דאָ איז אַ דאַמע אין בלומען מיט אַן אונטערגעהויבענער שלעפּ, דאָ זענען מענער, אויס־טוענדיק די קעפּיס אָדער דעם שוואַרצן הוט, אַריינגעגאַנגען אין קירכע. אין דער קירכע גופא זענען שוין אָנגעצונדן געווען ביידע זשיראַנדאָלן

און אַלע ליכט באַ די בילדער. די גאָלדענע שיין אויפן רויטן פאָן פון דער איקאָנע שאַנק, און די גאָלדענע שניצערייען פון די איקאָנעס, און דאָס זילבער פון די זשיראַנדאָלן און פון די לייכטער, און די פליטעס פון דער פּאָדלאָגע, און די טעפּיכלעך, און די פענדעלעך אינדערהייך באַ די כאָר-בינעס און די שטיגעלעך פון דער אַמבאָנע און די אַלטע שוואַרץ געוואָרענע ביכער, און די סוטאַנעס און די קיטלען — אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט ליכט. אין דער רעכטער זייט פון דער וואַרימער קירכע, אין דעם געזעמל פון פראַקן און ווייסע שניפּסן, מונדירן און שטאָפן, פון סאַמעט, אַטלעס, האָר, בלומען, אַנטבלויזטע אַקסלען און הענט אין הויכע הענטשקעס, האָט זיך געהערט אַן איינגעהאַלטן און לעבהאַפט גערעדעריי, וואָס האָט מאָדנע אָפּגעקלונגען אין דעם הויכן קופּאָל. יעדעס מאָל, וואָס עס האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון דער געעפנטער טיר, האָט דאָס גערעדעריי אין דעם געזעמל זיך איינגעשטילט און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, ריכטנדיק זיך צו זעען די אַריינגייענדיקע חתן-כּלה. אָבער די טיר האָט זיך שוין געהאַט געעפנט מער ווי צען מאָל, און יעדעס מאָל איז דאָס געווען — אָדער אַ פאַרשפּעטיקטער גאַסט, וואָס האָט זיך פאַראייניקט צום קרייז פון די איינגעלאַדענע, רעכטס, אָדער אַ צוקוקעריך, וואָס האָט אָפּגענאַרט אָדער זיך אָפּגעבעטן באַם פּאָליציי-אָפיציר, און האָט זיך פאַראייניקט צו דעם פרעמדן עולם, לינקס. אי די איינגענע אי די זייטיקע זענען שוין געהאַט דורכגעגאַנגען אַלע פאַזן פון דערוואַרטונג.

אין אָנהייב האָבן זיי נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג דערדאָזיקער פאַרשפּעטיקונג און גערעכנט, אַז די חתן-כּלה וועלן אַ ליאַדע מינוט קומען. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ אָפטער און אָפטער צו וואַרפן בליקן אויף דער טיר, איבערשמועסנדיק זיך, צי עס איז נישט געשעען עפּעס. דערנאָך איז דידאָזיקע פאַרשפּעטיקונג געוואָרן שוין אומבאַקוועם, און די קרובים און געסט האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אַ מינע, אַז זיי קלערן נישט וועגן חתן און זענען פאַרנומען מיט זייער רעדן.

דער הויפּט-דיאַקאָן, אַזוי ווי דערמאַנענדיק וועגן דער טייערקייט פון זיין צייט, האָט אומגעדולדיק אונטערגעהוסט, מאַכנדיק ציטערן די שויבן אין די פענצטער. אויף די כאָר-בינעס האָט זיך געהערט דאָ אַ פּרווון פון די שטימען, דאָ דאָס שנייצן די נעז פון די כאָריסטן, וועלכע ס'איז לאַנגווייליק געוואָרן. דער גלח האָט אַלע מאָל אַרויסגעשיקט דאָ

דעם דיאַק, דאָ דעם דיאַקאָן געוויר ווערן, צי דער חתן איז נישט געקומען, און איז אַליין אין דער פּיאַלעט-סוטאַנע און געהאָפטענער גאַרטל אַלץ אָפטער און אָפטער אַרויסגעקומען צו די זייטיקע טירן, אָפּוואַרטנדיק דעם חתן. ענדלעך האָט איינע פון די דאַמען, אַ בליק געבנדיק אויפן זייגער, געזאָגט: „פונדעסטוועגן איז דאָס מאָדנע!" און אַלע געסט האָבן זיך אָנגעהויבן באַאומרויקן און הויך אויסדריקן זייער פאַרוווּנדערונג און אומצופרידנקייט. איינער פון די אונטערפירערס איז געפאָרן געוויר ווערן, וואָס ס'איז געשען. קיטי איז אין דער צייט, שוין לאַנג אַ גרייטע, אין ווייסן קלייד, לאַנגן וואַל און אין אַ קראַנץ פון פּאָמעראַנצן-בלומען, מיט דער אַוועקגעזעצטער מוטער און מיט דער שוועסטער לוואָווא געשטאַנען אין זאַל בײַ די שטשערבאַצקיס און געקוקט דורכן פענצטער, וואַרטנדיק אומזיסט שוין מער ווי אַ האַלבע שעה אויף אַ ידיעה פון איר אונטערפירער וועגן דעם חתנס קומען אין קירכע אַריין.

לעווין ווידער, אין די הויזן, נאָר אָן וועסט און אָן פראַק איז דערווייל געגאַנגען הין און צוריק איבער זיין נומער, האָט אַלע מאָל זיך אַרויסגערוקט דורך דער טיר און געקוקט איבערן קאָרידאָר. אָבער אין קאָרידאָר האָט זיך נישט געזען דער, אויף וועמען ער האָט געוואַרט, און ער האָט מיט פאַרצווייפלונג זיך אומגעקערט און געפאָכעט מיט די הענט, ווענדנדיק זיך צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, וואָס האָט רויק גערייכערט.

— צי איז שוין אַמאָל געווען אַ מענטש אין אַזאַ שרעקלעך נאַרישער לאַגע! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, ס'איז נאַריש, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש באַשטעטיקט, מילד שמייכלענדיק. — אָבער באַרויק דיך, מען וועט באַלד ברענגען.

— ניין, ווי אַזוי-זשע! — האָט לעווין געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם כּעס. — און די דאָזיקע נאַרישע אָפענע וועסטן! אוממעגלעך! — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף דעם צעקנייטשטן גאָרס פון זיין העמד. — און וואָס וועט זיין, אויב מען האָט שוין די זאַכן אַוועקגעפירט צו דער באַן! — האָט ער מיט פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן.

— דעמאָלט וועסטו מיינעם אָנטון.

— מען האָט שוין לאַנג אַזוי געדאַרפט.

— ס'איז נישט שיין אויסצוזען קאָמיש... וואַרט צו, ס'וועט זיך אויסהיילן.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס, ווען לעווין האָט פאַר־לאַנגט זיך אָנצוטון, האָט קוזמאַ, לעווינס אַלטער דינער, געבראַנגט דעם פראַק, דעם וועסט און אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט.

— און דאָס העמד! — האָט לעווין אויסגעשריגן.

— דאָס העמד גייט איר אָנגעטון, — האָט קוזמאַ געענטפערט מיט אַ רויקן שמייכל.

קיין ריין העמד האָט קוזמאַ נישט פאַרשטאַנען איבערצולאָזן, און, באַקומענדיק אַ באַפעל אַלץ איינצופאַקן און אַוועקפירן צו די שטשער־באַצקיס, פון וועלכע דאָס יונגע פאָר האָט נאָך אין זעלבן אָוונט געזאָלט אַוועקפאָרן, האָט ער אַזוי טאַקע געטון, איינפאַקנדיק אַלץ, חוץ דעם פראַק־אָנצוג. דאָס העמד, אָנגעטון אינדערפרי, איז געווען צעקנייטשט און אוממעגלעך פאַר דער מאָדע פון די אָפענע וועסטן. שיקן צו די שטשער־באַצקיס איז געווען ווייט. האָט מען געשיקט קויפן אַ העמד. איז דער לאָקיי צוריקגעקומען: אַלץ איז געשלאָסן — זונטיק. האָט מען געשיקט צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, געבראַנגט אַ העמד; איז עס געווען שרעק־לעך ברייט און קורץ. האָט מען ענדלעך געשיקט צו די שטשערבאַצקיס אויפפאַקן די זאַכן. אין קירכע האָט מען געוואַרט אויפן חתן, און ער האָט, ווי אַ פאַרשלאָסענע חיה אין אַ שטייג, זיך געדרייט איבערן צי־מער, אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר אַריין און מיט שרעק און פאַרצווייפ־לונג זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט אַלץ אָנגערעדט קיטין און וואָס זי קאָן אַצינד קלערן.

ענדלעך איז דער שולדיקער קוזמאַ, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, אַריינגעפאַלן אין צימער מיטן העמד.

— קוים נאָך געטראָפן. מען האָט שוין אויף די פורן אויפ־געלייגט.

אין דריי מינוט אַרום, נישט קוקנדיק אויפן זייגער, כדי נישט אויפצורודערן די וונד, איז לעווין שנעל געלאָפן איבערן קאָרידאָר.

— וועסט שוין מיט דעם נישט העלפן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטש מיט אַ שמייכל געזאָגט, נישט געאיילט אים נאָכגייענדיק. — ס'ה ע ט זיך אויסהיילן, ס'וועט זיך אויסהיילן... זאָג איך דיר.

IV.

— זיי זענען געקומען! — אָט איז ער! — וועלכער? — דער יינגערער, וואָס? — און זי, מאַמע קרוין, איז נישט טויט, נישט לעבעדיק! — האָט מען זיך צערעדט צווישן עולם, ווען לעווין האָט באַגעגנט די כּלה בּאַם צופאָר און איז מיט איר אינאיינעם אַריינגעגאַנגען אין דער קירכע.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערציילט דעם ווייב די סיבה פון דער פאַרזוימונג, און די געסט האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעשושקעט צווישן זיך. לעווין האָט גאָרנישט און קיינעם נישט באַמערקט; ער האָט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויף זיין כּלה.

אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַ סך מיאוסער געוואָרן אין דידאָ-דאָזיקע לעצטע טעג און איז אונטערן וועאַל ווייט נישט אַזוי שיין, ווי געוויינלעך; אָבער לעווין איז נישט געווען אין דער מיינונג. ער האָט געקוקט אויף איר הויכער פריזור מיטן לאַנגן ווייסן וועאַל און ווייסע בּלומען, אויף דעם הויך אויפגעשטעלטן געפאַלבטן קאָלנער, וואָס האָט באַזונדערס צניעותדיק פאַרשטעלט פון די זייטן און אַנטבלויזט פון פאָרנט איר לאַנגן האַלז, און אויף דער אומגעהייער דינער טאַליע, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שענער, ווי שטענדיק, נישט דערפאַר, וואָס דידאָזיקע בּלומען, דערדאָזיקער וועאַל, דאָסדאָזיקע פון פּאַריז אויסגעשריבענע קלייד זאָלן איר צוגעבן עפּעס צו איר שיינקייט, נאָר דערפאַר, וואָס, נישט געקוקט אויף דעמדאָזיקן פּרעכטיקן צוגעגרייטן שטאָט, איז דער אויסדרוק פון איר ליב פּנים, פון איר בּליק, פון אירע ליפּן געווען אַלץ דערזעלבער באַזונדערער אויסדרוק פון אומשולדיקער ערלעכקייט.

— איך האָב שוין געמיינט, אַז דו האָסט געוואָלט אַנטלויפן, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון צו אים.

— עס איז אַזוי נאַריש דאָס, וואָס מיט מיר איז געשען, אַז ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן! — האָט ער רויט ווערנדיק געזאָגט און געמוזט זיך ווענדן צום צוגעקומענעם סערגיי איוואַנאָוויטש.

— אַ שיינע מעשה האָסטו געהאַט מיטן העמד! — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און שמייכלענדיק.

— יאָ, יאָ, — האָט לעווין געענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס מען רעדט צו אים.

— נו, קאָסטיאַ, אַצינד דאַרף מען אַנטשיידן, — האָט סטעפּאַן אַר־קאַדיעוויטש געזאָגט מיט אַ געקינצלט־דערשראָקענער מינע, אַ וויכטיקע פראַגע. נאָר דו ביסט אַצינד אימשטאַנד אָפּצושאַצן די גאַנצע וויכטיקייט פון איר. מען פרעגט מיך: צי אָפּגעברענטע ליכט אָנצינדן אָדער נישט קיין אָפּגעברענטע; עס איז אַ חילוק אין צען רובל, — האָט ער צוגע־געבן, צונויפנעמענדיק די ליפּן אין אַ שמייכל. — איך האָב שוין אַנט־שיידט, אָבער איך האָב מורא, אַז דו וועסט נישט מסכים זיין.

לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ וויץ, אָבער נישט געקאָנט קיין שמייכל טון.

— איז ווי־זשע: נישט אָפּגעברענטע אָדער אָפּגעברענטע? אָט איז די פראַגע.

— יאָ, יאָ! נישט אָפּגעברענטע.

נו, עס פרייט מיך זייער! די פראַגע איז געלייזט! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געזאָגט. — ווי מענטשן ווערן פונדעסט־וועגן נאַריש אין דער לאַגע, — האָט ער געזאָגט טשיריקאָוון, נאָכדעם ווי לעווין האָט צעשטרייט אַ קוק געטון אויף אים און זיך צוגערוקט צו דער כלה.

— געדענק, קיטי, טרעט פריער אַרויף אויפן טעפּיך — האָט די גרע־פין נאָרדסטאָן געזאָגט צוקומענדיק. — איר זענט פיין — האָט זי זיך געווענדט צו לעווינען.

— וואָס, דו שרעקסט זיך נישט? — האָט געזאָגט מאַריאַ דמיט־ריעוונאַ, די אַלטע מומע.

— עס איז דיר נישט קיל? דו ביסט בלייך. וואַרט־צו, בייג דיך אָן! — האָט געזאָגט קיטיס שוועסטער, לוואָוואַ, און, פאַררונדנדיק אירע פולע פרעכטיקע הענט, האָט זי מיט אַ שמייכל איר גלייך געמאַכט די בלומען אויפן קאָפּ.

דאָללי איז צוגעקומען, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר נישט געקאָנט אַרויסרעדן, זיך צעוויינט און אומנאַטירלעך זיך צעלאַכט.

קיטי האָט געקוקט אויף אַלע מיט די זעלבע פאַרטראָגענע אויגן, ווי לעווין.

דערווייל האָבן די קירכדינער זיך אָנגעטון און דער גייסטלעכער מיטן דיאַק זענען אַרויסגעגאַנגען צום באַלעמער, וואָס איז געשטאַנען אין

פּאַליש פֿין קירכע. דער גלח האָט זיך געווענדט צו לעווינען, עפּעס זאָגנדיק. לעווין האָט נישט דערהערט, וואָס דער גייסטלעכער האָט געזאָגט.

— נעמט אָן בּאַ דער האַנט די כּלה און פירט זי, — האָט דער אונטערפירער געזאָגט לעווינען.

לאַנג האָט לעווין נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. לאַנג האָט מען אים פאַרריכט און געוואָלט שוין רעזיגנירן, — ווארים ער האָט אַלץ נישט אָנגענומען מיט דער האַנט אָדער בּאַ דער האַנט, ווי מען האָט געדאַרפט, — ווען ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף מיט דער רעכטער האַנט, נישט ענדערנדיק די פּאָזע, זי אָננעמען אויך בּאַ דער רעכטער האַנט. ווען ער האָט, ענדלעך, אָנגענומען די כּלה בּאַ דער האַנט, ווי מען האָט געדאַרפט, איז דער גייסטלעכער אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פאַר זיי און זיך אָפּגעשטעלט בּאַם בּאַלעמער. דער עולם קרובים און באַקאַנטע, זשומשענדיק מיט אַ גערעדעריי און שאַרכענדיק מיט די שלעפּעס, האָט זיך נאָכגערוקט נאָך זיי. עמעצער האָט זיך אָנגעבויגן און גלייך געמאַכט די שלעפּע פון דער כּלה. אין קירכע איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געהערט דאָס פאַלן פון די טראָפּנס וואַקס.

דער אַלטיטשקער גייסטלעכער אין דער קאַמילאַווקע מיט די זילבער-בּלישטשענדיקע גרויע געלאָקטע האָר, צענומענע אין צוויי זייטן הינטער די אויערן, אויסגלייכנדיק די קליינע זקנישע הענט פון הינטער דער זילבערנער ריזע אָפּער מיט אַ גאָלדענעם צלם אויפן רוקן, האָט עפּעס איבערגעקליבן בּאַם באַלעמער.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו אים, עפּעס אַ פליסטער געטון און, אַ ווונק געבנדיק צו לעווינען, ווידער צוריקגעגאַנגען.

דער גלח האָט אָנגעצונדן צוויי מיט בלומען באַפּוצטע ליכט, האַלטנדיק זיי זייטיק אין דער לינקער האַנט, אַזוי, אַז דער וואַקס האָט געטריפט פון זיי פּאַמעלעך, און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די חתן-כּלה. דער גלח איז געווען דער זעלבער, וואָס האָט מתוודה געווען לעווינען. ער האָט אַ קוק געטון מיט אַ מידן און טרויעריקן בליק אויף דער חתן-כּלה, האָט אַ זיפץ געטון און, אויסשטרעקנדיק פון אונטער דער ריזע אָפּער די רעכטע האַנט, האָט ער געבענטשט מיט איר דעם חתן און אויך אַזוי, נאָר מיט אַ שאָטן פון פאַרזיכטיקער צערטלעכקייט,

אַרויפגעלייגט די צונויפגעלייגטע פינגער אויף קיטיס אָנגעבויגענעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיי דערלאַנגט די ליכט און, נעמענדיק די קטורת-פאַן, איז ער פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען פון זיי.

„צי איז דאָס אמת?" האָט לעווין אַ קלער געטון און זיך אומגעקוקט אויף דער כלה. ער האָט עטוואָס פון דער הייך געזעען איר פּראָפיל, און לויט דער קוים באַמערקטער באַוועגונג פון אירע ליפּן און ברעמען האָט ער געוווּסט, אַז זי האָט דערפילט זיין בליק. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר דער הויכער געפאַלבעטער קאָלנער האָט זיך אַ ריר געטון, אויפהייבנדיק זיך צו איר ראָז קליין אויער. ער האָט געזעען, אַז אַ זיפץ האָט זיך פאַרהאַלטן אין איר ברוסט און עס האָט אָנגעהויבן צו ציטערן די קליינע האַנט אין דער הויכער הענטשקע, וואָס האָט געהאַלטן דאָס ליכט.

דאָס גאַנצע עגמת נפש פון העמד, פון פאַרשפּעטיקן, דער געשפּרעך מיט די באַקאַנטע, קרובים, זייער אומצופרידנקייט, זיין קאָמישע לאַגע — אַלץ איז פאַרשוווּנדן, און אים איז געוואָרן פריידיק און שרעקלעך.

דער שיינער געוווּקסיקער הויפּט-דיאַקאָן אין דעם זילבערנעם קיטל מיט די פון ביידע זייטן שטייענדיקע צעקעמטע געקרייזלטע לאָקן איז האַפערדיק אַרויסגעטרעטן פאָרויס, מיט אַ געווויינטן זשעסט אויפגעהויבן אויף צוויי פינגער דעם אָראַר און זיך אָפּגעשטעלט קעגן דעם גלח.

„בענטש אַל-מעכ-טי-קער!" האָבן פּאַמעלעך, איינער נאָכן אַנדערן, זיך דערהערט פייערלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן צעוויגט די לופט.

„געלויבט איז אונזער גאָט תמיד, היינט און אייביק, און אויף דורי-דורות", האָט נכנעדיק און זינגעוודיק געענטפערט דער אַלטער גלח, ווייטער איבערקלויבנדיק עפּעס אויפן באַלעמער. אָנפילנדיק די גאַנצע קירכע פון די פענצטער ביז די געוועלבן, האָט זיך האַרמאָניש און ברייט אויפגעהויבן, זיך געשטאַרקט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אויגנבליק און שטיל אָפּגעשטאָרבן אַ פולער אַקאָרד פון דעם אומגעזעענעם כאָר.

מען האָט מתפלל געווען, ווי תמיד, פאַר עולם הבא און דערלייזונג, פאַרן סינאָד, פאַרן קייסער; מען האָט אויך מתפלל געווען פאַר גאָטס קנעכט קאָנסטאַנטין און יעקאַטערינאַ, וואָס נעמען היינט חופּה-קדושין.

„ס'זאָל זיי אַראָפּגעשיקט ווערן פולקאָמע ליבע, שלום און הילף,

בעטן מיר בּאַ דיר, גאָט", האָט אַזוי ווי געטעמט די גאַנצע קירכע מיט דער שטימע פון הויפּט-דיאַקאָן.

לעווין האָט געהערט די ווערטער, און זיי האָבן אים איבּערראַשט. „ווי אַזוי האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז הילף, גראָד הילף? — האָט ער גע-טראַכט, דערמאָנענדיק זיך זיינע נישט לאַנגע שרעקן און ספקות. — וואָס ווייס איך? וואָס קאָן איך אין דערדאָזיקער שרעקלעכער זאַך, — האָט ער געטראַכט, — אָן הילף? טאַקע, הילף איז מיר נייטיק אַצינד".

ווען דער דיאַקאָן האָט געענדיקט די עקטעניע, האָט דער גלח זיך געווענדט צו די חתן-כלה מיטן בּוך:

„אייבּיקער גאָט, אַ בּונד פון ליבּע, וואָס קאָן נישט צעבּראָכן ווערן, שענק זיי, די בּרכות פון יצחק און רבקה פאַר דיינע צוגעזאָגטע קינדער באַווייז. בּענטש דיינע קנעכט קאָנסטאַנטין און יעקאַטערינאַ און דערמוטיק זיי צו יעדער גוטער טאַט. גאָט פון רחמנות און מענטשן-ליבּע, צו דיר שיקן מיר אַ לויבּ היינט, אין פאַרגאַנגענהייט און אייבּיק". — „אמן", האָט זיך ווידער צעגאָסן אין דער לופט דער אומגעזעענער כאָר.

„ווי טיפזיניק זענען די ווערטער און ווי פּאַסיק זיי זענען צו דעם, וואָס מען פילט אין דערדאָזיקער מינוט, — האָט געקלערט לעווין. — צי פילט זי אויך דאָס אייגענע, וואָס איך?"

ער האָט זיך אומגעקוקט און בּאַגעגנט איר בּליק.

און לויטן אויסדרוק פון דעמדאָזיקן בּליק האָט ער בּאַשלאָסן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען דאָס אייגענע, וואָס ער. אָבער דאָס איז געווען נישט אמת: זי האָט כמעט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען די ווערטער פון דער גאָטעס-דינסט און זיי אפילו נישט געהערט אין דער צייט פון די חופּה-קדושין. זי האָט זיי נישט געקאָנט הערן און, פאַרשטיין: אַזוי שטאַרק איז געווען דאָס איינע געפיל, וואָס האָט אָנגעפילט איר נשמה און אַלץ מער און מער זיך געשטאַרקט. דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען די פרייד פון דער פולער פאַרווירקלעכונג פון דעם, וואָס איז שוין אַנדערהאַלבּן חדשים פאַרגעקומען אין איר נשמה און וואָס האָט אין משך פון די דאָזיקע גאַנצע זעקס וואָכן זי געפרייט און געפייניקט. אין איר נשמה איז אין דעם טאָג, וואָס זי איז אין איר בּרוין קלייד אין זאַל פון דעם אַרבּאַטסקע הויז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צו אים און זיך אים אָפּגעבּן, — אין איר נשמה איז אין דעם טאָג און אין דער שעה פאָרגעקומען אַ פולער איבּעררייס מיט איר פריערדיק לעבּן, און עס האָט זיך אָנגעהויבּן אַ גאַנץ אַנדער, נייַ, פאַר איר גאַנץ אומבּאַקאַנט לעבּן, אין אמתן אָבער האָט זיך

געצויגן דאָס אַלטע. דידאָזיקע זעקס וואָכן זענען געווען די גליקלעכסטע און פיינלעכסטע צייט פאַר איר. דאָס גאַנצע לעבן אירס, אַלע פאַרלאַנגען, האָפנונגען, זענען קאָנצענטרירט געווען אויף דעמדאָזיקן איינעם נאָך פאַר איר אומפאַרשטענדלעכן מענטש, מיט וועלכן עס האָט זי פאַרבונדן עפעס אַ נאָך מער אומפאַרשטענדלעך, ווי דער מענטש אַליין, דאָ אַ דערנענטערנדיק, דאָ אָפשטויסנדיק געפיל. און איינצייטיק האָט זי ווייטער געלעבט אין די באַדינגונגען פון דעם פריערדיקן לעבן. לעבנדיק מיטן אַלטן לעבן, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר איר פולער אומבאַזיגבאַרער גלייכגילטיקייט צו איר גאַנצער פאַרגאַנגענהייט: צו די זאַכן, צו די געוווינהייטן, צו די מענטשן, וואָס האָבן זי ליב געהאַט, צו דער מוטער, דער באַטריבטער פון דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט, צום ליבן, פריער מער פון אַלץ אויף דער וועלט געליבטן, צערטלעכן פאָטער. דאָ האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט, דאָ זיך געפרייט פון דעם, וואָס ס'האָט זי געברענגט צו דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט. נישט טראַכטן, נישט פאַרלאַנגען האָט זי גאָרנישט געקאָנט מחוץ דעם לעבן מיט דעמדאָזיקן מענטש; אָבער דאָסדאָזיקע נייע לעבן איז נאָך נישט געווען, און זי האָט עס זיך אפילו קלאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. עס איז געווען בלויז דערוואַרטונג — די שרעק און פרייד פון דעם נייעם און אומבאַקאַנטן. און אַצינד וועט אָט די דערוואַרטונג, די אומבאַוווסטקייט, די חרטה אויף דעם אָפזאָגן זיך פון דעם פריערדיקן לעבן — אַלץ וועט זיך ענדיקן און ס'וועט זיך אָנהייבן דאָס נייע. דאָסדאָזיקע נייע האָט נישט געקאָנט נישט זיין שרעקלעך לויט זיין אומבאַוווסטקייט; אָבער שרעקלעך אָדער נישט שרעקלעך, — עס איז שוין פאָרגעקומען נאָך מיט זעקס וואָכן צוריק אין איר נשמה, אַצינד איז בלויז געהייליקט געוואָרן דאָס, וואָס איז שוין לאַנג פאָרגעקומען אין איר נשמה.

ווידער זיך אויסדרייענדיק צום באַלעמער, האָט דער גלח קוים געכאַפט קיטיס קליינעם רינג, גענומען לעווינס האַנט, אים אָנגעטון אויפן ערשטן געלענק פון זיין פינגער. „ס'ווערט מקודש גאָטס קנעכט קאָנסטאַנטין צו גאָטס קנעכטין יעקאַטערינאַ”. און אָנגעטון דעם גרויסן רינג אויף קיטיס ראָזן, קליינעם פינגער, האָט דער גלח אַ זאָג געטון דאָס אייגענע.

עטלעכע מאָל האָבן די חתן־כלה געוואָלט זיך משער זיין, וואָס מען דאַרף טון, און איטלעכעס מאָל זיך טועה געווען, און דער גלח האָט

שעפּטשענדיק זיי אויסגעבעסערט. ענדלעך, געטון, וואָס מען האָט געדאַרפט, איבערגעצלמט זיי מיט די רינגען, האָט ער ווידער איבערגעגעבן קיטין דעם גרויסן, און לעווינען דעם קליינעם; ווידער האָבן זיי זיך פאַרפּלאָנטערט און צוויי מאָל איבערגעגעבן דעם רינג פון האַנט צו האַנט, און פונדעסטוועגן איז אַרויסגעקומען נישט דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט.

דאָללי, טשיריקאָוו און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זענען אַרויסגעטרעטן פאָרויס זיי אויסבעסערן. עס איז פאָרגעקומען אַ צעמישונג, אַ געשושקריי און אַ שמייכלען, אָבער דער פייערלעך-גערירטער אויסדרוק אויף די פּנימער פון די חתן-כלה האָט זיך נישט געביטן; פאַרקערט, פּלאָנטערנדיק זיך מיט די הענט, האָבן זיי געקוקט ערנסטער און פרייִלעכער, ווי פריער, און דעם שמייכל, מיט וועלכן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ פליסטער געטון, אַז יעדער זאָל אָנטון זיין רינג, איז נישט ווילנדיק אָפּגעשטאָרבן אויף זיינע ליפּן. ער האָט געפילט, אַז דער מינדסטער שמייכל וועט זיי באַליידיקן.

„דו האָסט פון אָנהייב באַשאַפן דעם מאַן און די פרוי און פון דעם איז זייער פאַרייניקונג, — האָט דער גלח געלייענט באַלד נאָכן טוישן די צירונגען, — צו הילף און צו אויפנעמען דאָס מענטשלעכע מין. אַליין, אונזער האַר גאָט, וואָס דו האָסט געשיקט דיין אמת אויף דיינע קינדער, אונזערע עלטערן אין אַלע דורות, גיב דיין השגחה אויף דיין קנעכט קאָנסטאַנטין און דיין קנעכטין יעקאַטערינאַ און פאַרשטאַרק זייער פאַראייניקונג אין גלויבן, אין בטחון, אין אמת און לעבן“...

לעווין האָט אַלץ מער און מער געפילט, אַז אַלע זיינע געדאַנקען וועגן חתונה האָבן, זיין טרוימען וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט איינאָרדנען זיין לעבן, אַז דאָס אַלץ איז געווען קינדעריש און אַז דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביז אַצינד נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטייט אַצינד נאָך ווייניקער, הגם דאָס קומט פאָר מיט אים; אין זיין ברוסט האָבן אַלץ העכער און העכער זיך אויפגעהויבן כפאַזמען, און אומגעהאַרכזאַמע טרערן האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן.

V.

אין קירכע איז געווען גאַנץ מאָסקווע, קרובים און באַקאַנטע. און אין דער צייט פון דער חופּה־צערעמאָניע האָט, אין דער גלענצנדער באַלייכטונג פון דער קירכע, אין דעם קרייז פון די אויסגעצירטע פרויען, מיידלעך און מענער אין ווייסע שניפּסן, פראַקן און מונדירן נישט אויפגעהערט דאָס אָנשטענדיק שטילע גערעדעריי, וואָס איז דער עיקר געפירט געוואָרן דורך די מענער, בעת די פרויען זענען אינגאַנצן פאַרשלונגען געווען מיטן באַאָבאַכטן אַלע איינצלהייטן פון דער שטענדיק פאַר זיי אַזוי רירנדער צערעמאָניע.

אין דעם קרייז, דעם סאַמע נאָענטסטן צו דער כּלה, זענען געווען אירע ביידע שוועסטערן: דאָלי, די עלטערע, און די רויקע שיינהייט לוואָווא, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד.

— וואָס־זשע איז דאָס עפּעס מאַרי אין לילאַ, אַזוי ווי אין שוואַרצן, אויף אַ חתונה? — האָט די קאָרסונסקאַיאַ געזאָגט.

— באַ איר קאָליר פון פּנים איז דאָס די איינציקע רעטונג... — האָט די דרובעצקאַיאַ געענטפערט. — איך וווּנדער מיך, פאַרוואָס זיי האָבן געמאַכט די חתונה אין אָוונט. דאָס איז סוחרטום...

— עס איז שענער. מיין חתונה איז אויך פאָרגעקומען אין אָוונט, — האָט די קאָרסונסקאַיאַ געענטפערט און אַ זיפץ געטון, דערמאָנענדיק זיך, ווי באַחנט זי איז געווען דעם טאָג, ווי קאָמיש פאַרליבט איר מאַן איז געווען און ווי אַצינד איז אַלץ אַנדערש.

— מען זאָגט, אַז ווער עס איז מער ווי צען מאָל אונטערפירער, דער האָט שוין נישט חתונה; איך האָב געוואָלט זיין דאָס צענטע מאָל, כּדי צו פאַרסטראַכירן זיך, נאָר דאָס אָרט איז געווען פאַרנומען, — האָט דער גראַף סיניאַווין געזאָגט דער שיינינקער פירשטין טשאַיסקאַיאַ, וועלכע האָט געהאַט אויף אים אויסזיכטן.

די טשאַיסקאַיאַ האָט אים געענטפערט בלויז מיט אַ שמייכל. זי האָט געקוקט אויף קיטין, טראַכטנדיק וועגן דעם, ווי אַזוי און ווען זי וועט שטיין מיטן גראַף סיניאַווין אין קיטיס לאַגע און ווי זי וועט אים דערמאָנען זיין איצטיקן וויץ.

שטשערבאצקי האט געזאגט דער אלטער פריילין ניקאלאיעווא, אז ער האט בדעה אנצוטון דעם קראנץ אויף קיטיס שיניאן, כדי זי זאל זיין גליקלעך.

— מען האט נישט געדארפט אנטון קיין שיניאן, — האט געזאגט די ניקאלאיעוונא, וואס האט שוין לאנג געהאט באשלאסן, אז אויב דער אלטער, וועלכן זי האט געפרווט פאנגען, וועט מיט איר חתונה האבן, וועט די חתונה זיין די איינפאכסטע. — איך האב נישט ליב דעמדאזיקן פאסט.

סערגיי איוואנאוויטש האט גערעדט מיט דאריא דמיטריעוונא, אין שפאס זי פארזיכערנדיק, אז דער מנהג אוועקצופארן נאך דער חתונה פארשפרייט זיך דערפאר, וואס דעם יונגן פארפאלק איז שטענדיק א ביסל א בושה.

— אייער ברודער מעג שטאלצירן. זי האט טויזנט טעם. איך מיין, איר זענט אים מקנא?

— איך האב דאס שוין איבערגעלעבט, דאריא דמיטריעוונא, — האט ער געענטפערט, און זיין פנים האט אומגעריכט באקומען א טרויעריקן און ערנסטן אויסדרוק.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט דערציילט זיין שוועגערין זיין קאלאמבור וועגן גט.

— מען דארף פארריכטן דעם קראנץ, — האט זי געענטפערט, נישט הערנדיק אים.

— ווי א שאד דאס איז, וואס זי איז אזוי מיאוסער געווארן, — האט די גרעפין נארדסטאן געזאגט צו לוואוואן. — און פונדעסטוועגן איז ער נישט ווערט איר פינגער. נישט אמת?

— ניין, ער געפעלט מיר זייער, נישט דערפאר, וואס ער איז א קינפטיקער beau-frère, — האט די לוואווא געענטפערט, — און ווי גוט ער האלט זיך! און עס איז אזוי שווער זיך גוט צו האלטן אין דער לאגע, — נישט צו זיין קאמיש, און ער איז נישט קאמיש, נישט אנגעצויגן, מען זעט, אז ער איז גערירט.

— דאכט זיך, איר האט זיך געריכט אויף דעם?

— כמעט. זי האט אים תמיד ליב געהאט.

— נו, לאמיר זען, ווער ס'וועט פריער פון זיי ארויפטרעטן אויפן טעפיך. איך האב דאס געעצהט קיטין.

— אַלץ איינס, — האָט די לוואָוואַ געענטפערט, — מיר זענען אַלע אונטערטעניקע פרויען, דאָס איז בײַ אונז אין דער נאַטור.

— און איך האָב בכיוון פריער אַרויפגעטרעטן פאַר וואַסילין. און איר, דאָללי?

דאָללי איז געשטאַנען לעבן זיי, האָט זיי געהערט, אָבער נישט געענטפערט. זי איז געווען גערירט. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן, און זי האָט נישט געקאָנט גאָרנישט זאָגן, אַז זי זאָל זיך נישט צעוויינען. זי האָט געשעפּט נחת פון קיטין און לעווינען; זיך דערמאָנענדיק אָן איר חתונה, האָט זי געוואָרפן בליקן אויף דעם שיינענדיקן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, פאַרגעסן די גאַנצע קעגנוואַרט און געדענקט בלויז איר ערשטע אומשולדיקע ליבע. זי האָט זיך דערמאָנט נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אַלע פרויען, נאָענטע און איר באַקאַנטע: זי האָט זיך זיי דערמאָנט אין דער איינציקער פאַר זיי פייערלעכער צייט, ווען זיי זענען, פּונקט ווי קיטי, געשטאַנען אונטערן קראַנץ מיט ליבע, האָפענונג און שרעק אין האַרץ, זיך אָפּזאָגנדיק פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַרייַנטרעטנדיק אין דער געהיימנישפולער צוקונפט. צווישן דידאָזיקע אַלע כלות, וועלכע זענען איר אויפן רעיון געקומען, האָט זי זיך אויך דערמאָנט אָן איר ליבער אַננען, וואָס זי האָט נישט לאַנג געהערט די פּרטים פון איר פאַרשטייענדיקן גט. און זי איז אויך אַזאַ ריינע געשטאַנען אין די פּאָמעראַנצן-בלומען און אין וואַל. און וואָס איז אַצינד? „שרעקלעך אויסטערליש", האָט זי אַ זאָג געטון.

נישט בלויז די שוועסטערן, פריינדינס און קרובים האָבן זיך צוגעקוקט צו אַלע איינצלהייטן פון דער צערעמאָניע: זייטיקע פרויען, צוקוקערינס האָבן מיט אַן אויפרעגונג, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, זיך צוגעקוקט, מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די מינדסטע באַוועגונג, אַן אויסדרוק פון דער חתן-כלה, און מיט פאַרדראָס נישט געענטפערט און אָפט נישט געהערט די גערעדערייען פון די גלייכגילטיקע מענער, וואָס האָבן געמאַכט וויציקע אָדער זייטיקע באַמערקונגען.

— וואָס-זשע איז זי אַזוי פאַרוויינט? זי האָט דען חתונה געצוווּנגענערהייט?

— פאַרוואָס-זשע געצוווּנגען פאַר אַזאַ כוואַט? אַ פּירשט, צי וואָס?

— און דאָס איז אַ שוועסטער אין ווייסן אַטלאַס? נו, הער, ווי דער דיאַקאָן וועט איצט אַ ריטש טון: „און מורא האָבן פאַרן מאַן".

— טשודאָווער?

— סינאָדאַלישע.

— איך האָב דעם לאָקיי געפרעגט. מען זאָגט, ער פירט זי באַלד אוועק אין זיין היים אריין. מוראדיק רייך, זאָגט מען. דערפאַר האָט מען זי דאָך אויסגעגעבן.

— ניין, א פיין פאָרל.

— און אָט האָט איר, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ, זיך געשפּאָרט, אַז קאַרנאַליִנעס טראָגט מען אַראָפּהענגענדיקע, גיב נאָר אַ קוק אויף יענער, מען זאָגט, א געזאַנדטע, סאַרא קנאַפּלעס...

— סאַראַ ליבינקע די כּלה איז, ווי אַ שעפּסעלע אָן אָפּגעשוירנס! און וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, איז פאָרט אַ שאָד דאָס מיידל.

אַזוי האָט מען גערעדט צווישן דעם עולם צוקוקעריִנס, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן דורך די טירן פון דער קירכע.

VI.

ווען די חתונה-צערעמאָניע איז געווען געענדיקט, האָט דער קירכע-דינער אויסגעשפּרייט פאַרן באַלעמער אין מיטן דער קירכע אַ שטיקל ראָז זיידנצייג, דער כאָר האָט אויפגעזונגען אַ קונציק און שווער קאַפּיטל תהילים, אין וועלכן דער באַס מיטן טענאָר האָבן זיך איבערגערופן צווישן זיך, און דער גלח האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעוויזן די חתן-כּלה אויף דעם אויסגעשפּרייטן ראָזן שטיקל שטאָף. ווי אָפט און אַ סך ביידע האָבן נישט געהערט וועגן דעם סימן, אַז ווער עס וועט פריער אַרויפטרעטן אויפן טעפּיך, דער וועט זיין דער ראש אין דער פאַמיליע, האָבן נישט לעווין, נישט קיטי נישט געקאָנט זיך דערמאַנען אָן דעם, ווען זיי האָבן געמאַכט דידאָזיקע עטלעכע טריט. זיי האָבן אויך נישט געהערט די הויכע באַמערקונגען און וויכּוחים וועגן דעם, אַז, לויט דעם באַאָבאַכטן פון טייל, האָט ער פריער אַרויפגעטרעטן, לויט דער מיינונג פון אַנדערע — ביידע צוזאַמען.

נאָך די געוויינלעכע פראַגן וועגן זייער ווילן חתונה צו האָבן און צי זיי האָבן זיך נישט צוגעזאָגט אַנדערע און זייערע פאַר זיי אַליין אויסטערליש קלינגענדיקע ענטפערס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע גאָטעס-

דינסט. קיטי האָט געהערט די ווערטער פון דער תּפילה, געוואָלט פאַר־שטיין זייער זינען, אָבער נישט געקאָנט. וואָס לענגער די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען, אַלץ מער און מער האָט אַ געפיל פון פייערלעכקייט און ליכטיקער פרייד איבערפולט איר נשמה און איר צוגענומען די מעגלעכקייט צו זיין אויפמערקזאַם.

אין די תּפילות איז דערמאָנט געוואָרן וועגן דעם, אַז גאָט האָט באַשאַפן די פרוי פון אדמס ריפּ און „פון וועגן דעם פאַרלאָזט דער מאַן דעם פאָטער און די מוטער און באַהעפט זיך מיטן ווייב. ווערןביידע איין גוף", און אַז „גרויס איז דערדאָזיקער סוד"; מ'האָט געבעטן, אַז גאָט זאָל זיי געבן קינדער און ברכה, ווי יצחקן און רבקהן, יוספן, משהן, און זיי זאָלן זעען זייערע קינדס־קינדער. „דאָס אַלץ איז הערלעך, — האָט קיטי געקלערט, הערנדיק דידאָזיקע ווערטער, — דאָס אַלץ קאָן גאָרנישט זיין אַנדערש", און אַ פריידיקער שמייכל, וואָס האָט נישט ווילנדיק אָנגעשטעקט אַלע, וואָס האָבן אויף איר געקוקט, האָט געלויכטן אויף דעם צעשטראַלטן פּנים אירן.

— טוט אָן אינגאַנצן! — האָבן זיך דערהערט עצות, ווען דער גלח האָט זיי אָנגעטון די קרענץ, און שטשערבאַצקי, וואָס האָט געציטערט מיט דער האַנט אין אַ הענטשקע מיט דריי קנעפּעלעך, האָט געהאַלטן דעם קראַנץ הויך איבער איר קאָפּ.

— טוט אָן! — האָט זי אַ פליסטער געטון שמייכלענדיק.

לעווין האָט זיך אומגעקוקט צו איר און איז געוועזן איבערראַשט פון דער פרייד, וועלכע האָט געשיינט אויף איר פּנים; און דאָסדאָזיקע געפיל האָט זיך נישט ווילנדיק איבערגעגעבן אויך אים. אים איז געוואָרן אויך אַזוי ליכטיק און פריילעך, ווי איר.

אים איז פריילעך געווען צו הערן דאָס לייענען דעם אַפּאָסטאָלישן בריוו און די דונערנדיקע שטימע פון דעם פּראָטאָדיאַקאָן באַם לעצטן פּערז, וואָס איז אָפּגעוואַרט געוואָרן מיט אַזאַ אומגעדולד פון זייטיקן פּובּ־ליקום. עס איז פריילעך געווען צו טרינקען פון דעם פלאַכן בעכער דעם וואַרימען רויטן וויין מיט וואַסער און עס איז געוואָרן נאָך פריילעכער, ווען דער גלח, וואָס האָט אויסגעטון די ריזע און גענומען זייערע ביידע הענט אין זיינער אַריין, האָט זיי געפירט אַרום באַלעמער אונטער די טענער פון באַס, וואָס האָט אויסגעפירט די תּפילה. שטשערבאַצקי און טשיריקאָוו, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די קרענץ, פאַרטשעפּענדיק זיך אָן דער כּלה'ס שלעפּע, האָבן אויך געשמייכלט און זיך געפרייט פון עפּעס, דאָ בלייבנ־

דיק הינטערשטעליק, דאָ אַנרוקנדיק זיך אויף דער התן-כלה אַרויף באַ יעדן מאָל, וואָס דער גלח האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פּונק פרייד, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין קיטין, האָט, דאַכט זיך, זיך איבערגעגעבן אַלע אָנוועזנדע אין דער קירכע. לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דעם דיאַקאָן און דעם גלח גלוסט זיך צו שמייכלען, פּונקט ווי אים.

אַראָפּגענומען די קרענץ פון זייערע קעפּ, האָט דער גלח איבער-געלייענט די לעצטע תּפילה און באַגריסט דאָס יונגע פּאָר. לעווין האָט אַ בליק געטון אויף קיטין, און ער האָט זי נאָך קיינמאָל ביז אַצינד נישט געהאַט געזעען אַזעלכע. זי איז געווען הערליך מיט דעמדאָזיקן נייעם גליק, וואָס האָט געשיינט אויף איר פּנים. לעווינען האָט זיך געגלוסט איר צו זאָגן עפּעס, נאָר ער האָט נישט געוווּסט, צי עס איז שוין געענ-דיקט. דער גלח האָט אים אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט. ער האָט אַ שמייכל געטון מיט זיין גוט מויל און שטיל געזאָגט: „גיט אַ קוש דעם ווייב, און איר גיט אַ קוש דעם מאַן“, און האָט אַרויסגענומען פון זייערע הענט די ליכט.

לעווין האָט מיט פאָרזיכטיקייט אַ קוש געטון אירע שמייכלענדיקע ליפּן, איר דערלאַנגט די האַנט און, שפּירנדיק אַ נייע אויסטערלישע נאָענטקייט, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער קירכע. ער האָט נישט גע-גלייבט, נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס איז אמת. בלויז ווען זייערע פאַר-וווּנדערטע נישט דרייסטע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער געגלייבט אין דעם, ווייל ער האָט געפילט, אַז זיי זענען שוין איינס.

נאָכן אָוונטברויט אין דער זעלבער נאַכט איז דאָס יונגע פּאָר אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין.

VII.

ווראָנסקי מיט אַננען האָבן שוין דריי חדשים געררייזט צוזאַמען איבער אייראָפּע. זיי האָבן באַזוכט ווענעציע, רוים, נעאַפּאָל און זענען נאָר-וואָס געהאַט געקומען אין אַ נישט גרויסער איטאַליענישער שטאָט אַריין, וווּ זיי האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אויף אַ געווויסער צייט.

דער אָבער-קעלנער, אַ שיינער יונג מיטן שרינט אין די געדיכטע פּאָמאַדעטע האָר, וואָס האָט זיך באַ אים אָנגעהויבן פון האַלז אָן, אין

אַ פראַק און ברייטן ווייסן באַטיסטענעם גאַרט פון העמד, מיט אַ בינטל ברעלאָקן איבערן קײלעכיקן בייכל, האָט, מיט פאַרלייגטע הענט אין די קעשענעס, מיט ביטולדיק פאַרזשמורעטע אויגן, עפּעס שטרענג געענטפערט אַ הער, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. דערהערט פון דער צווייטער זייט פראָנט-גאַנג אַרויפגיין טריט אויף די טרעפּ, האָט דער אָבער-קעלנער זיך אויסגעדרייט און, דערזעענדיק דעם רוסישן גראַף, וואָס פאַרנעמט בײַ זיי די בעסטע צימערן, האָט ער רעספּעקטפול אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס, און אָנבייגנדיק זיך, דערקלערט, אַז דער קוריער איז געווען און אַז דער ענין מיטן דינגען דעם פּאַלאַץ איז דורכגעפירט געוואָרן. דער הויפּט-פאַרוואַלטער איז גרייט אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך.

— אַ! עס פרייט מיך זייער, — האָט וורָאָנסקי געזאָגט. — די מאַדאַם איז אינדערהיים אָדער נישט?

— זיי זענען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן, אָבער אַצינד זיך אומגעקערט, — האָט דער קעלנער געענטפערט.

וורָאָנסקי האָט אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דעם ווייכן הוט מיט די ברייטע ראַנדן און אָפּגעווישט מיטן טיכל דעם פאַרשוויצטן שטערן און די ביז אין די האַלבע אויערן פאַרלאָזטע האָר, וואָס זענען פאַרקעמט געווען אַהינטער און האָבן פאַרדעקט זיין פליך. און, וואַרפנדיק אַ צעשטרייטן בליק אויף דעם הער, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו אים, האָט ער געוואָלט דורכגיין.

— דערדאָזיקער הער איז אַ רוסישער און האָט זיך געפרעגט אויף איך, — האָט דער אָבער-קעלנער געזאָגט.

מיט אַ געמישט געפיל פון פאַרדראָס, וואָס ס'איז קיינמאָל נישט מעגלעך אויסצומיידן באַקאַנטע, און דעם פאַרלאַנג צו געפינען כאָטש וועלכע עס איז צעשטרייונג אין דער איינאַרטיקייט פון זיין לעבן, האָט וורָאָנסקי זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט אויף דעם הער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט, און אין איינער און דער זעלבער צייט האָבן בײַ ביידע אויפגעלויכטן די אויגן.

— גאָליענישטשעוו!

— וורָאָנסקי!

ווירקלעך, דאָס איז געווען גאָליענישטשעוו, וורָאָנסקיס חבר פון פּאַזשן-קאָרפּוס. גאָליענישטשעוו האָט אין קאָרפּוס געהערט צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי, איז פון קאָרפּוס אַרויסגעטרעטן אין אַ בירגערלעכער ראַנגע און האָט אין ערגעץ נישט געדינט. די חברים זענען זיך איינגאַנצן

צעגאַנגען נאָכן אַרויסטרעטן פון קאָרפּוס און האָבן זיך שפּעטער באַגעגנט בלויז איין מאָל.

באַ דער באַגעגעניש האָט ווראָנסקי פאַרשטאַנען, אַז גאָליענישטשעוו האָט זיך אויסגעקליבן עפּעס אַ הויכע און ליבעראַלע טעטיקייט און וויל דעריבער זיך באַציִען מיט ביטול צו ווראָנסקיס טעטיקייט און ראַנגע. דעריבער האָט ווראָנסקי באַ דער באַגעגעניש מיט גאָליענישטשעוון אים געגעבן יענעם קאַלטן און שטאָלצן אָפּשטויס, וועלכן ער האָט געקאָנט געבן מענטשן און זיין זינען איז געווען אַזעלכער: „איך קאָן יאָ אָדער נישט געפעלן מיין אַרט לעבן, נאָר מיר איז דאָס אינגאַנצן אַלץ איינס: איר מוזט מיך אַכטן, אויב איר ווילט מיך קענען”. גאָליענישטשעוו ווידער איז געווען שפּאָטיש־גלייכגילטיק צו ווראָנסקיס טאָן. דידאָזיקע באַגעגעניש האָט זיי געדאַרפט, דאַכט זיך, נאָך מער צעשיידן. אַצינד אָבער האָבן זיי אויפגעלויכטן און אויסגעשריגן פון פרייד, דערקענענדיק איינער דעם אַנדערן. ווראָנסקי האָט זיך גאָרנישט גערעכט, אַז ער וועט זיך אַזוי דערפרייען מיט גאָליענישטשעוון, אָבער ער האָט, משמעות, אַליין נישט געוווסט, ווי אומעטיק אים איז. ער האָט פאַרגעסן דעם אומאָנגענעמען איינדרוק פון דער לעצטער באַגעגעניש און מיט אַן אָפן און פריידיק פנים אויסגעשטרעקט די האַנט דעם געוועזענעם חבר. פונקט אַזאַ פריידיקער אויסדרוק האָט אויך געענדערט דעם פריערדיקן אומרויקן אויסדרוק פון גאָליענישטשעווס פנים.

— ווי עס פרייט מיך דיך צו באַגעגענען! — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אַרויסשטעלנדיק מיט אַ פריינטלעכן שמייכל זיינע פעסטע ווייסע ציין.

— און איך הער: ווראָנסקי, נאָר וועלכער — האָב איך נישט געוווסט. עס פרייט מיך זייער, זייער!

— קום־זשע אַריין. נו, וואָס טוסטו?

— איך וווין דאָ דאָס צווייטע יאָר. איך אַרבעט.

— אַ! — האָט ווראָנסקי מיט אָנטייל געזאָגט. — קום־זשע אַריין.

און אָנשטאָט טאַקע אויף רוסיש צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט באַהאַלטן פון די דינער, האָט ער, לויט דער געוויינלעכער רוסישער געוווינהייט, אָנגעהויבן צו רעדן אויף פראַנצויזיש.

— דו ביסט באַקאַנט מיט דער קאַרעניגאַ? מיר רייזן צוזאַמען. איך גיי צו איר, — האָט ער אויף פראַנצויזיש געזאָגט, אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין גאָליענישטשעווס פנים.

— אַ! איך האָב גאָרנישט געוווּסט (הגם ער האָט געוווּסט), — האָט גאָליענישטשעוו גלייכגילטיק געענטפערט. — דו ביסט שוין לאַנג געקומען? — האָט ער צוגעגעבן.

— איך? מיט פיר טעג צוריק, — האָט ווראָנסקי געענטפערט נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין זיין חברס פּנים.

„יאָ, ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש און קוקט אויף דער זאַך, ווי מען דאַרף, — האָט ווראָנסקי זיך געזאָגט, פאַרשטייענדיק די באַדייטונג פון גאָליענישטשעווס פּנים־אויסדרוק און דאָס ענדערן פון זיין רעדן. — מען מעג אים באַקענען מיט אַננען, ער האָט די געהעריקע מיינונג".

ווראָנסקי האָט אין דידאָזיקע דריי חדשים, וועלכע ער האָט פאַרברענגט מיט אַננען אין אויסלאַנד, צונויפקומענדיק זיך מיט נייע מענטשן, שטענדיק זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי דידאָזיקע נייע פּערזאָן וועט קוקן אויף זיינע באַציונגען צו אַננען, און האָט מערסטנטייל געטראָפן באַ מענער אַ געהעריקע פאַרשטענדעניש. נאָר אויב מען וואָלט געפרעגט אים און מען וואָלט געפרעגט יענע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען ווי געהעריק, אין וואָס עס באַשטייט דאָסדאָזיקע פאַרשטיין, וואָלטן סיי ער און סיי יענע זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

אייגנטלעך האָבן די, וואָס האָבן, לויט ווראָנסקיס מיינונג, פאַרשטאַנען „ווי געהעריק", גאָר דאָס נישט פאַרשטאַנען, נאָר בכלל זיך געהאַלטן, ווי עס האַלטן זיך וווילדערצויגענע מענטשן בנוגע אַלע פאַרוויקלטע און נישט לייזבאַרע פראַגן, וואָס רינגלען אַרום פון אַלע זייטן דאָס לעבן, זיך געהאַלטן אָנשטענדיק, אויסמיידנדיק אָנדייטונגען און אומאָנגענעמע פראַגן. זיי האָבן געמאַכט אַ מינע, אַז זיי פאַרשטייען גרינטלעך די באַדייטונג און דעם זינען פון דער לאַגע, אָנערקענען זי און האַלטן זי אפילו פאַר גוט, נאָר האַלטן פאַר נישט פּאַסיק און איבעריק צו דערקלערן דאָס אַלץ.

ווראָנסקי האָט זיך גלייך משער געווען, אַז גאָליענישטשעוו איז איינער פון אַזעלכע, און דעריבער האָט ער זיך טאָפּלט געפרייט מיט אים.ווירקלעך, גאָליענישטשעוו האָט זיך געהאַלטן מיט דער קאַרענינאַ, ווען ער איז אַריינגעפירט געוואָרן צו איר, אַזוי, ווי ווראָנסקי האָט זיך נאָר געקאָנט ווינטשן. ער האָט משמעות אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג אויסגעמיטן אַלע רייד, וואָס וואָלטן געקאָנט ברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט.

ער האָט נישט געקענט פריער אַננען און איז געווען איבעראַשט

פון איר שיינקייט און נאָך מער פון דער איינפאַכקייט, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען איר לאַגע. זי איז רויט געוואָרן, ווען ווראָנסקי האָט אַריינגעפירט גאָליענישטשעוון, און דידאָזיקע קינדישע רויטקייט, וואָס האָט באַדעקט איר אָפן און שיין פנים, איז אים אויסערגעוויינלעך געפעלן. אָבער באַזונדערס איז אים געפעלן דאָס, וואָס זי האָט גלייך, אַזוי ווי בכּיוון, כּדי עס זאָלן נישט קאָנען זיין קיין מיספאַרשטענדנישן אין דער אַנוועזנהייט פון אַ פרעמדן מענטש, אָנגערופן ווראָנסקין פּשוט אַלעקסאַנדער און געזאָגט, אַז זיי ציען זיך איבער אין אַ ניי געדונגען הויז, וואָס ווערט דאָ אָנגערופן אַ פּאַלאַץ. דידאָזיקע גלייכע און פּשוטע באַציונג צו איר לאַגע איז גאָליענישטשעוון געפעלן געוואָרן. קוקנדיק אויף אַננעס גוטמוטיק־פריילעכן, ענערגישן פאַרהאַלטן זיך, קענענדיק אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און ווראָנסקין, האָט זיך גאָליענישטשעוון געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט זי גרינטלעך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פאַרשטייט דאָס, וואָס זי פאַרשטייט בשום אופן נישט: טאַקע דאָס, ווי אַזוי זי קאָן זיך פילן ענערגיש־פריילעך און גליקלעך, נאָכדעם, ווי זי האָט אומגליקלעך געמאַכט דעם מאַן, אַוועקגעוואָרפן אים און דעם זון און פאַרלוירן דעם גוטן נאָמען.

— ער געפינט זיך אין גיד, — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט וועגן דעם פאַלאַץ, וועלכן ווראָנסקי האָט געדונגען. — דאָרט איז דאָ אַ הערלעכער טינטאָרעטאָ פון זיין לעצטער עפּאָכע.

— ווייסט איר וואָס? דאָס וועטער איז אויסגעצייכנט, קומט אַהין, וועלן מיר נאָכאַמאָל אַ בליק טון, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַננען.

— עס פרייט מיך זייער, איך גיי שוין אָנטון דעם הוט. איר זאָגט, אַז ס'איז הייס? — האָט זי געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך בײַ דער טיר און מיט אַ פראַגע קוקנדיק אויף ווראָנסקין. און ווידער האָט אַ העלע רויטקייט באַדעקט איר פנים.

ווראָנסקי האָט פאַרשטאַנען פון איר בליק, אַז זי ווייסט נישט, אין וואָסערע באַציונגען ער וויל זיין מיט גאָליענישטשעוון, און אַז זי האָט מורא, צי זי האָט זיך געפירט אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט.

— ניין, נישט זייער, — האָט ער געזאָגט.

און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען, דער עיקר דאָס, אַז ער איז צופרידן פון איר; און, געבנדיק אַ שמייכל צו אים, איז זי מיט אַ שנעלן גאַנג אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר.

די פּריינס האָבן אַ קוק געטון איינער אויפן אַנדערן, און אויך בּיידנס פּנימער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ פּאַרלעגנהייט, ווי גאָליענישטשעוו, וואָס האָט משמעות זי באַוווּנדערט, וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן איר און נישט געפונען וואָס, און ווראָנסקי וואָלט געוואָלט און מורא געהאַט פאַר דעם זעלבן.

— איז אַט וואָס, — האָט ווראָנסקי אָנגעהויבן, כּדי אָנצוהייבן עפּעס אַ געשפּרעך. — האָסטו דיך באַזעצט דאָ? פאַרנעמסטו דיך נאָך אַלץ מיטן אייגענעם? — האָט ער פאַרגעזעצט, דערמאָנענדיק זיך, וואָס מען האָט אים געזאָגט, אַז גאָליענישטשעוו שרייבט עפּעס.

— יאָ, איך שרייב די צווייטע טייל פון צ ו ו י י אָ נ ה י י ב ן, — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט, זיך אָנצינדנדיק פון פאַרגעניגן בּאַ דער דאָזיקער פראַגע, — דאָס הייסט, כּדי צו זיין פּינקטלעך: איך שרייב נאָך נישט, נאָר גרייט צו, כ'זאַמל מאַטעריאַלן. זי וועט זיין אַ סך ברייטער און וועט אַרומנעמען כּמעט אַלע פראַגן. בּאַ אונז, אין רוסלאַנד, ווייל מען נישט פאַרשטיין, אַז מיר זענען די יורשים פון וויזאַנטיע, — האָט ער אָנגעהויבן אַ לאַנגע הייסע אויסטייטשונג.

ווראָנסקין איז לכתּחילה געווען אומבּאַקוועם, וואָס ער האָט אפילו נישט געקענט דאָס ערשטע אַרטיקל וועגן די צ וו יי אָ נ ה יי בן, וועגן וועלכן דעם מחבּר האָט גערעדט מיט אים, ווי וועגן עפּעס אַ באַקאַנטע זאַך. אָבער דערנאָך, ווען גאָליענישטשעוו האָט אָנגעהויבן פאָרמולירן זיינע געדאַנקען און ווראָנסקי האָט אים געקאָנט נאָכפאָלגן, האָט ער, אויך נישט זייענדיק באַקאַנט מיט די צ וו יי אָ נ ה יי ב ן, געהערט נישט אָן אינטערעס, ווייל גאָליענישטשעוו האָט גערעדט שיין. נאָר ווראָנסקין האָט פאַרוווּנדערט און מצער געווען די צערייצטע אויפגערעגטקייט, מיט וועלכער גאָליענישטשעוו האָט גערעדט וועגן דעם ענין, וואָס האָט אים אינטערעסירט. וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָבן זיך אים צעפלאַקערט די אויגן, אַלץ געשווינדער האָט ער אָפּגענירט די כּלומרשטע קעגנער און אַלץ אויפגערעגטער און באַליידיקטער איז געוואָרן דער אויסדרוק פון זיין פּנים. געדענקענדיק גאָליענישטשעוון אַלס דאַרינקען, הייטערן, גוטמוטיקן און פיינעם בּחור, שטענדיק ערשטן שילער אין קאָרפּוס, האָט ווראָנסקי בּשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבּה פון דער דאָזיקער געררייצטקייט און זי איז אים נישט געפעלן. בּאַזונדער איז אים נישט געפעלן דאָס, וואָס גאָליענישטשעוו, אַ מענטש פון פיינעם קרייז,

שמעלט זיך אויף איין ברעט מיט עפּעס שרייבערלעך, וואָס רייצן אים אויף, און בייזערט זיך אויף זיי. לוינט דען דאָס? דאָס איז נישט געפעלן ווראָנסקין, אָבער, נישט געקוקט דערויף, האָט ער געפילט, אַז גאָליענישטשעוו איז אומגליקלעך, און רחמנות געהאַט אויף אים. אומגליק, כמעט משוגעת איז קענטיק געווען אויף דעמדאָזיקן באַוועגלעכן, גאַנץ שיינעם פּנים. בעת ער האָט, נישט באַמערקנדיק אַננעס אַריינקומען, ווייטער איילִיק און הייס אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען.

ווען אַננאַ איז אַריינגעקומען אין הוט און אין דער פּעלערינע, האָט מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון דער שיינער האַנט זיך געשפּילט מיטן שירם און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים, האָט ווראָנסקי מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג זיך אָפּגעריסן פון גאָליענישטשעווס זיך קלאַנגדיקע אויגן, וואָס זענען שטאַר געווען אָנגעשטעלט אויף אים, און מיט נייער ליבשאַפט אַ בליק געטון אויף זיין העכלעכער, לעבנספולער און פריידיקער פריינדין. גאָליענישטשעוו האָט זיך קוים באַהערשט און איז די ערשטע צייט געווען אַפּאַטיש און מרה־שחורהדיק, אָבער אַננאַ, וואָס איז געווען ליבלעך געשטימט צו יעדן (אַזעלכע איז זי די צייט געווען), האָט אים באַלד אויפגעהייטערט מיט איר פשוטער און פריילעכער באַנעמונג. באַרירנדיק פאַרשידענע טעמעס, האָט זי אים אַרויפגעפירט אויף מאָלעריי, וועגן וואָס ער האָט גערעדט זייער שיין, און זי האָט אויפמערקזאַם אים געהערט. זיי זענען צוגעגאַנגען צופוס צו דעם געדונגענעם הויז און עס באַקוקט.

— איך בין זייער צופרידן פון איינס, — האָט אַננאַ געזאָגט גאָליענישטשעוון, — ווען זיי האָבן זיך שוין אומגעקערט: — אַלעקסיי וועט האָבן אַ שיינעם atelier. דו זאָלסט אומבאַדינגט געמען דאָסדאָזיקע צימער, — האָט זי געזאָגט ווראָנסקין אויף רוסיש, רעדנדיק צו אים אויף ד ו, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָליענישטשעוו איז געוואָרן אין זייער אָפּגעזונדערטקייט אַ נאָענטער מענטש און אַז מען דאַרף זיך פאַר אים נישט באַהאַלטן.

— דו מאָלסט דען? — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט, שנעל זיך אויסדרייענדיק צו ווראָנסקין.

— יאָ, איך האָב מיך אַמאָל פאַרנומען און האָב אַצינד אַ ביסל אָנגעהויבן, — האָט ווראָנסקי געזאָגט רויט ווערנדיק.

— ער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט, — האָט אַננאַ געזאָגט מיט אַ פריי-

דיקן שמייכל. — איך, פאַרשטייט זיך, קאָן נישט זיין קיין מבין. נאָר מבינים, וואָס קאָנען זיך אויף דעם, האָבן דאָס איינענע געזאָגט.

VIII.

אַננאַ האָט אין דעם ערשטן פעריאָד פון איר באַפרייונג און שנעלן געזונט ווערן זיך געפילט אומגעהייער גליקלעך און פול מיט לעבנספרייד. די דערינערונג וועגן דעם מאַנס אומגליק האָט נישט פאַרסמט איר גליק. דידאָזיקע דערינערונג איז, פון איין זייט, געווען צו שרעקלעך, אַז מען זאָל טראַכטן וועגן איר; פון דער צווייטער זייט האָט איר מאַנס אומגליק איר גורם געווען צו פיל גליק, אַז זי זאָל חרטה האָבן. די דערינערונג וועגן אַלעם, וואָס ס'איז געשעען מיט איר נאָך דער קראַנקייט: דאָס איבערבעטן זיך מיטן מאַן, דער איבעררייס, די ידיעה וועגן ווראָנסקיס וווּנד, זיין דערשיינען, דאָס צוגרייטן זיך צו אַ גט, דאָס אוועקפאָרן פון מאַנס הויז, דאָס געזעגענען זיך מיטן זון, — דאָס אַלץ האָט איר אויסגעזען, ווי אַ היק־חלום, פון וועלכן זי האָט אויפגעוואַכט איינע אַליין מיט ווראָנסקין אין אויסלאַנד. די דערינערונג וועגן דעם שלעכטס, וואָס זי האָט פאַרשאַפט דעם מאַן, האָט אויפגעוועקט אין איר אַ געפיל, ענלעך צו עקל און ענלעך צו דעם, וואָס עס וואָלט איבערגעלעבט אַ טרינקענדיקער מענטש, וואָס האָט אָפגעריסן פון זיך אַ צווייטן מענטש, וואָס האָט זיך אָן אים אָנגעכאַפט. יענער מענטש איז דערטרונקען געוואָרן. פאַרשטייט זיך, דאָס איז געווען שלעכט, אָבער דאָס איז געווען די איינציקע רעטונג, און עס איז גלייכער נישט צו דערמאָנען זיך אָן דידאָזיקע שרעקלעכע פרטים.

איין געדאַנק פון באַרויקונג איז איר דעמאָלט איינגעפאַלן אין דער ערשטער מינוט פון דעם איבעררייס, און, ווען זי האָט זיך אַצינד דערמאָנט אָן דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, האָט זי זיך דערמאָנט דעמדאָזיקן איינעם געדאַנק: „איך האָב אומבאַדינגט אומגליקלעך געמאַכט דעמדאָזיקן מענטש, — האָט זי געטראַכט, — אָבער איך וויל נישט אויסנוצן דאָסדאָזיקע אומגליק; איך לייד אויך און וועל ליידן: איך פאַרליר דאָס, וואָס איז באַ מיר צום טייערסטן געווען, — איך פאַרליר דעם ערנהאַפטן נאָמען און דעם זון. איך האָב געטון שלעכט און דעריבער וויל איך נישט קיין

גליק, ווייל נישט קיין גט און וועל ליידן סון בושה און פון צעשיידט זיין מיטן זון". נאָר ווי אויפריכטיק אַננאַ האָט נישט געוואָלט ליידן, האָט זי דאָך נישט געליטן. קיין שום בושה איז נישט געווען. מיט דעם טאַקט, וועלכן ביידע האָבן פאַרמאָגט אין אַזאַ גרויסער מאָס, האָבן זיי אין אויסלאַנד, אויסמיידנדיק רוסישע דאַמען, קיינמאָל זיך נישט געשטעלט אין קיין פאַלשער לאַגע און אומעטום געטראָפן מענטשן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי פאַרשטייען דורכויס זייער קעגנזייטיקע לאַגע אַ סך בעסער, ווי זיי אַליין פאַרשטייען זי. די צעשיידונג מיטן זון, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, האָט זי אויך נישט געפייניקט די ערשטע צייט. דאָס מיידעלע, זיין קינד, איז געווען אַזוי ליב און האָט אַזוי צוגעבונדן צו זיך אַננען, זינט איר איז געבליבן בלויז דאָס מיידעלע, אַז אַננאַ האָט זיך זעלטן דערמאַנט אָן זון.

די באַדערפעניש צו לעבן, וואָס איז פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דעם געזונט ווערן, איז געווען אַזוי שטאַרק און די לעבנס-באַדינגונגען זענען געווען אַזוי ניי און אָנגענעם, אַז אַננאַ האָט זיך געפילט אומגעהייער גליקלעך. וואָס מער זי האָט דערקענט ווראָנסקין, אַלץ מער האָט זי אים ליב געהאַט. זי האָט אים ליב געהאַט פאַר אים אַליין און פאַר זיין ליבע צו איר. דאָס פולע באַהערשן אים איז תמיד געווען פאַר איר אַ פרייד. זיין נאָענטקייט איז איר שטענדיק געווען אָנגענעם. אַלע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, וועלכן זי האָט דערקענט אַלץ מער און מער, זענען געווען פאַר איר נישט צום אויסדריקן ליב. זיין אויסערלעכקייט, וואָס האָט זיך געענדערט אין דער ציווילער קליידונג, איז געווען פאַר איר אָנציענד, ווי פאַר אַ יונגער פאַרליבטער. אין אַלעם, וואָס ער האָט גערעדט, געטראַכט און געטון, האָט זי געזעען עפעס באַזונדערס, איידלס און דערהויבנס. איר אַנטציקונג פאַר אים האָט אָפט געשראָקן זי אַליין: זי האָט געזוכט און נישט געקאָנט געפינען אין אים קיין שום נישט שיינס. זי האָט נישט געוואַגט אים אַרויסצוווייזן איר אָנערקענונג פון דער אייגענער נישטיקייט לגבי אים. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב ער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער זי גיכער געקאָנט אויפהערן ליב צו האָבן; און זי האָט אַצינד פאַר גאָרנישט אַזוי קיין מורא געהאַט, הגם זי האָט נישט געהאַט קיין שום גרונד פאַר דעם, ווי פאַר דעם אָנווערן זיין ליבע. אָבער זי האָט נישט געקאָנט נישט דאַנקבאַר זיין אים פאַר זיין באַציונג צו איר און נישט אַרויסווייזן, ווי זי שעצט אים. ער, וואָס האָט, לויט איר מיינונג, געהאַט אַזאַ באַשטימטן באַרוף צו מלוכהשער טעטיקייט, אין וועלכער ער

האָט געדאַרפט שפּילן אַן אָנגעוויזענע ראָלע, — ער האָט מקריב געווען זיין קאַריערע צוליב איר, קיינמאָל נישט אַרויסווייזנדיק די מינדסטע באַדויערונג. ער איז געווען מער ווי פריער ליבפול און דרך ארצדיק צו איר, און דער געדאַנק וועגן דעם, אַז זי זאָל קיינמאָל נישט דערפילן די אומבאַקוועמלעכקייט פון איר לאַגע, האָט אים אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזט. ער, אַזאַ מוטיקער מענטש, האָט אין דער באַציונג צו איר נישט בלויז קיינמאָל נישט דערווידערט, נאָר נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן און איז געווען, דאַכט זיך, בלויז פאַרנומען מיט דעם, ווי אַזוי פאָרויסצופילן אירע באַגערן. און זי האָט דאָס נישט געקאָנט נישט שעצן, הגם דידאָזיקע געשפּאַנטקייט טאַקע פון זיין אויפמערקזאַמקייט צו איר, דידאָזיקע אַטמאָספער פון זאָרגן פאַר איר, מיט וועלכער ער האָט זי אַרומגערינגלט, איז איר טיילמאָל לעסטיק געווען.

ווראָנסקי אָבער, נישט געקוקט אויף דער פולער פאַרווירקלעכונג פון דעם, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג באַגערט, איז דערווייל געווען נישט אינגאַנצן גליקלעך. ער האָט גיך דערפילט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון זיין פאַרלאַנג האָט אים פאַרשאַפט בלויז איין זאַמדעלע פון דעם באַרג גליק, וועלכן ער האָט דערוואַרט. דידאָזיקע פאַרווירקלעכונג האָט אים געוויזן דעם אייביקן טעות, וועלכן מענטשן מאַכן, מיט דעם, וואָס זיי שטעלן זיך פאָר גליק אַלס דער פאַרווירקלעכונג פון זייער באַגער. די ערשטע צייט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פאַראייניקט מיט איר און אָנגעטון ציווילע קליידונג, האָט ער דערפילט דעם גאַנצן רייץ פון פרייהייט בכלל, וועלכן ער האָט פריער נישט געקענט, און די פרייהייט פון ליבע, און איז געווען צופרידן, אָבער נישט לאַנג. ער האָט גיך דערפילט, אַז אין זיין נשמה האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַרלאַנג פון אַלע פאַרלאַנגען — אַן אומעט. אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנכאַפּן אָן יעדן צייטווייליקן קאַפּריז, אָננעמענדיק אים פאַר אַ פאַרלאַנג און ציל. זעכצען שעה פון טאָג האָט מען געמוזט פאַרנעמען מיט עפּעס, ווייל זיי האָבן געלעבט אין אויסלאַנד אין דער פולסטער פרייהייט, מחוץ פון דעמדאָזיקן באַדינגונגס-קרייז פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכער האָט פאַרנומען צייט אין פּעטערבורג. וועגן די פאַרגעניגנס פון בחורישן לעבן, וועלכע האָבן בעת די פריערדיקע נסיעות קיין אויסלאַנד פאַרנומען ווראָנסקין, האָט מען נישט געקאָנט אפילו קלערן, ווייל איין אַזאַ אַרט פּרווו האָט אַרויסגערופן באַ אַננען אַן אומגעריכטע מרה-שחורה, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט, אַז דאָס זאָל זיין פאַר אַ שפּעט נאַכטעסן מיט באַקאַנטע. קיין באַציונגען מיט

דער אָרטיקער און רוסישער געזעלשאַפט האָט מען, בײַ דער אומבאַשטימטקייט פון זייער לאַגע, אויך נישט געקאָנט האָבן. דאָס באַקוקן די זעענסווירדיקייטן, נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס אַלץ איז שוין געזען געוועזן, האָט נישט געהאַט פאַר אים, ווי פאַר אַ רוסישן און קלוגן מענטש, די אומדערקלערבאַרע וויכטיקייט, וואָס עס קאָנען צוגעבן דער זאַך די ענגלענדער.

און ווי אַ הונגעריקע חיה כאַפּט יעדע אונטערגעקומענע זאַך, אין דער האָפענונג צו געפינען אין איר שפּייז, אַזוי האָט אויך ווראָנסקי אינגאַנצן אומבאַוואוסטזיניק זיך געכאַפּט דאָ צו פּאָליטיק, דאָ צו נײַע ביכער, דאָ צו בילדער.

אַזוי ווי ער האָט אין דער יוגנט געהאַט אַ פעיקייט צו מאָלערײַ און אַזוי ווי ער האָט, נישט וויסנדיק וווּ אַהינצוטון זײַן געלט, אָנגעהויבן זאַמלען גראַווירן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף מאָלערײַ. אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט איר און אין איר אַרײַנגעלייגט דעם נישט פאַרנומענעם זאַפּאַס פון פאַרלאַנגען, וועלכער האָט געפאָדערט אַ באַפרידיקונג.

ער האָט געהאַט אַ פעיקייט צו פאַרשטיין קונסט און טריי, מיט געשמאַק נאָכצואַמען דער קונסט, און ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרמאָגט טאַקע דאָס, וואָס מען דאַרף, כּדי צו זײַן אַ קינסטלער, און, וואַקלענדיק זיך אַ געוויסע צייט, וואָסער אַרט מאָלערײַ אויסצוקלײַבן: רעליגיעזע, היסטאָרישע, זשאַנר אָדער רעאַליסטישע, האָט ער זיך גענומען מאָלן. ער האָט פאַרשטאַנען אַלע אַרטן און געקאָנט זיך באַגײַסטערן סײַ מיט דעם סײַ מיט יענעם, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל אינגאַנצן נישט קאָנען וויסן, וואָסערע מינים מאָלערײַ עס זענען פאַראַן, און זיך באַגײַסטערן אוממיטלבאַר מיט דעם, וואָס ס'איז דאָ אין דער נשמה, נישט קימערנדיק זיך, צי דאָס, וואָס ער וועט אויפמאָלן וועט געהערן צו וועלכן ס'איז באַקאַנטן מין. אַזוי ווי ער האָט דאָס נישט געוואוסט און האָט זיך באַגײַסטערט נישט דירעקט מיטן לעבן, נאָר אומדירעקט מיטן לעבן, וואָס איז שוין פאַרקערפּערט געוועזן דורך דער קונסט, האָט ער זיך באַגײַסטערט זייער שנעל און לײַכט און האָט אויך אַזוי שנעל און לײַכט דערגרייכט, אַז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, איז געווען זייער ענלעך צו דעם מין, וועלכן ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן.

מער פון אַלע אַנדערע מינים איז אים געפעלן דער פראַנצויזישער, דער גראַציעזער און עפעקטפולער, און אין דעם אַרט האָט ער אָנגעהויב-

מאָלן אנגעס פּאָרטרעט אין אַן איטאַליעניש קאָסטיום, און דערדאָזיקער פּאָרטרעט האָט אויסגעזעען אים און יעדן, ווער עס האָט אים געזעען, זייער געלונגען.

IX.

דער אַלטער, פּאַרלאָזטער פּאַלאַץ, מיט די הויכע, פּלאַסטישע סו־פיטן און פרעסקען אויף די ווענט, מיט די מאָזאַישע פּאָדלאָגעס, מיט די שווערע געלע געוואַנטענע גאַרדינען אויף די הויכע פענצטער, מיט די וואַזעס אויף די קאַנסאָלן און קאַמינעס, מיט די געשניצטע טירן און טונקעלע זאַלן, באַהאָנגענע מיט בילדער, — דערדאָזיקער פּאַלאַץ, נאָכ־דעם ווי זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין אים, האָט בלויז מיט זיין אויסערלעכקייט אונטערגעהאַלטן אין וורענסקין דעם אַנגענעמען טעות, אַז ער איז נישט אַזוי פיל אַ רוסישער גוטבאַזיצער, אַ שטאַלמייסטער אָן דינסט, ווי אַ קולטורעלער ליבהאָבער און אַפּטרופּוס פון קונסט, און אַליין — אַ באַשיידענער קינסטלער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער וועלט, פון פאַרבינדונגען, פון קאַריערע צוליב אַ געליבטער פרוי.

וורענסקיס אויסגעקליבענע ראָלע מיט דעם אַריבערציען זיך אין פּאַלאַץ אַריין האָט זיך גוט איינגעגעבן, און באַקענענדיק זיך דורך גאָ־ליענישטשעוון מיט עטלעכע אינטערעסאַנטע פערזאָנען, איז ער די ער־שטע צייט געווען רויק. ער האָט געמאָלט אונטער דער ליטונג פון אַן איטאַליענישן פּראָפעסאָר פון מאָלעריי עטיודן פון דער נאַטור און זיך פאַרנומען מיטן מיטלאַלטערלעכן איטאַליענישן לעבן. דאָס מיטלאַלטער־לעכע איטאַליענישע לעבן האָט אין דער לעצטער צייט אַזוי אַנטציקט וורענסקין, אַז ער האָט אפילו דעם הוט און דעם פּלעד איבערן אַקסל אָנגעהויבן טראָגן אויפן מיטלאַלטערלעכן שטייגער, וואָס עס האָט אים זייער געפּאַסט.

— און מיר לעבן און ווייסן גאָרנישט, — האָט וורענסקי איינמאָל געזאָגט באַליענישטשעוון, וואָס איז געקומען צו אים איינדערפרי. — דו האָסט געזעען מיכאַילאָווס בילד? — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די נאָר־וואָס איינדערפרי דערהאַלטענע רוסישע צייטונג און אָנווייזנ־דיק אויף אַן אַרטיקל וועגן אַ רוסישן קינסטלער, וואָס וווינט אין

דער זעלבער שטאַט און האָט פאַרענדיקט אַ בילד, וועגן וועלכן מען האָט שוין לאַנג גערעדט און וועלכעס איז שוין פון פריער געווען גע־קויפט. אין דעם אַרטיקל זענען געמאַכט געוואָרן פאַרוואורפן דער מלוכה און דער אַקאַדעמיע דערפאַר, וואָס דער אויסגעצייכנטער קינסטלער האָט נישט באַקומען קיין שום אונטערשטיצונג און הילף.

— איך האָב געזעען, — האָט גאָליענישטשעוו געענטפערט — פאַר־שטייט זיך, ער איז נישט אָן באַגאַבונג, נאָר דורכויס אַ פאַלשע ריכטונג. אַלץ די זעלבע איוואַנאָוו־שטראַוס־רענאַן־באַציונג צו קריסטוסן אין דער רעליגיעזער מאַלעריי.

— וואָס שטעלט פאַר דאָס בילד ? — האָט אַננאַ געפרעגט.

— קריסטוס פאַר פילאַטן. קריסטוס איז פאַרגעשטעלט אַלס ייד מיטן גאַנצן רעאַליזם פון דער נייער שול.

און, מיט דער פראַגע וועגן אינהאַלט פון בילד אַרויסגעפירט אויף איינער פון זיינע באַליבסטע טעמעס, האָט גאָליענישטשעוו אָנגעהויבן מסביר צו זיין :

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי זיי קאָנען אַזוי גראָב זיך טועה זיין. קריסטוס האָט שוין זיין באַשטימטע פאַרקערפּערונג אין דער קונסט פון די גרויסע זקנים. בכן, אויב זיי ווילן פאַרשטעלן נישט קיין גאָט, נאָר אַ רעוואָלוציאָנער אָדער חכם, זאָלן זיי פון דער געשיכטע נעמען סאָקראַטעסן, פראַנקלינען, שאַרלאָטאַ קאָרדע, אָבער נישט קריסטוסן. זיי נעמען די פערזאָן טאַקע, וועלכע מען קאָן נישט נעמען פאַר דער קונסט, און הוצדעם...

— וואָס זשע, איז אמת, אַז דער מיכאַילאָוו איז אין אַזאַ נוים ? — האָט ווראָנסקי געפרעגט, מיינענדיק, אַז ער, ווי אַ רוסישער מעצענאַט, נישט געקוקט דערויף צי דאָס בילד איז גוט אָדער שלעכט, וואָלט גע־דאַרפט העלפן דעם קינסטלער.

— עס גלייבט זיך קוים. ער איז אַן אויסגעצייכנטער פאָרטרעטיסט. איר האָט געזעען זיין פאָרטרעט פון דער וואַסילטשיקאָווא ? אָבער ער וויל, דאַכט זיך, שוין מער נישט מאָלן קיין פאָרטרעטן, און דעריבער, קאָן זיין, נייטיקט ער זיך טאַקע. איך זאָג, אַז...

— צי קאָן מען אים נישט בעטן צו מאַכן אַננאַ אַרקאַדיעוונעס פאָרטרעט ? — האָט וורָאנסקי געזאָגט.

— פאַרוואָס מיינעם ? — האָט אַננאַ געזאָגט. — נאָך דיינעם וויל איך נישט קיין שום פאָרטרעט. בעסער אַניס (אַזוי האָט זי גערופן איר

מיידעלע). אָט איז זי, — האָט זי צוגעגעבן, אַ קוק געבנדיק דורכן פענצטער אויף דער שיינהייט, דער איטאַליענישער אָם, וועלכע האָט אַרויסגעטראָגן דאָס קינד אין גאָרטן אַריין, און גלייך אומבאַמערקט זיך אומגעקוקט אויף ווראָנסקין. די שיינהייט, די אַם, פון וועלכער ווראָנסקי האָט געמאָלט דעם קאָפּ פאַר זיין בילד, איז געווען דאָס איינציקע געהיימע עגמת נפש אין אַננעס לעבן. ווראָנסקי, מאָלנדיק פון איר, האָט זיך אַנטציקט מיט איר שיינקייט און מיטלאַלטערלעכקייט, און אַננאַ האָט נישט געוואָגט זיך מודה צו זיין, אַז זי האָט מורא נישט אייפערזיכטיק צו זיין אויף דערדאָזיקער אָם, און דעריבער האָט זי באַזונדערס געצערטלט און געבאַלעוועט אי זי אי איר קליינעם זון.

ווראָנסקי האָט אויך אַ קוק געטון דורכן פענצטער און אין אַננעס אויגן אַריין און, גלייך ווענדנדיק זיך צו גאָליענישטשעוון, האָט ער געזאָגט:

— און דו קענסט דעם מיכאַילאָוון?

— איך פלעג אים טרעפן, אָבער ער איז אַן אויסטערלישער מענטש און אָן דער מינדסטער בילדונג. איינער פון די נייע ווילדע מענטשן, וועלכע מען באַגעגנט אַצינד אָפט; פון די פריידענקער, וועלכע démblée זענען דערצויגן לויט די באַגריפן פון אומגלויבן, נעגאַציע און מאַטעריאַליזם. פריער, — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט, נישט באַמערקנדיק אָדער נישט ווילנדיק באַמערקן, אַז אַננען און ווראָנסקין גלוסט זיך צו רעדן,— פריער פלעגט אַ פריידענקער זיין אַ מענטש, וועלכער איז דערצויגן לויט די באַגריפן פון רעליגיע, געזעץ, מאָראַל און איז אַליין דורך קאַמף און אַרבעט דערגאַנגען צו פריידענקערישקייט; אָבער אַצינד באַווייזט זיך אַ גייער טיפּ פון אָריגינעלע פריידענקער, וועלכע וואַקסן אויס, נישט האָבנדיק געהערט אפילו, אַז עס זענען געווען געזעצן פון מאָראַל, רעליגיע, אַז עס זענען געווען אויטאָריטעטן, נאָר וועלכע וואַקסן גלייך אויס אין די באַגריפן פון נעגירן אַלץ, דאָס הייסט ווילדע. אָט ער איז אַזעלכער. ער איז אַ זון, דאַכט זיך, פון אַ מאָסקווער אָבער-לאָקיי און האָט נישט באַקומען קיין שום בילדונג. ווען ער איז אַריינגעטרעטן אין דער אַקאַדעמיע און זיך געמאַכט אַ רעפּוטאַציע, האָט ער, ווי אַ מענטש נישט קיין נאַרישער, געוואָלט זיך בילדן. און זיך געווענדט צו דעם, וואָס אים האָט אויסגעזעען אַלס קוואַל פון בילדונג, — צו די זשורנאַלן. און, פאַרשטייט איר, אַמאָל וואָלט אַ מענטש, וואָס וואָלט זיך געוואָלט בילדן, לאָמיר זאָגן, אַ פראַנצויז, אָנגעהויבן דורכשטודירן אַלע קלאַסיקער: סיי די טע-

אַלאַגן, סיי די טראַגיקער, סיי די היסטאָריקער, סיי די פילאָזאָפן, און, פאַרשטייט איר, די גאַנצע אינטעלעקטועלע אַרבעט, וועלכע וואָלט אים פאַרגעשטאַנען. נאָר באַ אונז אַצינד האָט ער גלייך אָנגעטראָפן אויף דער בעגאַטיוועד ליטעראַטור, האָט זיך זייער שנעל איינגעשאַפט דעם גאַנצן עקסטראַקט פון דער בעגאַטיווער וויסנשאַפט, — און פאַרטיק. און נישט בלויז דאָס: מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק וואָלט ער אין דערדאַזיקער ליטעראַטור געפינען סימנים פון קאַמף מיט אויטאָריטעטן, מיט הונדערטיעריקע אָנשויונגען, וואָלט ער פון דעמדאָזיקן קאַמף פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען עפּעס אַנדערש; אָבער אַצינד טרעפט ער גלייך אָן אויף אַזעלכער, אין וועלכער מען האַלט גאָרנישט פאַר וויכטיק צו דיספּוטירן מיט די אַלטע אָנשויונגען, נאָר מען זאָגט גלייך: עס איז גאָרנישטאָ: évolution, דער אָפּקלויב־קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, — און פּטור. איך האָב אין מיין אַרטיקל...

— ווייסט איר וואָס? — האָט געזאָגט אַננאַ. וואָס האָט זיך שוין לאַנג פאַרזיכטיק איבערגעקוקט מיט וורענסקין און האָט געוווסט, אַז וורענסקין אינטערעסירט נישט די בילדונג פון דעמדאָזיקן קינסטלער. נאָר עס אינטערעסירט אים בלויז דער געדאַנק צו העלפן אים און באַשטעלן דעם פאַרטרעט. — ווייסט איר וואָס? — האָט זי אַנטשלאָסן איבערגעשלאָגן די רייד גאָליענישטשעוון. — לאָמיר פאָרן צו אים!

גאָליענישטשעוו האָט זיך באַרויקט און גערן איינגעשטימט. נאָר אַזוי ווי דער קינסטלער האָט געוווינט ווייט, האָט מען באַשלאָסן צו נעמען אַ קאַטש.

אין אַ שעה אַרום איז אַננאַ צוזאַמען מיט גאָליענישטשעוון און מיט וורענסקין אויפן פאָדערשטן געזעס פון דער קאַטש צוגעפאָרן צו אַ ניי נישט שיין הויז אין אַ ווייטן קוואַרטאַל. געוווּיר געוואָרן פון דעם הויזהיטער'ס פרוי, וואָס איז צו זיי אַרויסגעקומען, אַז מיכאַילאָוו לאָזט אַריין אין זיין שטודיע, נאָר אַז ער איז אַצינד אין זיין וווינונג צוויי טריט ווייט, האָבן זיי זי געשיקט צו אים מיט זייערע וויזיט־קאַרטלעך, בעטנדיק אַ דערלויבעניש צו זען זיינע בילדער.

X.

דער מאָלער מיכאַילאָוו איז, ווי שטענדיק, געווען בײַ דער אַרבעט, ווען מען האָט אים געבראַכט די וויזיט-קאַרטלעך פֿונם גראַף ווראָנסקי און גאָלענישטשעוו. דעם פֿרימאָרגן האָט ער געאַרבעט אין דער שטודיע איבער דעם גרויסן בילד. קומענדיק אַהיים, האָט ער זיך געקריגט מיטן ווײַב דערפֿאַר, וואָס זי האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין מיט דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געפֿאָדערט געלט.

— איך האָב דיר צוואַנציק מאָל געזאָגט, לאָז דיך נישט אַרײַן אין קיין טענות. דו ביסט אַזוי אויך אַ נאַר, און אַז דו הייבסט נאָך אָן טענהן אויף איטאַליעניש, ווערסטו דרײַ מאָל נאַרישער, — האָט ער איר געזאָגט נאָך אַ לאַנגן קריגן זיך.

— פֿאַרנאַכלעסיק זשע נישט, איך בין נישט שולדיק. ווען איך וואָלט געהאַט געלט...

— לאָז מיך צו רו, ווי גאָט איז דיר ליב! — האָט מיכאַילאָוו אויסגעשריגן מיט טרערן אין קול און, פֿאַרשטאָפּנדיק זיך די אויערן, אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן אַרבעט-צימער הינטער דער פֿאַרצוימונג און פֿאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. „אַ נאַר!‟ האָט ער זיך געזאָגט, געזעצט זיך צום טיש, געעפֿנט די פּאַפּקע און גלײַך זיך גענומען צו דער אָנגעהויבענער צײַכענונג.

ער האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט מיט אַזאַ ברען און דערפֿאָלג, ווי ווען זײַן לעבן איז געגאַנגען שלעכט און באַזונדערס ווען ער האָט זיך געקריגט מיטן ווײַב. „אַך! איך וואָלט אַנטלאָפֿן ערגעץ!‟ האָט ער געקלערט, און ווײַטער געאַרבעט. ער האָט געמאַכט אַ צײַכענונג פֿאַר דער פֿיגור פֿון אַ מענטש, וואָס געפֿינט זיך אין אָנפֿאַל פֿון כּעס. די צײַכענונג איז שוין געמאַכט געווען פֿריער, אָבער ער איז געווען נישט צופֿרידן פֿון איר. „ניין, יענע איז געווען בעסער... וווּ איז זי?‟ ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום ווײַב און, אָנגעברוגזט, נישט קוקנדיק אויף איר, געפֿרעגט דאָס עלטערע מיידל, וווּ זי האָט דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט איר געגעבן. דאָס פּאַפּיר מיט דער אַוועקגעוואָרפֿענער צײַכענונג איז געפֿינען געוואָרן, אָבער עס איז געווען פֿאַרפֿלעקט און פֿאַרטריפֿט מיט סטעאַרין. ער האָט

פונדעסטוועגן גענומען די צייכנונג, זי ארויפגעלייגט צו זיך אויפן טיש, זיך אפגערוקט, פארזשמורעט די אויגן און אנגעהויבן קוקן אויף איר. פלוצלינג האט ער א שמייכל געטון און א מאך געטון מיט די הענט.

— יא, יא! — האט ער א זאג געטון, גלייך גענומען דעם בליישטיפט און אנגעהויבן צייכענען. דער פלעק פון סטעארין האט געגעבן דעם מענטש א נייע פאזע.

ער האט געצייכנט דידאזיקע נייע פאזע, און פלוצלינג האט זיך אים דערמאנט דאס ענערגישע פנים מיט דער ארויסגערוקטער גאמבע פון סוחר, בא וועלכן ער פלעגט קויפן ציגארן, און ער האט דאס פנים טאקע, די גאמבע צוגעגעבן דעם מענטש. ער האט זיך צעלאכט פון פרייד. די פיגור איז פלוצלינג פון א טויטער אויסגעטראכטער געווארן א לעבעדיקע און אזעלכע, וועלכע מען האט שוין נישט געקאנט ענדערן. דידאזיקע פיגור האט געלעבט און איז געווען קלאר און אן ספק באשטימט. מען האט געקאנט אויסבעסערן די צייכנונג אין הסכם מיט די פאדערונגען פון דערדאזיקער פיגור, מען האט געקאנט און אפילו געדארפט אנדערש פונאנדערצושטעלן די פיס, אינגאנצן ענדערן די לאגע פון דער לינקער האנט, ארונטערווארפן די האר... אבער, מאכנדיק דידאזיקע אויסבעסערונגען, האט ער נישט געענדערט די פיגור, נאר בלויז אפגעווארפן דאס, וואס האט פארשטעלט די פיגור. ער האט אזויווי אראפגענומען פון איר די שלייערן, פון הינטער וועלכע זי האט זיך נישט אינגאנצן ארויסגעזעען; יעדער נייער שטריך האט בלויז מער ארויסגעוויזן די גאנצע פיגור און איר גאנצן ענערגישן כח, אזוי, ווי ער האט זי דערזעען צוליב דעם פלעק, וואס דער סטעארין האט געמאכט. ער האט פארזיכטיק פארענדיקט די פיגור, ווען מען האט אים געברענגט די וויזיט-קארטלעך.

— באלד, באלד!

ער איז אריינגעגאנגען צום ווייב.

— נו, גענוג, סאשא, זיי נישט בייז! — האט ער איר געזאגט, מילד און צערטלעך שמייכלענדיק. — דו ביסט געווען שולדיק. איך בין געווען שולדיק. איך וועל אלץ באזארגן. — און, נאכדעם ווי ער האט זיך איבערגעבעטן מיטן ווייב, האט ער אנגעטון דעם אליוו-פאלטן מיטן סאמעטענעם קאלנער און דעם הוט און זיך געלאזט גיין אין דער שטודיע אריין. די געלונגענע פיגור האט ער שוין געהאט פארגעסן. אצינד האט אים געפרייט און אויפגערעגט דאס באזוכן זיין שטודיע פון דידאזיקע וויכטיקע רוסן, וואס זענען געקומען אין דער קאטש.

וועגן זיין בילד, וועגן דעם, וואָס איז אַצינד געשטאַנען אויפן מאָלברעט, האָט ער טיף אין האַרץ געהאַט איין מיינונג, — דאָס, אַז קיין ענלעך בילד האָט קיינער קיינמאָל נישט געמאָלט. ער האָט נישט געטראַכט, אַז זיין בילד איז בעסער פון אַלע ראַפאַעלס, אָבער ער האָט געוווסט, אַז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט איבערגעבן אין דעם בילד, האָט קיינער קיינמאָל נישט איבערגעגעבן. דאָס האָט ער געוווסט זיכער און שוין לאַנג, זינט ער האָט עס אָנגעהויבן צו מאָלן; אָבער די מיינונגען פון מענטשן, וואָסערע זיי זאָלן נישט זיין, האָבן געהאַט פאַר אים אָן אומגעהייערע וויכטיקייט און האָבן אים ביז טיף אין דער נשמה באַאומרויקט. איטלעכע באַמערקונג, די נישטיקסטע אפילו, וואָס האָט געוויזן, אַז די ריכטערס זעען כאָטש אַ קליינע טייל פון דעם, וואָס ער זעט אין דעם בילד, האָט אים טיף גערירט. זיינע ריכטער האָט ער שטענדיק צוגעשריבן אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש, ווי זיך אַליין, און געוואַרט פון זיי עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין האָט נישט געזעען אין זיין בילד. און אָפט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפינט דאָס אין די מיינונגען פון די באַקוקערס.

ער האָט זיך דערנענטערט מיט אַ שנעלן גאַנג צו דער טיר פון זיין שטודיע, און, נישט געקוקט אויף זיין אויפרעגונג, האָט אים איבערראַשט די ווייכע באַלייכטונג פון אַננעס פיגור, וואָס איז געשטאַנען אין שאָטן פון הויפּטגאַנג און געהערט גאָליענישטשעוון, וואָס האָט עפּעס הייס גערעדט צו איר און איינצייטיק אַפּנים געוואָלט זעען דעם מאָלער, וואָס האָט זיך דערנענטערט. ער האָט גאָר אַליין נישט באַמערקט, ווי ער האָט, צוגייענדיק צו זיי, אויפגעכאַפּט און פאַרשלונגען דעמדאָזיקן איינדרוק, פּונקט ווי די גאָמבע פון סוחר, וואָס פאַרקויפט ציגאַרן, און באַהאַלטן אים דאָרט ערגעץ, פונוואַנען ער וועט אים אַרויסנעמען, ווען ער וועט אים נייטיק זיין. די באַזוכער, אַנטוישטע שוין פון פריער דורך גאָליענישטשעווס דערציילן וועגן מאָלער, זענען נאָך מער אַנטוישט געוואָרן דורך זיין אויסערלעכקייט. פון מיטעלן וווקס, אַ פעסט געבויטער, מיט אַ וואַקלדיקן גאַנג, האָט מיכאַילאָוו אין זיין ברוינעם הוט, אַליוו-פּאַלטן און שמאָלע לאַטשן, בעת מען האָט שוין לאַנג געטראָגן ברייטע, באַזונדערס מיט דער דורכשניטלעכקייט פון זיין ברייט פּנים און מיט דעם פאַרייניקטן אויסדרוק פון אומדרייסטקייט און פאַרלאַנג אָפּצוהיטן זיין ווירדיקייט געמאַכט אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק.

— איך בעט זייער, — האָט ער געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו האָבן אַ גלייכגילטיקע מינע, און, אַריינגייענדיק אין פאַרהויז, האָט ער אַרויסגענומען דעם שליסל פון קעשענע און אויפגעשלאָסן די טיר.

XI.

אַריינגעקומען אין דער שטודיע, האָט דער מאָלער מיכאַילאָוו נאָכאַמאָל באַטראַכט די געסט און אָנגעמערקט אין זיין דמיון אויך דעם אויסדרוק פון ווראָנסקיס פנים, באַזונדערס פון זיינע באַקנביינער. ניט געקוקט דערויף, וואָס זיין קינסטלעריש געפיל האָט אָן אויפהער געאַרבעט, זאַמלענדיק פאַר זיך מאַטעריאַלן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געפילט אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע אויפרעגונג דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך דערנענטערט די מינוט פון אורטייל וועגן זיין אַרבעט, האָט ער שנעל און דין פון אומבאַמערקטע סימנים זיך געשאַפן אַ באַגריף וועגן די דאָזיקע דריי פּערזאָנען. דער (גאָליענישטשעוו) איז אַן אָרטיקער רוס. מיכאַילאָוו האָט ניט געדענקט ניט זיין פאַמיליע, ניט דאָס, ווו ער האָט אים באַגעגנט און וואָס ער האָט מיט אים גערעדט. ער האָט געדענקט בלויז זיין פנים, ווי ער האָט געדענקט אַלע פנימער, וועלכע ער האָט ווען ס'איז געזען; אָבער ער האָט אויך געדענקט, אַז דאָס איז איינע פון די פערזאָנען, וואָס זענען אָפּגעלייגט געוואָרן אין זיין דמיון אין דער ריזיקער אָפּטיילונג פון פאַלש־השיבותדיקע און אָרימע לויטן אויסדרוק. די גרויסע האָר און דער זייער בולטער שטערן האָבן צוגעגעבן אַן אויסערלעכע וויכטיקייט דעם פנים, וואָס האָט געהאַט איין קליינעם קינדישן אומרויקן אויסדרוק, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט איבער דער שמאָלער אייבערשטער טייל פון דער נאָז. ווראָנסקי און די קאַרענינאַ האָבן לויט מיכאַילאָווס השערות געדאַרפט זיין יחוסדיקע און רייכע רוסן, וואָס זענען לחלוטין ניט קיין מבינים אויף קונסט, ווי אַלע רייכע רוסן, וואָס מאַכן נאָר דעם אָנשטעל פון ליבהאָבער און אָפּשאַצער. „זיי האָבן שוין אוודאי באַקוקט אַלץ פון די אַלטע און פאַרן אָציִנד אַרום איבער די שטודיעס פון די נייע, פון דעם שאַרלאַטאַן דעם דייטש און דעם נאָכאַמער פון ראַפאַעלן דעם נאַרישן ענגלענדער, און זיי זענען אויך צו מיר געקומען, בדי צו האָבן אַלץ געזען“, האָט ער געקלערט. ער האָט זייער גוט געקענט

די מאַניר פון די דיליעטאַנטן (וואָס קלוגער זיי זענען געווען, אַלץ ערגער איז געווען.) צו באַקוקן די שטודיעס פון די מאָדערנע קינסטלער בלויז מיט דעם ציל, כדי צו האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז די קונסט איז געפאַלן און וואָס מער דו קוקסט אויף די נייע, אַלץ מער זעסטו, ווי נישט צום נאָכאַמען עס זענען געבליבן די גרויסע פאַרצייטישע מייסטער. ער האָט אויף דעם אַלעם זיך גערעכט, דאָס אַלץ געזעען אויף זייערע פנימער, געזעען אין דער גלייכגילטיקער נאָכלעסיקייט, מיט וועלכער זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, געקוקט אויף די מאַנעקינס און ביוסטן און פריי זיך אַרומגעגאַנגען, וואַרטנדיק, אַז ער זאָל אויפדעקן דאָס בילד. אָבער בעת ער האָט איבערגעדרייט זיינע עטיודן, האָט אויפגעהויבן די שטאָרן און אַראָפּגענומען דאָס ליילעך, האָט ער, נישט געקוקט דערויף, געפילט אַ שטאַרקע אויפרעגונג, און הגם אַלע יחוסדיקע און רייכע רוסן האָבן, לויט זיין באַגריף, געדאַרפט זיין בהמות און נאַראָנים, איז אים דאָך ווראָנסקי און באַזונדערס אננאַ געפעלן געוואָרן.

— איר ווינטשט זיך אפשר? — האָט ער געזאָגט, מיט אַ וואַקלדיקן גאַנג אָוועקגייענדיק אין אַ זייט אַריין און אָנווייזנדיק אויפן בילד. — דאָס איז דער מוסר פון פּילאַט. מתתיהו קאַפּיטל XXVII, — האָט ער געזאָגט, פילנדיק, אַז זיינע ליפּן הייבן זיך אָן צו טרייסלען פון אויפרעגונג. ער איז אָוועקגעגאַנגען און זיך געשטעלט הינטער זיי.

אין די עטלעכע סעקונדן, וואָס די באַזוכער האָבן שווייגנדיק געקוקט אויפן בילד, האָט מיכאַילאָוו אויך געקוקט דערויף און געקוקט מיט אַ גלייכגילטיק, זייטיק אויג. אין די עטלעכע סעקונדן האָט ער פאָרויס געגלייבט אין דעם, אַז דער העכסטער, ערלעכסטער משפט וועט אַרויסגעטראָגן ווערן דורך זיי, דווקא דורך די דאָזיקע באַזוכער, וועלכע ער האָט אַזוי מבטל געווען מיט אַ מינוט צוריק. ער האָט פאַרגעסן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן זיין בילד פריער, אין די צוויי יאָר, ווען ער האָט עס געמאָלט; ער האָט פאַרגעסן די אַלע מעלות דערפון וועלכע זענען געווען פאַר אים אומצווייפלהאַפט, — ער האָט געזעען דאָס בילד מיט זייער גלייכגילטיקן, זייטיקן, נייעם בליק און נישט געזעען דערין קיין שום שיינס. ער האָט געזעען אויפן ערשטן פלאַן דאָס בייזע פנים פון פּילאַטן און דאָס רויקע פנים פון קריסטוסן און אויפן צווייטן פלאַן די פיגורן פון פּילאַטס באַדינער און יאָהאַנס פנים, וואָס קוקט זיך איין אין דעם, וואָס קומט פאָר. יעדעס פנים, וואָס איז מיט אַזאַ זוכן, מיט אַזעלכע טעותים, אויסבעסערונגען אויסגעוואַקסן אין אים

מיט זיין באַזונדערן כאַראַקטער, איטלעכעס פּנים, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פּיין און פרייד, און די אַלע פּערזאָנען, וואָס זענען אַזוי פיל מאָל איבערגעשטעלט געוואָרן צוליבן אָפּהיטן דאָס אַלגעמיינע, אַלע שאַטירונגען פון קאָלאָריט און די טענער, וואָס זענען מיט אַזאַ אָנשטרענגונג דורך אים דערגרייכט געוואָרן, — דאָס אַלץ אינאיינעם האָט אַצינד, קוקנדיק מיט זייערע אויגן, אים אויסגעזען ווי אַ באַנאַליטעט, וואָס איז שוין טויזנט מאָל איבערגעחזרט געוואָרן. דאָס טייערסטע פּנים פאַר אים, קריסטוסעס פּנים, דאָס צענטראַלע פון בילד, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ באַגייסטערונג, ווען ער האָט עס אַנטדעקט, אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אים, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפן בילד מיט זייערע אויגן. ער האָט געזען אַ גוט אויפגעמאָלטע (און אפשר גאָר נישט גוטע, — ער האָט דייטלעך געזען אַצינד אַ מענגע חסרונות) איבערחזרונג פון יענע אָן אַ שיעור קריסטוסן פון טיציאַנען, ראַפאַעלן, רובענסן, און די זעלבע מיליטער־לייט און פּילאַטן. דאָס אַלץ איז געווען באַנאַל, אָרים און אפילו שלעכט אויפגעמאָלט — בונטפאַרביק און שוואַך. זיי וועלן זיין גערעכט, ווען זיי וועלן רעדן געמאַכט־העפלעכע פראַזן אין קעגנוואַרט פון מאָלער, און רחמנות האָבן אויף אים, און חוזק מאַכן פון אים, ווען זיי וועלן בלייבן אַליין.

אים איז געוואָרן צו שווער דאָסדאָזיקע שווייגן (הגם עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ מינוט). כדי איבערצורייסן עס און ווייזן, אַז ער איז נישט אויפגערעגט, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און זיך געווענדט צו גאָלינישטשעוון.

— איך האָב, דאַכט זיך, געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו באַגעגענען זיך, — האָט ער אים געזאָגט, אומרויִק זיך אומקוקנדיק דאָ אויף אַנען, דאָ אויף ווראָנסקין, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איין שטריך פון זייערע פּנימער.

— אוודאי! מיר האָבן זיך געזען בא ראָססי, אויב איר געדענקט, אויף דעם אָוונט, ווו עס האָט דעקלאַמירט דאָסדאָזיקע איטאַליענישע פריילין — די נייע ראַשעל? — האָט גאָלינישטשעוו פריי אָנגעהויבן צו רעדן, אָן דער מינדסטער באַדויערונג אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון בילד און ווענדנדיק זיך צום קינסטלער.

באַמערקט פונדעסטוועגן, אַז מיכאַילאָוו וואַרט אויף אַ מיינונג וועגן בילד, האָט ער געזאָגט:

— אייער בילד האָט זיך שטאַרק אַ רוק געטון, זינט איך האָב עס

דאָס לעצטע מאָל געזעען. און ווי דעמאָלט, איבערראַשט מיך אויך אַצינד אומגעוויינלעך פילאַטס פיגור. מען פאַרשטייט אַזוי דעמדאָזיקן מענטש, דעם גוטן, ווילן חברה־מאַן, נאָר באַאמטן ביז אין דער טיף פון דער נשמה, וועלכער ווייסט נישט, וואָס ער טוט. אָבער מיר דאַכט זיך...

דאָס גאַנצע באַוועגלעכע פנים מיכאַילאָווס האָט זיך פלוצלינג צעשיינט: די אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר נישט געקאָנט אַרויסרעדן פון אויפרעגונג און זיך געמאַכט, אַז ער הוסט זיך אויס. ווי נידעריק ער האָט נישט געשאַצט גאָליענישטשעווס פעיקייט צו פאַרשטיין קונסט, ווי נישטיק עס איז נישט געווען די אמתע באַמערקונג וועגן דער ריכטיקייט פון פילאַטס פנים־אויסדרוק, ווי פון אַ באַאמטן, ווי באַליידיקענד עס האָט אים נישט געקאָנט אויסזען דידאָזיקע ערשטע אַרויסגעזאָגטע מיינונג, בעת עס איז נישט גערעדט געוואָרן וועגן די וויכטיקערע, — איז דאָך מיכאַילאָוו געווען אַנטציקט פון דערדאָזיקער באַמערקונג. ער אַליין האָט געקלערט וועגן פילאַטס פיגור דאָס אייגענע, וואָס גאָליענישטשעוו האָט געזאָגט. דאָס, וואָס דידאָזיקע באַהויפטונג איז געווען איינע פון מיליאָנען אַנדערע באַהויפטונגען, וואָס וואָלטן, ווי מיכאַילאָוו האָט דאָס פעסט געוווסט, געווען אַלע ריכטיק, האָט נישט פאַרקלענערט די באַדייטונג פון גאָליענישטשעווס באַמערקונג. ער האָט ליב געקריגן גאָליענישטשעוון פאַר דערדאָזיקער באַמערקונג און איז פלוצלינג אַריבער פון דעם צושטאַנד פון אַפאַטיע אויף באַגייסטערונג. באַלד האָט דאָס גאַנצע בילד זיינס אויפגעלעבט פאַר אים מיט דער גאַנצער אומאויסדריקלעכער קאָמפליצירטקייט פון אַלעם לעבעדיקן. מיכאַילאָוו האָט ווידער געפרוווט זאָגן, אַז ער האָט אַזוי פאַרשטאַנען פילאַטן, אָבער זיינע ליפן האָבן זיך אומגעהאָרכזאַם געטרייסלט, און ער האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. ווראָנסקי און אַננאַ האָבן אויך עפעס גערעדט מיט דעם שטילן קול, מיט וועלכן מען רעדט געוויינלעך אויף בילדער־אויסשטעלונגען, טיילווייז, כדי נישט צו באַליידיקן דעם קינסטלער, טיילווייז, כדי נישט צו זאָגן הויך אַ נאַרישקייט, וואָס מען קאָן אַזוי לייכט זאָגן, רעדנדיק וועגן קונסט. מיכאַילאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בילד האָט אויך אויף זיי געמאַכט אַן איינדרוק. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— ווי ווונדערלעך עס איז דער אויסדרוק פון קריסטוסן! — האָט אַננאַ געזאָגט. פון אַלעם, וואָס זי האָט געזעען, איז דערדאָזיקער אויסדרוק איר צום בעסטן געפעלן און זי האָט געפילט, אַז דאָס איז דער

צענטער פונם בילד און דעריבער וועט דידאָזיקע ליוב אָנגענעם זיין דעם קינסטלער. — מען זעט, אַז ער האָט רחמנות אויף פּילאַטן.

דאָס איז ווידער געווען איינע פון דעם מיליאָן אמתע באַהויפּטונגען, וועלכע מען האָט געקאָנט געפינען אין זיין בילד און אין קריסטוסעס פיגור. זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט רחמנות אויף פּילאַטן. אין קריסטוסעס אויסדרוק דאַרף אויך זיין דער אויסדרוק פון רחמנות, ווייל אין אים איז דאָ דער אויסדרוק פון ליבע, נישט ערדישער רויִקייט, גרייטקייט צום טויט און אָנערקענונג פון דער נישטיקייט פון רייד. פאַרשטייט זיך, עס איז דאָ אַן אויסדרוק פון אַ באַאַמטן אין פּילאַטן און פון רחמנות אין קריסטוסן, ווארים איינער איז די פאַרקערפּערונג פון פיזישן, דער צווייטער — פון גייסטיקן לעבן. דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערס האָט דורכגעבליצט אין מיכאַילאָווס געדאַנק. און ווידער האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן פון באַגייסטערונג.

— יאָ, און ווי די פיגור איז געמאַכט, וויפיל לופט. מ׳קאָן אַרומגיין, — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט, משמעות מיט דערדאָזיקער באַמערקונג באַווייזנדיק, אַז ער באַגיטיקט נישט דעם אינהאַלט און די געדאַנקען פון דער פיגור.

— יאָ, אַ וואונדערבאַרע מייסטערשאַפט! — האָט וורָאָנסקי געזאָגט. — ווי דידאָזיקע פיגורן טיילן זיך אויס אויפן הינטערשטן פּלאַן! אָט דאָס הייסט טעכניק, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו גאָליענישטשעוון און מיט דעם אָנדייטנדיק אויף דעם פאַרגעקומענעם שמועס צווישן זיי וועגן דעם, אַז וורָאָנסקי אַרבעט פאַרצווייפלט צו דערווערבן דידאָזיקע טעכניק.

— יאָ, יאָ, וואונדערבאַר! — האָבן גאָליענישטשעוו און אַננאַ באַשטעטיקט.

נישט געקוקט אויף דעם אויפגעהייטערטן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, האָט די באַמערקונג וועגן דער טעכניק שמערצלעך אַ ראַץ געטון מיכאַילאָוון אין האַרץ און, ביין אַ קוק טועַנדיק אויף וורָאָנסקין, האָט ער זיך אָנגעכמורעט. ער האָט אָפט געהערט דאָסדאָזיקע וואָרט „טעכניק" און לגמרי נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען האָט מיט דעם געמיינט. ער האָט געוווסט, אַז אונטער דעמדאָזיקן וואָרט האָט מען פאַרשטאַנען די מעכאַנישע פעיקייט צו מאָלן און צייכנען, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון אינהאַלט. אָפט פלעגט ער באַמערקן, ווי אין דעם איצטיקן לויבן, אַז די טעכניק שטעלט מען אַקעגן דעם אינערלעכן ווערט, ווי

מען וואָלט געקאָנט אויפמאָלן גוט דאָס, וואָס ס'איז שלעכט. ער האָט גע־וווסט, אַז מען האָט געדאַרפט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און פּאַרזיכטיקייט, כּדי, אַראָפּנעמענדיק דעם איבערצוג נישט צו שאַדענען דאָס ווערק גופא, און אויף דעם, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען אַלע איבערצוגן; אָבער קיין קונסט צו מאָלן, קיין טעכניק איז דאָ נישט געווען. ווען עס זאָל פאַר אַ קליין קינד אָדער פאַר זיין קעכין אַנטפּלעקט ווערן דאָס, וואָס ער האָט געזעען, וואָלט אויך זי געקאָנט אויסדריקן דאָס, וואָס זי זעט. און דער געניטסטער און קונציקסטער מאָלער־טעכניקער וואָלט מיט בלויזער טעכנישער פעיקייט נישט געקאָנט גאָרנישט אויסמאָלן, ווען עס זאָלן אים פריער נישט אַנטפּלעקט ווערן די גרענעצן פון דעם אינהאַלט. חוצדעם האָט ער געזעען, אַז אויב שוין רעדן וועגן טעכניק, האָט מען אים נישט געקאָנט לויבן פאַר איר. אין אַלעם, וואָס ער האָט געמאָלט און פאַרענ־דיקט, האָט ער געזעען חסרונות, וואָס האָבן אים געשטיכן אין די אויגן און האָבן נעשטאַמט פון דער אומפאַרזיכטיקייט, מיט וועלכער ער האָט אַראָפּגענומען די איבערצוגן און וועלכע ער האָט שוין אַצינד נישט גע־קאָנט פאַרריכטן, נישט קאַליע מאַכנדיק דאָס גאַנצע ווערק. און כמעט אויף אַלע פיגורן און פנימער האָט ער נאָך געזעען רעשטלעך פון די נישט אינגאַנצן אַראָפּגענומענע איבערצוגן, וואָס האָבן קאַליע געמאַכט דאָס בילד.

— איינס, וואָס מען קאָן זאָגן, אויב איר וועט דערלויבן צו מאַכן ווידאָזיקע באַמערקונג... — האָט גאָליענישטשעוו באַמערקט.

— אַך, עס פרייט מיך זייער און איך בעט אייך, — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל.

— דאָס איז דאָס, וואָס ע ר איז בײַ אייך אַ מענטשגאָט, און נישט קיין גאָטמענטש. איבעריקנס, איך ווייס, אַז איר האָט דאָס טאַקע גע־וואָלט.

— איך האָב נישט געקאָנט מאָלן דעם קריסטוסן, וועלכן איך האָב נישט אין דער נשמה, — האָט מיכאַילאָוו מוּ'ה־שחורהדיק געזאָגט.

— יאָ, נאָר אין דעם פאַל, אויב איר וועט דערלויבן אַרויסצוזאָגן מיין געדאַנק... איז אייער בילד אַזוי גוט, אַז מיין באַמערקונג קאָן איר קיין שאָדן נישט ברענגען, און חוצדעם איז דאָס מיין פּערזענלעכע מיי־נונג. בײַ אייך איז עפּעס אַנדערש. דער מאָטיוו גופא איז אַן אַנדערער. נאָר לאָמיר נעמען כאָטש איוואַנאָוון. איך מיין, אַז אויב קריסטוס איז דערפירט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ היסטאָרישער פּערזענלעכקייט,

וואָלט בעסער איוואַנאָוו געדאַרפט אויסקלויבן אַ צווייטע היסטאָרישע טעמע, אַ פרישע, נישט גערירטע.

— אָבער אויב דאָס איז די גרעסטע טעמע, וועלכע שטייט פאַר דער קונסט?

— אויב מען זאָל אַ זוך טון, וועלן זיך געפינען אַנדערע. נאָר עס גייט אין דעם, וואָס די קונסט ליידט נישט קיין ווכּוחים און מיינונגס־פאַרשידנהייטן. אָבער בּאַ איוואַנאָווס בּילד שטעלט זיך פאַר גלויביקע און נישט גלויביקע די פראַגע: צי איז דאָס אַ גאָט אָדער נישט קיין גאָט? און צעשטערט די איינהייטלעכקייט פונם איינדרוק.

— פאַרוואָס־זשע? מיר דאַכט זיך, אַז פאַר געבּילדעטע מענטשן, — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט. — קאָנען שוין קיין חלוקי־דעות נישט עקזיסטירן.

גאָלינישטשעוו האָט נישט מסכּים געווען מיט דעם און, האַלטנדיק זיך בּאַ זיין ערשטן געדאַנק וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דעם איינדרוק, וואָס איז נייטיק פאַר קונסט, האָט ער צעקלאַפט מיכאַילאָוון.

מיכאַילאָוו האָט זיך אויפגערעגט, אָבער גאָרנישט געקאָנט זאָגן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין געדאַנק.

XII.

אַננאַ מיט ווראָנסקין האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעקוקט, בּאַדויערנדיק די קלוגע בּאַרעדעוודיקייט פון זייער פריינט; ענדלעך איז ווראָנסקי, נישט וואַרטנדיק אויפן בּאַלעבּאָס, אַריבּערגעגאַנגען צו אַ צווייט נישט גרויס בּילד.

— אַך, ווי פּרעכטיק, וואָס פאַר אַ פּרעכטיקייט! וווּנדערבּאַר! ווי פּרעכטיק, — האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן אַלע איינגעם.

„וואָס איז זיי אַזוי געפעלן?" האָט מיכאַילאָוו אַ קלער געטון. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעמדאָזיקן מיט דריי יאָר צוריק געמאָלטן בּילד. פאַרגעסן אַלע ליידן און בּאַגייסטערונגען, וועלכע ער האָט איבערגעלעבּט בּאַ דעמדאָזיקן בּילד. ווען דאָס אַליין האָט עטלעכע חדשים כּסדר טאָג און נאַכט פאַרנומען אים, פאַרגעסן, ווי ער פלעגט תּמיד פאַרגעסן אָן פאַרענדיקטע בּילדער. ער האָט נישט ליב געהאַט אפילו צו

קוקן דערויף און עס אויסגעשטעלט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָרט אויף אַן ענגלענדער, וועלכער האָט עס געוואָלט קויפן.

— דאָס איז סתם אַזוי, אַ לאַנגסטיקער עטיוד, — האָט ער געזאָגט.

— ווי שיין, — האָט גאָליענישטשעוו געזאָגט, וואָס איז אויך, משמעות, אויפריכטיק גערירט געוואָרן פון דער שיינקייט פון דעם בילד.

צוויי יינגלעך האָבן אין שאָטן פון אַ ראַקיטע-קוסט געפאַנגען פיש מיט ווענטקעס. איינער, דער עלטערע, האָט געהאַט פאַרוואָרפן די ווענטקע און פלייסיק אַרויסגעצויגן זי, איינגאַנצן פאַרשלונגען פון דער אַרבעט; דער צווייטער, אַ ייִנגערער, איז געלעגן אין גראָז, אָנגעלענט דעם צעשויבערטן בלאָנדן קאָפּ אויף די הענט, און געקוקט מיט פאַרטראַכטע בלויע אויגן אויפן וואַסער. וועגן וואָס האָט ער געטראַכט?

די אַנטציקונג פאַר דעמדאָזיקן בילד זיינעם האָט אויפגעוועקט אין מיכאַילאָוון די פריערדיקע אויפרעגונג, אָבער ער האָט מורא געהאַט און נישט ליב געהאַט דאָסדאָזיקע אומנוצלעכע געפיל צו דער פאַרגאַנגענהייט און דעריבער, הגם די דאָזיקע ליב-ווערטער האָבן אים געפרייט, האָט ער דאָך געוואָלט אַוועקפירן די באַזוכער צו אַ דריט בילד.

נאָר ווראָנסקי האָט געפרעגט, צי דאָס בילד איז נישט צום פאַרקויפן. פאַר מיכאַילאָוון, וואָס איז געווען אויפגערודערט פון די באַזוכער, איז אַצינד צו שמועסן וועגן געלט-ענינים געווען זייער נישט אָנגענעם.

— עס איז אויסגעשטעלט צום פאַרקויפן, — האָט ער געענטפערט, טרויעריק זיך אַנכמורענדיק.

ווען די באַזוכער זענען אַוועקגעפאָרן, האָט זיך מיכאַילאָוו אַנידערגעזעצט קעגן בילד פון פּילאַטן און קריסטוסן און אין זיין געדאַנק איבערגעחזרט דאָס, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן, און אויך דאָס, וואָס איז נישט געזאָגט, נאָר געדאַכט געוואָרן דורך די דאָזיקע באַזוכער. און מערקווירדיק: דאָס, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ווערט פאַר אים, ווען זיי זענען געווען דאָ און ווען ער האָט אין זייער מחשבה זיך איבערגעטראָגן אויף זייער שטאַנד-פּונקט, האָט פּלוצלינג פאַרלוירן פאַר אים יעדער באַדייטונג. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיין בילד מיט זיין גאַנצן פולן קינסטלערישן בליק און געקומען אין דעם צושטאַנד פון זיכערקייט אין דער

פולקאָמענהייט און דעריבער וויכטיקייט פון זיין בילד, וואָס איז אים נייטיק געווען פאַר דער געשפּאַנטקייט, וואָס נאָר בּאַ איר האָט ער געקאָנט אַרבעטן.

קריסטוסעס פּוס אין ראַקורס איז פונדעסטוועגן געווען נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט גענומען די פּאַליטרע און אָנגעהויבן אַרבעטן. פאַרריכטנדיק דעם פוס, האָט ער כּסדר זיך איינגעקוקט אין יאָהאַנס פיגור אויפן הינטערשטן פּלאַן, וועלכע די באַזוכער האָבן אפילו נישט באַמערקט, נאָר וועלכע, ער האָט געוווסט, איז געווען די העכסטע פולקאָמענהייט. פאַרענדיקט דעם פוס, האָט ער זיך געוואָלט נעמען צו דער פיגור, נאָר זיך דערפילט צו אויפגערעגט פאַר דעם. ער האָט אַלצאיינס נישט געקאָנט אַרבעטן, ווען ער איז געווען קאַלט, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געווען צופיל ווייך און האָט צו שטאַרק געזעען אַלץ. עס איז געווען בלויז איין שטאַפּל אויף דעמדאָזיקן איבערגאַנג פון קאַלטקייט צו באַגייסטערונגען, אויף וועלכן עס איז מעגלעך געווען צו אַרבעטן. און היינט איז ער געווען צופיל אויפגערעגט. ער האָט געוואָלט פאַרדעקן דאָס בילד, אָבער זיך אָפּגעשטעלט און, האַלטנדיק מיט דער האַנט דאָס לייַלעך, האָט ער מיט אַ גליקזעליקן שמייכל לאַנג געקוקט אויף יאָהאַנס פיגור. ענדלעך, אַזוי ווי מיט טרויער זיך אָפּרייסנדיק, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס לייַלעך און אַ מידער, נאָר גליקלעכער, זיך געלאָזט גיין אַהיים.

ווראָנסקי, אַננאַ און גאָליעניששטשעוו זענען, אומקערנדיק זיך אַהיים, געווען באַזונדערס אויפגעהייטערט און פריילעך. זיי האָבן גערעדט וועגן מיכאַילאָוון און זיינע בילדער. דאָס וואָרט ט אַ ל אַ נ ט, אונטער וועלכן זיי האָבן פאַרשטאַנען אַן איינגעבוירענע, כמעט פיזישע פעיקייט, אָן אומאָפּהענגיקע פון געדאַנק און געפיל, און מיט וועלכן זיי האָבן געוואָלט אָנרופן אַלץ, וואָס איז איבערגעלעבט געוואָרן דורכן קינסטלער, האָט זיך אָפּט דורכגעוואָרפן אין זייער שמועס, ווייל דאָס איז זיי נייטיק געווען, כּדי אָנצורופן דאָס, וועגן וועלכן זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום באַגריף, נאָר האָבן געוואָלט רעדן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין טאַלאַנט קאָן מען אים נישט אָפּזאָגן, נאָר אַז זיין טאַלאַנט קאָן זיך נישט אַנטוויקלען פון דעם מאַנגל אין בילדונג — דעם אַלגעמיינעם אומגליק פון אַלע אונזערע רוסישע קינסטלער. אָבער דאָס בילד פון די ייִנגלעך איז געבליבן שטעקן אין זייער זכרון, און זיי האָבן זיך כּסדר אומגעקערט דערצו. „ווי פּרעכטיק! ווי געלונגען דאָס איז אים און ווי פּשוט דאָס איז! ער פאַר-

שטייט גאָרנישט, ווי גוט דאָס איז! יאָ, מען דאַרף נישט דורכלאָזן און עס קויפן", האָט ווראָנסקי געזאָגט.

XIII.

מיכאַילאָוו האָט פאַרקויפט ווראָנסקין זיין בילד און האָט מסכים געווען צו מאַכן אַ פּאָרטרעט פון אַננען. אין דעם באַשטימטן טאָג איז ער געקומען און אָנגעהויבן די אַרבעט.

דער פּאָרטרעט האָט נאָכן פינפטן סעאַנס איבערראַשט אַלעמען, באַזונדערס ווראָנסקין, נישט בלויז מיט דער ענלעכקייט, נאָר מיט אַ באַזונדערער שיינקייט. עס איז געווען מערקווירדיק, ווי אַזוי מיכאַילאָוו האָט געקאָנט אויסגעפינען דידאָזיקע באַזונדערע שיינקייט אירע. „מען האָט זי געדאַרפט קענען און ליב האָבן, ווי איך האָב זי ליב, כדי אויס־צוגעפינען דעמדאָזיקן ליבן, האַרציקן אויסדרוק אירן", האָט ווראָנסקי גע־טראַכט, הגם ער האָט פון דעמדאָזיקן פּאָרטרעט זיך ערשט דערקענט אויף דעמדאָזיקן ליבן, האַרציקן אויסדרוק. אָבער דערדאָזיקער אויסדרוק איז געווען אַזוי אמתדיק, אַז אים און די אַנדערע האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קענען אים שוין לאַנג.

— איך מאַטער מיך אַזוי לאַנג און האָב גאָרנישט געמאַכט, — האָט ער געזאָגט וועגן זיין פּאָרטרעט, — און ער האָט אַ קוק געטון און אויפגעמאָלט. אָט וואָס עס הייסט טעכניק.

— דאָס וועט קומען, — האָט אים געטרייסט גאָליענישטשעוו, לויט וועמענס באַגריף ווראָנסקי האָט געהאַט טאַלאַנט און, דער עיקר, בילדונג, וואָס גיט אַ העכערן בליק אויף קונסט. גאָליענישטשעווס איבערצייגונגען אין ווראָנסקיס טאַלאַנט איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס אים זענען נייטיק געווען ווראָנסקיס מיטגעפיל און שבחים פאַר זיי־נע אַרטיקלען און געדאַנקען, און ער האָט געפילט, אַז דאָס לויבן און אונטערשטיצן דאַרף זיין קעגנזייטיק.

אין אַ פרעמד הויז, און באַזונדערס אין פּאַלאַץ בא ווראָנסקין, איז מיכאַילאָוו געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש, ווי בא זיך אין דער שטודיע. ער איז געווען אומפּרייזנטלעך־העפלעך, ווי ער וואָלט מורא גע־האַט זיך צו דערנעענטערן מיט די מענטשן, וועלכע ער האָט נישט גע־

שעצט. ער האָט גערופן ווראָנסקין — אייער עקסעלענץ און איז קיינמאָל, נישט געקוקט אויף אַננעס און ווראָנסקיס איינלאַדונגען, נישט געבליבן אויף מיטאָג און נישט געקומען אַנדערש, ווי צו די סעאַנסן. אַננאַ איז געווען מער, ווי די אַנדערע, ליבלעך צו אים און דאַנקבאַר פאַר איר פאָרטרעט. ווראָנסקי איז געווען צו אים מער ווי העפלעך און האָט, משמעות, זיך אינטערעסירט מיט דעם קינסטלערס מיינונג וועגן זיין בילד. גאָליענישטשעוו האָט נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט איבערצוגעבן מיכאַילאָוון אמתע באַגריפן וועגן קונסט. אָבער מיכאַילאָוו איז פונדעסטוועגן געבליבן קאַלט צו אַלע. אַננאַ האָט געפילט לויט זיין בליק, אַז ער האָט ליב צו קוקן אויף איר; אָבער ער האָט אויסגעמיטן געשפּרעכן מיט איר. אויף ווראָנסקיס רייד וועגן זיין מאָלעריי האָט ער עקשנותדיק געשוויגן און אויך אַזוי עקשנותדיק געשוויגן, ווען מען האָט אים געוויזן ווראָנסקיס בילד, און האָט, משמעות, זיך געלאַנגווײַלט פון גאָליענישטשעווס געשפּרעכן און נישט דערווידערט אים.

בכלל איז מיכאַילאָוו מיט זיין איינגעהאַלטענער און אומאַנגענעמער, אַזוי ווי פיינטלעכער, באַציונג זיי זייער נישט געפעלן, ווען זיי האָבן אים גענטער דערקענט. און זיי זענען געווען צופרידן, ווען די סעאַנסן האָבן זיך געענדיקט, בײַ זיי איז געבליבן אַ הערלעכער פאָרטרעט, און ער האָט אויפגעהערט צו קומען.

גאָליענישטשעוו האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, וועלכער איז אַלע איינגעפאַלן, נעמלעך, אַז מיכאַילאָוו האָט פשוט מקנא געווען ווראָנסקין.

— עלעהיי ער איז נישט מקנא, ווייל ער האָט ט אַ ל אַ נ ט; נאָר אים איז פאַרדראָסיק, וואָס אַ הויפישער און רייכער מענטש, נאָך דערצו אַ גראַף (זיי האַסן דאָך דאָס אַלץ), מאַכט אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג דאָס אייגענע, אויב נישט בעסער, ווי ער, וואָס האָט געווידמעט אויף דעם דאָס גאַנצע לעבן. דער עיקר איז בילדונג, וואָס ער פאַרמאָגט נישט.

ווראָנסקי האָט פאַרטיידיקט מיכאַילאָוון, אָבער טיף אין דער נשמה האָט ער געגלייבט אין דעם, ווייל, לויט זיין באַגריף, האָט אַ מענטש פון אַ [illegible], נידעריקער וועלט געמוזט מקנא זיין.

— אַננעס פאָרטרעט, — איינס און דאָס זעלבע, און געמאָלט פון דער נאַטור דורך אים און מיכאַילאָוון, האָט געדאַרפט ווייזן ווראָנסקין דעם חילוק, וועלכער איז געווען צווישן אים און מיכאַילאָוון, נאָר ער האָט אים נישט געזען. ער האָט בלויז נאָך מיכאַילאָוון אויפגעהערט צו

מאָלן אַננעס פּאָרטרעט, באַשליסנדיק, אַז דאָס איז אַצינד איבעריק. אָבער דאָס בילד זיינס פון מיטאַלטערלעכן לעבן האָט ער ווייטער געאַרבעט. און ער אַליין, און גאָליענישטשעוו, און באַזונדערס אַננאַ האָבן געהאַלטן, אַז עס איז זייער גוט, ווייל עס איז אַ סך ענלעכער געווען צו די באַרימטע בילדער, ווי מיכאַילאָווס בילד.

מיכאַילאָוו אָבער, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַננעס פּאָרטרעט האָט אים זייער עקזאַלטירט, איז דערווייל געווען נאָך מער צופרידן ווי זיי, ווען די סעאַנסן האָבן זיך געענדיקט און ער האָט נישט געדאַרפט מער הערן גאָליענישטשעווס אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט און מען האָט געקאָנט פאַרגעסן אָן וורְאָנסקיס מאָלעריי. ער האָט געוווּסט, אַז מען האָט נישט געקאָנט פאַרווערן וורְאָנסקין זיך צו שפּילן מיט מאָלעריי; ער האָט געוווּסט, אַז ער און אַלע דילעטאַנטן האָבן דאָס פולע רעכט צו מאָלן, וואָס זיי געפעלט, נאָר אים איז געווען נישט אָנגענעם. מען קאָן נישט פאַרווערן אַ מענטש צו מאַכן זיך אַ גרויסע ליאַלקע פון וואַקס און צו קושן זי. אָבער ווען דערדאָזיקער מענטש מיט דער ליאַלקע זאָל קומען און זיך אַוועקזעצן קעגן געליבטע און אָנהייבן צערטלען זיין ליאַלקע, ווי דער פאַרליבטער צערטלט די, וועלכע ער האָט ליב, וואָלט דעם פאַרליבטן געווען נישט אָנגענעם. פונקט אַזאַ אומאָנגענעם געפיל האָט מיכאַילאָוו איבערגעלעבט בעתן זעען וורְאָנסקיס מאָלעריי: אים איז געווען אי קאָמיש, אי פאַרדראָסיק, אי אַ רחמנות, אי באַליידיקענד.

וורְאָנסקיס עקזאַלטירן זיך מיט מאָלעריי און מיטלאַלטער האָט געדויערט נישט לאַנג. ער האָט געהאַט אויף אַזוי פיל געשמאַק אין מאָלעריי, אַז ער האָט נישט געקאָנט פאַרענדיקן זיין בילד. דאָס בילד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן. ער האָט נעפלהאַפט געפילט, אַז די חסרונות דערפון, וואָס זענען ווייניק מערקלעך באַם אָנהייב, וועלן זיין שרעקלעך, אויב ער וועט ווייטער אַרבעטן. מיט אים איז געשעען דאָס אייגענע, וואָס מיט גאָליענישטשעוון, וואָס האָט געפילט, אַז ער האָט גאָרנישט צו זאָגן, און וואָס האָט זיך כסדר אָפּגענאַרט דערמיט, אַז דער געדאַנק איז נאָך נישט רייף געוואָרן, אַז ער טראָגט אים אויס און גרייט-צו די מאַמעריאַלן. אָבער גאָליענישטשעוון האָט דאָס בייז געמאַכט און אויסגעמאַטערט, וורְאָנסקי אָבער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּנאַרן און פייניקן און באַזונדערס בייז זיין. ער האָט מיט זיין אייגנטימלעכער אַנטשלאָסנקייט פון כאַראַקטער, גאָרנישט אויפקלערנדיק און נישט פאַרענטפערנדיק זיך, אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט מאָלעריי.

אָבער אָן דערדאָזיקער באַשעפטיקונג האָט דאָס לעבן סיי אים, סיי אננען, וואָס איז פאַרוואונדערט געווען פון זיין אנטוישונג, זיך אויסגעוויזן אזוי לאַנגווייליק אין דער איטאַליענישער שטאָט, דער פּאַלאַץ איז פּלוצלינג געוואָרן אזוי באַשיינפערלעך אַלט און שמוציק, אַזוי אומאָנגענעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַמערקן פלעקן אויף די גאַרדינען, שפּאַלטן אין די פּאָדלאָגעס, דער אָפּגעקלאַפּטער טינק אויף די קאַרניזן און אזוי לאַנגווייליק איז געוואָרן דער אַלץ איינער און דערזעלבער גאַליענישטשעוו, דער איטאַליענישער פּראָפעסאָר און דער דייטש, דער רייזנדער, אַז מען האָט געדאַרפט טוישן דאָס לעבן. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד, אין דאָרף אריין. אין פּעטערבורג האָט ווראָנסקי בדעה געהאַט זיך צו טיילן מיטן ברודער. און אננא צו זעען דעם זון. דעם זומער אָבער האָבן זיי בדעה געהאַט צו פאַרברענגען אין ווראָנסקיס גרויסן ירושה־גוט.

XIV.

לעווין איז געווען שוין דעם דריטן חודש נאָך דער חתונה. ער איז געווען גליקלעך, אָבער גאָרנישט אזוי, ווי ער האָט דערוואַרט. אויף יעדן טריט האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַנטוישונגען אין די פריערדיקע טרוימען און אויף אַ נייעם אומדערוואַרטן צויבער. ער איז געווען גליקלעך, אָבער אריינטרעטנדיק אין פאַמיליען־לעבן, האָט ער אויף יעדן טריט געזען, אַז דאָס איז גאָרנישט אזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אויף יעדן טריט האָט ער געפילט דאָס, וואָס עס וואָלט געפילט אַ מענטש, וועלכער האָט באַוווּנדערט דאָס גראַציעזע, גליקלעכע שווימען פון אַ שיפל איבער אַ טייך, באַזונדער ווי ער אַליין וואָלט זיך אין דעם שיפל אריינגעזעצט. ער האָט געזען, אַז עס איז נאָך ווייניק צו זיצן גלייך, נישט שאָקלען זיך, — מען דאַרף נאָך האַלטן דעם רעיון, אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן וווהין צו שווימען, אַז אונטער די פיס געפינט זיך וואַסער, אַז מען דאַרף רודערן, און אַז די נישט געוווינטע הענט טוען וויי, אַז בלויז צו קוקן אויף דעם איז לייכט, און הגם צו טון דאָס איז זייער פריידיק, אָבער זייער שווער.

בחורווייז, קוקנדיק אויף אַ פרעמד פאַמיליען-לעבן, אויף די קליינלעכע דאגות, קריגערייען, אײַפערזוכט, פלעגט ער בלויז ביטולדיק שמייכלען בײַ זיך אין האַרץ. אין זיין קינפטיקן פאַמיליען-לעבן האָט נישט בלויז נישט געקאָנט זיין, לויט זיין איבערצייגונג, קיין שום ענלעכס, נאָר אפילו אַלע אויסערלעכע פאָרמען, האָט זיך אים געדאַכט, וועלן אין אַלעם מוזן זיין גאָרנישט ענלעך צו דעם לעבן פון צאַנדערע. און פלוצלינג האָט אַנשטאָט דעם זיין לעבן מיטן ווייב נישט בלויז זיך נישט צונויפגעשטעלט באַזונדער, נאָר פאַרקערט, איינגאַנצן זיך צונויפגעשטעלט פון די זעלבע נישטיקע קלייניקייטן, וועלכע ער האָט פריער אַזוי מבטל געווען, אָבער וועלכע האָבן אַצינד, קעגן זיין ווילן, באַקומען אַן אומגעוויינלעכע און נישט אָפּוועגדבּצרע וויכטיקייט. און לעווין האָט געזען, אַז דאָס איינאָרדענען די אַלע קלייניקייטן איז גאָרנישט אַזוי לייכט, ווי אים האָט זיך פריער געדאַכט. נישט געקוקט דערויף, וואָס לעווין האָט געמיינט, אַז ער האָט די גרינגלעכסטע באַגריפן וועגן פאַמיליען-לעבן, האָט ער, ווי אַלע מענער, זיך נישט ווילנדיק פאָרגעשטעלט דאָס פאַמיליען-לעבן בלויז ווי אַ ליבעס-תענוג, וועלכן קיין זאַך דאַרף נישט שטערן און פון וועלכן עס דאַרפן נישט אָפּציען די קליינע דאגות. ער האָט געדאַרפט, לויט זיין באַגריף, אַרבעטן זיין אַרבעט און זיך אָפּרוען פון איר אין גליק פון ליבע. זי האָט געדאַרפט זיין געליבט און נישט מער. אָבער ער האָט, ווי אַלע מענער, פאַרגעסן, אַז אויך זי דאַרף אַרבעטן. און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי זי, די דאָזיקע פּאָעטישע הערלעכע קיטי, קאָן אין די ערשטע נישט בלויז וואָכן, אין די ערשטע טעג פון פאַמיליען-לעבן טראַכטן, געדענקען און זאָרגן וועגן די טישטיכער, וועגן מעבל, וועגן מאַטראַצן פאַר די געסט, וועגן דער טאַץ, וועגן קוכער, מיטאָג א. אַז. וו. נאָך זייענדיק חתן, איז ער געווען איבערראַשט פון דער באַשטימטקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ רייזע קיין אויסלאַנד און האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין דאָרף אַריין, ווי זי וואָלט געוווסט עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף, און וואָלט, חוץ איר ליבע, נאָך געקאָנט טראַכטן וועגן זייטיקס. דאָס האָט אים דעמאָלט באַליידיקט, און אירע קליינע דאגות און זאָרגן האָבן אים אויך אַצינד עטלעכע מאָל באַליידיקט. אָבער ער האָט געזען, אַז דאָס איז איר נייטיק. און הגם ער האָט נישט פאַרשטאַנען נאָכוואָס, הגם ער האָט חוזק געמאַכט פון דידאָזיקע זאָרגן, האָט ער דאָך, ווייל ער האָט זי ליב געהאַט, נישט געקאָנט נישט הנאה האָבן פון זיי. ער האָט חוזק געמאַכט פון דעם, ווי אַזוי זי האָט אויסגעשטעלט דאָס

מזבל, דאָס געברענגטע פֿון מאָסקווע, ווי אַזוי זי האָט צוגערוימט אויף אַ נייעם שטייגער איר און זיין צימער, ווי אַזוי זי האָט אויפֿגעהאַנגען די גאַרדינען, ווי אַזוי זי האָט איינגעטיילט די קינפֿטיקע וווינונג פֿאַר די געסט, פֿאַר דאָללין, ווי אַזוי זי האָט איינגעאָרדנט די וווינונג פֿאַר איר נײַי מיידל, ווי אַזוי זי האָט באַשטעלט דאָס מיטאָג בײַ דעם אַלטן קוכער, ווי אַזוי זי איז אַריין אין חלוקי-דעות מיט אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ מיט דעם, וואָס זי האָט זי באַווייטיקט פֿון פּראָוויאַנט. ער האָט געזעען, אַז דער אַלטער קוכער האָט כסדר געשמייכלט, שעפּנדיק נחת פֿון איר און הערנדיק אירע נישט געניטע אוממעגלעכע באַפֿעלן; געזעען, אַז אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט פֿאַרטראַכט און ליבלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די נײַע פֿאַראָרדנונגען פֿון דער יונגער פּריצה אין דער שפּייז-קאַמער; געזעען, אַז קיטי איז אומגעוויינלעך באַחנט, ווען זי פֿלעגט, לאַכנדיק און וויינענדיק, קומען צו אים דערקלערן, אַז דאָס מיידל מאַשע איז געוווינט זי צו האַלטן פֿאַר אַ פֿריילין און דעריבער פֿאָלגט זי קיינער נישט. אים האָט דאָס אויסגעזעען ליב, נאָר אויסטערליש, און ער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט בעסער געווען אָן דעם.

ער האָט נישט געקענט דאָסדאָזיקע געפֿיל פֿון ענדערונג, וועלכעס זי האָט איבערגעלעבט נאָכדעם. ווי עס האָט זיך איר טיילמאָל אינדערהיים פֿאַרגלוסט קרויט מיט קוואַס אָדער קאָנפֿעקטן און זי האָט נישט געקאָנט האָבן נישט דאָס, נישט יענץ, אָבער אַצינד האָט זי געקאָנט באַשטעלן, וואָס זי האָט געוואָלט, קויפֿן אָן אַ שיעור קאָנפֿעקטן, אויסגעבן וויפֿיל געלט זי האָט געוואָלט און באַשטעלן וואָסער פֿלאָדן זי האָט געוואָלט.

זי האָט אַצינד מיט פֿרייד פֿאַנטאַזירט וועגן דאָלליס קומען מיט די קינדער, באַזונדערס דערפֿאַר, וואָס זי וועט פֿאַר די קינדער קאָנען באַשטעלן דעם פֿלאָדן, וואָס יעדעס האָט ליב, און דאָללי וועט אָפּשאַצן איר גאַנצע נײַע איינריכטונג. זי האָט אַליין נישט געוווּסט נאָכוואָס און פֿאַרוואָס, נאָר דאָס היימישע באַלעבאַטישקייט האָט זי כסדר געצויגן צו זיך. אינסטינקטיוו פֿילנדיק דאָס דערנעענטערן זיך פֿון פֿרילינג און ווייסנדיק, אַז עס וועלן זיין אויך נישט שיינע טעג, האָט זי, ווי זי האָט געקאָנט, געפֿלאָכטן איר נעסט און זיך געאײַלט אײַנצײַטיק צו פֿלעכטן זי און לערנען זיך, ווי אַזוי דאָס צו טון.

דידאָזיקע קיטיס קלייניקעכע פֿאַרזאָרגטקייט, וואָס איז געווען אַזוי אין קעגנזאַץ צו לעווינס אידעאַל וועגן דערהויבענעם גליק פֿון דער

ערשטער צייט, איז געווען איינע פון די אנטוישונגען, און דידאָזיקע ליבע פאַרזאָרגטקייט, וואָס איר זינען האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אָבער נישט געקאָנט נישט ליב האָבן, איז אויך געווען איינע פון די ביידע צויבערייען.

די צווייטע אנטוישונג און צויבער זענען געווען די קריגערייען. לעווין האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז צווישן אים און דער פרוי זאָלן קאָנען זיין אַנדערע באַציונגען, חוץ צערטלעכע, שעצנדיקע, ליבנדיקע, און פּלוצלינג האָבן זיי באַלד אין די ערשטע טעג זיך צעקריגט, אַזוי אַז זי האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זי נישט ליב, האָט ליב זיך אַליין, האָט זיך צעוויינט און אָנגעהויבן פאָכען מיט די הענט.

דידאָזיקע ערשטע קריג זייערע איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס לעווין איז געפאָרן אויפן נייעם ישוב און פאַרברענגט אַ האַלבע שעה לענגער, ווייל ער האָט געוואָלט קומען צו פאָרן מיט אַ נייעם וועג און האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט. ער איז געפאָרן אַהיים, טראַכטנדיק בלויז וועגן איר, וועגן איר ליבע, וועגן זיין גליק, און וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָט זיך אין אים צעפלאַקערט די צייטלעכקייט צו איר. ער איז אַריינגעלאָפן אין צימער מיטן זעלבן געפיל און נאָך אַ שטאַרקערן, ווי יענץ, מיט וועלכן ער איז געקומען צו די שטשערבאַצקיס מאַכן דעם פאָרשלאָג. און פּלוצלינג האָט אים אויפגענומען אַ מרה־שחורה־דיקער, נאָך קיינמאָל בײַ איר נישט געזעענער אויסדרוק. ער האָט איר געוואָלט אַ קוש טון; האָט זי אים אָפּגעשטויסן.

— וואָס איז דיר?

— דיר איז פריילעך... — האָט זי אָנגעהויבן, ווילנדיק זיין רויק־גיפטיק.

אָבער ווי נאָר זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָבן גלייך פאָרוואורפסווערטער פון זינלאָזער אייפערזוכט, פון אַלעם, וואָס האָט זי געפייניקט אין דערדאָזיקער האַלבער־שעה, וועלכע זי האָט אומבאַוועגלעך פאַרברענגט זיצנדיק אויפן פענצטער, זיך אַרויסגעריסן בײַ איר. ערשט דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל קלאָר פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווען ער האָט זי נאָך דער חופּה אַרויסגעפירט פון קירכע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אים נישט בלויז נאָענט, נאָר אַז ער ווייסט אַצינד נישט, וו עס הערט אויף זי און עס הייבט זיך אָן ער. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען פון דעם פּיינלעכן געפיל פון צעצווייונג, וועלכעס ער האָט איבערגעלעבט אין דער מינוט. ער האָט זיך באַליידיקט אין דער ערשטער מינוט, אָבער אין דער זעלבער סעקונדע דערפילט, אַז ער קען נישט זיין באַליידיקט פון איר, אַז זי איז

ער אַליין. ער האָט איבערגעלעבט אין דער ערשטער מינוט אַ געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס עס לעבט איבער אַ מענטש, ווען ער באַקומט פּלוצלינג אַ שטאַרקן זעץ פון הינטן, דרייט זיך אויס מיט פאַרדראָס און פאַרלאַנג פון נקמה, כדי צו געפינען דעם שולדיקן, און איבערצייגט זיך, אַז דאָס האָט ער אַליין צופעליק זיך אַ קלאַפּ געטון, אַז צו בייזערן זיך איז נישטאָ אויף וועמען און מען דאַרף איבערטראָגן און איינשטילן דעם ווייטיק. ער האָט שוין קיינמאָל דערנאָך מיט אַזאַ קראַפט נישט געפילט דאָס דאָזיקע, אָבער אין דעם ערשטן מאָל האָט ער לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. דאָס נאַטירלעכע געפיל האָט געפאָדערט פון אים זיך צו פאַרענטפערן, איר דערווייזן איר שולד; אָבער אויפווייזן איר שולד האָט געהייסן נאָך מער זי אויפרייצן און גרעסער מאַכן דעם קאָנפליקט, וועלכער איז געווען די סיבה פון דעם גאַנצן עגמת נפש. איין געווינט געפיל האָט אים געצויגן אַראָפּצונעמען פון זיך און אַרויפצולייגן אויף איר די שולד; אַ צווייט געפיל, אַ שטאַרקערס, האָט אים געצויגן גיכער, וואָס גיכער, נישט צו לאָזן דעם פאָרגעקומענעם קאָנפליקט זיך פאַרגרעסערן און פאַרגלעטן אים. בלייבן מיט אַזאַ אומגערעכטער באַשולדיקונג איז געווען פּיינלעך, אָבער, פאַרענטפערן זיך און איר ווי טון איז געווען נאָך ערגער. ווי אַ מענטש מאַטערט זיך אין דרימל מיט אַ ווייטיק, האָט ער געוואָלט אָפּרייסן, אַוועקוואַרפן פון זיך דאָס קראַנקע אָרט און, קומענדיק צו זיך, האָט ער געפילט, אַז דאָס קראַנקע אָרט — איז ער אַליין. מען האָט בלויז געדאַרפט זיך באַמיען צו העלפן דעם קראַנקן אָרט איבערליידן, און ער האָט זיך באַמיט דאָס צו טון.

זיי האָבן זיך איבערגעבעטן. זי האָט אָנערקענט איר שולד, אָבער זי נישט אַרויסגעזאָגט, נאָר געוואָרן צערטלעכער צו אים, און זיי האָבן איבערגעלעבט אַ ניי פאַרטאָפּלט ליבעס-גליק. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט, אַז די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן זאָלן זיך איבערחזרן, און אפילו גאַנץ אָפט, איבער גאָר אומגעריכטע און נישטיקע סיבות. די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן זענען אַרויסגעקומען אָפט אויך דערפון, וואָס זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, וואָס פאַר יעדן פון זיי איז וויכטיק, און דערפון, וואָס די דאָזיקע גאַנצע צייט פלעגן זיי אָפט זיין אין אַ שלעכטן געמיטס-צושטאַנד. ווען איינער איז געווען אין אַ גוטן, און דער צווייטער אין אַ שלעכטן, איז דער שלום נישט געשטערט געוואָרן, אָבער ווען ביידע פלעגן זיין אין אַ שלעכטער שטימונג, זענען די צוזאַמענשטויסן אַרויסגעקומען פון אַזעלכע, לויט זייער נישטיקייט, אומפאַרשטענדלעכע סיבות,

אַז זיי האָבן זיך דערנאָך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, איבער וואָס זיי האָבן זיך געקריגט. אמת, צו ווען זיי ביידע זענען געווען אין אַ גוטן געמיטס-צושטאַנד, איז די לעבנס-פרייד אין זיי פאַרטאָפּלט געוואָרן. אָבער פונדעסטוועגן איז דידאָזיקע ערשטע צייט געווען אַ שווערע פאַר זיי ביידע.

די גאַנצע ערשטע צייט האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געפילט אַן אָנגעצויגנקייט, אַזוי ווי אַ רייסן אין דער און אין יענער זייט צריין פון דער קייט, מיט וועלכער זיי זענען געבונדן געווען. בכלל איז דער האָניק-חודש, דאָס הייסט דער חודש נאָך דער חתונה, פון וועלכן לעווין האָט, לויטן דערציילן, געוואַרט אַזוי פיל, געווען נישט בלויז נישט קיין האָניקדיקער, נאָר איז געבליבן אין זכרון באַ זיי ביידע אַלס די שווערסטע און שענדלעכסטע צייט פון זייער לעבן. זיי האָבן זיך ביידע גלייך באַמיט אין קינפטיקן לעבן אויסצושטרייכן פון זייער זכרון אַלע אומגעלומפּערטע, שענדלעכע אומשטענדן פון דעראָזיקער נישט געזונטער צייט, און זיי ביידע פלעגן זעלטן זיין אין אַ נאָרמאַלן געמיטס-צושטאַנד, זעלטן זיין אויפריכטיק.

בלויז אויפן דריטן חודש פון זייער פאַרהייראַטן לעבן, נאָך זייער אומקערן זיך פון מאָסקווע, וווהין זיי זענען געפאָרן אויף אַ חודש, איז זייער לעבן געוואָרן רעגלמעסיקער.

XV.

זיי זענען נאָר-וואָס געהאַט געקומען פון מאָסקווע און זענען געווען צופרידן מיט זייער אָפּגעזונדערטקייט. ער איז געזעסן אין קאַבינעט באַ זיין שרייבטיש און האָט געשריבן. זי, אין טונקעלן ליליאַ-קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן די ערשטע טעג נאָך דער חתונה און האָט עס היינט ווידער אָנגעטון און וועלכעס איז אים געווען באַזונדערס געדענקנאָר און טייער, איז געזעסן אויף דער סאָפע, אויף דער זעלבער לעדערנער אַלטער סאָפע, וואָס איז תמיד געשטאַנען אין קאַבינעט באַ לעווינס זיידן און טאַטן און האָט געהאַפּטן broderie anglaise. ער האָט געטראַכט און געשריבן, נישט אויפהערנדיק פריידיק צו פילן איר אָנוועזנהייט. זיין פאַרנעמען זיך אי מיטן באַלעבאַטישקייט אי מיטן בוך,

אין וועלכן עס האָבן געדאַרפט פאָרמולירט ווערן די יסודות פון אַ נייעם באַלעבאַטישקייט. איז דורך אים נישט אויפגעגעבן געוואָרן; נאָר ווי קליין און נישטיק דידאָזיקע באַשעפטיקונגען האָבן אים פריער נישט אויסגעזעען אין פאַרגלייך מיט דער פינצטערניש, וואָס פאַרדעקט דאָס גאַנצע לעבן, פונקט אַזוי נישטיק און קליין האָבן זיי אַצינד אויסגעזעען אין פאַרגלייך מיט דעם פאָרשטייענדיקן לעבן, דעם באַגאָסענעם מיט העלן ליכט פון גליק. ער האָט פאָרגעזעצט זיינע באַשעפטיקונגען, אָבער האָט אַצינד געפילט, אַז דער שווערפונקט פון זיין אויפמערקזאַמקייט איז אַריבער אויף עפּעס אַנדערש און אַז איבער דעם קוקט ער גאָר אַנדערש און קלאָר אויף דער זאַך. פריער איז דידאָזיקע זאַך געווען פאַר אים אַ רעטונג פאַרן לעבן. פריער האָט ער געפילט, אַז אָן דער זאַך וועט זיין לעבן זיין צו מרהשחורהדיק. אַצינד אָבער זענען דידאָזיקע באַשעפטיקונגען אים געווען נייטיק, כדי דאָס לעבן זאָל נישט זיין צו איינאַרטיק ליכטיק. זיך גענומען ווידער צו זיינע פּאַפּירן, איבערגעלייענט דאָס, וואָס איז אָנגעשריבן געווען, האָט ער מיט פאַרגעניגן איינגעפונען, אַז די זאַך איז ווערט די אַרבעט. אַ סך פון די פריערדיקע געדאַנקען האָבן אים אויסגעזעען איבעריק און עקסטרעם. נאָר פיל בלויז זענען אים געוואָרן קלאָר, ווען ער האָט אויפגעפרישט אין זיין זכרון די גאַנצע זאַך. ער האָט געשריבן אַצינד אַ נײַ קאַפּיטל — וועגן די סיבות פון דער אומגינסטיקער לאַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד. ער האָט אויפגעוויזן, אַז די אָרימקייט פון רוסלאַנד שטאַמט נישט בלויז פון דער נישט ריכטיקער איינטיילונג פון דעם ערד־אייגנטום און פון דער פאַלשער ריכטונג, נאָר אַז צו דעם האָבן די לעצטע צייט מיטגעווירקט די נישט נאָרמאַל פאַרפלאַנצטע אויסערלעכע ציוויליזאַציע אין רוסלאַנד, באַזונדערס די פאַרקער־וועגן, די באַנען, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די צענטראַליזאַציע אין די שטעט, די אַנטוויקלונג פון לוקסוס און מחמת דעם, צום שאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט, די אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק־פּראָדוקציע, פון דעם קרעדיט און זיין באַגלייטער — דעם בערזע־שפּיל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז בײַ אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די רייכטימער אין אַ מלוכה קומען דידאָזיקע אַלע דערשיינונגען ערשט דעמאָלט, ווען אויף דער ווירטשאַפט איז שוין אָוועקגעלייגט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע אַרבעט, ווען זי איז שוין געשטעלט געוואָרן אין רעגולערע — על כל פנים, אין באַשטימטע — באַדינגונגען; אַז דאָס רייכטום פון אַ לאַנד איז מחויב צו וואַקסן גלייכמעסיק און באַזונדערס

אַזוי, אַז די אַנדערע צווייגן פֿון דעם רײַכטום זאָלן נישט איבעריאָגן די לאַנדווירטשאַפֿט; אַז אין הסכּם מיט אַ געוויסן צושטאַנד פֿון דער ווירטשאַפֿט דאַרפֿן פֿאַר איר זײַן אויך אַנטשפּרעכנדע פֿאַרקער־וועגן, אַז באַ אונדזער נישט ריכטיקן אויסנוצן די ערד זענען די באַנען, אַרויסגערופֿענע נישט דורך עקאָנאָמישער, נאָר פּאָליטישער נויטווענדיקייט, פּריצײַטיק און, אַנשטאָט מיטצוהעלפֿן דער לאַנדווירטשאַפֿט, ווי מען האָט דערוואַרט פֿון זיי, האָבן זיי, איבעריאָגנדיק די לאַנדווירטשאַפֿט און אַרויסרופֿנדיק די אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציע, זי אָפּגעשטעלט. און פּונקט ווי אַן איינזײַטיקע און פּריצײַטיקע אַנטוויקלונג פֿון איין אבר אין אַ לעבעדיק וועזן וואָלט געשטערט זײַן אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, אַזוי האָבן אויך דער קרעדיט, די פֿאַרקער־וועגן, די אָנגעשטרענגטע פֿאַבריק־טעטיקייט, וואָס זענען נייטיק אין אייראָפּע, ווו זיי זענען צײַטמעסיק — פֿאַרשאַפֿט בלויז שאָדן דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנדס רײַכטימער דערמיט, וואָס זיי האָבן אָפּגערוקט די וויכטיקסטע הויפּט־פֿראַגע וועגן דעם איינאָרדנען די לאַנד־ווירטשאַפֿט.

בעת ער האָט געשריבן דאָס זײַניקע, האָט זי דערווײַל געטראַכט וועגן דעם, ווי אומנאַטירלעך אויפֿמערקזאַם איר מאַן איז געווען צו דעם יונגן פֿירשט טשאַרסקי, וועלכער האָט זייער נישט טאַקטיש געפֿלירטעוועט מיט איר פֿאַר דעם אָוועקפֿאָרן. „ער איז דאָך אייפֿערזיכטיק, — האָט זי געטראַכט. — גאָט מײַנער! ווי ליב און נאַריש ער איז. ער איז אייפֿערזיכטיק אויף מיר! ווען ער וואָלט געוווסט, אַז זיי אַלע זענען פֿאַר מיר, ווי דער קוכער פּיאָטר, — האָט זי געקלערט, קוקנדיק מיט אַן אויסטערליש פֿאַר זיך געפֿיל פֿון אייגנטום אויף זײַן פּאָטילניצע און רויטן האַלדז. — כאָטש ס'איז אפילו אַ שאָד אים אָפּצורײַסן פֿון דער אַרבעט (אָבער ער וועט נאָך באַווײַזן!), דאַרף מען דאָך אַ קוק טאָן אויף זײַן פּנים; צי וועט ער דערפֿילן, אַז איך קוק אויף אים? איך וויל, אַז ער זאָל זיך אויסדרייען... איך וויל, נו!“ און זי האָט ברייטער געעפֿנט די אויגן, ווילנדיק מיט דעם פֿאַרשטאַרקן די ווירקונג פֿון בליק.

— יאָ. זיי נעמען צו פֿאַר זיך אַלע זאַפֿטן און גיבן אַ פֿאַלשן גלאַנץ, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, אויפֿהערנדיק צו שרײַבן, און, פֿילנדיק, אַז זי קוקט אויף אים און שמייכלט, האָט ער זיך אומגעקוקט.

— וואָס? — האָט ער געפֿרעגט, שמייכלענדיק און איז אויפֿגעשטאַנען.

„זיך אומגעקוקט”, האָט זי אַ קלער געטון.

— גאָרנישט, איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט דיך אומקוקן, — האָט זי געזאָגט, געקוקט אויף אים און געוואָלט זיך משער זיין, צי עס איז אים פאַרדראָסיק אָדער נישט דאָס, וואָס זי האָט אים אָפּגעריסן.

— נו, ווי גוט אונז איז צוזאַמען! מיר הייסט דאָס, — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צו איר און שייַנענדיק מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

— מיר איז אַזוי גוט! איך וועל אין ערגעץ נישט פאָרן, באַזונדער קיין מאָסקווע.

— און וועגן וואָס האָסטו געטראַכט?

— איך? איך האָב געטראַכט... ניין, ניין, גיי שרייב, צעשטער דיך נישט, — האָט זי געזאָגט, פאַרקרימענדיק די ליפּן, — איך דאַרף אויך אַצינד אויסשערן די דאָזיקע לעכעלעך, זעסט?

זי האָט גענומען דאָס שערל און אָנגעהויבן אויסשערן.

— ניין, זאָג-זשע וואָס? — האָט ער געזאָגט, זיך צוגעזעצט צו איר און זיך צוגעקוקט צו דעם רונדאַרטיקן באַוועגן זיך פון דעם קליינעם שערל.

— אַך, וואָס איך האָב געטראַכט? איך האָב געטראַכט וועגן מאָסקווע, וועגן דיין פּאַטילניצע.

— פאַרוואָס קומט מיר גראָד אַזוי פיל גליק? אומנאַטירלעך. צו גוט, — האָט ער געזאָגט, קושנדיק איר האַנט.

— מיר איז, פאַרקערט, וואָס בעסער, אַלץ נאַטירלעכער.

— און דו האָסט אַ צעפּעלע, — האָט ער געזאָגט, פאָרזיכטיק אויסדרייענדיק איר קאָפּ, — אַ צעפּעלע. זעסט, אָט דאָ. ניין, ניין, מיר אַרבעטן!

די אַרבעט איז שוין נישט פאָרגעקומען, און זיי זענען, ווי שולדיקע אָפּגעשפּרונגען איינער פון אַנדערן, ווען קוזמאַ איז אַריינגעקומען מעלדן, אַז די טיי איז פאַרטיק.

— און פון שטאָט איז מען געקומען? — האָט לעווין געפרעגט בא קוזמאַן.

— נאָר-וואָס געקומען, זיי טוען זיך אויס.

— קום-זשע באַלד, — האָט זי אים געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון קאַבינעט, — וואָרים אַנישט וועל איך אָן דיר איבערלייענען די בריוו. און לאָמיר אין פיר הענט שפּילן.

געבליבן אַליין און אַריינגעלייגט זיינע העפטן און דעם נייעם, דורך

איר געקויפטן, פאַרטפעל, האָט ער גענומען זיך וואַשן די הענט אין דעם נייעם וואַש=בעקן מיט די נייע, מיט איר צוזאַמען דערשינענע וואַש=מכשירים. לעווין האָט געשמייכלט פון זיינע געדאַנקען און אומצופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דידאָזיקע געדאַנקען; אַ געפיל, ענלעך צו חרטה, האָט אים געמאַטערט. עפּעס שעמעוודיקס, פאַרצערטלטס, קאַפּוישס, ווי ער האָט זיך דאָס אָנגערופן, איז געווען אין זיין איצטיק לעבן. „צו לעבן אַזוי איז נישט גוט, — האָט ער געקלערט. — אָט איז שוין באַלד דריי חדשים, און איך טו כמעט גאָרנישט. אָט האָב איך מיך כמעט צום ערשטן מאָל גענומען ערנסט צו דער אַרבעט, און וואָס=זשע? — בלויז אָנגעהויבן און אַוועקגעוואָרפן. אפילו מיינע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען — אויך די האָב איך כמעט פאַרנאַכלעסיקט. ארום דעם באַלעבאַטישקייט — גיי איך אויך נישט און פאָר נישט. דאָ איז מיר אַ שאָד זי איבערצולאָזן, דאָ זע איך, אַז איר איז לאַנגווייליק. און איך האָב געמיינט, אַז ביז צו דער חתונה איז דאָס לעבן אַזוי זיך, אַבי ווי, רעכנט זיך נישט, און אַז נאָך דער חתונה הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמתע. און אָט איז שוין באַלד דריי חדשים, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פוסט=און=פּאַס און אומנוצלעך פאַרבראַכט די צייט. ניין, מען טאָר אַזוי נישט, מען מוז אָנהייבן. פאַרשטייט זיך, זי איז נישט שולדיק. איר קאָן מען גאָרנישט פאַרוואַרפן. איך אַליין האָב געדאַרפט זיין האַרטער, אָפּגרענעצן מיין מאַנסבילשע אומאָפּהענגיקייט. וואָרים אַזוי קאָן מען אַליין צוגעוווינט ווערן און זי צוגעווינען... פאַרשטייט זיך, זי איז נישט שולדיק", האָט ער זיך געזאָגט.

אָבער עס איז שווער פאַר אַן אומצופרידענעם מענטש נישט צו באַשולדיקן עמעצן אַ צווייטן. און טאַקע דעם, ווער עס איז אים צום נאָענטסטן, אין דעם, פון וואָס ער איז נישט צופרידן. און לעווינען איז אומקלאָר געקומען אויפן רעיון, אַז נישט אַזוי זי אַליין איז שולדיק (שולדיק האָט זי אין גאָרנישט געקאָנט זיין), נאָר עס איז שולדיק איר דערציונג, די צו איבערפלעכלעכע און לייכטזיניקע („דערדאָזיקער נאַר טשאַרסקי: איך ווייס, זי האָט געוואָלט, נאָר נישט געקאָנט אים אָפּשטעלן"). „יאָ, חוץ אינטערעס צום הויז (דאָס האָט זי), חוץ איר טואַלעט און חוץ broderie anglaise, האָט זי נישט קיין ערנסטע אינטערעסן. נישט קיין אינטערעס צו מיין אַרבעט, צו דעם באַלעבאַטישקייט, צו די פּויערן, נישט צו דער מוזיק, אין וועלכער זי איז גענוג שטאַרק, נישט צום לייענען. זי טוט גאָרנישט און איז אינגאַנצן באַפרידיקט". לעווין האָט דאָס אין האַרץ

פֿאַראורטיילט און נאָך נישט פֿאַרשטאַנען, אַז זי גרייט זיך צו דעם פּעריאָד פֿון טעטיקייט, וועלכער דאַרף קומען פֿאַר איר, ווען זי וועט זיין איינצייטיק אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן, אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ הויז, וועט טראָגן, זייגן און האָדעווען קינדער. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז זי פֿילט דאָס מיטן חוש, און, גרייטנדיק זיך צו דערדאָזיקער שרעקלעכער אַרבעט, טאַדלט זי זיך נישט פֿאַר די מינוטן פֿון זאָרגלאָזיקייט און ליבעס-גליק, פֿון וועלכע זי געניסט אַצינד, פֿריילעך פֿלעכטנדיק איר קינפֿטיקע נעסט.

XVI.

ווען לעווין איז אַרויפֿגעקומען אינדערהייך, איז זיין פֿרוי געזעסן באַם נייעם זילבערנעם סאַמאָוואַר מיטן נייעם טיי-געשיר. זי האָט אוועקגעזעצט די אַלטע אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ באַם קליינעם טישעלע מיט אַן אָנגעגאָסן שעלעכל טיי פֿאַר איר און געלייענט אַ בריוו פֿון דאָלין, מיט וועלכער זיי האָבן זיך כּסדר און אָפֿט איבערגעשריבן.

— קוקסט, אוועקגעזעצט מיך אייער פּריצה, געהייסן מיך זיצן מיט איר, — האָט אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט, פֿריינטלעך שמייכלענדיק אויף קיטין.

אין דידאָזיקע אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַס ווערטער האָט לעווין איבערגעלייענט דעם פֿינאַל פֿון דער דראַמע, וואָס איז אין דער לעצטער צייט פֿאָרגעקומען צווישן אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ און קיטין. ער האָט געזען, אַז נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן עגמת נפֿש, וואָס אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונען איז אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען פֿון דער נייער באַלעבאָסטע, וואָס האָט איר צוגענומען דעם רודער פֿון פֿאַרוואַלטונג, האָט קיטי דאָך זי באַזיגט און געבייט זיך ליב צו האָבן.

— אָט האָב איך אויך איבערגעלייענט דיין בריוו, — האָט קיטי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים אַ גריזיק געשריבענעם בריוו. — דאָס איז פֿון יענער פֿרוי, דאַכט זיך, דיין ברודערס... — האָט זי געזאָגט. — איך האָב נישט איבערגעלייענט. און דאָס איז פֿון מיינע און פֿון דאָלין. שטעל דיר פֿאָר! דאָלי האָט געפֿירט מיט סאַרמאַטסקין אויפֿן קינדערבאַל גרישען און טאַניען; טאַניאַ איז געווען אַ מאַרקיזע.

אָבער לעווין האָט זי נישט געהערט: ער האָט, רויט ווערנדיק,

גענומען דעם בריוו פון מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ, דעם ברודער ניקאָלאַיס געוועזענער געליבטע, און אים אָנגעהויבן צו לייענען. דאָס איז געווען שוין דער צווייטער בריוו פון מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ. אין ערשטן בריוו האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ געשריבן, אַז דער ברודער האָט זי פאַרטריבן פון זיך אומשולדיק, און מיט רירנדער נאַיווקייט צוגעגעבן, אַז הגם זי איז ווידער אין נויט, דאַרף בעט זי גאָרנישט, פאַרלאַנגט גאָרנישט, נאָר עס פייניקט זי בלויז דער געדאַנק, וואָס ניקאָלאַי דמיטריטש גייט אונטער אָן איר צוליב זיין שוואַכן געזונט, און האָט געבעטן דעם ברודער זיך צו פאַרנעמען מיט אים. אַצינד האָט זי געשריבן עפּעס אַנדערש. זי האָט געפונען ניקאָלאַי דמיטריעוויטשן, איז זיך ווידער צונויפגעגאַנגען מיט אים אין מאָסקווע און איז געפאָרן מיט אים אין אַ גובערניאַלער שטאָט אַריין, ווו ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן. אָבער דאָרט האָט ער זיך צעקריגט מיטן שעף און איז צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע, נאָר אויפן וועג אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז ווער ווייסט, צי ער וועט זיך שוין אויפהייבן, — האָט זי געשריבן. „ער דערמאָנט כסדר אָן אייך, און דאָס געלט איז שוין אויסגעגאַנגען".

— לייען איבער, דאָלי שרייבט וועגן דיר, — האָט שוין קיטי שמייכלענדיק אָנגעהויבן, אָבער פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, באַמערקנדיק דעם געענדערטן אויסדרוק אויפן מאַנס פּנים. — וואָס איז דיר? וואָס איז אַזוינס?

— זי שרייבט מיר, אַז ניקאָלאַי, דער ברודער, האַלט בײַ שטאַרבן. איך וועל פאָרן.

קיטיס פּנים האָט זיך פּלוצלינג געענדערט. די געדאַנקען וועגן טאַניען, דער מאַרקיזע, וועגן דאָלין, דאָס אַלץ איז פאַרשוווּנדן.

— ווען זשע וועסטו פאָרן? — האָט זי געזאָגט.

— מאָרגן.

— איך פאָר אויך מיט, מען קען? — האָט זי געזאָגט.

— קיטי! נו, וואָס איז דאָס? — האָט ער מיט פאָרוואורף געזאָגט.

— ווי הייסט וואָס? — האָט זי זיך באַליידיקט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי ווי אומגערן און מיט פאַרדראָס אויפגענומען איר פאָרשלאָג. — פאַרוואָס־זשע זאָל איך נישט פאָרן? איך וועל דיר נישט שטערן. איך...

— איך פאָר דערפאַר, וואָס מיין ברודער שטאַרבט, — האָט לעווין געזאָגט. — נאָכוואָס דו...

— נאָכוואָס? נאָך דעם אייגענעם, וואָס דו.

„אויך אין אזא וויכטיקער מינוט פאר מיר טראכט זי בלויז וועגן דעם, אז איר וועט זיין לאנגווייליק אליין", האט לעווין א קלער געטון. און דערדאזיקער תירוץ בא אזא וויכטיקער זאך האט אים בייז געמאכט.

— דאס איז אוממעגלעך, — האט ער שטרענג געזאגט.

אגאפיא מיכאילאוונא, זעענדיק, אז עס דערגייט צו א קריג, האט שטיל אוועקגעשטעלט דאס שעלעכל און איז ארויסגעגאנגען. קיטי האט זי אפילו נישט באמערקט. דער טאן, מיט וועלכן דער מאן האט געזאגט די לעצטע ווערטער, האט זי באליידיקט באזונדערס מיט דעם, וואס ער האט, אפנים, נישט געגלייבט אין דעם, וואס זי האט געזאגט.

— און איך זאג דיר, אז אויב דו וועסט פארן, וועל איך אויך מיט דיר פארן, אומבאדינגט פארן, — האט זי אייליק און בייז א זאג געטון. — פארוואס איז אוממעגלעך? פארוואס זאגסטו, אז ס'איז אוממעגלעך?

— ווייל פארן גאט ווייסט וווהין, איבער וואסערע וועגן, האטעלן... דו וועסט מיך קווילן, — האט לעווין געזאגט, באמיענדיק זיך צו זיין קאלטבלוטיק.

— לגמרי נישט. איך דארף גארנישט. ווו דו קאנסט, דארט קאן איך אויך...

— נו, שוין בלויז צוליב דעם אליין, וואס דארט געפינט זיך די־דאזיקע פרוי, מיט וועלכער דו קאנסט דיך נישט דערנענטערן.

— איך ווייס גארנישט און וויל נישט וויסן, ווער און וואס דארט געפינט זיך. איך ווייס, אז מיין מאנס ברודער שטארבט און דער מאן פארט צו אים, און איך פאר מיטן מאן, כדי...

— קיטי! זיי נישט בייז. אבער דו גיב נאר א קלער, די זאך איז אזוי וויכטיק, אז מיר טוט וויי צו טראכטן, אז דו מישסט צונויף דאס געפיל פון שוואכקייט, פון אומווילן צו בלייבן אליין. נו, דיר וועט זיין לאנגווייליק אליין, נו, פאר־זשע קיין מאסקווע.

— אט דו שרייבסט מיר שטענדיק צו מיאוסע. געמיינע געדאנקען, — האט זי א זאג געטון מיט טרערן פון באליידיקונג און כעס. — איך טו דאס איבער גארנישט, נישט איבער שוואכקייט. איבער גארנישט... איך פיל, אז מיין חוב איז צו זיין מיטן מאן, ווען ער איז אין א צרה. נאר דו ווילסט מיר בפירוש וויי טון, ווילסט מיך בפירוש נישט פארשטיין...

— ניין, דאס איז שרעקלעך. זיין עפעס א קנעכט! — האט לעווין אויסגעשריגן, אויפשטייענדיק און נישט זייענדיק מער בכוח איינצוהאלטן

זיין פֿאַרדראָס. אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָט ער דערפֿילט, אַז ער שלאָגט זיך אַליין.

— פֿאַרוואָס־זשע האָסטו תּתונה געהאַט? וואָלסט געווען פֿריי. נאָכ־וואָס, אויב דו האָסט חרטה? — האָט זי אַ זאָג געטון, איז אויפֿגעשפּרונ־גען און אַריינגעלאָפֿן אין גאַסטצימער.

ווען ער איז אַריינגעקומען נאָך איר, האָט זי געשלאָכצט מיט טרערן.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן, זיך באַמיט צו געפֿינען די ווערטער, וועלכע זאָלן זי נישט אַזוי פֿיל איבערצייגן, ווי באַרויקן. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און גענומען איר זיך ווערנדיקע האַנט. ער האָט גע־קושט איר האַנט, געקושט אירע האָר, ווידער געקושט איר האַנט, — זי האָט אַלץ געשוויגן. אָבער ווען ער האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענט באַם פּנים און געזאָגט: „קיטי!" — איז זי פּלוצלינג צו זיך גע־קומען, האָט געוויינט אַ ביסל און זיך איבערגעבעטן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פֿאָרן מאָרגן צוזאַמען. לעווין האָט געזאָגט דער פֿרוי, אַז ער גלייבט, אַז זי האָט געוואָלט פֿאָרן בלויז כּדי צו זיין נוצלעך. האָט מסכּים געווען, אַז מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַס אָנוועזנ־הייט באַם ברודער שטעלט נישט מיט זיך פֿאָר קיין שום נישט אָנשטענ־דיקס; אָבער טיף אין דער נשמה איז ער געפֿאָרן אומצופֿרידן מיט איר און מיט זיך. ער איז געווען אומצופֿרידן מיט איר דערפֿאַר, וואָס זי האָט נישט געקאָנט נעמען אויף זיך אָפּצולאָזן אים, ווען דאָס איז נייטיק גע־ווען (און ווי אויסטערליש איז אים געווען צו טראַכטן, אַז ער, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג נישט געוואַגט צו גלייבן אין דעם גליק, אַז זי קאָן אים ליב קריגן, פֿילט זיך אַצינד אומגליקלעך דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים צו ליב!) און אומצופֿרידן מיט זיך, וואָס ער איז נישט אויסגעהאַלטן. נאָך מער איז ער געווען טיף אין דער נשמה נישט איינשטימיק מיט דעם, וואָס זי גייט נישט אָן יענע פֿרוי, וועלכע איז מיטן ברודער, און ער האָט מיט שרעק געטראַכט וועגן אַלע מעגלעכע קאָנפֿליקטן, וואָס קאָנען צווישן זיי פֿאָרקומען. שוין דאָס אַליין, וואָס זיין פֿרוי, זיין קיטי, וועט זיין אין איין צימער מיט אַ גאַסן־מיידל, האָט אים גענייט אויפֿצוגייטערן פֿון פֿאַראַכטונג און שרעק.

XVII.

דער האָטעל פון דער גובערניע־שטאָט, אין וועלכן ניקאָלאַי לעווין איז געלעגן, איז געווען איינער פון יענע גובערניע־האָטעלן, וועלכע ווערן איינגעאָרדנט לויט די נייע פאַרפולקאָמטע מוסטערן, מיט די בעסטע כוונות פון ריינקייט, קאָמפאָרט און אפילו עלעגאַנץ, נאָר וועלכע פאַרוואַנדלען זיך מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט, לויטן פּובליקום, וואָס באַזוכט זיי, אין שמוציקע שענקען מיט אַ פּרעטענזיע אויף מאָדערנע פאַרפולקאָמונגען און ווערן מיט דערדאָזיקער פּרעטענזיע נאָך ערגער פון די אַלטע, איינפאַך שמוציקע האָטעלן. דערדאָזיקער האָטעל איז שוין געקומען אין דעם צושטאַנד; סיי דער זעלנער אין שמוציקן מונדיר, וואָס האָט געררייכערט אַ פּאַפּיראָס באַם אַריינגאַנג און האָט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן אַ שווייצער, סיי די אייזערנע, דורכזיכטיקע, כּרהשחורהדיקע און אומאָנגענעמע טרעפּ, סיי דער געשיקטער פראָטירער אין דעם שמוציקן פראַק, סיי דער אַלגעמיינער זאַל מיטן פאַרשטויבטן וואַקסענעם בוקעט בלומען, וואָס האָט באַשיינט דעם טיש, און דער שמוץ, און שטויב, און אומריינקייט אומעטום, און איינצייטיק עפּעס נייע באַנמעסיקע זעלבסטצופרידענע פאַרזאָרגטקייט פון דעמדאָזיקן האָטעל — האָבן אַרויסגערופן באַ די לעווינס נאָך זייער יונג לעבן דאָס שווערסטע געפיל, באַזונדערס דורך דעם, וואָס דער פאַלשער איינדרוק, וועלכן דער האָטעל האָט געמאַכט, האָט בשום אופן נישט האַרמאָנירט מיט דעם, וואָס זיי האָט דערוואַרט.

ווי שטענדיק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך דער פראַגע וועגן דעם, אין וואָסער פּרייז זיי ווילן אַ נומער, איז קיין איין גוטער נומער נישט געווען: איין גוטער נומער איז פאַרנומען געווען דורך אַ רעוויזאָר פון דער באַן, דער צווייטער — דורך אַן אַדוואָקאַט פון מאָסקווע, דער דריטער — דורך דער פירשטין אַסטאַפּיעווא פון דאָרף. עס איז געבליבן איין שמוציקער נומער, לעבן וועלכן מען האָט פאַרשפּראָכן ביז אָוונט אויסצולײדיקן דעם צווייטן. זייענדיק ביין אויפן ווייב דערפאַר, וואָס ס'איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט, נעמלעך, וואָס אין דער מינוט פון קומען, דעמאָלט, ווען דאָס האַרץ האָט זיך אין אים צונויפגעקראַמפּט פון אויפרעגונג באַם געדאַנק וועגן דער לאַגע פון ברודער, איז

אים אויסגעקומען צו זאָרגן וועגן איר, אַנשטאָט צו לויפן גלייך צום ברו־
דער, האָט לעווין אַריינגעפירט די פרוי אין נומער, וועלכער איז זיי אָפּ־
געגעבן געוואָרן.

— גיי, גיי! — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק מיט אַ נישט דרייסטן,
שולדיקן בליק אויף אים.

ער איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר און גלייך זיך
צונויפגעטראָפן מיט מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ, וואָס איז געוויר געוואָרן וועגן
זיין קומען און האָט נישט געוואַגט אַריינצוגיין צו אים. זי איז געווען
ממש די אייגענע, וואָס ער האָט געזעען אין מאָסקווע: דאָס זעלבע וואָ־
לענע קלייד. און די אַנטבלויזטע הענט און האַלז, און דאָס זעלבע גוט־
מוטיק־טעמפּע, עטוואָס דיקער געוואָרענע געשטופּלטע פּנים.

— נו! וואָס? ווי פילט ער זיך? וואָס?

— זייער שלעכט. זיי שטייען נישט אויף. זיי האָבן אַלץ געוואַרט
אויף אייך. זיי... איר... מיט דער פרוי.

לעווין האָט נישט פאַרשטאַנען אין דער ערשטער מינוט, וואָס עס
האָט זי געשטערט אין פאַרלעגנהייט, אָבער זי האָט אים גלייך דער־
קלערט.

— איך וועל גיין, איך וועל אין קיך אַריין גיין, — האָט זי אַרויס־
גערעדט, — זיי וועלן צופרידן זיין. זיי האָבן געהערט, און קענען זיי און
געדענקען פון אויסלאַנד.

לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט זיין ווייב, און נישט געוווסט,
וואָס צו ענטפערן.

— קומט, קומט! — האָט ער געזאָגט.

ווי נאָר אָבער ער האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט זיך די טיר פון
זיין נומער געעפנט, און קיטי האָט אַרויסגעקוקט. לעווין איז רויט געוואָרן
אי פון בושה אי פון פאַרדראָס אויף זיין פרוי, וואָס האָט געשטעלט זיך
און אים אין דערדאָזיקער שווערער לאַגע; אָבער מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ
איז נאָך מער רויט געוואָרן. זי האָט זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט און
איז רויט געוואָרן ביז טרערן און, אָנכאַפּנדיק מיטביידע הענט די שפּיצן
פון טוך, האָט זי זיי צונויפגעקנייטשט מיט רויטע פינגער, נישט וויסנדיק,
וואָס צו רעדן און וואָס צו טון.

דעם ערשטן אויגנבליק האָט לעווין געזעען אַן אויסדרוק פון גי־
ריקער נייגיריקייט אין דעם בליק, מיט וועלכן קיטי האָט געקוקט אויף

דער אומפֿאַרשטענדלעכער, פֿאַר איר שרעקלעכער פֿרוי; נאָר דאָס האָט געדויערט בלויז איין אויגנבליק.

— נו, וואָס־זשע? וואָס־זשע מאַכט ער? — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן און דערנאָך צו איר.

— מען קאָן דאָך נישט אין קאָרידאָר רעדן! — האָט לעווין געזאָגט, אומקוקנדיק זיך מיט פֿאַרדראָס אויף אַ הער, וועלכער איז, מיט ציטערנדיקע פֿיס, כלומרשט צוליב זיינס אַן ענין אין דער צייט געגאַנגען איבערן קאָרידאָר.

— נו, קומט־זשע אַריין, — האָט קיטי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט באַהערשט; אָבער באַמערקט דעם מאַנס דערשראָקן פּנים, האָט זי צוגעגעבן, — אָדער גייט, גייט און שיקט נאָך מיר, — און זיך אומגעקערט אין נומער אַריין. לעווין איז אַוועקגעגאַנגען צום ברודער.

ער האָט בשום אופֿן נישט דערוואַרט דאָס, וואָס ער האָט דערזעען און דערפֿילט באַם ברודער. ער האָט דערוואַרט צו טרעפֿן דעם זעלבן צושטאַנד פֿון זעלבסטנאַרעריי, וועלכער, ער האָט געהערט, טרעפֿט אַזוי אָפֿט באַ שווינדזיכטיקע און וועלכער האָט אים אַזוי שטאַרק איבערראַשט בעתן ברודערס באַזוך אין האַרבסט. ער האָט דערוואַרט צו טרעפֿן מער באַשטימטע פֿיזישע סימנים פֿון טויט, וואָס דערנענטערט זיך, אַ גרעסערע שוואַכקייט, גרעסערע דאַרקייט, נאָר פֿונדעסטוועגן — כּמעט די זעלבע לאַגע. ער האָט דערוואַרט, אַז ער אַליין וועט איבערלעבן דאָס זעלבע געפֿיל פֿון צער צוליב דעם פֿאַרלוסט פֿון געליבטן ברודער און שרעק פֿאַרן טויט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעמאָלט, נאָר בלויז אין אַ גרעסערער מאָס. און ער האָט זיך געגרייט צו דעם; אָבער ער האָט געטראָפֿן גאָר עפּעס אַנדערש.

אין דעם קליינעם, שמוציקן נומער, וואָס איז פֿאַרשפּיגן געווען איבער די קאָלירטע פּאַזאָ פֿון די ווענט, און וואָס הינטער זיין דינעם ווענטל האָט זיך געהערט רעדן, אין דער לופֿט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַ שטיקנדיקן ריח פֿון אומריינקייט, אויף אַן אָפּגערוקטן בעט פֿון דער וואַנט, איז געלעגן אַ קערפּער צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. איין האַנט פֿון דעמדאָזיקן קערפּער איז געווען איבער דער קאָלדרע, און די אומגעהייער גרויסע, ווי אַ גראַביע, האַנט איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך צוגעפֿעסטיקט צו אַ דינער און גלייכער פֿון אָנהייב ביז אינמיטן לאַנגער

צעווקע. דער קאָפּ איז געלעגן זייטיק אויפן קושן. לעווין האָט געזעען פאַרשוויצטע, שיטערע האָר אויף די שלייפן און אַ גלאַטן, ממש דורכזיכטיקן שטערן.

„עס קאָן נישט זיין, אַז דערדאָזיקער שרעקלעכער קערפּער זאָל זיין דער ברודער ניקאָלאַי", האָט לעווין אַ קלער געטון, אָבער ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט דערזעען דאָס פּנים, און עס איז שוין נישט מעגלעך געווען צו צווייפלען. נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעך געענדערטן פּנים, איז גענוג געווען פאַר לעווינען אַ בליק צו טון אין דידאָזיקע לעבעדיקע אויגן אַריין, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אויף זיין אַריינקומען, צו באַמערקן די לייכטע באַוועגונג פון מויל אונטער די צונויפגעקלעפּטע וואָנסעס, כדי צו פאַרשטיין דעם שרעקלעכן אמת, אַז דערדאָזיקער טויטער קערפּער איז דער לעבעדיקער ברודער.

די בלישטשענדיקע אויגן האָבן שטרענג און מיט פאַרוואָרף אַ בליק געטון אויף דעם אַריינגעקומענעם ברודער. און מיט דעמדאָזיקן בליק האָט זיך גלייך איינגעשטעלט אַ לעבעדיקע באַציונג צווישן די לעבעדיקע. לעווין האָט גלייך דערפילט פאַרוואָרף אין דעם אָנגעשטעלטן בליק אויף אים און חרטה אויף זיין גליק.

ווען קאָנסטאַנטין האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, האָט ניקאָלאַי אַ שמייכל געטון. דער שמייכל איז געווען אַ שוואַכער, אַ קוים קענטיקער, און נישט געקוקט אויף דעם שמייכל, האָט דער שטרענגער אויסדרוק פון די אויגן זיך נישט געביטן.

— דו האָסט נישט דערוואַרט מיך צו טרעפן אַזעלכן, — האָט ער מיט אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט.

— יאָ... ניין, — האָט לעווין געזאָגט, פּלאָנטערנדיק זיך אין די רייד. — פאַרוואָס-זשע האָסטו נישט געגעבן צו וויסן פריער, דאָס הייסט נאָך אין דער צייט פון מיין חתונה? איך האָב מיך אומעטום נאָכגעפרעגט.

מען האָט געמוזט רעדן, כדי נישט צו שווייגן, אָבער ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו רעדן, בפרט אַז דער ברודער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר בלויז געקוקט, נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און משמעות אַריינגעדרונגען אין דער באַדייטונג פון יעדן וואָרט. לעווין האָט מיטגעטיילט דעם ברודער, אַז זיין פרוי איז מיטגעקומען מיט אים. ניקאָלאַי האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, נאָר געזאָגט, אַז ער האָט מורא זי נישט צו דערשרעקן מיט זיין לאַגע. עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילשווייגן.

פלוצלינג האָט ניקאָלאַי זיך אַ רודער געטון און אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן. לעווין האָט דערוואַרט עפּעס באַזונדער באַדייטנדיקס און וויכטיקס לויט דעם אויסדרוק פון זיין פנים, אָבער ניקאָלאַי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיין געזונט. ער האָט באַשולדיקט דעם דאָקטאָר, האָט באַדויערט, וואָס עס געפינט זיך נישט דאָ דער באַרימטער מאָסקווער דאָקטאָר, און לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָפט נאָך אַלץ.

אויסנוצנדיק די ערשטע מינוט פון שווייגן, איז לעווין אויפגעשטאַנען, וועלנדיק זיך באַפרייען כאָטש אויף אַ מינוט פון דעם פיינלעכן געפיל, און געזאָגט, אַז ער וועט גיין ברענגען דאָס ווייב.

— נו, גוט, און איך וועל הייסן צורוימען דאָ. דאָ איז שמוציק און עס שטינקט, מיין איך. מאַשאַ, רוים צו דאָ, — האָט דער קראַנקער געזאָגט מיט אָנשטרענגונג. — און ווען וועסט האָבן צוגערוימט, גיי אַרויס, — האָט ער צוגעגעבן, מיט אַ פראַגע קוקנדיק אויפן ברודער.

לעווין האָט גאָרנישט געענטפערט. אַרויסגעקומען אין קאָרידאָר אַריין, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט רופן דאָס ווייב, אָבער אַצינד, אַנאַליזירנדיק דאָס געפיל, וועלכעס ער האָט איבערגעלעבט, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט, פאַרקערט, זיך באַמיען זי אַנצורעדן, אַז זי זאָל נישט אַריינגיין צום קראַנקן. „צוואָס זאָל זי זיך פייניקן, אַזוי ווי איך?“ האָט ער אַ קלער געטון.

— נו, וואָס? ווי אַזוי? — האָט קיטי געפרעגט מיט אַ דערשראָקן פנים.

— אַך, דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך! נאָכוואָס ביסטו געקומען? — האָט לעווין געזאָגט.

קיטי האָט געשוויגן עטלעכע סעקונדן, קוקנדיק נישט דרייסט און רחמנותדיק אויפן מאַן; דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען און מיטביידע הענט אים אָנגענומען באַם עלנבויגן.

— קאָסטיאַ, פיר מיך אַריין צו אים, צוזאַמען וועט אונז לייכטער זיין. דו פיר מיך בלויז אַריין, פיר מיך אַריין, איך בעט דיך, און גיי אַוועק, — האָט זי אַ זאָג געטון. — דו פאַרשטייי, אַז זען דיך און נישט זען אים איז פאַר מיר אַ סך שווערער. דאָרט קאָן איך, אפשר, זיין נוצלעך דיר און אים. איך בעט דיך, דערלויב! — האָט זי געבעטן דעם מאַן, פונקט ווי איר לעבנס-גליק וואָלט געווען אָפּהענגיק פון דעם.

לעווין האָט געמוזט איינשטימען, און, נאָכדעם ווי ער האָט זיך

באַהערשט און פולשטענדיק פאַרגעסן אָן מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איז ער ווידער מיט קיטין געגאַנגען צום ברודער.

טרעטנדיק לייכט, כסדר קוקנדיק אויפן מאַן און ווייזנדיק אים אַ מוטיק און מיטפילנד פנים, איז זי אַריינגעגאַנגען אין צימער פון קראַנקן און, נישט איילנדיק זיך אויסגעדרייט, האָט זי אָן גערויש פאַרמאַכט די טיר. מיט אומהערבאַרע טריט איז זי שנעל צוגעגאַנגען צום בעט פון קראַנקן און אַרומקרייזלענדיק אַזוי, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אויסדרייען דעם קאָפּ, האָט זי גלייך אַריינגענומען אין איר פרישער, יונגער האַנט זיין גרויסע האַנט, זי אַ דריק געטון און מיט דער, בלויז פרויען געאייגנטער, נישט באַליידיקנדער און מיטפילנדער שטילער הייטערקייט אָנגעהויבן רעדן מיט אים.

— מיר האָבן זיך געטראָפן, נאָר נישט געווען באַקאַנט, אין סאָדען, — האָט זי געזאָגט. — אייך איז נישט איינגעפאַלן, אַז איך וועל זיין אייער שוועסטער.

— איר וואָלט מיך נישט דערקענט, — האָט ער געזאָגט מיט דעם שמייכל, וואָס האָט אויפגעליכטן בײַ איר אַריינקומען.

— ניין, איך וואָלט דערקענט. ווי גוט איר האָט געטון, וואָס איר האָט אונדז צו וויסן געגעבן! עס איז נישט געווען קיין טאָג, אַז קאָסטיאַ זאָל נישט דערמאָנען אָן אייך און זיך באַאומרויקן.

אָבער דעם קראַנקנס הייטערקייט האָט געדויערט נישט לאַנג.

זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי אויף זיין פנים האָט זיך ווידער באַוויזן דער שטרענגער, פאַרוואָרפספולער קנאה־אויסדרוק פון אַ שטאַרבנדיקן צו אַ לעבעדיקן.

— איך האָב מורא, אַז אייך איז דאָ נישט אינגאַנצן גוט, — האָט זי געזאָגט, אָוועקדרייענדיק זיך פון זיין אָנגעשטרענגטן בליק און באַטראַכטנדיק דאָס צימער. — מען וועט דאַרפן פאַרלאַנגען בײַם באַלעבאָס אַ צווייט צימער, — האָט זי געזאָגט דעם מאַן, — כדי עס זאָל אונדז אויך זיין נענטער.

XVIII.

לעווין האָט נישט געקאָנט רויק קוקן אויפן ברודער, האָט נישט געקאָנט אַליין זיין נאַטירלעך און רויק אין זיין קעגנוואַרט. ווען ער איז אַריינגעקומען צום קראַנקן, זענען זיינע אויגן און אויפמערקזאַמקייט באַוווּסטלאָז פאַרשטעלט געוואָרן און ער האָט נישט געזען און נישט אונטערגעשיידט די פּרטים פון דעם ברודערס לאַגע. ער האָט געשפּירט אַ שרעקלעכן ריח, האָט געזען דעם שמוץ, די אומאָרדנונג, די פּיינלעכע לאַגע, דאָס קרעכצן און געפילט, אַז העלפן צו דעם קאָן מען נישט. אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן אַ קלער צו טון וועגן אַנאַליזירן אַלע איינצלהייטן פון דעם קראַנקנס צושטאַנד, אַ קלער צו טון, ווי אַזוי עס ליגט דאָרט אונטער דער קאָלדרע דער דאָזיקער קערפּער, ווי אַזוי עס ליגן דאָרט איינגעבויגענערהייט די דאָזיקע אויסגעדאַרטע פיס, דער רוקן און צי קאָן מען זיי נישט עפּעס בעסער לייגן, טון עפּעס, אַז עס זאָל זיין כאָטש נישט בעסער, אָבער וויניקער שלעכט. אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפן איבערן רוקן, ווען ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די אַלע איינצלהייטן. ער איז געווען איבערצייגט אָן ספק, אַז מען קאָן גאָרנישט טון נישט פאַרן פאַרלענגערן דאָס לעבן, נישט פאַרן פאַרלייכטערן די יסורים. אָבער דער קראַנקער האָט געפילט, אַז ער אַנערקענט יעדע הילף פאַר אוממעגלעך און דאָס האָט אים אויפגערייצט. און דעריבער איז לעווינען געווען נאָך שווערער. זיין אין צימער פון קראַנקן איז געווען פאַר אים פּיינלעך, נישט זיין — נאָך ערגער. און ער איז כסדר אונטער פאַרשידענע תירוצים אַרויסגעגאַנגען און ווידער אַריינגעגאַנגען, נישט זייענדיק בכוח צו בלייבן אַליין.

אָבער קיטי האָט געטראַכט, געפילט און געהאַנדלט נישט אַזוי. באַם זען דעם קראַנקן איז איר געוואָרן אַ רחמנות אויף אים, און דאָס רחמנות אין איר פרויען-נשמה האָט אַרויסגערופן גאָרנישט דאָס געפיל פון שרעק און עקל, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין איר מאַן, נאָר אַ נייטיקייט צו טון, געוווּר צו ווערן אַלע איינצלהייטן פון זיין צושטאַנד און טון עפּעס פאַר אים. און אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז זי איז אים מחויב צו העלפן, אַזוי האָט זי אויך נישט געצווייפלט

אין דעם, אַז מען קאָן דאָס, און זיך גלייך גענומען טון. די זעלבע איינצעלהייטן, וואָס בלויז דער געדאַנק וועגן זיי האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף איר מאַן, האָבן באַלד צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. זי האָט געשיקט נאָכן דאָקטאָר, געשיקט אין דער אַפטייק אַריין, האָט באַפוילן דעם געקומענעם מיידל מיט איר און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַן צו קערן, אָפווישן דער שטויב, וואַשן, האָט עפעס אַליין אָפגעוואַשן, איבערגעוואַשן, עפעס אונטערגעלייגט אונטער דער קאָלדרע. עפעס האָט מען לויט איר פאַראָרדנונג אַריינגעטראָגן און אַרויסגעטראָגן פון קראַנקנס צימער. זי אַליין איז עטלעכע מאָל געגאַנגען אין איר נומער אַריין, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף די הערן, וואָס זענען איר אַקעגן געקומען, האָט אַרויסגענומען און געברענגט לײלעכער, ציכלעך, האַנטיכער, העמדער.

דער לאָקיי, וואָס האָט דערלאַנגט אין אַלגעמיינעם זאַל מיטאָג די אינזשיניערן, איז עטלעכע מאָל מיט אַ בייז פנים געקומען אויף איר רופן און נישט געקאָנט נישט אויספירן אירע באַפעלן, ווייל זי האָט מיט אַזאַ ליבלעכער צודרינגלעכקייט זיי אַרויסגעגעבן, אַז מען האָט איר בשום אופן נישט געקאָנט אָפזאָגן. לעווין איז נישט צופרידן געווען פון דעם אַלעם; ער האָט נישט געגלייבט, אַז פון דעם זאָל אַרויסקומען עפעס אַ נוץ פאַרן קראַנקן. מער אָבער פון אַלעם האָט ער מורא געהאַט, אַז דער קראַנקער זאָל נישט בייז ווערן. אָבער דער קראַנקער האָט זיך נישט געבייזערט, הגם ער איז, דאַכט זיך, געווען גלייכגילטיק צו דעם, נאָר בלויז זיך געשעמט, בכלל אָבער האָט ער זיך פלומרשט אינטערעסירט מיט דעם, וואָס זי האָט געטון אַרום אים. צוריקגעקומען פון דאָקטאָר, צו וועלכן קיטי האָט אים געשיקט, האָט לעווין, נאָכדעם ווי ער האָט געעפנט די טיר, געטראָפן דעם קראַנקן אין דער מינוט, ווען מען האָט אים, אויף קיטיס פאַראָרדנונג, געביטן די וועש. דער לאַנגער, ווייסער רוקן-ביין מיט די אומגעהייערע גרויסע, בולטע אַקסל-בלעטער און אַרויסשטאַרנדיקע ריפנביינער און גליד-שלעסער איז געווען אַנטבלויזט, און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ מיטן לאָקיי האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין אַרבל פון העמד און נישט געקאָנט אַריינטרעפן אין אים מיט דער לאַנגער נאָכהענגענדיקער האַנט. קיטי, וואָס האָט איילִיק פאַרמאַכט די טיר נאָך לעווינען, האָט נישט געקוקט אין יענער זייט אַריין; אָבער דער קראַנקער האָט אַ קרעכץ געטון, און זי האָט זיך שנעל געלאָזט גיין צו אים.

— גיבער-זשע, — האָט זי געזאָגט.

— גייט נישט, — האָט דער קראַנקער בייז אַ זאָג געטון, — איך וועל אַליין...

— וואָס זאָגט איר? — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ איבערגעפרעגט.

אָבער קיטי האָט דערהערט און פאַרשטאַנען, אַז אים איז איבער דער טבע און נישט אָנגענעם צו זיין אַנטבלויזט פאַר איר.

— איך קוק נישט, איך קוק נישט! — האָט זי געזאָגט, אויסגלייכנדיק די האַנט. — און איר, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, גייט אַרונטער פון דער אַנדערער זייט און פאַרריכט, — האָט זי צוגעגעבן.

— גיי, איך בעט דיך, באַ מיר אין קליינעם בייטעלע געפינט זיך אַ גלעזעלע, — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן, — דו ווייסט דאָך, אין דעם זייטיקן קעשענקעלע, ברענג עס, איך בעט דיך, און דערווייל וועט מען דאָ איינגאַנצן צורוימען.

צוריקגעקומען מיטן גלעזל, האָט לעווין שוין געטראָפן דעם קראַנקן ליגן און אַרום אים איז אַלץ געווען געענדערט. דער שווערער ריח איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַ ריח פון עסיק מיט פּערפום, וועלכן קיטי האָט מיט אַרויסגעשטעלטע ליפּן און אָנגעבלאָזענע באַקן צעשפּריצט דורך אַ רערל. קיין שטויב האָט זיך אין ערגעץ נישט געזען, אונטערן בעט איז געווען אַ טעפּיך. אויפן טיש זענען געשטאַנען גלייך אויסגעשטעלט די גלעזער, די קאַראַפינקע און ס'איז געווען איינגעלייגט די נייטיקע וועש און קיטיס אַרבעט broderie anglaise. אויפן צווייטן טיש לעבן קראַנקנס בעט איז געשטאַנען צו טרינקען, אַ ליכט און ס'זענען געלעגן די פּראָשקעס. דער קראַנקער אַליין, אָן אָפּגעוואַשענער און פאַרקעמטער, איז געלעגן אויף ריין איבערצוג, אויף הויך אויפגעהויבענע קישנס, אין אַ ריין העמד מיט אַ ווייסן קאָלנער אַרום דעם אומנאַטירלעך דינעם האַלדז און האָט מיט אַ נייעם אויסדרוק פון האָפנונג, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויף קיטין.

דער דאָקטאָר, וועלכן לעווין האָט געפונען אין קלוב און אים געברענגט, איז געווען נישט דער, וועלכער האָט געהיילט ניקאָלאַי לעווינען און מיט וועלכן ער איז געווען נישט צופרידן. דער נייער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען דאָס טרייבל און אויסגעהערט דעם קראַנקן, האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, פאַרשריבן אַ רעצעפּט און מיט באַזונדערער פּינקטלעכקייט דערקלערט פריער, ווי אַזוי צו נעמען די רעצעפּט, דערנאָך וואָסער דיעטע צו האַלטן. ער האָט געעצהט אייער רויע אָדער לויזע

און סעלצער-וואַסער מיט פאַרבריטע מילך פון אַ געוויסער טעמפּעראַטור. ווען דער דאָקטאָר איז אוועקגעפאָרן האָט דער קראַנקער עפּעס געזאָגט דעם ברודער, נאָר לעווין האָט דערהערט בלויז די לעצטע ווערטער: „דיין קאַטיאַ“. לויטן בליק אָבער, מיט וועלכן ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, האָט לעווין פאַרשטאַנען, אַז ער לויבט זי. ער האָט צוגערופן אויך קאַטיען, ווי ער האָט זי גערופן.

— מיר איז שוין אַ סך בעסער, — האָט ער געזאָגט. — אָט מיט אייך וואָלט איך שוין לאַנג געזונט געוואָרן. ווי גוט! — ער האָט גענומען איר האַנט און זי אַ ציִ געטון צו זיינע ליפּן, נאָר, אַזוי ווי מורא האָבנדיק, אַז דאָס וועט איר נישט אָנגענעם זיין, האָט ער זיך מישב געווען, זי אַרויסגעלאָזט און זי בלויז אַ גלעט געטון. קיטי האָט אָנגענומען דידאָזיקע האַנט מיטביידע הענט און זי אַ דריק געטון.

— אַצינד לייגט מיך איבער אויף דער לינקער זייט און גייט שלאָפן, — האָט ער אַ זאָג געטון.

קיינער האָט נישט דערהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, קיטי אַליין האָט פאַרשטאַנען. זי האָט פאַרשטאַנען, ווייל זי האָט כסדר זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, וואָס ער דאַרף.

— אויף דער צווייטער זייט, — האָט זי געזאָגט דעם מאַן, — ער שלאָפט שטענדיק אויף דער. לייג אים איבער, עס איז נישט אָנגענעם צו רופן די דינער. איך קאָן נישט. און איר קאָנט נישט? — האָט זי זיך געווענדט צו מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

— איך האָב מורא, — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ געענטפערט.

ווי שרעקלעך עס איז נישט געווען לעווינען אַרומצונעמען מיט די הענט דעמדאָזיקן שרעקלעכן קערפּער, אָנצונעמען דידאָזיקע ערטער אונטער דער קאָלדרע, וועגן וועלכע ער האָט געוואָלט נישט וויסן, האָט ער דאָך, אונטערגעבנדיק זיך דעם ווייבס ווירקונג, געמאַכט זיין אַנטשלאָסן פּנים, וועלכעס איז איר באַקאַנט געווען, אַרונטערגערוקט די הענט, אים אונטערגעהויבן און, נישט געקוקט אויף זיין כוח, געווען איבערראַשט פון דער אויסטערלישער שווערקייט פון דידאָזיקע שלאַבעריקע גלידער. בעת ער האָט אים איבערגעדרייט, פילנדיק זיין האַלז אַרומגענומען מיט דער גרויסער, אויסגעדאַרטער האַנט, האָט קיטי שנעל, אומהערבאַר איבערגעדרייט דאָס קישן, עס אויפגעדודערט און גלייך געמאַכט דעם קראַנקנס קאָפּ און די שיטערע האָר, וואָס האָבן זיך אים ווידער צוגעקלעפּט צו דער שלייף.

דער קראַנקער האָט פאַרהאַלטן אין זיין האַנט דעם ברודערס האַנט. לעווין האָט געפילט, אַז ער וויל עפּעס טון מיט זיין האַנט און ציט זי ערגעץ. לעווין האָט אָפּגעשוואַכט זיך נאָכגעגעבן. יאָ, ער האָט זי צוגעצויגן צו זיין מויל און איר אַ קוש געטון. לעווין האָט זיך אַ טרייסל געטון פון שלוכצן און, נישט זייענדיק בכוח גאָרנישט אַרויסצורעדן, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

XIX.

„ער האָט פאַרהוילן פון די חכמים און אַנטפּלעקט פאַר די קינדער און נישט פאַרשטענדיקע“, אַזוי האָט לעווין געטראַכט וועגן זיין פרוישמועסנדיק מיט איר דעם אָוונט.

לעווין האָט געטראַכט וועגן דעם פּסוק אין דער עוואַנגעליע נישט דערפאַר, וואָס ער זאָל זיך געוועזן האַלטן פאַר אַ חכם. ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין חכם. אָבער נישט געקאָנט נישט וויסן, אַז ער איז קליגער פאַרן ווייב און פאַר אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, און נישט געקאָנט נישט וויסן, אַז ווען ער טראַכט וועגן טויט, טראַכט ער מיט אַלע כּוחות פון דער נשמה. ער האָט אויך געוווסט, אַז אַ סך גרויסע מאַנסבילשע קעפּ, וואָס ער האָט געלייענט זייערע געדאַנקען וועגן דעם, האָבן געטראַכט וועגן דעם און נישט געוווסט קיין איין הונדערטסטל פון דעם, וואָס עס וויסן וועגן דעם זיין ווייב און אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ. ווי פאַרשידנאַרטיק עס זענען נישט געווען די דאָזיקע צוויי פרויען, אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ און קאַטיאַ, ווי דער ברודער ניקאָלאַי האָט זי גערופן און ווי עס איז אַצינד לעווינען באַזונדערס אָנגענעם געווען זי צו רופן, זענען זיי אין דעם געווען גאָר ענלעך. ביידע האָבן אָן ספק געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס לעבן און וואָס ס'איז אַזוינס טויט, און הגם זיי וואָלטן בשום אופן נישט געקאָנט ענטפערן און וואָלטן אפילו נישט פאַרשטאַנען די פראַגן, וועלכע זענען אויפגעשווומען פאַר לעווינען, האָבן ביידע דאָך נישט געצווייפלט אין דער וויכטיקייט פון דערדאָזיקער דערשיינונג און נישט בלויז צווישן זיך, נאָר טיילנדיק דעמדאָזיקן בליק מיט מיליאָנען מענטשן, האָבן ביידע גלייך געקוקט אויף דעם. דער באַווייז פון דעם, אַז זיי האָבן פעסט געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס טויט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן

נישט צווייפלענדיק קיין סעקונדע געוווּסט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט שטאַרבנדיקע, און האָבן נישט מורא געהאַט פאַר זיי. לעווין אָבער און די אַנדערע, הגם זיי האָבן געקאָנט אַ סך רעדן וועגן טויט, האָבן משמעות נישט געוווּסט, וואָס צו טון, ווען מענטשן שטאַרבן. ווען לעווין וואָלט געווען אַצינד אַליין מיטן ברודער ניקאָלאַי, וואָלט ער מיט פחד געקוקט אויף אים און נאָך מיט גרעסערער אימה געוואַרט, און וואָלט גאָרנישט מער געקאָנט טון.

און נישט נאָר דאָס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו רעדן, ווי אַזוי צו קוקן, ווי אַזוי צו גיין. רעדן וועגן זייטיקע זאַכן האָט אים אויסגעזעען באַליידיקענד, מען קאָן נישט; רעדן וועגן טויט, וועגן אומעטיקס — קאָן מען אויך נישט. שווייגן — קאָן מען אויך נישט. „קוקן — וועט ער מיינען, אַז איך שטודיר אים, איך האָב מורא; נישט קוקן — וועט ער מיינען, אַז איך טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש; גיין אויף די שפּיץ נעגל — וועט ער זיין נישט צופרידן; אויפן גאַנצן פוס — איז איבער דער טבע". קיטי אָבער האָט משמעות נישט געטראַכט און נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך; זי האָט געטראַכט וועגן אים, ווייל זי האָט עפּעס געוווּסט, און אַלץ איז אויסגעקומען גוט. זי האָט דערציילט אים וועגן זיך, אי וועגן איר חתונה, און האָט געשמייכלט, און באַדויערט, און געצערטלט אים, און גערעדט וועגן פאַלן פון געזונט ווערן, און אַלץ איז אויסגעקומען גוט; פאַרשטייט זיך — זי האָט געוווּסט. אַלס באַווייז דערפון, אַז איר און אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַס טעטיקייט איז נישט געווען קיין אינסטינקטיווע, חומרדיקע, אומפאַרשטאַנדיקע, איז געווען דאָס, וואָס חוץ דעם פיזישן אַרומגיין, דעם פאַרלייכטערן דאָס ליידן, האָבן סיי אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ סיי קיטי געפאָדערט פאַרן שטאַרבנדיקן נאָך עפּעס אַזוינס, מער וויכטיקס, ווי דאָס פיזישע אַרומגיין, און עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום בשותפותדיקס מיט די פיזישע באַדינגונגען. רעדנדיק וועגן פאַרשטאָרבענעם אַלטן, האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט: „וואָס-זשע, דאַנקען גאָט, ער האָט זיך מתוודה געווען, מען האָט אים געזאַלבט, הלוואי זאָל יעדער אַזוי שטאַרבן", קאַטיאַ האָט אויך, חוץ אַלע דאגות וועגן דער וועש, וועגן די אָפּגעלעגענע ווונדן, וועגן דעם טרינקען, באַלד דעם ערשטן טאָג באַוויזן איינצורעדן דעם קראַנקן, אַז ס'איז נייטיק זיך מתוודה צו זיין און זאַלבן.

אומגעקערט זיך פון קראַנקן אויף בײַנאַכט אין זיינע צוויי נומערן אַריין, איז לעווין געזעסן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, נישט וויסנדיק וואָ

צו טון. נישט רעדנדיק שוין וועגן נאַכטעסן, וועגן איינאָרדנען זיך צום שלאָפן גיין, וועגן דורכטראַכטן, וואָס זיי זאָלן טון, האָט ער נישט געקאָנט אפילו רעדן מיטן ווייב: אים איז געווען איבער דער טבע. קיטי ווידער, פאַרקערט, איז געווען טיכטיקער ווי געוויינלעך. זי איז אפילו געווען הייטערער ווי געוויינלעך. זי האָט געהייסן ברענגען נאַכטעסן, האָט אַליין אויפגעפּאַקט די זאַכן, אַליין געהאָלפן בעטן די בעטן און נישט פאַרגעסן אויסצושיטן זיי מיט פּערסישן פּראָשעק. זי איז געווען אויפגערודערט און האָט זיך שנעל אָריענטירט, וואָס מען טרעפט בא מענער פאַר א שלאַכט, פאַר א קאַמף, אין געפערלעכע און אַנטשלאָסענע לעבנס־מינוטן, — אין די מינוטן, ווען א מאַן באַווייזט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס ער איז ווערט, און דאָס, אַז זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז געווען נישט אומזיסט, נאָר א צוגרייטונג צו די מינוטן.

אַלץ איז איר געלונגען, און עס איז נאָך נישט געווען קיין צוועלף, ווי אַלע זאַכן זענען געווען אויסגערוימט זויבער, פּינקטלעך, עפּעס אַזוי באַזונדער, אַז דער נומער איז געוואָרן ענלעך צו דער היים, צו אירע צימערן: די בעטן געבעט, די בערשטלעך, די קעמלעך, די שפּיגעלעך אַרויסגעלייגט, די סערוועטקעלעך אויסגעשפּרייט.

לעווין האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן זיך נישט פאַרגינען צו עסן, שלאָפן, אפילו רעדן אַצינד, און האָט געפילט, אַז זיין יעדע באַוועגונג איז נישט אָנשטענדיק. זי אָבער האָט אויפגעפּאַקט די בערשטלעך, נאָר דאָס געטון אַלץ אַזוי, אַז עס איז נישט געווען קיין שום באַליידיקונג אין דעם.

עסן, פונדעסטוועגן, האָבן זיי גאָרנישט געקאָנט, און האָבן לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און זיך אפילו לאַנג נישט געלייגט שלאָפן.

— עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב אים אָנגערעדט מאָרגן זיך מתוודה צו זיין, — האָט זי געזאָגט, זיצנדיק אין א יאַקעלע פאַר איר אויפלייג־שפּיגל און צעקעמענדיק מיט א געדיכטן קעמל די ווייכע דופטיקע האָר. — איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געזען, אָבער איך ווייס, די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ זענען דאָ תפילות וועגן געזונט.

— צי דען מיינסטו, אַז ער קאָן געזונט ווערן? — האָט לעווין געזאָגט, קוקנדיק ווי ס'האָט זיך כסדר באַהאַלטן די שמאָלע ריי האָר,

ווי נאָר זי האָט אַ פיר געטון פאַרויס מיטן קעמל, הינטער איר קיילע־כיקן קעפל.

— איך האָב געפרעגט דעם דאָקטאָר: ער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן נישט לעבן מער ווי דריי טעג. אָבער צי קאָנען זיי וויסן? איך בין פונדעסטוועגן זייער צופרידן, וואָס איך האָב אים אָנגערעדט, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק זייטיק אויפן מאַן פון אונטער די האָר אָפּער. — אַלץ איז מעגלעך, — האָט זי צוגעגעבן מיט יענעם באַזוידערן, עטוואָס ביטרע אויסדרוק, וואָס פלעגט תּמיד זיין אויף איר פּנים, ווען זי פלעגט רעדן וועגן רעליגיע.

נאָך זייער שמועס וועגן רעליגיע, ווען זיי זענען נאָך געווען חתן־כּלה, האָט נישט ער, נישט זי קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין געשפּרעך וועגן דעם. נאָר זי פלעגט אויספירן אירע מנהגים פון באַזוכן די קירכע, די תּפילות, שטענדיק מיט דעם זעלבן רויקן באַוווסטזיין, אַז אַזוי דאַרף מען. נישט געקוקט אויף זיינע פאַרזיכערונגען אין דעם פאַרקערטן, איז זי געווען פעסט איבערצייגט, אַז ער איז פּונקט דער זעלבער און נאָך אַ בעסערער קריסט, ווי זי, און אַז דאָס אַלץ, וואָס ער רעדט וועגן דעם, איז איינער פון זיינע קאָמישע מאַנסבילישע איינפאַלן, ווי דאָס, וואָס ער רעדט וועגן broderie anglaise, אַז כּלומרשט גוטע מענטשן פאַרציר־ווען לעכער, און זי שניידט זיי בכּיוון אויס, א. אַ. וו.

— יאָ, אָט די דאָזיקע פרוי, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, האָט נישט געקאָנט איינאָרדענען דאָס אַלץ, — האָט לעווין געזאָגט. — און... איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך בין זייער, זייער צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען. דו ביסט אַזאַ ריינקייט, וואָס... — ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי נישט געקושט (קושן איר האַנט בײַ דער נאָענטקייט פון טויט האָט אים אויסגעזען נישט פּאַסיק), נאָר בלויז זי אַ דריק געטון, מיט אַ שולדיקן אויסדרוק קוקנדיק אין אירע אויפגעלויכטענע אויגן אַריין.

— דיר וואָלט אַזוי פיינלעך געווען אַליין, — האָט זי געזאָגט און, אויפהייבנדיק הויך די הענט, וועלכע האָבן פאַרשטעלט אירע פון פאַרגעניגן רויט געוואָרענע באַקן, האָט זי פאַרלייגט די צעפּ אויפן נאַקן און זיי פאַרשפּיליעט. — ניין, — האָט זי פאַרגעזעצט, — זי האָט נישט געוווסט... איך האָב מיך, צום גליק, אויסגעלערנט אַ סך אין סאָדען.

— צי דען זענען דאָרט אויך געווען אַזעלכע קראַנקע?

— ערגערע.

— פאַר מיר איז שרעקלעך דאָס, וואָס איך קאָן אים נישט זען

אזעלכן, ווי ער איז געווען אין דער יוגנט... דו ווייסט נישט גלייבן, וואָסער הערליך יינגל דאָס איז געווען, נאָר איך האָב אויך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען.

— איך גלייב זייער, זייער. ווי גוט, פיל איך, מיר וואָלטן געלעבט מיט אים, — האָט זי געזאָגט און, זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי זיך אומגעקוקט אויפן מאַן, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— יאָ, מיר וואָלטן, — האָט ער געזאָגט טרויעריק. — אָט איז געמלעך איינער פון די מענטשן, וועגן וועלכע מען זאָגט, אַז זיי זענען נישט פאַר דער וועלט.

— פונדעסטוועגן שטייען אונז פאַר אַ סך טעג, מען דאַרף זיך לייגן, — האָט קיטי געזאָגט, אַ בליק געבנדיק אויף איר מיניאַטור־זייגערל.

XX.

דער טויט

צומאָרגנס האָט מען דעם קראַנקן מתוודה געווען און געזאַלבט. בעת דער צערעמאָניע האָט ניקאָלאַי לעווין הייס מתפלל געווען. אין זיינע גרויסע אויגן, געווענדט אויפן הייליקן בילד, וואָס איז געווען אַרויפגעשטעלט אויפן קאָרטן־טישל, דעם איבערגעדעקטן מיט אַ קאָלירט טישטיכל. האָט זיך אויסגעדריקט אַזאַ ליידנשאַפטלעך בעטן און האָפן, אַז לעווינען איז געווען שרעקלעך צו קוקן אויף דעם. לעווין האָט געוווּסט, אַז דאָס־דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע בעטן און האָפן וועלן אים בלויז נאָך שווערער מאַכן דאָס צעשיידן זיך מיטן לעבן, וועלכעס ער האָט אַזוי ליב. לעווין האָט געקענט דעם ברודער און דעם גאַנג פון זיינע געדאַנקען; ער האָט געוווּסט, אַז זיין נישט גלייבן איז פאַרגעקומען נישט דערפאַר, וואָס אים איז לייכטער געווען צו לעבן אָן גלויבן, נאָר דערפאַר, וואָס טריט בײַ טריט האָבן די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונגען פון די וועלט־דערשיינונגען אַרויסגעשטויסן דעם גלויבן, און דערפאַר האָט ער געוווּסט, אַז זיין איצטיק אומקערן זיך איז נישט קיין געזעצלעכס, וואָס איז פאַר־

געקומען אויפן וועג פון זעלביקן דענקען, נאָר ס'איז בלויז צייטווייליק, אייגנגוציק, מיט דער זינלאָזער האָפנונג געזוכט צו ווערן. לעווין האָט אויך געוווסט, אַז קיטי האָט נאָך פארשטאַרקט דידאָזיקע האָפנונג מיט איר דערציילן וועגן דורך איר געהערטע אומגעוויינלעכע פאַלן פון געזונט ווערן. דאָס אַלץ האָט לעווין געוווסט, און אים האָט פיינלעך ווי געטון צו קוקן אויף דעמדאָזיקן תחנונימדיקן, האָפנונגספולן בליק און אויף דער־דאָזיקער אויסגעדאַרטער האַנט, וואָס האָט זיך מיט אָנשטרענגונג אויפגע־הויבן און געצלמט דעם שטאַרק אָנגעצויגענעם שטערן, אויף דידאָזיקע בולטע פּלייצעס און כריפּענדיקער ליידיקער ברוסט, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך דאָס לעבן, וועגן וועלכן דער קראַנ־קער האָט געבעטן. בעת דער צערעמאָניע האָט אויך לעווין געטון דאָס, וואָס ער, דער אומגלויביקער, האָט שוין טויזנט מאָל געטון. ער האָט געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו גאָט: „מאַך אַזוי, אויב דו עקזיסטירסט, אַז דערדאָזיקער מענטש זאָל געזונט ווערן (דאָס זעלבע האָט זיך דאָך שוין איבערגעחזרט טויזנטער מאָל), און דו וועסט ראַטעווען אים און מיך“.

נאָך דער זאַלבונג איז דעם קראַנקן געוואָרן פלוצלינג אַ סך בע־סער. ער האָט נישט געהוסט קיין איין מאָל אין משך פון אַ שעה, האָט געשמייכלט, געקושט קיטיס האַנט, דאַנקענדיק איר מיט טרערן, און גע־זאָגט, אַז אים איז גוט, אין ערגעץ טוט נישט ווי און אַז ער פילט אַפּע־טיט און כּוח. ער האָט זיך אפילו אַליין אויפגעהויבן, ווען מען האָט אים געבראַנגט יויך און געבעטן נאָך אַ קאָטלעט. ווי האָפנונגסלאָז ער איז נישט געווען, ווי באַשיינפּערלעך עס איז נישט געווען באַם וואַרפן אַ בליק אויף אים, אַז ער קאָן נישט געזונט ווערן, האָבן לעווין און קיטי זיך גע־פונען די שעה אין איינער און דער זעלבער גליקלעכער אויפגעהייטערט־קייט און שרעקעוודיקייט, אַז זיי זאָלן זיך נישט טועה זיין.

— בעסער? יאָ, אַ סך. — וווּנדערלעך. — קיין שום וווּנדער־לעכס. — פאַרט בעסער, — האָבן זיי גערעדט שעפּטשענדיק, שמייכלענ־דיק איינער צום אַנדערן.

דאָס נאַרן זיך האָט געדויערט נישט לאַנג. דער קראַנקער איז איינ־געשלאָפן רויק, אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט אים דער הוסט אויפגעוועקט. און פּלוצלינג זענען פאַרשווונדן אַלע האָפנונגען סיי באַ די אַרומיקע, סיי באַ אים אַליין. די ווירקלעכקייט פון דעם אומצווייפל־האַפטן ליידן, אפילו אָן דערינערונגען וועגן די פריערדיקע האָפנונגען, האָבן זיי צעשטערט באַ לעווינען און קיטין און באַם קראַנקן גופא.

נישט פֿאַרשטייענדיק אפֿילו, אין וואָס ער האָט געגלייבט מיט אַ האַלבער שעה צוריק, ווי עס וואָלט אים אַ בושה געווען אפֿילו צו דערמאָנען אָן דעם, האָט ער געפֿאָדערט מען זאָל אים געבן אַריינצואָטעמען די יאָדינע אין גלאָז, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ שטיקל פּאַפּיר מיט דורכגעשטאָכענע לעכעלעך. לעווין האָט אים דערלאַנגט דאָס גלאָז, און דער זעלבער בליק פֿון ליידנשאַפֿטלעכער האָפֿנונג, מיט וועלכן ער האָט זיך מתוודה געווען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן ברודער, פֿאָדערנדיק בײַ אים אַ באַשטעטיקונג אויף דעם דאָקטאָרס ווערטער וועגן דעם, אַז דאָס אײַנאָטעמען יאָדינע שאַפֿט וווּנדער.

— וואָס, קיטי איז נישטאָ? — האָט ער אַ כריפּע געטון זיך אומקוקנדיק, ווען לעווין האָט נישט גערן באַשטעטיקט דעם דאָקטאָרס רייד. — ניין, איז קאָן מען זאָגן... צוליב איר האָב איך דורכגעמאַכט די דאָזיקע קאָמעדיע. זי איז אַזאַ ליבע, אָבער מיר ביידע קאָנען זיך שוין נישט אָפּנאַרן. אָט אין דעם גלייב איך, — האָט ער געזאָגט און, צונויפֿדריקנדיק דאָס גלאָז מיט דער ביינִיקער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן צו אָטעמען דעריבער.

אַכט אַ זייגער אין אָוונט האָט לעווין מיטן ווייב געטרונקען טיי אין זײַן נומער, ווען מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז אָן אָטעם אַרײַנגעלאָפֿן צו זיי. זי איז געווען בלייך, און אירע ליפּן האָבן געציטערט. — ער שטאַרבט! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. — איך האָב מורא, ער וועט באַלד שטאַרבן.

ביידע זענען אַרײַנגעלאָפֿן צו אים. ער איז, אויפֿגעהויבענערהייט, געזעסן אין בעט, אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, אויסגעבויגן דעם לאַנגן רוקן און נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס פֿילסטו? — האָט לעווין פּליסטערנדיק געפֿרעגט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן.

— איך פֿיל, אַז איך גיי אַוועק, — האָט מיט אָנשטרענגונג, אָבער מיט אומגעווייִנלעכער באַשטימטקייט, פּאַמעלעך אַרויסדרענגענדיק פֿון זיך די ווערטער, ניקאָלאַי אַ זאָג געטון. ער האָט נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר בלויז געווענדט די אויגן אינדערהייך, נישט דערגרייכנדיק מיט זיי דעם ברודערס פּנים. — קאַטיאַ, גיי אַוועק! — האָט ער נאָך אַ זאָג געטון.

לעווין איז אויפֿגעשפּרונגען און מיט אַ באַפֿעלנדיקן פּליסטער געבייט זי אַרויסצוגיין.

— איך גיי אוועק, — האָט ער ווידער געזאָגט.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? — האָט לעווין געזאָגט, כדי עפּעס צו זאָגן.

— ווייל איך גיי אוועק, — האָט ער איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט ליב געקריגן דעמדאָזיקן אויסדרוק. — דער סוף.

מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ איז צוגעגאַנגען צו אים.

— איר וואָלט אייך געלייגט, עס וואָלט אייך לייכטער געווען, — האָט זי געזאָגט.

— איך וועל באַלד ליגן, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון, — טויט, — האָט ער געזאָגט שפּאָטיש, בייז. — נו, לייגט מיך, אויב איר ווילט.

לעווין האָט אוועקגעלייגט דעם ברודער אויפן רוקן, זיך געזעצט לעבן אים און אָן אָטעם געקוקט אויף זיין פּנים. דער שטאַרבנדער איז געלעגן, פאַרמאַכט די אויגן, נאָר אויף זיין שטערן האָבן פון צייט-צו-צייט זיך גערודערט די מוסקולן, ווי בא אַ מענטש, וועלכער טראַכט טיף און אָנגעשטרענגט. לעווין האָט נישט ווילנדיק געטראַכט צוזאַמען מיט אים וועגן דעם, וואָס אַזוינס עס קומט אַצינד פאַר אין אים, אָבער, נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן אָנגעשטרענגטן טראַכטן, צו גיין מיט אים צוזאַמען, האָט ער געזעען לויטן אויסדרוק פון דעמדאָזיקן רויקן שטרענגן פּנים און שפּיל פון דעם מוסקול איבער דער ברעם, אַז פאַר דעם שטאַרבענדן ווערט אַלץ קלאָרער און קלאָרער דאָס, וואָס בלייבט נאָך אַלץ אַזוי פינצטער פאַר לעווינען.

— יאָ, יאָ, אַזוי, — האָט אַקצענטירנדיק, פּאַמעלעך אַ זאָג געטון דער שטאַרבנדער. — וואַרט צו. — ווידער האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן. — אַזוי! — האָט ער פּלוצלינג באַרויקט אויסגעצויגן, ווי אַלץ וואָלט פאַר אים געלייזט געוואָרן. — אָ גאָט! — האָט ער אַ זאָג געטון און שווער אָפּגעזיפצט.

מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ האָט אָנגעטאַפּט זיינע פיס.

— זיי ווערן קאַלט, — האָט זי אַ שעפּטשע געטון.

. . . .

לאַנג, זייער לאַנג, ווי לעווינען האָט זיך אויסגעוויזן, איז דער קראַנקער געלעגן אומבאַוועגלעך. אָבער ער איז אַלץ נאָך געווען לעבעדיק און האָט פון צייט-צו-צייט געזיפצט. לעווין איז שוין מיד געווען פון

אַנגעשטרענגטן טראַכטן. ער האָט געפֿילט, אַז נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן אַנגעשטרענגטן טראַכטן, האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין דאָס, וואָס ס'האָט באַדייט דער אַזוי. ער האָט געפֿילט, אַז ער איז שוין לאַנג געבליבן הינטערשטעליק דעם שטאַרבנדן. ער האָט שוין נישט גע־קאָנט טראַכטן וועגן דער עצם־פֿראַגע פֿון טויט, נאָר נישטווילנדיק זענען אים איינגעפֿאַלן געדאַנקען וועגן דעם, וואָס עס וועט אים אויסקומען אַצינד באַלד צו טון: פֿאַרמאַכן די אויגן, אָנטון, באַשטעלן אַ טרומנע. און, מערקווירדיק, ער האָט זיך געפֿילט אינגאַנצן קאַלט און האָט נישט געשפּירט נישט קיין צער, נישט קיין פֿאַרלוסט, נאָך ווייניקער נישט קיין רחמנות צום ברודער. אויב ער האָט געהאַט אַצינד אַ געפֿיל צום ברודער, איז דאָס גיכער געווען קנאה פֿאַר דעם וויסן, וואָס דער שטאַרבנדער האָט אַצינד, אָבער וועלכעס ער קאָן נישט האָבן.

ער איז נאָך אַזוי לאַנג געזעסן איבער אים, אַלץ וואַרטנדיק אויפֿן סוף. נאָר דער סוף איז נישט געקומען. די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס'האָט זיך באַוויזן קיטי. לעווין איז אויפֿגעשטאַנען, כּדי זי אָפּצו־שטעלן. נאָר בעת ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער דערהערט אַ באַוועג־גונג פֿון מת.

— גיי נישט אַוועק, — האָט ניקאָלאַי געזאָגט און אויסגעשטרעקט די האַנט. לעווין האָט אים דערלאַנגט זיינע און בייז אַ פֿאָכע געטון צום ווייב, זי זאָל אַרויסגיין.

מיטן טויטנס האַנט אין זיין האַנט איז ער געזעסן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, נאָך אַ שעה. ער האָט אַצינד לחלוטין שוין נישט געטראַכט וועגן טויט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס טוט קיטי, ווער עס וווינט אין שכנותדיקן נומער, צי דער דאָקטאָר האָט אַן אייגן הויז. אים האָט זיך פֿאַרגלוסט עסן און שלאָפֿן. ער האָט פֿאָרזיכטיק אויסגעגלייכט די האַנט און אָנגעטאַפּט די פֿיס. די פֿיס זענען געווען קאַלט, אָבער דער קראַנקער האָט געאָטעמט. לעווין האָט ווידער אויף די שפּיץ פֿינגער געוואָלט אַרויסגיין, נאָר דער קראַנקער האָט זיך ווידער אַ ריר געטון און געזאָגט: „גיי נישט אַוועק“

. . . . . .

. . . .

. . . .

עס איז טאָג געוואָרן; דעם קראַנקנס לאַגע איז געווען די זעלבע. לעווין האָט, נישט קוקנדיק אויפֿן קראַנקן, פֿאַמעלעכינקע באַפֿרייט די האַנט, איז אַרייַנגעגאַנגען צו זיך און אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ווען ער האָט אויפֿגעוואַכט, איז ער געוואויר געוואָרן, אַנשטאָט דער ידיעה וועגן ברודערס טויט, אויף וועלכער ער האָט זיך געריכט, אַז דער ברודער איז געקומען צוריק אין פֿריערדיקן צושטאַנד. ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיך אויפֿזעצן, הוסטן, האָט ווידער אָנגעהויבן עסן, האָט אָנגעהויבן רעדן און ווידער אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן טויט, האָט ווידער אָנגעהויבן אויסצודריקן אַ האָפֿנונג אויף געזונט ווערן און איז געוואָרן נאָך דענערווירטער און מרה־שחורהדיקער, ווי פֿריער. קיינער, נישט דער ברודער, נישט קיטי, האָבן אים נישט געקאָנט באַרויִקן. ער האָט אויף אַלע זיך געבייזערט און אַלעמען געזאָגט אומאָנגענעמלעכקייטן, האָט אַלע באַשולדיקט אין זיינע ליידן און געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אים ברענגען אַ באַרימטן דאָקטאָר פֿון מאָסקווע. אויף אַלע פֿראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט וועגן דעם, ווי אַזוי ער פֿילט זיך, האָט ער געענטפֿערט אַלץ איינס מיט אַן אויסדרוק פֿון כּעס און פֿאָרוואורף: „איך לייד שרעקלעך, נישט צום אויסהאַלטן!“

דער קראַנקער האָט געליטן אַלץ מער און מער, באַזונדערס פֿון די אָפּגעלעגענע ערטער, וועלכע מען האָט שוין נישט געקאָנט פֿאַרהיילן, און האָט אַלץ מער און מער זיך געבייזערט אויף די אַרומיקע, פֿאָרגעוואָרפֿן זיי אַלץ, און באַזונדערס דאָס, וואָס מען האָט אים נישט געבראַכט קיין דאָקטאָר פֿון מאָסקווע. קיטי האָט זיך אַלץ באַמיט צו העלפֿן אים, באַרויִקן אים, אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, און לעווין האָט געזען, אַז זי אַליין איז סיי פֿיזיש סיי גייסטיק אויסגעמאַטערט, הגם זי האָט זיך נישט מודה געווען אין דעם. דאָס געפֿיל פֿון טויט, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אין אַלע דורך זיין געזעגענען זיך מיטן לעבן אין יענער נאַכט, ווען ער האָט גערופֿן צו זיך דעם ברודער, איז געווען צעשטערט. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער וועט אומפֿאַרמיידלעך און גיך שטאַרבן, אַז ער איז שוין האַלב טויט. אַלע האָבן געוואָלט בלויז איינס, אַז ער זאָל וואָס גיכער שטאַרבן, און אַלע, באַהאַלטנדיק דאָס, האָבן אים געגעבן פֿון גלאָז רפֿואות, האָבן געזוכט רפֿואות, דאָקטוירים און האָבן אָפּגענאַרט אים, און זיך, און איינער דעם אַנדערן. דאָס אַלץ איז געווען ליגנט, אַן עקלהאַפֿטע, בזיונדיקע און שפּאָטישע ליגנט. און דידאָזיקע ליגנט האָט לעווין באַזונדערס

שמערצליכן געפילט אי לויט דער אייגנשאַפט פון זיין כאַראַקטער, אי דערפאַר, וואָס ער האָט מער פון אַלע ליב געהאַט דעם שטאַרבנדיקן.

לעווין, וועלכן ס'האָט שוין לאַנג פאַרנומען דער געדאַנק, איבערצובעטן די ברידער כאָטש פאַרן טויט, האָט געשריבן דעם ברודער סערגיי איוואַנאָוויטשן, און ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער, האָט ער איבערגעלייענט דעמדאָזיקן בריוו דעם קראַנקן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געשריבן, אַז ער קאָן אַליין נישט קומען, אָבער האָט אין רירנדע ווערטער געבעטן פאַרצייונג באַם ברודער.

דער קראַנקער האָט גאָרנישט געזאָגט.

— וואָס-זשע זאָל איך אים שרייבן? — האָט לעווין געפרעגט. — איך האָף, אַז דו ביסט נישט בייז אויף אים?

— ניין, לגמרי נישט! — האָט ניקאָלאַי געענטפערט מיט פאַרדראָס אויף דערדאָזיקער פראַגע. — שרייב אים אָן, ער זאָל מיר שיקן אַ דאָקטאָר.

עס זענען אַריבער נאָך דריי פייגלעכע טעג; דער קראַנקער איז נאָך אַלץ געווען אין דער זעלבער לאַגע. דאָס געפיל פון וועלן, אַז ער זאָל שטאַרבן האָבן אַצינד איבערגעלעבט אַלע, ווער עס האָט אים נאָר געזען: סיי די לאָקייען פון האָטעל, סיי דער האָטעל-באַלעבאָס, סיי אַלע איינוווינער, און דער דאָקטאָר, און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, און לעווין, און קיטי. בלויז דער קראַנקער אַליין האָט נישט אויסגעדריקט דאָסדאָזיקע געפיל, נאָר פאַרקערט, איז בייז געווען דערפאַר, וואָס מען האָט נישט געבראַכט קיין דאָקטאָר, און האָט ווייטער גענומען די רפואות און גערעדט וועגן לעבן. בלויז אין זעלטענע מינוטן, ווען דער אָפּיום האָט אים גענייט צו פאַרגעסן אויף אַן אויגנבליק אָן די אומאויפהערלעכע יסורים, האָט ער האַלב דרימלענדיק טיילמאָל געזאָגט דאָס, וואָס איז שטאַרקער ווי באַ אַלע אַנדערע געווען אין זיין נשמה: „אַך, עס זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן!" אָדער: „ווען וועט זיך דאָס ענדיקן!"

די ליידן, וואָס האָבן זיך רעגלמעסיק פאַרגרעסערט, האָבן געטון זייער זאַך און אים צוגעגרייט צום טויט. עס איז נישט געווען קיין לאַגע, אין וועלכער ער זאָל נישט געווען ליידן, עס איז נישט געווען קיין מינוט, אין וועלכער ער זאָל זיך געווען פאַרגעסן, עס איז נישט געווען קיין אָרט, קיין אבר פון זיין קערפער, וואָס זאָלן נישט געווען וויי טון, פייניקן אים. אפילו די דערינערונגען, איינדרוקן, געדאַנקען פון דעמדאָזיקן קערפער האָבן שוין אַצינד אַרויסגערופן אין אים אויך אַזאַ עקל,

ווי דער קערפּער אַליין. דאָס זעען אַנדערע מענטשן, זייער רעדן, די אייגענע דערינערונגען — דאָס אַלץ איז געווען פאַר אים בלויז פיינלעך. די אַרומיקע האָבן דאָס געפילט און אומבאַוווסטזיניק זיך נישט דערלויבט אין זיין קעגנוואַרט נישט צו מאַכן קיין פרייע באַוועגונג, נישט צו רעדן, נישט אויסצודריקן זייערע באַגערן. זיין גאַנץ לעבן האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין געפיל פון ליידן און אַ פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען פון דעם.

אין אים איז משמעות פאָרגעקומען די איבערקערעניש, וועלכע האָט אים געדאַרפט נייטן צו קוקן אויפן טויט, ווי אויף אַ באַפרידיקונג פון זיינע פאַרלאַנגען, ווי אויף אַ גליק. פריער איז איטלעכער באַזונדערער פאַרלאַנג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך ליידן אָדער ווייטיק, ווי הונגער, מידקייט, דורשט, באַפרידיקט געוואָרן דורך אַ פונקציע פון קערפּער, וועלכע האָט פאַרשאַפט הנאה, אָבער אַצינד האָט דער ווייטיק און דאָס ליידן נישט באַקומען קיין באַפרידיקונג, און דער פּרוּוו צו באַפרידיקן האָט אַרויסגערופן נייע יסורים. און דעריבער האָבן אַלע פאַרלאַנגען זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם — איין פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון אַלע יסורים און זייער מקור, דעם קערפּער. אָבער צום אויסדריקן דעמדאָזיקן פאַרלאַנג פון באַפרייונג האָט ער נישט געהאַט קיין ווערטער, און דעריבער האָט ער נישט גערעדט וועגן דעם, נאָר פון געוווינהייט געפאָדערט צו באַפרידיקן די פאַרלאַנגען, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט באַפרידיקט ווערן. — לייגט מיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, — האָט ער געזאָגט און באַלד דערנאָך געפאָדערט, מען זאָל אים איבערלייגן אַזוי ווי פריער. — גיט מיר בוליאָן. נעמט צו דעם בוליאָן. דערציילט עפּעס, וואָס שווייגט איר. — און ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און אויסגעדריקט אַ מידעקייט, גלייכגילטיקייט און עקל.

אויפן צענטן טאָג נאָכן קומען אין שטאָט אַריין איז קיטי קראַנק געוואָרן. זי האָט געקריגן קאָפּווייטיק, האָט געבראָכן, און האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן נישט געקאָנט אויפשטיין פון בעט.

דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז די קרענק שטאַמט פון מידעקייט, אויפרעגונג, און האָט איר באַפוילן אָפּצוהיטן די גייסטיקע רויקייט.

נאָך מיטאָג איז קיטי, פונדעסטוועגן, אויפגעשטאַנען און, ווי שטענדיק, אַריינגעגאַנגען מיט אַן אַרבעט צום קראַנקן. ער האָט שטרענג אַ קוק

געטון אויף איר, ווען זי איז צוגעקומען, און ביטולדיק אַ שמייכל געטון, ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען קראַנק. אין דעם טאָג האָט ער אָן אויפהער געשנייצט די נאָז און יעמערלעך געקרעכצט.

— ווי פילט איר זיך ? — האָט זי אים געפרעגט.

— ערגער, — האָט ער מיט אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט. — עס טוט וויי !

— וווּ טוט וויי ?

— אומעטום.

— היינט וועט זיך ענדיקן, איר וועט זעען, — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ געזאָגט, הגם פליסטערנדיק, אָבער אַזוי, אַז דער קראַנקער, וואָס איז געווען זייער עמפינדלעך, ווי לעווין האָט באַמערקט, האָט זי געמוזט דערהערן. לעווין האָט איר אַ ווונק געטון זי זאָל שווייגן און זיך אומגעקוקט אויפן קראַנקן. ניקאָלאַי האָט געהערט, נאָר די דאָזיקע ווערטער האָבן נישט געמאַכט אויף אים קיין שום איינדרוק. זיין בליק איז נאָך אַלץ געווען דער זעלבער תרעומותדיקער און אָנגעשטרענגטער.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי ? — האָט זי לעווין געפרעגט, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען נאָך אים אין קאָרידאָר אַריין.

— ער האָט אָנגעהויבן רייסן פון זיך, — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ געזאָגט.

— וואָס הייסט רייסן ?

— אָט אַזוי, — האָט זי געזאָגט, ציפנדיק די פאַלבן פון איר וואָלן קלייד. ווירקלעך, לעווין האָט באַמערקט, אַז דעם גאַנצן טאָג האָט דער קראַנקער געריסן פון זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַראָפּרייסן.

מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַס פאָרזאָגן איז געווען אמת. דער קראַנקער איז פאַרנאַכט שוין נישט געווען בכוח אויפצוהייבן די הענט און האָט בלויז געקוקט פאַר זיך, נישט ענדערנדיק דעם אויפמערקזאַם-קאָנצענטרירטן אויסדרוק פון בליק. אפילו ווען דער ברודער אָדער קיטי האָבן זיך אָנגעבויגן איבער אים, אַזוי, אַז ער זאָל זיי קאָנען זעען, האָט ער אויך אַזוי געקוקט. קיטי האָט געשיקט נאָכן גלח.

בעת דער גלח האָט געלייענט די תפילה, האָט דער קראַנקער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון לעבן ; די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. לעווין, קיטי און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ זענען געשטאַנען באַם בעט. דער גלח האָט נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט די תפילה, ווי דער

שטאַרבנדיקער האָט זיך אַ צי געטון, אָפּגעזיפצט און פאַרמאַכט די אויגן. דעם גלח, פאַרענדיקט די תפילה, האָט צוגעלייגט דעם צלם צום קאַלטן שטערן, דערנאָך אים פאַמעלעך איינגעוויקלט אין דעם עפּיטראַכיל און, אָפּשטייענדיק שווייגנדיק נאָך אַ צוויי מינוט, האָט ער אָנגערירט די קאַלט געוואָרע און בלוטלאָזע גרויסע האַנט.

— געשטאָרבן, — האָט דער גלח געזאָגט און געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פּלוצלינג האָבן זיך די צונויפגעקלעפּטע ליפּן פון דעם טויטן אַרויס געטון, און עס האָבן זיך קלאָר אין דער שטילקייט דערהערט פון דער טיף פון דער ברוסט די באַשטימט־שאַרפע קלאַנגען:

— נישט אינגאַנצן... באַלד.

און אין אַ מינוט אַרום האָט דאָס פּנים זיך צעשטראַלט, אונטער די וואָנסעס האָט אויפגעליכטן אַ שמייכל, און די פאַרזאַמלטע פרויען האָבן זיך פאַרזאָרגט גענומען אָנטון דעם טויטן.

דער אָנבליק פון ברודער און די נאָענטקייט פון טויט האָבן באַנייט אין לעווינס האַרץ יענץ געפיל פון שרעק פאַר דער אומבאַשיידבאַרקייט און איינצייטיק נאָענטקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון טויט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט אין יענעם האַרבסט־אָוונט, ווען דער ברודער איז צו אים געקומען. דאָסדאָזיקע געפיל איז אַצינד געווען נאָך שטאַרקער, ווי פריער; נאָך ווינציקער, ווי פריער, האָט ער זיך אַצינד געפילט מסוגל צו פאַרשטיין דעם זינען פון טויט, און נאָך שרעקלעכער האָט אים אַצינד אויסגעזען זיין אומפאַרמיידלעכקייט, אָבער אַצינד, אַ דאַנק דער נאָענטקייט פון ווייב, האָט דאָסדאָזיקע געפיל אים נישט אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג: ער האָט, נישט געקוקט אויפן טויט, געפילט אַ נייטיקייט צו לעבן און ליב האָבן. ער האָט געפילט, אַז די ליבע האָט אים באַשירעמט פון פאַרצווייפלונג און אַז דידאָזיקע ליבע אונטער דער דראָונג פון פאַרצווייפלונג איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און ריינער.

עס האָט נישט באַוויזן פאַר זיינע אויגן פאַרענדיקט צו ווערן איין געהיימניש פון טויט, וואָס איז געבליבן אומבאַשיידט, ווי ס'איז אויפגעשוומען אַ צווייטע, אויך אַזאַ אומבאַשיידבאַרע, וואָס האָט געוועקט צו ליבע און לעבן.

דער דאָקטאָר האָט באַשטעטיקט זיינע באַהויפּטונגען בנוגע קיטי. איר נישט געזונטקייט איז געווען שוואַנגערשאַפט.

XXI.

פֿון דער מינוט אָן, װאָס אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש האָט פֿאַרשטאַנען פֿון די געשפּרעכן מיט בעטסין און מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטשן, אַז מען פֿאָדערט פֿון אים בלױז, ער זאָל צורו לאָזן זײַן פֿרױ, נישט קװײלן זי מיט זײַן אָנװעזנהײט, און אַז זײַן פֿרױ אַלײן װיל דאָס, האָט ער זיך דערפֿילט אַזױ פֿאַרלױרן, אַז ער אַלײן האָט גאָרנישט געקאָנט באַשליסן, נישט געװוּסט אַלײן, װאָס ער װיל אַצינד, און, איבערגעבנדיק זיך אין די הענט פֿון די, װעלכע האָבן מיט אַזאַ פֿאַרגעניגן זיך פֿאַרנומען מיט זײַנע ענינים, האָט ער אױף אַלץ געענטפֿערט מיט אײַנשטימיקײט. בלױז װען אַננאַ איז שױן געהאַט אַװעקגעפֿאָרן פֿון זײַן הױז אַרױס און די ענגלענדערין האָט אים געשיקט פֿרעגן, צי זי דאַרף עסן מיט אים צוזאַמען אָדער באַזונדער, האָט ער צום ערשטן מאָל קלאָר פֿאַרשטאַנען זײַן לאַגע און זיך דערשראָקן פֿאַר איר.

שװערער פֿון אַלץ איז אין דער לאַגע געװען דאָס, װאָס ער האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרײניקן און שלום שליסן צװישן זײַן פֿאַרגאַנגענהײט מיט דעם, װאָס ס'איז געװען אַצינד. נישט די פֿאַרגאַנגענהײט, װען ער האָט גליקלעך געלעבט מיט דער פֿרױ, האָט אים פֿאַרשאַפֿט עגמת נפֿש. דעם איבערגאַנג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט צום װיסן װעגן דער אומטרײַהײט פֿון דער פֿרױ האָט ער שױן פּײַנלעך געהאַט איבערגעלעבט; דער דאָזיקער צושטאַנד איז געװען שװער, אָבער פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אים. װען די פֿרױ װאָלט דעמאָלט, נאָכדעם װי זי האָט אים דערקלערט, אַװעקגעגאַנגען פֿון אים, װאָלט ער געװען באַטריבט, אומגליקלעך, אָבער ער װאָלט נישט געװען אין דער, פֿאַר זיך אַלײן אומאױסגעגנלעכער, אומפֿאַרשטענדלעכער לאַגע, אין װעלכער ער האָט זיך געפֿילט אַצינד. ער האָט אַצינד בשום אופֿן נישט געקאָנט שלום שליסן צװישן זײַן נישט לאַנגסטיקער פֿאַרגאַנגענהײט, זײַן האַרציקײט, זײַן ליבשאַפֿט צו דער קראַנקער פֿרױ און פֿרעמדן קינד מיט דעם, װאָס ס'איז געװען אַצינד, דאָס הײסט מיט דעם, װאָס, אַזױ װי אַלס באַלױנונג פֿאַר דעם אַלעם, האָט ער זיך אַצינד דערפֿילט אַלײן, אַ פֿאַרשעמטער, אױסגעלאַכטער, קײנעם נישט נײטיקער און דורך אַלע פֿאַראַכטעטער.

די ערשטע צוויי טעג נאָך דעם ווייבס אוועקפאָרן האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויפגענומען אינטערעסאַנטן, דעם געשעפטס-פּראָוואָל-טער, איז געפאָרן אין קאָמיטעט אַריין און איז אַרויסגעקומען אויף מי-טאָג אין עסצימער אַריין, ווי געוויינלעך. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון צוליב וואָס ער טוט דאָס, האָט ער אַלע כּוחות פון זיין נשמה פאַרווענדט אין די צוויי טעג בלויז דערויף, אַז ער זאָל אויסזעען רויק און אפילו גלייכגילטיק. ענטפערנדיק אויף די פראַגן וועגן דעם, וואָס צו טון מיט די זאַכן און צימערן אַננאַ אַרקאַדיעוונאַס, האָט ער געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג איבער זיך, אויסצוזעען ווי אַ מענטש, פאַר וועלכן די פאָרגעקומענע געשעעניש איז נישט געווען אומדערוואַרט און האָט נישט אין זיך קיין שום אומגעוויינלעכס, און ער האָט דערגרייכט זיין ציל: קיינער האָט נישט געקאָנט באַמערקן אין אים קיין סימנים פון פאַרצווייפלונג. אָבער צוויי טעג נאָכן אוועקפאָרן, ווען קאָרנעי האָט אים דערלאַנגט אַ חשבון פון אַ מאָדע-מאַגאַזין, וועלכן אַננאַ האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן, און דערקלערט, אַז דער אָנגעשטעלטער אַליין געפינט זיך דאָ, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געהייסן אַריינרופן דעם אָנ-געשטעלטן.

— אַנטשולדיקט, עקסעלענץ, וואָס איך נעם מיר די דרייסטקייט אייך צו באַאומרויקן. נאָר אויב איר וועט באַפעלן זיך צו ווענדן צו איר עקסעלענץ, צי וועט איר נישט באַווילּיקן אָנצווייזן איר אַדרעס.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ס'האָט אויס-געזעען דעם אָנגעשטעלטן, און פּלוצלינג זיך אויסגעדרייט און זיך אוועק-געזעצט צום טיש. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט, איז ער לאַנג געזעסן אין דער לאַגע, עטלעכע מאָל געפּרוווט רעדן און יעדעס מאָל זיך אָפּגעשטעלט.

פאַרשטאַנען דעם הערס געפילן, האָט קאָרנעי געבעטן דעם אָנגע-שטעלטן צו קומען אַ צווייט מאָל. בלייבנדיק ווידער אַליין, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאַרשטאַנען, אַז ער איז מער נישט בכּוח אויסצוהאַלטן די ראָלע פון פעסטקייט און רויקייט. ער האָט געהייסן אָפּלייגן די וואַרטנ-דיקע קאַטש, האָט נישט געהייסן קיינעם אויפנעמען און איז נישט אַרויס-געגאַנגען צו מיטאָג.

ער האָט דערפילט, אַז אים וועט נישט מעגלעך זיין אויסצוהאַלטן דעם אַלגעמיינעם דרוק פון פאַראַכטונג און האַרטקייט, וועלכע ער האָט דייטלעך געזעען אויפן פּנים סיי פון דעם אָנגעשטעלטן, סיי פון קאָרנעיען.

סיי פון אלע, אן אויסנאם, ווען ער האט באגעגנט אין די צווי טעג. ער האט געפילט, אז ער קאן נישט אפווענדן פון זיך דעם האס פון די מענטשן, ווייל דערדאזיקער האס שטאמט נישט דערפון, וואס ער איז שלעכט (דעמאלט וואלט ער זיך געקאנט באמיען צו זיין בעסער). נאר דערפון, וואס ער איז שענדלעך און עקלהאפט אומגליקלעך. ער האט געוווסט, אז פאר דעם, פאר דעם טאקע, וואס זיין הארץ איז צעשמעטערט, וועלן זיי זיין אומברחמנותדיק צו אים. ער האט געפילט, אז די מענטשן וועלן אים פארניכטן, ווי הינט דערשטיקן א צעביסענעם, הייל־דיקן הונט פון ווייטיק. ער האט געוווסט, אז די איינציקע רעטונג פון די מענטשן איז — צו באהאלטן פאר זיי זיינע וואונדן, און ער האט דאס אומבאוווסטזיניק געפרוווט טון צוויי טעג, אבער אצינד האט ער זיך שוין דערפילט נישט בכוח פארצוזעצן דעמדאזיקן נישט גלייכן קאמף.

די פארצווייפלונג איז נאך פארשטארקט געווארן פון דער אנער־קענונג, אז ער איז אינגאנצן איינזאם אין זיין צרה. ער האט נישט בלויז אין פעטערבורג נישט געהאט קיין איין מענטש, וועמען ער וואלט גע־קאנט ארויסזאגן אלץ, וואס ער האט איבערגעלעבט, וועך עס וואלט אים באדויערט נישט ווי א הויכן באאמטן, נישט ווי קיין מיטגליד פון דער גע־זעלשאפט, נאר פשוט ווי א ליידנדיקן מענטש, נאר ער האט אויך אין ער־געץ נישט געהאט אזא מענטש.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז געוואקסן א יתום. זיי זענען געווען צוויי ברידער. דעם פאטער האבן זיי נישט געדענקט, די מוטער איז גע־שטארבן, ווען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז אלט געווען צען יאר. א פארמעגן איז געווען א קליינס. דער פעטער קארענין, א וויכטיקער באא־מטער און אמאליקער ליבלינג פון דעם פארשטארבענעם קייסער, האט זיי אויפגעהאדעוועט.

פארענדיקט די קורסן אין גימנאזיע און אוניווערזיטעט מיט מע־דאלן, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש מיט דער הילף פון פעטער גלייך פארנומען אן אנגעזעענעם ארט אויפן אמטלעכן וועג און פון דעמאלט אן זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער אמטלעכער קאריערע. נישט אין גימ־נאזיע, נישט אין אוניווערזיטעט, נישט דערנאך, אין דינסט, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש נישט פארבונדן מיט קיינעם קיין פריינטלעכע באציונ־גען. דער ברודער איז אים געווען דער נאענטסטער און הארציקסטער מענטש, אבער ער האט געדינט אין אויסערן־מיניסטעריום, האט שטענדיק

געוווינט אין אויסלאַנד, ווו ער איז אויך געשטאָרבן באַלד נאָך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס חתונה.

אין דער צייט, ווען ער איז געווען גובערנאַטאָר, האָט אַנגעס אַ מומע, אַ רייכע פרוי אין דער גובערניע, צונויפגעפירט הגם דעם שוין נישט יונגנמאַן, אָבער יונגן גובערנאַטאָר מיט איר פּלימעניצע און אים געשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז ער איז געניי́ט געווען אָדער זיך אַרויסצו־זאָגן, אָדער אַרויסצופאָרן פון שטאָט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך לאַנג געוואַקלט. פּונקט אַזוי פיל סיבות איז געווען דעמאָלט פאַר דעם שריט, וויפיל קעגן, און עס איז נישט געווען די אַנטשלאָסענע סיבה, וועלכע זאָל אים באַוועגן צו ענדערן זיין כלל: אָפּהאַלטן זיך אין דער צייט פון צווייפלען; אָבער אַנגעס מומע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין דורך אַ באַקאַנטן, אַז ער האָט שוין קאָמפּראָמיטירט דאָס מיידל און דער חוב פון ערע פאַרפליכטעט אים צו מאַכן אַ פאָרשלאַג. ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג און אַוועקגעגעבן דער כלה און פרוי דאָסדאָזיקע גאַנצע גע־פיל, אויף וועלכן ער איז פעיק געווען.

די צוגעבונדנקייט, וועלכע ער האָט געפילט צו אַננען, האָט אויס־געשלאָסן פון זיין נשמה די מינדסטע באַדערפענישן פון אינטימע באַ־ציונגען צו מענטשן. און אַצינד האָט ער פון אַלע באַקאַנטע נישט גע־האַט קיין איין נאָענטן. אַ סך איז געווען פון דעם, וואָס מען רופט פאַר־בינדונגען; אָבער קיין פריינטלעכע באַציונגען זענען נישט געווען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאַט אַ סך אַזעלכע מענטשן, וועלכע ער האָט געקאָנט איינלאַדן צו זיך אויף מיטאָג, בעטן אַנטייל צו נעמען אין אַן ענין, וואָס האָט אים אינטערעסירט, וועגן פּראָטעקציע פאַר עמעצן, וועמען ער האָט געוואָלט אַ טובה טון. מיט זיי אַלע האָט ער גע־קאָנט אויפריכטיק באַהאַנדלען די מעשים פון אַנדערע פּערזאָנען און פון דער רעגירונג. אָבער די באַציונגען צו דידאָזיקע פּערזאָנען זענען געווען איינגעשלאָסן אין איין, דורך מנהג און געוווינהייט, פעסט באַ־שטימטן געביט, פון וועלכן עס איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצוגיין. עס איז געווען איין אוניווערזיטעט־חבר, מיט וועלכן ער האָט זיך שפּע־טער דערבענטערט און וואָלט געקאָנט זיך דורכשמועסן וועגן זיין פּער־זענלעכן אומגליק, נאָר דערדאָזיקער חבר איז געווען אַ שול־קוראַטאָר אין אַ וווייטן בילדונגס־קרייז. פון די פּערזאָנען אָבער, וואָס זענען גע־ווען אין פּעטערבורג, זענען נענטער און מעגלעכער פון אַלע געווען דער פירער פון דער קאַנצעלאַריע און דער דאָקטאָר.

מיכאַיל וואַסיליעוויטש סליודין, דער געשעפטס-פאַרוואַלטער איז געווען אַ פּשוטער, קלוגער, גוטער און מאָראַלישער מענטש, און אין אים האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געפילט צו זיך אַ פערזענלעכע סימפּאַטיע; אָבער די פינפיעריקע דינסטלעכע טעטיקייט זייערע האָט אַוועקגעלייגט צווישן זיי אַ מחיצה פאַר אינטימע פאַרטרויונגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, נאָכן אונטערשרייבן די פּאַפּירן, האָט לאַנג געשוויגן, געקוקט אויף מיכאַיל וואַסיליעוויטשן, און עטלעכע מאָל געפּרוווט, אָבער נישט געקאָנט אָנהייבן צו רעדן. ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פראַזע: איר האָט געהערט וועגן מיין אומגליק? אָבער פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, ווי געוויינלעך: — וועט איר מיר דאָס צוגרייטן, — און מיט דעם אים אָפּגעלאָזט.

דער צווייטער מענטש איז געווען דער דאָקטאָר, וועלכער איז אויך געווען גוט געשטימט צו אים; אָבער צווישן זיי איז שוין דורך אַ שווייגנדיקער הסכמה אָנערקענט געווען, אַז ביידע זענען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און ביידע דאַרפן זיך איילן.

וועגן זיינע פרויען-פריינט און וועגן דעם ערשטן פון זיי, וועגן דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש נישט געטראַכט. אַלע פרויען, סתם ווי פרויען, זענען אים געווען שרעקלעך און דערווידער.

XXII.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פאַרגעסן אָן דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, אָבער זי האָט אים נישט פאַרגעסן. טאַקע אין דער שווערער מינוט פון איינזאַמער פאַרצווייפלונג איז זי געקומען צו אים און אָן אַ מעלדונג אַריינגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט. זי האָט אים געטראָפן אין דער לאַגע, אין וועלכער ער איז געזעסן, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף ביידע הענט.

— J'ai force la consigne — האָט זי געזאָגט, אַריינגייענדיק מיט שנעלע טריט, און האָט שנעל געאָטעמט פון אויפרעגונג און שנעלן גיין. — איך האָב אַלץ געהערט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פריינט מיינער, — האָט זי פאַרגעזעצט, דריקנדיק פעסט מיט ביידע הענט זיין

האַנט און קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט אירע העללעכע פאַר־טראַכטע אויגן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז כמורעגדיק זיך אויפגעשטאַנען און, אַרויסנעמענדיק פון איר זיין האַנט, האָט ער איר צוגערוקט אַ שטול.

— ציי ווינטש איך זיך נישט, גרעפין; איך בעט נישט אויף, ווייל איך בין קראַנק, גרעפין, — האָט ער געזאָגט, און זיינע ליפן האָבן אַ ציטער געטון.

— פריינט מיינער! — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ איבער־געחזרט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן, און פּלוצלינג האָבן זיך אירע ברעמען אויפגעהויבן מיט די אינעווייניקסטע זייטן, בילדנדיק אַ דרייעק אויפן שטערן; איר נישט שיין געל פנים איז געוואָרן נאָך מער נישט שיין; אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערפילט, אַז זי האָט רחמנות אויף אים און איז גרייט צו וויינען. און עס איז אים באַ־פאַלן אַ געריהרטקייט: ער האָט אַ כאַפּ געטון איר פּוכיקע האַנט און זי אָנגעהויבן צו קושן.

— פריינט מיינער! — האָט זי געזאָגט מיט אַן איבערגעריסן קול פון אויפרעגונג. — איר טאָרט איך נישט אָפּגעבן דעם צער. אייער צער איז גרויס, אָבער איר מוזט געפינען אַ טרייסט.

— איך בין צעקלאַפּט, איך בין דערהרגעט, איך בין מער נישט קיין מענטש! — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, אַרויסלאָזנ־דיק איר האַנט, אָבער ווייטער קוקנדיק אין אירע מיט טרערן איבערגע־פולטע אויגן. — מיין לאַגע איז שרעקלעך מיט דעם, וואָס איך געפין נישט אין ערגעץ, געפין נישט אין זיך אַליין קיין שטיצפּונקט.

— איר וועט געפינען אַ שטיצע, זוכט זי נישט אין מיר, הגם איך בעט אייך צו גלייבן אין מיין פריינטשאַפט, — האָט זי מיט אַ זיפץ גע־זאָגט. — אונזער שטיצע איז ליבע, די ליבע, וועלכע ער האָט אונז אי־בערגעלאָזט. ז יי ן משא איז לייכט, — האָט זי געזאָגט מיט דעם באַ־גייסטערטן בליק, וועלכן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַזוי געקענט. — ער וועט אייך שטיצן און אייך העלפן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דידאָזיקע רייד איז געווען די גע־רירטקייט פאַר אירע הויכע געפילן און די נייע באַגייסטערטע מיסטישע שטימונג, וואָס האָט אויסגעזעען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן איבעריק און האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט פאַרשפּרייט אין פּעטערבורג,

איז דאָך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן געווען אָנגענעם דאָס אַצינד צו הערן.

— איך בין שוואַך, איך בין פאַרניכטעט. איך האָב גאָרנישט פאַר־געזעען און פאַרשטיי אַצינד גאָרנישט.

— פריינט מיינער! — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ איבערגעחזרט.

— נישט דער פאַרלוסט פון דעם, וואָס איז אַצינד נישטאָ, נישט דאָס! — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאָרגעזעצט. — איך באַדויער נישט. נאָר איך קאָן נישט זיך נישט שעמען פאַר די מענטשן פאַר דער לאַגע, אין וועלכער איך געפין מיך. דאָס איז שלעכט, נאָר איך קאָן נישט, איך קאָן נישט.

— נישט איר האָט געטון דידאָזיקע גרויסע טאַט פון מוחל זיין, פון וואָס איך און אַלע זענען אַנטציקט, נאָר ע ר, וואָס לעבט אין אייער האַרץ, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, באַגייסטערט אויפ־הייבנדיק די אויגן, — און דעריבער קאָנט איר אייך נישט שעמען פאַר אייער טאַט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָנגעכמורעט און, פאַרבייגנ־דיק די הענט, האָט ער אָנגעהויבן צו קנאַקן מיט די פינגער.

— מען דאַרף וויסן אַלע פרטים, — האָט ער געזאָגט מיט אַ דין קול. — דעם מענטשס כוחות האָבן אַ גרענעץ, גרעפין, און איך בין צוגעקומען צו דער גרענעץ פון מיינע. דעם גאַנצן היינטיקן טאָג האָב איך געמוזט מאַכן פאַראָרדנונגען, פאַראָרדנונגען וועגן הויז, וואָס פליסן אַרויס (ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף די ווערטער, וואָס פליסן אַרויס) פון מיין נייער, איינזאַמער לאַגע. די דינערשאַפט, די גו־ווערנאַנטין, חשבונות... דאָסדאָזיקע קליינע פייער האָט מיך פאַרברענט, איך בין נישט בכוח געווען אויסצוהאַלטן. בײַ מיטאָג... איך בין נעכטן שיער נישט אַוועקגעגאַנגען פון מיטאָג. איך האָב נישט געקאָנט איבער־טראָגן דאָס, ווי אַזוי דער זון מיינער האָט געקוקט אויף מיר. ער האָט מיך נישט געפרעגט וועגן דער באַדייטונג פון דעם אַלעם, אָבער ער האָט געוואָלט פרעגן, און איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעמדאָזיקן בליק. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף מיר, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק... — אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוואָלט דערמאָנען וועגן חשבון, וועלכן מען האָט אים געבראַכט, נאָר דאָס קול זיינס האָט אַ ציטער געטון און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. וועגן דעמדאָזיקן חשבון אויף בלוי פּאַפּיר פאַר

אַ היטל, פאַר בענדער האָט ער נישט געקאָנט דערמאָנען אָן רחמנות צו זיך אַליין.

— איך פאַרשטיי, פריינט מיינער! — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ געזאָגט. — איך פאַרשטיי אַלץ. הילף און טרייסט וועט איר געפינען נישט אין מיר, אָבער איך בין פונדעסטוועגן געקומען בלויז כדי צו העלפן אייך, אויב איך וועל קאָנען. ווען איך וואָלט געקאָנט אַראָפּנעמען פון אייך די אַלע קליינע דערנידעריקע זאָרגן... איך פאַרשטיי, אַז עס איז נייטיק דאָס וואָרט פון אַ פרוי, די פאַראָרדנונג פון אַ פרוי. איר גיט מיר דאָס איבער?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שווייגנדיק און דאַנקבאַר אַ דריק געטון איר האַנט.

— מיר וועלן זיך ביידע פאַרנעמען מיט סעריאָזשען. איך בין נישט זייער געניט אין פראַקטישע ענינים. אָבער איך וועל מיך אַ נעם טון, איך וועל זיין אייער עקאָנאָמקע. דאַנקט מיר נישט. איך טו דאָס נישט אַליין.

— איך קאָן נישט נישט דאַנקען.

— אָבער, פריינט מיינער, גיט זיך נישט אָפּ דעם געפיל, וועגן וועלכן איר האָט גערעדט, — צו שעמען זיך פאַר דעם, וואָס ס'איז די העכסטע הייך פון קריסטנטום: ווער עס דערנידעריקט זיך, דער וועט דערהויבן ווערן. און דאַנקען מיר קאָנט איר נישט. מען דאַרף דאַנקען אים און בעטן אים וועגן הילף. אין אים אַליין געפינען מיר רו, טרייסט, רעטונג און ליבע, — האָט זי געזאָגט און, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל, האָט זי אָנגעהויבן מתפלל צו זיין, ווי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פאַרשטאַנען פון איר שווייגן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זי געהערט אַציגד, און די אויסדרוקן, וועלכע האָבן אים פריער אויסגעזעען נישט אַזוי אומאָנגענעם, ווי איבעריק, האָבן אים אַציגד אויסגעזעען נאַטירלעך און טרייסטפול. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישט ליב געהאַט דעם דאָזיקן נייעם התלהבותדיקן גייסט. ער איז געווען אַ גלויביקער מענטש, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט רעליגיע דער עיקר אין פאָליטישן זינען, און די נייע לערע, וואָס האָט זיך דערלויבט געוויסע נייע אויסטייטשונגען, דערפאַר טאַקע, וואָס זי האָט געעפנט אַ טיר פאַר וויכוחים און אַנאַליז, איז אים פרינציפיעל געווען נישט אָנגענעם. ער האָט פריער זיך באַציגן קאַלט און אפילו פיינדלעך צו דער דאָזיקער נייער לערע און מיט דער גרעפין

לידיא איוואנאָוונאַ, וואָס האָט זיך עקזאַלטירט מיט איר, האָט ער קיינמאָל נישט דיספּוטירט, נאָר פלייסיק אויסגעמיטן מיט שווייגן אירע אַרויסרופן. אַצינד אָבער האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט אירע רייד מיט פאַרגעניגן און איז איבערלעך נישט געווען קעגן זיי.

— איך בין אייך זייער, זייער דאַנקבאַר אי פאַר די מעשים אי פאַר די ווערטער אייערע, — האָט ער געזאָגט, ווען זי האָט אויפגעהערט מתפלל צו זיין.

די גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ האָט נאָכאַמאָל אַ דריק געטון איר פריינדס בײדע הענט.

— אַצינד טרעט איך צו טון, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, שווייגנדיק אַ ווײלע און אָפּווישנדיק פון פּנים די רעשט טרערן. — איך גיי צו סעריאָזשען. בלויז אין אַן אויסנאָם-פאַל וועל איך מיך ווענדן צו אייך. — און זי איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען.

די גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ איז אַרייַנגעגאַנגען אין סעריאָזשאַס צימערן און דאָרט, באַגיסנדיק מיט טרערן די באַקן פון דעם איבערגעשראָקענעם ייִנגל, האָט זי אים געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז אַ הייליקער און אַז זיין מוטער איז געשטאָרבן.

די גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ האָט דערפילט איר צוזאָג. זי האָט ווירקלעך גענומען אויף זיך אַלע זאָרגן בנוגע דער איינריכטונג און פירונג טון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס הויז. אָבער זי האָט נישט איבערגעכאַפּט, זאָגנדיק, אַז זי איז נישט קיין גרויסע אויפטוערן אין פּראַקטישע ענינים. אַלע אירע פאַראָרדנונגען האָט מען געמוזט ענדערן, ווייל זיי זענען געווען נישט אויספירבאַר, און זיי זענען געענדערט געוואָרן דורך קאָרנעיען, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס קאַמערדינער, וועלכער האָט אַצינד אומבאַמערקט פאַר אַלע געפירט דאָס גאַנצע הויז קאַרעינס און רויק און פאַרזיכטיק בעתן אָנטון דעם הער אים מיטגעטיילט, וואָס ס'איז נייטיק געווען. אָבער לידיא איוואַנאָוונאַס הילף איז פונדעסטוועגן געווען אין העכסטן גראַד ממשותדיק: זי האָט געגעבן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַ גייסטיקע שטיצע אין דער אָנערקענונג פון איר ליבע און אכטונג צו אים, און באַזונדערס אין דעם, וואָס, ווי עס איז איר געווען אָנגענעם צו טראַכטן, האָט זי אים כמעט אומגעקערט צום קריסטנטום, דאָס הייסט פון אַ גלייכגילטיק און פלעגמאַטיש גלויבנדיקן אים פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן און שטאַרקן אָנהענגער פון דער נייער אויסטייטשונג פון דער קריסטלעכער

לערע, וועלכע האָט זיך די לעצטע צייט פאַרשפּרייט אין פּעטערבורג. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן איז לייכט געווען זיך איבערצייגן אין דערדאָזיקער אויסטייטשונג. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פּונקט ווי לידיאַ איוואַנאָוונאַ און די אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די זעלבע אָנשויונגען, האָט נישט פאַרמאָגט קיין רייכע פאַנטאַזיע, די גייסטיקע פעיקייט, וואָס אַ דאַנק איר ווערן פאָרשטעלונגען, אַרויסגערופן דורך דער פאַנטאַזיע, אַזוי ווירקלעך, אַז זיי פאָדערן אַ צופּאַסונג צו אַנדערע פאָרשטעלונגען און צו דער ווירקלעכקייט. ער האָט נישט געזען קיין שום אוממעגלעכס און נישט קאַנטראַדיקציע אין דער פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז דער טויט, וואָס עקזיסטירט פאַר אומגלויביקע, עקזיסטירט פאַר אים נישט און אַז, אַזוי ווי ער באַזיצט דעם פולן גלויבן, וואָס ער אַליין איז דער ריכטער פון דער מאָס זיינער, איז שוין אויך קיין זינד נישטאָ אין זיין נשמה, און ער לעבט איבער שוין דאָ אויף דער ערד די פולע דערלייזונג.

אמת, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נעפּלהאַפט געפילט די לייכטקייט און טעותדיקייט פון דערדאָזיקער פאָרשטעלונג וועגן זיין גלויבן, און האָט געוווּסט, אַז ווען ער האָט נישט געטראַכט, אַז זיין פאַרגעבונג איז אַ טאַט פון אַ העכערן כוח און האָט זיך אָפּגעגעבן דעמדאָזיקן אוממיטלבאַרן געפיל, האָט ער איבערגעלעבט מער גליק, ווי אַצינד, ווען ער האָט איטלעכע מינוט געטראַכט, אַז אין זיין נשמה וווינט קריסטוס און אַז, אונטערשרייבנדיק די פּאַפּירן, טוט ער ז י י ן ווילן; אָבער פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן איז נייטיק געווען אַזוי צו טראַכטן, אים איז אַזוי נייטיק געווען אין זיין דערנידערונג צו האָבן די, הגם אויסגעטראַכטע הויכקייט, פון וועלכער ער, דער פאַראַכטעטער דורך אַלע, זאָל קענען פאַראַכטן אַנדערע, אַז ער האָט זיך געהאַלטן, ווי בײַ אַ רעטונג, בײַ זיין כלומרשטער רעטונג.

XXIII.

די גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז אַלס זייער יונג ענטוזיאַסטיש מיידל אויסגעגעבן געוואָרן פאַר אַ רייכן, יחוסדיקן, גוטמוטיקן און צעלאַזענעם לעבוינג. אויפן צווייטן חודש האָט זי דער מאַן אָוועקגעוואָרפן און אויף אירע התלהבותדיקע פאַרזיכערונגען און צערטלעכקייט האָט ער געענטפערט בלויז מיט שפּאָט און אפילו שנאה, וועלכע מענטשן, וואָס האָבן געקענט דאָס גוטע האַרץ פון גראַף און האָבן נישט געזען קיין שום חסרונות אין דער ענטוזיאַסטישער לידיען, האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויפקלערן. פון דעמאָלט אָן, הגם זיי זענען נישט געווען געגט, האָבן זיי געלעבט צעשיידט. און ווען מאַן-און-ווייב פלעגן זיך צונויפטרעפן, פלעגט ער זיך שטענדיק באַציען צו איר מיט גיפטיקער איראָניע, וואָס די סיבה דערפון האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין.

די גרעפין לידיא איוואנאָוונא האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין פאַרליבט אין מאַן, אָבער האָט קיינמאָל פון דעמאָלט אָן נישט אויפגעהערט פאַרליבט צו זיין אין עמעצן. זי פלעגט זיין פאַרליבט אין עטלעכע מיטאַמאָל, אי אין מענער אי אין פרויען; זי פלעגט זיין פאַרליבט כמעט אין אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס באַזונדער אויסגעצייכנט. זי איז געווען פאַרליבט אין אַלע נייע פרינצעסינס און פרינצן, וואָס פלעגן פאַרוואַנדט ווערן מיט דער קייסערלעכער פאַמיליע, איז געווען פאַרליבט אין איין מיטראָפּאָליט, אין איין וויקאַרי און איין גלח, איז געווען פאַרליבט אין איין זשורנאַליסט, אין דריי סלאַוויאַנער, אין קאָמיסאַראָוון; אין איין מיניסטער, איין דאָקטאָר, איין ענגלישן מיסיאָנער און אין קאַרענינען. דידאָזיקע אַלע ליבעס, וואָס זענען געוואָרן אַמאָל שוואַכער, אַמאָל שטאַרקער, האָבן איר נישט געשטערט צו פירן די פאַרשפּרייטסטע און פאַרוויקלטסטע הויפישע און הויכוועלטישע באַציונגען. אָבער זינט זי האָט, נאָך דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן קאַרענינען, גענומען אים אונטער איר באַזונדערער אפּוטרופּסות, זינט זי האָט אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט קאַרענינס הויז, זאָרגנדיק פאַר זיין וווילשטאַנד, האָט זי דערפילט, אַז אַלע

איבעריקע ליבעס זענען נישט קיין אמתע, און אַז זי איז אַצינד אמת פאַרליבט בלויז אין איין קאַרעניגען. דאָס געפיל, וואָס זי האָט אַצינד איבערגעלעבט צו אים, האָט איר אויסגעזעהן שטאַרקער פון אַלע פריערדיקע געפילן. אַנאַליזירנדיק איר געפיל און פאַרגלייכנדיק עס מיט דעם פריערדיקן, האָט זי דייטלעך געזעהן, אַז זי וואָלט נישט געווען פאַרליבט אין קאָמיסאַראָוון, ווען ער וואָלט נישט געווען מציל געווען דעם קייסערס לעבן, וואָלט נישט געווען פאַרליבט אין ריסטיטש-קודזשיצקין, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין סלאַווישע פראַגע, נאָר אַז קאַרעניגען האָט זי ליב פאַר אים אַליין, פאַר זיין הויכער אומבאַגרייפלעכער נשמה, פאַר דעם פאַר איר ליבן דינעם קלאַנג פון זיין קול, מיט זיינע מאָנאָטאָנע אינטאָנאַציעס, פאַר זיין מידן בליק, פאַר זיין כאַראַקטער און ווייכע ווייסע הענט מיט אָנגעדראָלענע אָדערן. איר האָט נישט בלויז הנאה געטון זיך צו טרעפן מיט אים, נאָר זי פלעגט זוכן אויף זיין פנים סימנים פון דעם איינדרוק, וועלכן זי פלעגט מאַכן אויף אים. זי האָט אים געוואָלט געפעלן נישט בלויז מיטן רעדן, נאָר אויך מיט איר גאַנצער פערזאָן. זי האָט צוליב אים זיך אַצינד פאַרנומען מיט איר טואַלעט מער, ווי ווען ס'איז פריער. זי פלעגט זיך כאַפן בא פאַנטאַזיעס וועגן דעם, וואָס ס'וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נישט געווען פאַרהייראַט און ער וואָלט געווען פריי. זי פלעגט רויט ווערן פון איפּרעגונג, ווען ער פלעגט אַרייַנקומען אין צימער; זי פלעגט זיך נישט קאָנען אָפּהאַלטן נישט צו שמייכלען באַגייסטערט, ווען ער פלעגט איר זאָגן עפּעס אָנגענעמס.

שוין עטלעכע טעג האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ זיך געפונען אין דער שטאַרקסטער איפּרעגונג. זי איז געוויר געוואָרן, אַז אַננאַ מיט ווראָנסקין זענען אין פעטערבורג. מען האָט געדאַרפט באַשיצן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן פון אַ זעונג מיט איר, מען האָט אים געדאַרפט באַשיצן אפילו פון דעם פייַנלעכן וויסן פון דעם, אַז דידאָזיקע שרעקלעכע פרוי געפינט זיך אין איין שטאָט מיט אים, אַז ער קאָן זי איטלעכע מינוט באַגעגענען.

לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט דורך אירע באַקאַנטע זיך אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס האָבן בדעה צו טון דידאָזיקע **ע ק ל ה א פ ט ע מ ע נ ט ש ן**, ווי זי האָט אָנגערופן אננען מיט וורוֹנסקין, און זיך באַמיט אָנצופירן אין די טעג מיט אַלע באַוועגונגען פון איר פריינט, אַז ער זאָל זיי נישט קאָנען טרעפן. אַ יונגער אַדיוטאַנט, וורוֹנסקיס אַ פריינד, דורך וועלכן זי האָט באַקומען ידיעות און

וועלכער האט דורך דער גרעפין לידיא איוואנאוונא געהאפט צו באקומען א קאנצעסיע, האט איר געזאגט, אז זיי האבן פארענדיקט זייערע ענינים און פארן אוועק צומארגנס. לידיא איוואנאוונא האט זיך שוין אנגעהויבן צו בארויקן, אבער טאקע צומארגנס אינדערפרי האט מען איר געברענגט א צעטעלע, וועמעס כתב זי האט מיט שרעק דערקענט. דאס איז געווען אננא קארענינאס כתב. דער קאנווערט איז געווען פון גראב פאפיר, ווי שאל; אויף דעם לענגלעכדיקן געלן פאפיר איז געווען א גרויסער מאנאגראם, און פון דעם בריוו האט זיך געטראגן א פיינער ריח.

— ווער האט געברענגט?

— דער קאמיסיאנער פון האטעל.

די גרעפין לידיא איוואנאוונא האט זיך לאנג נישט געקאנט אנידערזעצן, כדי איבערצולייענען דעם בריוו. זי האט פון אויפרעגונג באקומען אן אנפאל פון אסטמע, אויף וועלכער זי האט געליטן. ווען זי האט זיך בארויקט, האט זי איבערגעלייענט פאלגנדן פראנצויזישן בריוו:

„Madam la Comtess, די קריסטלעכע געפילן, וועלכע פילן אן אייער הארץ, גיבן מיר, פיל איך, די אומפארצייעלעכע דרייסטקייט אייך צו שרייבן. איך בין אומגליקלעך פון דעם צעשיידט זיין מיטן זון. איך בעט וועגן א דערלויבעניש צו זען אים איין מאל פאר מיין אוועקפארן. אנטשולדיקט מיר, וואס איך דערמאן אייך אן זיך. איך ווענד מיך צו אייך און נישט צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן בלויז דערפאר, וואס איך וויל נישט גורם זיין דעמדאזיקן גרויסמוטיקן מענטש קייןליידן דורך דערמאנען אים אן זיך. וויסנדיק וועגן אייער פריינטשאפט צו אים, ווייס איך מיך פארשטיין. צי וועט איר שיקן סעריאזשען צו מיר, אדער צי זאל איך קומען אין הויז אריין אין א געוויסער באשטימטער שעה, אדער איר וועט מיר געבן צו וויסן, ווען און ווו איך קאן אים זען מחוץ דעם הויז? איך דערווארט נישט קיין אפזאג, קענענדיק די גרויסמוטיקייט פון דעם, פון וועמען דאס איז אפהענגיק. איר קאנט זיך נישט פארשטעלן די בענקשאפט צו זען אים, וואס איך לעב איבער, און דעריבער קאנט איר אייך נישט פארשטעלן די דאנקבארקייט, וועלכע אייער הילף וועט בא מיר ארויסרופן".

אננא".

אלץ אין דעם בריוו האט אויפגערייצט די גרעפין לידיא איוואנ

נאָוונאַ: אי דער אינהאַלט, אי די אָנדייטונג אויף גרויסמוטיקייט, אי באַזונדערס דער היימישער טאָן, ווי איר האָט זיך געדאַכט.

— זאָג, אַז עס וועט נישט זיין קיין ענטפער, האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ געזאָגט און, גלייך געעפנט דעם ביוואַר, האָט זי אָנגעשריבן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, אַז זי האָפט אים צו זעען איינס אַ זייגער אויף דער באַגריסונג אין הויף.

„איך דאַרף מיך דורכשמועסן מיט אייך וועגן אַ וויכטיקן און טרויעריקן ענין. דאָרט וועלן מיר זיך אָפּשמועסן ווו. צום בעסטן איז בא מיר, ווו איך וועל הייסן צוגרייטן א יי ע ר טיי. אומבאַדינגט. ע ר גיט יסורים, ער גיט אָבער אויך כוח". האָט זי צוגעגעבן, כדי כאָטש אַ ביסל אים צוצוגרייטן.

די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ פלעגט געוויינלעך שרייבן צו צוויי און צו דריי בריוועלעך אַ טאָג אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. זי האָט ליב געהאַט דעמדאָזיקן פּראָצעס פון פאַרשטענדיקן זיך מיט אים, וואָס האָט געהאַט אין זיך עלעגאַנץ און געהיימנישפולקייט, וואָס עס האָט געפעלט אין אירע פערזענלעכע באַציונגען.

XXIV.

די באַגריסונג האָט זיך געענדיקט. די, וואָס זענען אָוועקגעפאָרן, האָבן, באַם באַגעגענען זיך, געכאַפּט אַ שמועס וועגן דער לעצטער בייעס פון טאָג — וועגן די ניי באַקומענע אויסצייכנונגען און דער איבערגרופּירונג פון די וויכטיקע באַאַמטע.

— מען וואָלט געדאַרפט דער גרעפין מאַריאַ באָריסאָוונאַ איבערגעבן — דאָס קריגס-מיניסטעריום, און פאַר שעף פון שטאַב מאַכן די פירשטין וואַטקאָווסקאַיאַ, — האָט אַ גרויער אַלטיטשקער אין אַ גאָלדגעשטיקטן מונדיר געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דער הויכער שיינהייט, דער פריילין, וואָס האָט אים געפרעגט וועגן דער איבערגרופּירונג.

— און מיך פאַר אַדיוטאַנט, — האָט די פריילין שמייכלענדיק געענטפערט.

— איר האָט שוין אַ באַשטימונג. אייך אין מיניסטעריום פון רעליגיע און אַלס געהילף — קאַרענינען.

— גוט מאָרגן, פירשט! — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט, דריקנדיק די האַנט פון דעם צוגעקומענעם.

— וואָס האָט איר גערעדט וועגן קאַרענינען? — האָט דער פירשט געזאָגט.

— ער און פּוטיאַטאָוו האָבן באַקומען אַן אַלעקסאַנדער נייעווסקי.

— איך האָב געמיינט, אַז ער האָט שוין.

— ניין. גיט נאָר אַ קוק אויף אים, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן געשטיקטן הוט אויף קאַרענינען אין אַ הויפמונדיר מיט אַ נייער רויטער באַנד איבערן אַקסל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיר פון זאַל מיט איינעם פון די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון מלוכה־ראַט. — ער איז גליקלעך און צופרידן, ווי אַ קופּערנער גראָשן, — האָט ער צוגעגעבן, זיך אָפּשטעלנדיק, כדי צו דריקן די האַנט דעם אַטלעטיש־געבויטן שיינעם קאַמערהער.

— ניין, ער האָט זיך געעלטערט, — האָט דער קאַמערהער געזאָגט.

— פון זאָרג. ער האַלט אַצינד אין איין שרייבן פּראָיעקטן. ער וועט אַצינד נישט אָפּלאָזן דעם אומגליקלעכן, כל זמן ער וועט נישט אַרויסלייגן אַלץ פונקטנווייז.

— פאַרוואָס געעלטערט געוואָרן? Il fait des passions. איך מיין, אַז די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ איז אַצינד אייפערזיכטיק אויף אים צום ווייב.

— נו, לאָזט שוין געמאַך! וועגן דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, בעט איך אייך, רעדט נישט קיין שלעכטס.

— צי איז דען דאָס שלעכטס, וואָס זי איז פאַרליבט אין קאַרענינען?

— און איז טאַקע אמת, אַז די קאַרענינאַ געפינט זיך דאָ?

— דאָס הייסט נישט דאָ, אין פּאַלאַץ, נאָר אין פּעטערבורג. איך האָב זי נעכטן געטראָפן מיט אַלעקסיי ווראָנסקי, bras dessus, bras dessous, אויף דער מאָרסקאַיאַ.

— C'est un homme qui n'a pas... — האָט דער קאַמערהער שוין אָנגעהויבן, נאָר זיך אָפּגעשטעלט, אָפּטרעטנדיק דעם וועג און בייגנדיק זיך צו אַ פּערזאָן פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, וואָס איז דורכגעגאַנגען.

אזוי האָט מען אָן אויפהער גערעדט וועגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטשן, פאַראורטיילט אים און געלאַכט פון אים, בעת ער האָט פאַר־שטעלט דעם וועג אַ מיטגליד פון מלוכה־ראַט, וועלכן ער האָט געכאַפּט, און אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט צו רעדן, כדי נישט אָפּצולאָזן אים און פּונקטנוויַיז אַרויסלייגן אים זיין פינאַנס־פּראָיעקט.

כמעט אין דער זעלבער ציַיט, וואָס דאָס וויַיב איז אַוועקגעגאַנגען פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט אויך מיט אים געטראָפן די בי־טערסטע געשעעניש פאַר אַ דינסטלעכן מענטש: ער האָט אויפגעהערט צו שטייגן אַרויף. דאָסדאָזיקע שטייגן האָט אויפגעהערט, און אַלע האָבן דאָס דייטלעך געזעען, אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַליין האָט נאָך נישט אָנערקענט, אַז זיין קאַריערע איז געענדיקט. צי דער אינצידענט מיט סטרעמאָוון, צי דאָס אומגליק מיטן וויַיב, אָדער פּשוט דאָס, וואָס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז דערגאַנגען ביז צו דער גרענעץ, וואָס איז אים אָנגעצייכנט געווען, נאָר פאַר אַלע איז דאָס יאָר געוואָרן באַשיינפּערלעך, אַז זיין דינסטלעכע טעטיקייט איז געענדיקט. ער האָט נאָך פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט, ער איז געווען מיטגליד פון אַ סך קאָמיסיעס און קאָ־מיטעטן; אָבער ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט שוין אָפּגעטון אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט און פון וועלכן מען דערוואַרט שוין גאָרנישט. וואָס ער זאָל נישט געווען זאָגן, וואָס ער זאָל נישט געווען פאָרלייגן, האָט מען אים אויסגעהערט אַזוי, ווי דאָס, וואָס ער לייגט פאָר, וואָלט שוין געווען לאַנג באַוווּסט און איז טאַקע דאָס, וואָס מען דאַרף נישט. אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס נישט געפילט און, פאַרקערט, זייענדיק באַ־זייטיקט פון דעם דירעקטן אָנטייל אין דער מלוכה־טעטיקייט, האָט ער דייטלעכער, ווי פריער, געזעען אַציַנד די חסרונות און טעותים אין דער טעטיקייט פון די אַנדערע און געהאַלטן פאַר זיין חוב אָנצוּוויַיזן אויף די מיטלען, מיט וועלכע מען קאָן זיי אויסבעסערן. באַלד נאָך זיין צעשיי־דונג מיטן וויַיב האָט ער אָנגעהויבן צו שריַיבן זיין ערשטע נאָטיץ וועגן נייעם געריכט פון דער אומצייליקבאַרער רייע קיינעם נישט נייטיקע נאָטיצן איבער אַלע רעגירונגס־צווייגן, איבער וועלכע ס'איז אים באַשערט געווען אָנצושריַיבן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישט בלויז נישט באַמערקט זיין הילפלאָזע לאַגע אין דער דינסטלעכער וועלט און האָט נישט בלויז נישט געהאַט קיין עגמת נפש פון דעם, נאָר איז מער ווי ווען ס'איז געווען צו־פרידן מיט זיין טעטיקייט.

„דער פאַרהײראַטער זאָרגט װעגן דעם װעלטישן, חי אַזױ געװױנגן צו טון דעם װײב, דער נישט פאַרהײראַטער זאָרגט װעגן געטלעכן, װי אַזױ געװױנגן צו טון גאָט“, זאָגט דער אַפּאָסטאָל פּאַװעל, און אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש, װאָס האָט אַצינד אין אַלע ענינים זיך געפירט לױט דער הײליקער שריפט, האָט אָפט זיך דערמאָנט דעם פּסוק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זינט ער איז געבליבן אָן װײב, האָט ער מיט דידאָזיקע פּראָיעקטן טאָקע געדינט גאָט מער, װי פריער.

די באַשײנפערלעכע אומגעדולדיקײט פון דעם מיטגליד פון ראָט, װאָס האָט געװאָלט פון אים אָװעקגײן, האָט נישט געבערענגט אין פאַרלעגנהײט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטשן; ער האָט אױפגעהערט צו רעדן בלױז דעמאָלט, װען דער מיטגליד, װאָס האָט אױסגענוצט דאָס דורכגײן פון דער פּערזאָן פון דער קײסערלעכער פאַמיליע, האָט זיך אַרױסגעגליטשט פון אים.

געבליבן אַלײן, האָט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צונױפגענומען די געדאַנקען, דערנאָך צעשטרײט זיך אומגעקוקט און זיך געלאָזט גײן צו דער טיר, באַ װעלכער ער האָט געהאָפט צו טרעפן די גרעפין לידיאַ איװאַנאָװנאַ.

„און װי פיזיש שטאַרק און געזונט זײ זענען אַלע“, האָט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש אַ קלער געטון, קוקנדיק אויף דעם קאַמערהער מיט די צעקעמטע דופטנדיקע באַקנבערד און אױפן רױטן האַלז פון דעם פירשט אין דעם געפּאַסטן מונדיר, לעבן װעלכן אים איז אױסגעקומען דורכצוגײן. „עס איז אמת געזאָגט געװאָרן, אַז אַלץ אױף דער װעלט איז שלעכט“, האָט ער אַ קלער געטון, װאַרפנדיק נאָכאַמאָל אַ זײטיקן בליק אויף די ליטקעס פונם קאַמערהער.

נישט געאײלט שטעלנדיק די פיס, האָט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש מיט דער געװײנלעכער מינע פון מידקײט און װירדע זיך פאַרנײגט פאַר דידאָזיקע הערן, װאָס האָבן גערעדט װעגן אים, און, קוקנדיק אויף דער טיר, האָט ער אָפּגעזוכט מיט די אויגן די גרעפין לידיאַ איװאַנאָװנאַ.

— אַ! אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש! — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט מיט אַ בײזן גלאַנץ אין די אױגן, בעת קאַרענין האָט זיך אױסגעגלײכט מיט אים און מיט אַ קאַלטן זשעסט אָנגעבױגן דעם קאָפּ. —

איך האָב אייך נאָך נישט גראַטולירט, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף זיין נייַ באַקומענער באַנד.

— איך דאַנק אייך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט. — וואָסער הערלעכער טאָג היינט איז, — האָט ער צוגעגעבן, לויט זיין געוווינהייט באַזונדער אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט „הערלעכער".

אַז זיי לאַכן פון אים, דאָס האָט ער געוווּסט, אָבער ער האָט גאָרנישט דערוואַרט פון זיי, אַ חוץ פיינדלעכקייט; ער איז שוין געווען געוווינט צו דעם.

דערזעען די פון גאָרסעט אַרויסגעהויבענע געלע אַקסלען פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, און אירע הערלעכע פאַרטראַכטע צו זיך רופנדיקע אויגן, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ שמייכל געטון, אויפדעקנדיק די נישט געשאָדנטע ווייסע ציין, און איז צוגעגאַנגען צו איר.

דער טואַלעט לידיאַ איוואַנאָוונאַס האָט זי געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, ווי אַלע אירע טואַלעטן אין דערדאָזיקער לעצטער צייט. דער ציל פון איר טואַלעט איז אַצינד געווען אַ גאָר פאַרקערטער צו דעם, וועלכן זי האָט פאַרפאָלגט מיט דרייסיק יאָר צוריק. דעמאָלט האָט זיך איר געגלוסט צו באַפּוצן זיך מיט עפּעס, און וואָס מער, אַלץ בעסער. דאַקעגן אַצינד איז זי אומבאַדינגט געווען אויסגעפּוצט אַזוי נישט אַנטשפּרעכנד צו די יאָרן און דער פיגור, אַז זי האָט געזאָרגט בלויז דערפאַר, אַז די קעגנזעצלעכקייט פון דערדאָזיקער אויסגעפּוצטקייט מיט איר אויסערלעכקייט זאָל נישט זיין צו שרעקלעך. און אין דער באַציונג צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן האָט זי דאָס דערגרייכט און האָט אים אויסגעזעען סימפּאַטיש. פאַר אים איז זי געווען דאָס איינציקע אינזל נישט בלויז פון גוט געשטימט זיין צו אים, נאָר פון ליבע צווישן דעם ים פון פיינדלעכקייט און שפּאָט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

דורכגייענדיק דורך דער רייע פון שפּאָטישע בליקן, האָט ער אינסטינקטיוו זיך געצויגן צו איר פאַרליבטן בליק, ווי אַ געוויקס צום ליכט.

— איך גראַטוליר אייך, — האָט זי אים געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער באַנד.

איינהאַלטנדיק דעם שמייכל פון פאַרגעניגן, האָט ער אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און פאַרמאַכט די אויגן, ווי זאָגנדיק, אַז דאָס קאָן אים נישט פרייען. די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט גוט געוווסט, אַז דאָס איז איינע פון זיינע הויפּט-פריידן, הגם ער איז זיך קיינמאָל נישט מודה אין דעם.

— וואָס מאַכט אונזער מלאך? — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, מיינענדיק סעריאָזשען.

— איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך זאָל זיין אינגאַנצן צופרידן פון אים, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, אויפהייבנדיק די ברעמען און עפענענדיק די אויגן. — אויך סיטניקאָוו איז נישט צופרידן פון אים (סיטניקאָוו איז געווען דער פּעדאַגאָג, וועלכן עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די וועלטלעכע דערציונג פון סעריאָזשען). ווי איך האָב אייך געזאָגט, איז דאָ אין אים עפּעס אַ קאַלטקייט צו די פראַגן דווקא, וועלכע דאַרפן רירן די נשמה פון איטלעכן מענטש און איטלעכן קינד, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען וועגן דער איינציקער פראַגע, דער דערציונג פון זון, וואָס האָט אים, חוץ דער דינסט, אינטערעסירט.

ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט דער הילף פון לידיאַ איוואַנאָוונאַ ווידער זיך אומגעקערט צום לעבן און טעטיקייט, האָט ער דערפילט אַ חוב זיך צו פאַרנעמען מיט דער דערציונג פון זון, וואָס איז געבליבן אויף זיינע הענט. קיינמאָל פריער זיך נישט פאַרנומען מיט פראַגן פון דערציונג, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געווידמעט אַ שטיקל צייט אויף דעם טעאָרעטישן דורכשטודירן די זאַך. איבערגעלייענט עטלעכע ביכער פון אַנטראָפּאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיק און דידאַקטיק, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן פון דערציונג, און איינגעלאַדן דעם בעסטן פּעטערבורגער פּעדאַגאָג אַלס וועגווייזער, איז ער צוגעטרעטן צו דעם ענין. און דערדאָזיקער ענין האָט אים כסדר אינטערעסירט.

— יאָ, אָבער דאָס האַרץ? איך זע אין אים דעם פאָטערס האַרץ, און מיט אַזאַ האַרץ קאָן דאָס קינד נישט זיין שלעכט, — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט מיט באַגייסטערונג.

— יאָ, קאָן זיין... וואָס שייך מיר, דערפיל איך מיין חוב. דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן טון.

— איר וועט קומען צו מיר, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוו-

נאָ געזאָגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, — מיר דאַרפֿן זיך דורכשמועסן וועגן אַ טרויעריקן ענין פֿאַר אײַך. איך וואָלט אַלץ אוועקגעגעבן, אויסצומײַדן פֿאַר אײַך געוויסע דערינערונגען, אָבער אַנדערע מײַנען נישט אַזוי. איך האָב דערהאַלטן פֿון איר אַ בריוו. זי געפֿינט זיך דאָ אין פּעטערבורג.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ ציטער געטון באַם דערמאָנען דאָס ווײַב, נאָר באַלד האָט זיך אויף זײַן פּנים אײַנגעשטעלט די טויטע אומבאַוועגלעכקייט, וועלכע האָט אויסגעדריקט פֿולשטענדיקע הילפֿלאָזי־קייט אין דער זאַך.

— איך האָב מיך געריכט אויף דעם, — האָט ער געזאָגט.

די גרעפֿין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים באַ־גײַסטערט, און טרערן פֿון אַנטציקונג פֿאַר דער הויכקייט פֿון זײַן נשמה האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

XXV.

ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער גרעפֿין לידיאַ איוואַנאָוונאַס קלײנעם געמיטלעכן קאַבינעט, דעם אויסגע־שטעלטן מיט אַלטן פֿאַרצעלײַ און באַהאָנגענעם מיט פּאָרטרעטן, איז די באַלעבאָסטע אַליין נאָך נישט געווען.

זי האָט זיך איבערגעטון.

דער קײַלעכיקער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ טישטוך און ס׳איז געשטאַנען אויף אים כינעזיש געשיר און אַ זילבערנע ספּירט־מאַ־שינקע. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט צעשטרייט באַטראַכט די אָן אַ שיעור באַקאַנטע פּאָרטרעטן, און, זעצנדיק זיך צום טיש, האָט ער אויפֿגעעפֿנט די עוואַנגעליע, וואָס איז געלעגן אויף אים. דאָס רוישן פֿון דער גרעפֿינס זײַדענעם קלייד האָט צוגעצויגן זײַן אויפֿ־מערקזאַמקייט.

— אָט אַזוי, וועלן מיר זיך אַצינד אַוועקזעצן רויק, — האָט די גרעפֿין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, מיט אַן אויפֿגערעגטן שמייכל אײַליק דורכגייענדיק צווישן דעם טיש און דער סאָפֿע, — און וועלן זיך דורכ־שמועסן באַ אונזער טיי.

נאָך עטלעכע מינוט פון צוגרייטן, האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס האָט שווער געאָטעמט און איז רויט געוואָרן, איבערגעגעבן אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס הענט אַריין דעם בריוו, וועלכן זי האָט דערהאַלטן.

איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער לאַנג געשוויגן.

— איך רעכן נישט, אַז איך זאָל האָבן רעכט איר אָפּצוזאָגן, — האָט ער געזאָגט נישט דרייסט, אויפהייבנדיק די אויגן.

— פריינט מיינער, איר זעט אין קיינעם נישט קיין שלעכטס!

— איך, פאַרקערט, זע, אַז אַלץ איז שלעכט. אָבער צי איז דאָס גערעכטיק...

זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אומאַנטשלאָסנקייט און דאָס זוכן פון אַן עצה, שטיצע און אָנווייזונג אין דער פאַר אים אומפאַרשטענדלעכער זאַך.

— ניין, — האָט אים די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ איבערגעשלאָגן. — אַלץ האָט אַ גרענעץ. איך פאַרשטיי אויסגעלאַסנקייט, — האָט זי נישט גאַנץ אויפריכטיק געזאָגט, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס, וואָס עס דערפירט פרויען צו אויסגעלאַסנקייט, — נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין אכזריות, און צו וועמען? צו אייך! ווי אַזוי קאָן מען בלייבן אין דער זעלבער שטאָט, וווּ איר געפינט זיך? ניין, ווי לאַנג מען לעבט, דאַרף מען זיך לערנען. און איך לערן מיך פאַרשטיין אייער הויכקייט און איר נידעריקייט.

— און ווער וועט וואַרפן דעם שטיין? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, משמעות צופרידן פון זיין ראָלע. — איך האָב אַלץ מוחל געווען און דעריבער קאָן איך איר נישט צונעמען דאָס, וואָס איז אַ נויטווענדיקייט פון ליבע פאַר איר, — פון ליבע צום זון...

— אָבער צי איז דאָס ליבע, פריינט מיינער? צי איז דאָס אויפריכטיק? עלעהיי, איר האָט מוחל געווען, איר זענט מוחל... נאָר צי האָבן מיר רעכט צו ווירקן אויף דער נשמה פון דעמדאָזיקן מלאך? ער האַלט זי פאַר געשטאָרבן. ער איז מתפלל פאַר איר און בעט גאָט, ער זאָל איר מוחל זיין אירע זינד... און עס איז בעסער אַזוי. און וואָס וועט ער אַצינד טראַכטן?

— איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, משמעות איינשטימענדיק.

די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און געשוויגן. זי האָט מתפּלל געווען.

— אויב איר פרעגט מיין עצה, — האָט זי געזאָגט, נאָכדעם ווי זי האָט מתפּלל געווען און זיך אויפגעדעקט דאָס פּנים. — ראָט איך אייך נישט דאָס צו טון. צי זע איך דען נישט, ווי איר ליידט, ווי דאָס האָט אויפגעעפנט אַלע אייערע ווונדן? נאָר, לאָמיר אָננעמען, אַז איר פאַרגעסט אָן זיך, ווי שטענדיק. צוואָס־זשע אָבער קאָן דאָס דערפירן? צו נייע ליידן פון אייער זייט, צו פּיין פאַרן קינד? אויב אין איר איז נאָך געבליבן עפּעס מענטשלעכקייט, דאַרף זי דאָס אַליין נישט פאַרלאַנגען. ניין, איך ראָט אייך נישט, אָן וואַקלעניש, און אויב איר דערלויבט מיר, וועל איך אָנשרייבן.

און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מסכּים געווען, און די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט אָנגעשריבן פאָלגענדן פראַנצויזישן בריוו:

„גנעדיקע פרוי!

די דערינערונג וועגן אייך פאַר אייער זון קאָן פירן צו פראַגן פון זיין זייט, אויף וועלכע מען קאָן נישט ענטפערן, נישט אַריינלייגנדיק אין דער נשמה פונם קינד דעם גייסט פון פרעמדקייט צו דעם, וואָס דאַרף זיין פאַר אים אַ הייליקטום, און דעריבער בעט איך צו פאַרשטיין דעם אָפּזאָג פון אייער מאַן אין גייסט פון קריסטלעכער ליבע. איך בעט דעם אַלמעכטיקן וועגן לייטזעליקייט פאַר אייך.

גרעפין לידיאַ“.

דערדאָזיקער בריוו האָט דערגרייכט דעם באַהאַלטענעם ציל, וועלכן די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט פאַרבאָרגן פאַר זיך אַליין. ער האָט ביז טיף אין דער נשמה באַליידיקט אַננען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש ווידער, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון לידיאַ איוואַנאָוונאַ, האָט דעם טאָג נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן זיינע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען און געפינען די גייסטיקע רויִקייט פון אַ גלויביקן און ניצול געוואָרענעם מענטש, וועלכע ער האָט געפילט פריער.

די דערינערונג וועגן ווייב, וועלכע איז אַזוי שולדיק געווען קעגן אים און קעגן וועלכער ער איז געווען אַזוי הייליק, ווי די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט אים גערעכטיק געזאָגט, האָט אים נישט געדאַרפט באַ-

אומרויקן; אָבער ער איז נישט געווען רויק: ער האָט נישט געקאָנט פארשטיין דאָס בוך, וואָס ער האָט געלייענט, נישט געקאָנט פארטרייבן די פיינלעכע זכרונות וועגן זיינע באַציונגען צו איר, וועגן די טעותים, וועלכע, ווי עס האָט זיך אים אַצינד געדאַכט, ער האָט געמאַכט לגבי איר. די דערינערונג וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט אויפגענומען, אומקערנדיק זיך פון די געיעגן, איר מודה זיין זיך אין אומטרייקייט (באַזונדערס דאָס, וואָס ער האָט געפאָדערט פון איר בלויז אויסערלעכע אָנשטענדיקייט, און האָט נישט אַרויסגערופן אויף קיין דועל), האָט אים געפייניקט, ווי חרטה. עס האָט אים אויך געפייניקט די דערינערונג וועגן בריוו, וועלכן ער האָט איר געשריבן; באַזונדערס זיין מוחל זיין, וואָס איז קיינעם נישט נייטיק געווען און זיין זאָרגן פאַר דעם פרעמדן קינד האָט געבריט זיין האַרץ מיט בושה און חרטה.

און פונקט אַזאַ געפיל פון בושה און חרטה האָט ער איבערגעלעבט אַצינד, איבערקלויבנדיק זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט איר און דערמאַנענדיק זיך די אומגעלומפערטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט נאָך לאַנגע וואַקלענישן איר געמאַכט דעם פאָרשלאָג.

„אָבער אין וואָס־זשע בין איך שולדיק?" האָט ער זיך געזאָגט. און די דאָזיקע פראַגע האָט שטענדיק אין אים אַרויסגערופן אַ צווייטע פראַגע, — וועגן דעם, צי עס פילן אַנדערש, ליבן אַנדערש, האָבן חתונה אַנדערש די דאָזיקע אַנדערע מענטשן, די וואָרנסקיס, די אָבלאָנסקיס... די דאָזיקע קאַמערהערן מיט די גראָבע ליטקעס. און אים האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע רייע פון די דאָזיקע זאַפטיקע, שטאַרקע, נישט צווייפלענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן נישט ווילנדיק שטענדיק און אומעטום צוגעצויגן צו זיך זיין נייגיריקע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט פאַרטריבן פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען, ער האָט זיך באַמיט איבערצוצייגן זיך, אַז ער לעבט נישט פאַר דעם איצטיקן צייטווייליקן לעבן, נאָר פאַר דעם אייביקן, אַז אין זיין נשמה געפינט זיך שלום און ליבע. אָבער דאָס, וואָס ער האָט אין דעם דאָזיקן צייטווייליקן, נישטיקן לעבן געמאַכט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, געוויסע נישטיקע טעותים, האָט אים געמאַטערט אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען די אייביקע דערלייזונג, אין וועלכער ער האָט געגלייבט. אָבער דער דאָזיקער נסיון האָט געדויערט נישט לאַנג און באַלד האָבן ווידער אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס נשמה אָנגעהויבן הערשן די רויקייט און די הויכקייט, וואָס אַ דאַנק זיי האָט ער געקאָנט פאַרגעסן אָן דעם, וואָס ער האָט נישט געוואָלט געדענקען.

XXVI.

— נו וואָס, קאַפּיטאַניטש? — האָט געזאָגט סעריאָזשאַ, אַ רויטער און פריילעכער, אומקערנדיק זיך פון שפּאַציר ערב זיין געבורטסטאָג און אויפגעקומענדיק זיין געפאַלבטן קאַפטן דעם הויכן שווייצער, וואָס האָט אַראָפּגעשמייכלט צו דעם קליינעם מענטש פון דער הייך פון זיין וווקס. — וואָס, עס איז געווען היינט דער אונטערגעבונדענער באַאַמטער? דער פּאַפּאַ האָט אויפגענומען?

— זיי האָבן אויפגענומען. ווי נאָר דער פּאַרוואַלטער איז אַרויסגעגאַנגען, האָב איך געמאָלדן, — האָט דער שווייצער געזאָגט פריילעך אונטערווינקענדיק. — ביטע, איך וועל אויסטון.

— סעריאָזשאַ! — האָט געזאָגט דער סלאַוויאַנער, דער גוווערניאָר, זיך אָפּשטעלנדיק אין דער טיר, וואָס האָט געפירט אין די ווייטערע צימערן אַריין, — טוט אַליין אויס.

אָבער הגם סעריאָזשאַ האָט געהערט דעם גוווערניאָרס שוואַכע שטימע, האָט ער דאָך נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים. ער איז געשטאַנען, האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט בײַ דער אָרעמבאַנד און אים געקוקט אין פּנים אַריין.

— וואָס־זשע, און דער פּאַפּאַ האָט געטון פאַר אים, וואָס מען האָט געדאַרפט?

דער שווייצער האָט אַלס באַשטעטיקונג אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

דער אונטערגעבונדענער באַאַמטער, וועלכער איז געגאַנגען שוין זיבן מאָל וועגן עפּעס בעטן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט אינטערעסירט אי סעריאָזשען אי דעם שווייצער. סעריאָזשאַ האָט אים געטראָפן איינמאָל אין קאָרידאָר און האָט געהערט, ווי ער האָט רחמנותדיק געבעטן דעם שווייצער צו מעלדן וועגן זיך, זאָגנדיק, אַז אים קומט אויס מיט די קינדער צו שטאַרבן.

פון דעמאָלט אָן, טרעפנדיק דעם באַאַמטן דאָס צווייטע מאָל אין קאָרידאָר, האָט סעריאָזשאַ זיך פאַראינטערעסירט מיט אים.

— וואָס־זשע, ער איז זייער צופרידן געווען? — האָט ער געפרעגט.

— ווי הייסט צופרידן! ער איז שיער נישט טאַנצנדיק אַרויסגעלאָפן פונדאַנען.

— און מען האָט עפּעס געבראַכט? — האָט סעריאָזשאַ געפרעגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע.

— נו, הער, — האָט דער שווייצער שושקענדיק געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — עס איז דאָ פון דער גרעפין.

סעריאָזשאַ האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וועגן וואָס דער שווייצער האָט גערעדט, איז אַ מתּנה פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ צו זיין געבורטסטאָג.

— וואָס זאָגסטו? ווו?

— קאָרנעי האָט צום פּאַפּאַ אַריינגעטראָגן, מסתּמא, אַ פיין זאַכעלע!

— ווי גרויס? אַזוי גרויס וועט עס זיין?

— קלענער אַ ביסל, אָבער אַ פיינס.

— אַ ביכל?

— ניין, אַ זאַך. גייט, גייט, וואַסילי לוקיטש רופט, — האָט דער שווייצער געזאָגט, הערנדיק דעם גוווערניאָרס טריט זיך דערנענטערן און פאָרזיכטיק אַרויסנעמענדיק דאָס הענטל אין דער האַלב אויסגעטוענער הענטשקע, וואָס האָט אים געהאַלטן בײַ דער אָרעמבאַנד, און צווינקענדיק מיטן קאָפּ אויף וווּניטשן.

— וואַסילי לוקיטש, די מינוט! — האָט סעריאָזשאַ געענטפערט מיט דעם ליבנדיקן און פריילעכן שמייכל, וועלכער פלעגט שטענדיק באַזיגן דעם טיכטיקן וואַסילי לוקיטש.

סעריאָזשאַן איז געווען צו פריילעך, צו פיל איז אַלץ געווען גליקלעך, אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען טיילן מיט זיין פריינט דעם שווייצער נאָך מיט דער פאַמיליען-פרייד, וועגן וועלכער ער איז געוווּר געוואָרן אויפן שפּאַציר אין זומער-גאָרטן פון דער פלימעניצע דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ. די דאָזיקע פרייד האָט אים אויסגעזען באַזונדער וויכטיק צוליב דעם צונויפפאַלן מיט דעם באַאַמטנס פרייד און מיט זיין פרייד וועגן דעם, וואָס מען האָט געבראַכט שפּילצייג. סעריאָזשען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הײַנט איז אַזאַ טאָג, אין וועלכן אַלע דאַרפן זיין צופרידן און פריילעך.

— דו ווייסט, דער פּאַפּאַ האָט געקריגן אַן אַלעקסאַנדער ניעווסקי?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן! מען איז שוין געקומען גראַטולירן.

— וואָס זשע, ער איז צופרידן?

— ווי אַזוי קאָן מען זיך פון קייסערלעכן גענאָד נישט פרייען. הייסט עס, ער האָט פאַרדינט, — האָט דער שווייצער געזאָגט שטרענג און ערנסט.

סעריאָזשאַ האָט זיך פאַרטראַכט, אייַנקוקנדיק זיך אין דעם שווייצערס ביז די קלענסטע פרטים אויסשטודירטן פנים, באַזונדערס אין דער גאָמבע, וואָס איז געהאָנגען צווישן די גרויע באַקנבערד און וועלכע קיינער האָט נישט געזעען, חוץ סעריאָזשען, וועלכער פלעגט שטענדיק קוקן אויף אים נישט אַנדערש, ווי פון אונטן אַרויף.

— נו, און דיין טאָכטער איז שוין לאַנג געווען באַ דיר?

דעם שווייצערס טאָכטער איז געווען אַ באַלעט-טענצערין.

— ווען-זשע זאָל זי גיין אין די וואָכנטעג? באַ זיי לערנט מען זיך אויך. און איר, הער, דאַרפט זיך אויך לערנען, גייט.

אַרייַנגעקומען אין צימער, האָט סעריאָזשאַ, אָנשטאָט זיך צו זעצן צו די לעקציעס, דערציילט דעם לערער זיין השערה וועגן דעם, אַז דאָס, וואָס מען האָט געבראַנגט, מוז זיין אַ מאַשין.

— ווי מיינט איר? — האָט ער געפרעגט.

אָבער וואַסילי לוקיטש האָט געטראַכט בלויז וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך לערנען די לעקציע פון גראַמאַטיק פאַרן לערער, וועלכער וועט קומען צוויי אַ זייגער.

— ניין, איר זאָגט מיר בלויז, וואַסילי לוקיטש, — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט, שוין זיצנדיק באַם אַרבעטסטיש און האַלטנדיק דאָס ביכל אין דער האַנט, — וואָס איז גרעסער פאַר אַן אַלעקסאַנדער ניעווסקי? איר ווייסט, דער פּאַפּאַ האָט געקריגן אַן אַלעקסאַנדער ניעווסקי?

וואַסילי לוקיטש האָט געענטפערט, אַז גרעסער פון אַן אַלעקסאַנדער ניעווסק איז אַ וולאַדימיר.

— און נאָך העכער?

— און העכער פון אַלץ איז אַן אַנדרעי פערוואָזוואַנני.

— און נאָך העכער פון אַן אַנדרעי?

— איך ווייס נישט.

— וואָס, איר ווייסט אויך נישט? — און סעריאָזשאַ האָט זיך אָנגעשפאַרט אויפן עלנבויגן און זיך פאַרטיפט אין טראַכטן.

זיינע טראַכטונגען זענען געווען די פאַרוויקלטסטע און פאַרשידנאַרטיקסטע. ער האָט פאַנטאַזירט וועגן דעם, ווי זיין פאָטער וועט

פֿלוצלינג באַקומען אי אַ וולאַדימיר, אי אַן אַנדרעי, און ווי ער וועט הײַנט אויף דער לעקציע זײַן אַ סך בעסער, און ווי ער אַליין, ווען ער וועט זײַן אַ גרויסער, וועט באַקומען אַלע אָרדנס. אויך דאָס, וואָס מען וועט אויסקלערן העכער פֿון אַן אַנדרעי. ווי נאָר מען וועט עס אויסקלערן, וועט ער זיך באַלד דערדינגען דערצו. זיי וועלן נאָך העכערע אויסקלערן, אָבער ער וועט אויך צו דעם זיך באַלד דערדינגען.

אין אַזעלכע רעיונות איז אַריבער די צײַט, און ווען דער לערער איז געקומען, איז די לעקציע פֿון גראַמאַטיק נישט פֿאַרטיק געווען, און דער לערער איז געווען נישט בלויז אומצופֿרידן, נאָר געהאַט אפֿילו עגמת נפֿש. דידאַזיקע עגמת נפֿש האָבן גערירט סעריאָזשען. ער האָט זיך געפֿילט נישט שולדיק דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך נישט אויסגעלערנט די לעקציע; וויפֿיל ער האָט זיך נישט באַמיט, האָט ער דאָס לחלוטין נישט געקאָנט טון; כּל זמן דער לערער האָט אים דערקלערט, האָט ער געגלייבט און מכּלומרשט פֿאַרשטאַנען, ווי נאָר אָבער ער איז געבליבן אַליין, האָט ער לגמרי זיך נישט געקאָנט דערמאַנען און פֿאַרשטיין, אַז דאָס קורצינקע און אַזוי פֿאַרשטענדלעכע וואָרט „פֿלוצלינג" איז אַן אוים־שטאַנד פֿון שטייגער־באַשטימונג. אָבער פֿונדעסטוועגן איז אים אַ שאָד געווען, וואָס ער פֿאַרשאַפֿט עגמת נפֿש דעם לערער.

ער האָט אויסגעקליבן אַ מינוט, ווען דער לערער האָט שווייגנדיק אַרײַנגעקוקט אין בוך.

— מיכאַיל איוואַנאָוויטש, ווען איז אײַער נאָמענסטאָג? — האָט ער פֿלוצלינג געפֿרעגט.

— איר וואָלט בעסער געטראַכט וועגן אײַער אַרבעט, און דער נאָמענסטאָג האָט קיין שום באַדײַטונג נישט פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיק וועזן. דער זעלבער טאָג, ווי אַלע טעג, אין וועלכע מען דאַרף אַרבעטן.

סעריאָזשאַ האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטון אויפֿן לערער, אויף זײַן שיטער בערדל, אויף די ברילן, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער פֿון קאַרב, וואָס איז געווען אויף דער נאָז, און זיך פֿאַרקלערט אַזוי, אַז ער האָט שוין גאָרנישט געהערט, וואָס דער לערער האָט אים דערקלערט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער לערער טראַכט נישט דאָס, וואָס ער רעדט, ער האָט דאָס געפֿילט לויטן טאָן, מיט וועלכן דאָס איז געזאָגט געווען. „אָבער נאָכוואָס האָבן זיי זיך עס אַלע אָפּגעשמועסט צו רעדן אַלץ מיט דער זעלבער מאַניר, בלויז דאָס סאַמע לאַנגווײַליקסטע,

און נישט בייטיקע. פאַרוואָס שטויסט ער מיך אָפּ פון זיך, פאַרוואָס האָט ער מיך נישט ליב?״ האָט ער זיך מיט טרויער געפרעגט און זיך נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין ענטפער.

XXVII.

נאָכן לערער איז געווען דעם פּאָטערס לעקציע. ביז דער פּאָטער איז געקומען, איז סעריאָזשאַ געזעסן באַם טיש, זיך געשפּילט מיטן מעסערל און זיך פאַרנומען מיט טראַכטן. צווישן סעריאָזשעס באַליבטע באַשעפטיקונגען איז געווען דאָס זוכן די מוטער אין דער צייט פון שפּאַצירן גיין. ער האָט נישט געגלייבט אין טויט בכלל און באַזונדערס אין איר טויט, נישט געקוקט דערויף, וואָס לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט אים געזאָגט און דער פּאָטער האָט דאָס באַשטעטיקט, און דעריבער האָט ער אויך נאָכדעם ווי מען האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן, זי כסדר געזוכט בעת דעם שפּאַצירן גיין. איטלעכע דיקלעכע, גראַציעזע פרוי מיט טונקעלע האָר איז געווען זיין מוטער. באַם זעען אַזאַ פרוי, האָט אין זיין נשמה זיך אויפגעהויבן אַזאַ געפיל פון צערטלעכקייט, אַז ער האָט זיך געשטיקט און טרערן האָבן אָנגעפולט זיינע אויגן. און ער האָט געוואַרט, אַז אָט-אָט וועט זי צוגיין צו אים, וועט אויפהייבן דעם וואַל. איר גאַנץ פּנים וועט זיך זעען, זי וועט אַ שמייכל טון, אים אַרומנעמען, ער וועט דערשפּירן איר ריח, דערפילן די צאַרטקייט פון איר האַנט און זיך צעוויינען גליקלעך, ווי ער האָט איינמאָל אינאָוונט זיך געלייגט איר צופיסנס און זי האָט אים געקיצלט, און ער האָט געלאַכט און געביסן איר ווייסע האַנט מיט די רינגלעך. דערנאָך, ווען ער איז צופעליק געוויר געוואָרן פון דער ניאַניע, אַז זיין מוטער איז נישט געשטאָרבן, און דער פּאָטער מיט לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָבן אים דערקלערט, אַז זי איז געשטאָרבן פאַר אים, ווייל זי איז נישט קיין גוטע (אין וואָס ער האָט שוין בשום אופן נישט געקאָנט גלייבן, ווייל ער האָט זי ליב געהאַט), האָט ער זי נאָך ווייטער אַזוי געזוכט און געוואַרט אויף איר. היינט איז אין זומערגאָרטן געווען איין דאַמע מיט אַ ליליאַ-וואַל, צו וועלכער, מיינענדיק, אַז דאָס איז זי, ער האָט זיך מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ צוגעקוקט, בעת זי האָט איבערן וועגל זיך דערנענטערט צו זיי. דידאָזיקע דאַמע איז נישט

צוגעגאנגען ביז צו זיי און איז ערגעץ פארשוואונדן. היינט האט סעריאזשא שטארקער, ווי ווען ס'איז, געפילט שטראמען פון ליבשאפט צו איר און, פארזונקען אין געדאנקען, ווארטנדיק אויפן פאטער, האט ער מיטן מעסערל צעשניצט דעם גאנצן ראנד פון טיש, קוקנדיק מיט גלאנציקע אויגן פאר זיך און טראכטנדיק וועגן איר.

— דער פאפא גייט, האט אים וואסילי לוקיטש צעשטערט.

סעריאזשא איז אויפגעשפרונגען, צוגעגאנגען צום פאטער און, קושנדיק זיין האנט, א קוק געטון אויף אים אויפמערקזאם, זוכנדיק סימנים פון פרייד צוליב דעם באקומען דעם אלעקסאנדער ניעווסקי.

— דו האסט גוט שפאצירט? — האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געזאגט, זיך געזעצט אויף זיין פאטעל, צוגערוקט צו זיך דאס בוך פון אלטן טעסטאמענט און עס געעפנט. נישט געקוקט דערויף, וואס אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט שוין נישט איינמאל געהאט געזאגט סעריאזשען, אז יעדער קריסט דארף גרינטלעך קענען די הייליקע געשיכטע, האט ער אליין נישט איינמאל אין אלטן טעסטאמענט נאכגעקוקט אין בוך, און סעריאזשא האט דאס באמערקט.

— יא, עס איז זייער פריילעך געווען, פאפא, — האט סעריאזשא געזאגט, זיך געזעצט זייטיק אויף דער שטול און זי געשאקלט, וואס ס'איז געווען פארווערט. — איך האב געזען נאדיענקען. (נאדיענקא איז געווען לידיא איוואנאוונאס פלימיעניצע, וואס איז בא איר דערצויגן געווארן.) זי האט מיר געזאגט, אז אייך האט מען געגעבן א נייעם שטערן. איר זענט צופרידן, פאפא?

— ערשטנס, בעט איך דיך, וויג דיך נישט, — האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געזאגט. — און צווייטנס, איז טייער נישט די באלוינונג, נאר די ארבעט. און איך וואלט געוואלט, אז דו זאלסט דאס פארשטיין. אט אויב דו וועסט ארבעטן, זיך לערנען, כדי צו באקומען א באלוינונג, וועט דיר די ארבעט אויסזעען שווער; אבער ווען דו וועסט ארבעטן (האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געזאגט, דערמאנענדיק זיך, ווי ער האט זיך היינטיקן פרימארגן אונטערגעהאלטן מיט דעם באוווסטזיין פון פליכט בא דער לאנגווייליקער ארבעט, וואס איז באשטאנען אין אונטערשרייבן הונדערט אכציק פאפירן), און דו וועסט ליב האבן די ארבעט, וועסטו אין איר גופא געפינען פאר זיך די באלוינונג.

סעריאזשעס אויגן, וואס האבן געגלאנצט מיט צערטלעכקייט און פריילעכקייט, זענען פארלאשן געווארן און האבן זיך אראפגעלאזט אונטער

דעם פּאָטערס בליק. דאָס איז געווען דער זעלבער לאַנג באַקאַנטער טאָן, מיט וועלכן דער פּאָטער האָט זיך שטענדיק באַצויגן צו אים און צו וועלכן סעריאָזשאַ האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט זיך צוצופּאַסן. דער פּאָטער האָט תּמיד גערעדט מיט אים — אַזוי האָט סעריאָזשאַ געפילט — ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו עפּעס אַן אויסגעטראַכט ייִנגל, איינעם פון די, וואָס מען טרעפט אין די ביכלעך, נאָר גאָרנישט ענלעכן צו סעריאָזשען. און סעריאָזשאַ האָט זיך שטענדיק געפלייסט זיך צו מאַכן פאַר דעמדאָזיקן ביכלדיקן ייִנגל טאַקע.

— איך האָף, אַז דו פאַרשטייסט דאָס! — האָט דער פּאָטער געזאָגט.

— יאָ, פּאַפּאַ, — האָט סעריאָזשאַ געענטפערט, מאַכנדיק זיך פאַר דעמדאָזיקן אויסגעטראַכטן ייִנגל.

די לעקציע איז באַשטאַנען אין אויסלערנען אויסנווייניק עטלעכע פערזן פון דער עוואַנגעליע און איבערחזרן דעם אָנהייב פון אַלטן טעסטאַמענט. די פערזן פון דער עוואַנגעליע האָט סעריאָזשאַ געקענט זייער גוט, נאָר אין דער מינוט, ווי ער האָט זיי געזאָגט, האָט ער זיך פאַרקוקט אויפן ביין פון פּאָטערס שטערן, וועלכער האָט זיך אויסגעבויגן אַזוי שיף בײַ דער שלייף, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און דעם סוף פון איין פערז מיטן זעלבן וואָרט האָט ער איבערגעשטעלט צום אָנהייב פון ערשטן. פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן איז געווען באַשײַנפּערלעך, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט, און דאָס האָט אים צערייצט.

ער האָט זיך אָנגעכמורעט און אָנגעהויבן אויסטייטשן דאָס, וואָס סעריאָזשאַ האָט שוין אַ סך מאָל געהאַט געהערט און קיינמאָל נישט געקאָנט זיך אַריינגעמען אין זכרון, ווייל ער האָט צו קלאָר פאַרשטאַנען, — ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס „פּלוצלינג" איז אַן אומשטאַנד פון שטייגער־באַשטימונג. סעריאָזשאַ האָט מיט אַ דערשראָקענעם בליק געקוקט אויפן פּאָטער און געקלערט בלויז וועגן איינס: צי דער פּאָטער וועט אים יאָ אָדער נישט נייטן איבערצוחזרן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, ווי עס פלעגט טיילמאָל פאָרקומען. און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אַזוי געשראָקן סעריאָזשען, אַז ער האָט שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען. נאָר דער פּאָטער האָט נישט געהייסן איבערחזרן און איז איבערגעגאַנגען צו דער לעקציע פון אַלטן טעסטאַמענט. סעריאָזשאַ האָט דערציילט גוט די געשעענישן גופא, אָבער ווען מען האָט געדאַרפט ענטפערן אויף די פראַגן וועגן דעם, וואָס

געוויסע געשעענישן האָבן גורם געווען, האָט ער גאָרנישט געוווּסט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז שוין באַשטראָפט געוואָרן פאַר דערדאָזיקער לעקציע. דאָס אָרט אָבער, ווו ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט זאָגן און האָט זיך געדרייט און געשניצט דעם טיש, און זיך געוויגט אויף דער שטול, איז געווען דאָס, ווו ער האָט געדאַרפט זאָגן וועגן די פאַרמבול־דיקע פּאַטריאַרכן. פון זיי האָט ער קיינעם נישט געקאָנט, חוץ חנוכן, וואָס איז גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט אין הימל אַריין. פריער האָט ער געדענקט די נעמען, נאָר אַצינד האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, באַזונ־דערס דערפאַר, וואָס חנוך איז געווען זיין באַליבטע פּערזאָן פון גאַנצן אַלטן טעסטאַמענט און צו דעם נעמען חנוכן לעבעדיקערהייט אין הימל אַריין האָט זיך ציגעטשעפּעט אַ גאַנצע לאַנגע רייע געדאַנקען, וועלכע ער האָט זיך אַצינד אָפּגעגעבן, קוקנדיק מיט שטאַרע אויגן אויפן קייטעלע פון פאָטערס זייגער און אויף דעם האַלב פאַרשפּיליעטן קנעפּל פון וועסט.

אין טויט, וועגן וועלכן מען האָט אים אַזוי אָפט דערציילט, האָט סעריאָזשאַ אינגאַנצן נישט געגלייבט. אין דעם, אַז מענטשן, וועלכע ער האָט ליב, קאָנען שטאַרבן, און באַזונדערס אין דעם, אַז ער אַליין וועט שטאַרבן, דאָס איז געווען פאַר אים פולשטענדיק אוממעגלעך און אומ־פאַרשטענדלעך. אָבער אים האָט מען געזאָגט, אַז אַלע וועלן שטאַרבן; ער האָט געפרעגט אפילו מענטשן, וועלכע ער האָט געגלייבט, און אויך די האָבן דאָס באַשטעטיקט: די ניאַניע האָט אויך געזאָגט, הגם אומגערן. אָבער חנוך איז נישט געשטאָרבן, הייסט עס דאָך, אַז נישט אַלע שטאַרבן. „און פאַרוואָס־זשע זאָל זיך איטלעכער נישט קאָנען אַזוי פאַרדינען בײַ גאָט, אַז ער זאָל גענומען ווערן לעבעדיקערהייט אין הימל אַריין?" האָט סעריאָזשאַ געטראַכט. די שלעכטע, דאָס הייסט די, וועלכע סעריאָזשאַ האָט נישט ליב געהאַט, די האָבן געקאָנט שטאַרבן, אָבער די גוטע קאָנען אַלע זיין אַזוי ווי חנוך.

— נו, איז וואָסערע זשע פּאַטריאַרכן?

— חנוך.

— דאָס האָסטו שוין געזאָגט. עס איז שלעכט, סעריאָזשאַ, זייער שלעכט. אויב דו באַמיסט דיך נישט צו וויסן דאָס, וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ פאַר אַ קריסט, — האָט דער פאָטער געזאָגט אויפשטייענדיק — איז וואָס־זשע קאָן דיך שוין אינטערעסירן? איך בין נישט צופרידן

פון דיר, און פיאָטר איגנאַטיעוויטש (דאָס איז געווען דער הויפּט-פּעדאַגאָג) איז נישט צופרידן פון דיר... איך מוז דיך באַשטראָפן.

דער פאָטער און דער פּעדאַגאָג זענען געווען ביידע נישט צופרידן פון סעריאָזשען, און, ווירקלעך, ער האָט זיך געלערנט זייער שלעכט. אָבער מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַן אומפעיק יינגל, פאַרקערט, ער איז געווען אַ סך פעיקער פון די יינגלעך, וועלכע דער פּעדאַגאָג האָט געשטעלט אַלס ביישפּיל פאַר סעריאָזשען. פון פאָטערס שטאַנדפּונקט האָט ער זיך נישט געוואָלט לערנען דאָס, וואָס מען האָט אים געלערנט. אין דער אמתן אָבער האָט ער זיך נישט געקאָנט דאָס לערנען. ער האָט נישט געקאָנט דערפאַר, וואָס אין זיין נשמה זענען געווען פאָדערונגען, מער פאַר אים נויטווענדיקע, ווי די, וועלכע דער פאָטער און דער פּעדאַגאָג האָבן אָנגעצייכנט. די דאָזיקע פאָדערונגען זענען געווען אין ווידערשפּרוך, און ער האָט פּשוט געקעמפט מיט זיינע דערציער.

ער איז אַלט געווען ניין יאָר, ער איז געווען אַ קינד; אָבער די נשמה זיינע האָט ער געקענט, זי איז אים געווען טייער, ער האָט זי געהיטן, ווי די ברעם היט דאָס אויג, און אָן דעם שליסל פון ליבע האָט ער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין זיין נשמה. זיינע דערציערס האָבן זיך געקלאָגט, אַז ער וויל זיך נישט לערנען, און זיין נשמה איז געווען איבערפולט מיט דורשט נאָך וויסן. און ער האָט זיך געלערנט באַ קאַפּיטאַנישן, באַ דער ניאַניע, באַ נאַדיענקען, באַ וואַסילי לוקיטשן, און נישט באַ די לערערס. דאָס וואַסער, וועלכעס דער פאָטער און דער פּעדאַגאָג האָבן אָפּגעוואַרט אויף זייערע רעדער אַרויף, איז שוין לאַנג געהאַט דורכגעפלאָסן און האָט געאַרבעט אויף אַן אַנדער אָרט.

דער פאָטער האָט באַשטראָפט סעריאָזשען, נישט לאָזנדיק אים גיין צו נאַדיענקען, צו לידיאַ איוואַנאָוונאַס פּלימיעניצע; אָבער די דאָזיקע שטראָף איז גאָר געווען צום גליק פון סעריאָזשען. וואַסילי לוקיטש איז געווען אין אַ הייטערער שטימונג און האָט אים געוויזן, ווי אַזוי צו מאַכן ווינט-מילן. דער גאַנצער אָוונט איז אַוועק באַ דער אַרבעט און פאַנטאַזירן וועגן דעם, ווי אַזוי מען קאָן מאַכן אַזאַ מיל, אַז מען זאָל זיך קאָנען אויף איר דרייען. וועגן דער מוטער האָט סעריאָזשאַ נישט געטראַכט דעם גאַנצן אָוונט, אָבער, ווען ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאַנט אָן איר און מתפּלל געווען מיט זיינע ווערטער וועגן דעם, אַז זיין מוטער זאָל מאָרגן, צו זיין געבורטס-טאָג, אויפהערן זיך צו באַהאַלטן און קומען צו אים.

— וואסילי לוקיטש, איר ווייסט וועגן וואס איך האב נאך א חוץ אלע זאכן געבעטן?

— וועגן לערנען זיך בעסער?

— ניין.

— שפילצייג?

— ניין, איר וועט נישט טרעפן. א טייערע זאך, אבער ס'איז א סוד! ווען עס וועט מקוים ווערן, וועל איך אייך זאגן. איר טרעפט נישט?

— ניין, איך קאן נישט טרעפן. זאגט, — האט וואסילי לוקיטש געזאגט און געשמייכלט, וואס עס פלעגט זעלטן מיט אים געשעען. — נו, לייגט אייך, איך פארלעש דאס ליכט.

— איך זע אן ליכט בעסער דאס, וואס איך זע און וועגן וואס איך האב געבעטן. אט איך האב שיער נישט ארויסגעזאגט דעם סוד! — האט סעריאזשא געזאגט און זיך פריילעך צעלאכט.

ווען מען האט אוועקגעטראגן דאס ליכט, האט סעריאזשא געהערט און געפילט זיין מוטער. זי איז געשטאנען איבער אים און אים גע־צערטלט מיט א ליבלעכן בליק. נאר עס זענען דערשינען די ווינט־מילן, דאס מעסערל, אלץ האט זיך אויסגעמישט — און ער איז אנטשלאפן געווארן.

XXVIII

געקומען קיין פעטערבורג, האבן ווראנסקי מיט אננען זיך אפגע־שטעלט אין איינעם פון די בעסטע האטעלן. ווראנסקי באזונדער, אויפן אונטערשטן שטאק, אננא אינדערהייך מיטן קינד, מיט דער אם און מיטן מיידל, אין א גרויסער אפטיילונג, וואס איז באשטאנען פון פיר צימערן.

באלד אין ערשטן טאג פון קומען, איז ווראנסקי געפארן צום ברו־דער. דארט האט ער געטראפן די מוטער, וואס איז געקומען געשעפטלעך פון מאסקווע. די מוטער און די שוועגערין האבן אים אויפגענומען ווי־געוויינלעך; זיי האבן אים אויסגעפרעגט וועגן דער נסיעה קיין אויסלאנד, האבן גערעדט וועגן געמיינזאמע באקאנטע, נאר האבן מיט קיין ווארט

נישט דערמאָנט וועגן זיין פאַרבינדונג מיט אננען. דער ברודער אָבער, וואָס איז צומאָרגנס אינדערפרי געקומען צו ווראָנסקין, האָט אים געפרעגט וועגן איר. און אַלעקסיי ווראָנסקי האָט אים גלייך געזאָגט, אַז ער קוקט אויף זיין פאַרבינדונג מיט דער קאַרענינאַ, ווי אויף אַ הייראַט, אַז ער האָפט דורכצופירן אַ גט און דעמאָלט וועט ער מיט איר חתונה האָבן, און ביז דעמאָלט האַלט ער זי פונקט פאַר אַזאַ פרוי, ווי איטלעכע אַנדערע פרוי, און בעט אים אַזוי איבערצוגעבן דער מוטער און זיין פרוי.

— אויב דער הויכער געזעלשאַפט געפעלט דאָס נישט, איז מיר אַלץ איינס, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, — נאָר אויב מיינע אייגענע ווילן זיין אין קרובישע באַציונגען מיט מיר, מוזן זיי זיין אין די זעלבע באַציונגען מיט מיין פרוי.

דער עלטערער ברודער, וואָס האָט שטענדיק געשעצט דעם יינגערנס מיינונגען, האָט נישט געוווּסט אויף זיכער, צי ער איז גערעכט צי נישט, כּל זמן די הויכע געזעלשאַפט האָט נישט געהאַט געליייזט דידאָזיקע פראַגע; ער אַליין אָבער פון זיין זייט האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם און איז צוזאַמען מיט אַלעקסייען געגאַנגען צו אננען.

ווראָנסקי האָט אין ברודערס קעגנוואַרט, ווי אין קעגנוואַרט פון אַלע, געזאָגט אננען א י ר און זיך באַנומען מיט איר, ווי מיט אַ נאָענטער באַקאַנטער, אָבער עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז דעם ברודער זענען באַקאַנט זייערע באַציונגען, און עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז אננאַ פאָרט אין ווראָנסקיס גוט אַריין.

נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער הויכוועלטישער בעגיטקייט, איז ווראָנסקי, צוליב דער נייער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, געווען אין אַ מאָדנער פאַרבלענדעניש. דאַכט זיך, אַז ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז די הויכע געזעלשאַפט איז פאַרשלאָסן פאַר אים מיט אננען; דאָך זענען איצט אין זיין קאָפּ געבוירן געוואָרן עפּעס נישט קלאָרע סברות, אַז אַזוי איז געווען בלויז אַמאָל, אָבער אַז איצטיגד, בּאַ דעם שנעלן פּראָגרעס (ער איז אומבאַמערקט פאַר זיך געווען איצטיגד אַן אַנהענגער פון איטלעכן פּראָגרעס), אַז איצטיגד האָט דער בליק פון דער געזעלשאַפט זיך געביטן און אַז די פראַגע וועגן דעם, צי זיי וועלן אויפגענומען ווערן אין דער געזעלשאַפט, איז נאָך נישט געליייזט. „פאַרשטייט זיך, — האָט ער געטראַכט, — די הויפישע וועלט וועט אים נישט אויפנעמען, אָבער די

נאָענטע מענטשן קאָנען און דאַרפֿן דאָס פֿאַרשטיין, ווי עס געהער צו זיין".

מען קאָן אָפּזיצן עטלעכע שעה מיט פֿאַרבויגענע פיס, אין איינער און דערזעלבער פּאָזע, אויב מען ווייסט, אַז עס וועט גאָרנישט שטערן צו ענדערן די פּאָזע, נאָר אויב אַ מענטש ווייסט, אַז ער מוז אַזוי זיצן מיט פֿאַרבויגענע פיס, וועט ער קריגן דעם קאָרטש, די פיס וועלן זיך ציען און רייסן אַהין, וווהין ער וואָלט זיי געוואָלט אויסציען. דאָס זעלבע האָט איבערגעלעבט וורָאָנסקי בנוגע דער הויכער געזעלשאַפֿט. הגם ער האָט טיף אין דער נשמה געוווּסט, אַז די הויכע געזעלשאַפֿט איז פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי, האָט ער געפּרווּט, צי די הויכע געזעלשאַפֿט האָט זיך נישט געענדערט און צי מען וועט זיי נישט אויפֿנעמען. אָבער ער האָט זייער שנעל באַמערקט, אַז, הגם די הויכע געזעלשאַפֿט איז אָפֿן פֿאַר אים פּערזענלעך, איז זי אָבער געשלאָסן פֿאַר אַננען. ווי אין שפּיל פֿון קאַץ און מויז, האָבן די הענט, אויפֿגעהויבענע פֿאַר אים, זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט פֿאַר אַננען.

איינע פֿון די ערשטע דאַמען פֿון דער פּעטערבורגער הויכער געזעלשאַפֿט, וועלכע וורָאָנסקי האָט געזען, איז געווען זיין קוזינע בעטסי.

— ענדלעך! — האָט זי אים פֿריידיק באַגעגנט. — און אַננאַ? ווי עס פֿרייט מיך! ווו האָט איר אייך אָפּגעשטעלט? איך שטעל מיר פֿאָר, ווי שרעקלעך אייך איז אונזער פּעטערבורג נאָך אייער הערלעכער רייזע; איך שטעל מיר פֿאָר אייער האָניק־חודש אין רוים. וואָס איז מיטן גט? איר האָט דאָס אַלץ דורכגעפֿירט?

וורָאָנסקי האָט באַמערקט, אַז בעטסיס באַגייסטערונג האָט זיך פֿאַרקלענערט, ווען זי איז געוווּיר געוואָרן, אַז דער גט איז נאָך נישט פֿאָרגעקומען.

— אין מיר וועט מען וואַרפֿן אַ שטיין, איך ווייס, — האָט זי געזאָגט, — אָבער איך וועל קומען צו אַננען; יאָ, איך וועל אומבאַדינגט קומען. איר וועט דאָ נישט לאַנג פֿאַרברענגען?

און ווירקלעך, זי איז דעם זעלבן טאָג געקומען צו אַננען; אָבער איר טאָן איז שוין געווען גאָרנישט יענער, ווי פֿריער. זי האָט משמעות שטאָלצירט מיט איר דרייסטקייט און געוואָלט, אַז אַננאַ זאָל אָפּשאַצן איר טרייע פֿריינטשאַפֿט. זי איז אָפּגעווען נישט מער פֿון צען מינוט, שמועסנדיק וועגן הויכוועלטישע נייעסן און באַם אוועקפֿאָרן געזאָגט:

— איר האָט מיר נישט געזאָגט, ווען דער גט קומט פאָר? עלעהיי איך רעכן זיך נישט דערמיט, אָבער אַנדערע שטייפע לייט וועלן אייך בעווייס שלאָגן מיט קאַלטקייט, ביזוואַנען איר וועט נישט חתונה האָבן. און דאָס איז אַצינד אַזוי פשוט. ça se fait. פאַרט איר פרייטיק? אַ שאָד, וואָס מיר וועלן זיך מער נישט זעען.

לויט בעטסיס טאָן וואָלט ווראָנסקי געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן פון דער הויכער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט נאָך געמאַכט אַ פרווו אין זיין פאַמיליע. אויף זיין מוטער האָט ער נישט געהאָפט. ער האָט געוווסט, אַז די מוטער, וואָס האָט זיך אַזוי אַנטציקט מיט אַננען בעת איר ערשטער באַקאַנטשאַפט, איז אַצינד אומבארחמנותדיק צו איר דערפאַר, וואָס זי איז געווען די סיבה פון דעם זונס צעשטערטער קאַריערע. אָבער ער האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף וואַריען, דעם ברודערס פרוי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט נישט וואַרפן דעם שטיין און וועט מיט איינפאַכקייט און אַנטשלאָסנקייט פאָרן צו אַננען און זי אויפנעמען.

באַלד צומאָרגנס פון זיין קומען איז ווראָנסקי געפאָרן צו איר און, געטראָפן זי אַליין, האָט ער גלייך אַרויסגעזאָגט זיין פאַרלאַנג.

— דו ווייסט, אַלעקסיי, — האָט זי געזאָגט, אויסהערנדיק אים, — ווי איך האָב דיך ליב און ווי איך בין גרייט אַלץ פאַר דיר צו טון: אָבער איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז איך קאָן נישט דיר און אַננאַ אַרקאַדיעוונען זיין נוצלעך, — האָט זי געזאָגט, באַזונדערס פלייסיק אַרויסרעדנדיק „אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ". — מיין נישט, איך בעט דיך, אַז איך פאַראורטייל. קיינמאָל נישט; אפשר וואָלט איך אויף איר אָרט אויך דאָס אייגענע געטון. איך גיי נישט אַריין און קאָן נישט אַריינגיין אין איינצלהייטן, — האָט זי געזאָגט, וואַרפנדיק אַן אומדרייסטן בליק אויף זיין מרהשחורהדיק פנים. — אָבער מען דאַרף אָנרופן זאַכן באַם נאָמען. דו ווילסט, אַז איך זאָל פאָרן צו איר, זי אויפנעמען און מיט דעם זי רעאַביליטירן אין דער געזעלשאַפט; אָבער דו פאַרשטיי, אַז איך קאָן ד אָ ס נ י ש ט טון. בא מיר וואַקסן טעכטער, און איך מוז לעבן אין דער הויכער געזעלשאַפט פאַרן מאַן. נו, איך וועל קומען צו אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ; זי וועט פאַרשטיין, אַז איך קאָן זי נישט איינלאַדן צו מיר אָדער דאַרף דאָס טון אַזוי, אַז זי זאָל נישט טרעפן די, ווער עס קוקט אַנדערש; דאָס וועט דאָך זי באַליידיקן. איך קאָן זי נישט אויפהייבן...

— אָבער איך האַלט נישט, אַז זי איז געפאַלן מער, ווי הונדערטער פרויען, וועלכע איר נעמט אויף! — האָט ווראָנסקי מרהשחורהדיק איר איבערגעשלאָגן און שווייגנדיק אויפגעשטאַנען, פאַרשטייענדיק, אַז דער שוועגערינס באַשלוס איז נישט צום ענדערן.

— אַלעקסיי! זיי נישט בייז אויף מיר. איך בעט דיך, פאַרשטיי, אַז איך בין נישט שולדיק, — האָט וואַריאַ אַ זאָג געטון, קוקנדיק אויף אים מיט אַ נישט דרייסטן שמייכל.

— איך בין נישט בייז אויף דיר, — האָט ער אויך אַזוי מרהשחורה־דיק געזאָגט, — נאָר מיר טוט טאָפּלט וויי. מיר טוט נאָך וויי דאָס, וואָס דאָס רייסט איבער אונזער פריינטשאַפט. עלעהיי, עס רייסט נישט איבער, אָבער שוואַכט אָפּ. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז אויך פאַר מיר קאָן דאָס נישט זיין אַנדערש.

און מיט דעם איז ער אַרויסגעגאַנגען פון איר.

ווראָנסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז ווייטערדיקע פרוון זענען אומזיסט און אַז מען דאַרף אָפּזיין דידאָזיקע עטלעכע טעג אין פעטערבורג, ווי אין אַ פרעמדער שטאָט, אויסמיידן וועלכע ס'איז באַציונגען מיט דער פריערדיקער הויכער געזעלשאַפט, כדי זיך נישט אונטערצוואַרפן די אומ־אָנגענעמלעכקייטן און באַליידיקונגען, וועלכע זענען אַזוי פיינלעך פאַר אים. איינע פון די הויפּט־אומאָנגענעמלעכקייטן פון דער לאַגע אין פעטער־בורג איז געווען די, וואָס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און זיין נאָמען זענען, דאַכט זיך, געווען אומעטום. מען האָט נישט געקאָנט וועגן גאָר־נישט אָנהייבן צו רעדן, אַז דער שמועס זאָל נישט אַרויף אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, מען האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט פאָרן, אַז מען זאָל אים נישט באַגעגענען. אַזוי, על כל פנים, האָט זיך אויסגעוויזן ווראָנסקין, ווי עס דאַכט זיך אַ מענטש מיט אַ קראַנקן פינגער, אַז ער פאַרטשעפּעט זיך ווי בכיוון אָן אַלץ דווקא מיט דעמדאָזיקן קראַנקן פינגער.

דאָס זיין אין פעטערבורג האָט ווראָנסקין אויסגעזען נאָך שווערער דערמיט, וואָס ער האָט דידאָזיקע גאַנצע צייט געזען אין אַננען עפּעס אַ נייע, פאַר אים אומפאַרשטענדלעכע שטימונג. דאָ איז זי געווען אַזוי ווי פאַרליבט אין אים, דאָ איז זי געוואָרן קאַלט, דענערווירט און נישט דורכ־דרינגלעך. זי האָט זיך פון עפּעס געמאַטערט און פאַרהוילן פון אים און כלומרשט נישט באַמערקט די באַליידיקונגען, וועלכע האָבן פאַרסמט זיין

לעבן און האָבן פאַר איר, מיט איר סובטעלן פאַרשטיין, געמוזט זיין נאָך פיינלעכער.

XXIX.

איינער פון די רייזע-צילן קיין רוסלאַנד איז פאַר אַננען געווען דאָס זעען זיך מיטן זון. פון דעם טאָג אָן, וואָס זי איז אַרויסגעפאָרן פון איטאַליע, האָט דער געדאַנק וועגן דערדאָזיקער זעונג נישט אויפגעהערט זי צו באַאומרויקן. און וואָס מער זי האָט זיך דערנעענטערט צו פעטערבורג, אַלץ גרעסער און גרעסער האָט איר אויסגעזעען די פרייד און וויכטיקייט פון דערדאָזיקער זעונג. זי האָט זיך נישט געשטעלט קיין פראַגע, ווי אַזוי זי וועט דורכפירן דידאָזיקע זעונג. איר האָט אויסגעזעען נאַטירלעך און איינפאַך דאָס זעען דעם זון, ווען זי וועט זיין אין איין שטאָט מיט אים; אָבער נאָכן קומען קיין פעטערבורג, האָט זיך איר פּלוצלינג קלאָר פאַרגעשטעלט איר איצטיקע לאַגע אין דער געזעלשאַפט, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שווער דורכצופירן דידאָזיקע זעונג.

זי האָט שוין צוויי טעג פאַרבראַכט אין פעטערבורג. דער געדאַנק וועגן זון האָט זי אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזט, אָבער זי האָט נאָך נישט געהאַט געזעען דעם זון. פאָרן גלייך אין הויז אַריין, ווו מען האָט זיך געקאָנט טרעפן מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, האָט זי געפילט, אַז זי האָט קיין רעכט נישט. מען האָט זי געקאָנט נישט אַריינלאָזן און באַליידיקן. שרייבן און קומען אין באַציונגען מיטן מאַן — וועגן דעם איז איר געווען אפילו פיינלעך אַ טראַכט צו טון: זי האָט געקאָנט זיין רויק בלויז דעמאָלט, ווען זי האָט נישט געקלערט וועגן מאַן. זעען דעם זון אויפן שפּאַציר, נאָכדעם ווי זי וועט געוווּר ווערן וווּהין און ווען ער גייט אַרויס, איז פאַר איר געווען ווייניק: זי האָט זיך אַזוי געגרייט צו דערדאָזיקער זעונג, זי האָט אַזוי פיל געהאַט אים צו זאָגן, איר האָט זיך אַזוי געוואָלט אַרומנעמען, קושן אים. די אַלטע ניאַניע סעריאָזשעס האָט איר געקאָנט העלפן און איר אָנווייזן. אָבער די ניאַניע איז שוין נישט געווען אין הויז בײַ אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. אין דידאָזיקע וואַקלעניש און כּסדרדיקן זוכן די ניאַניע זענען אַריבער צוויי טעג.

געוויר געוואָרן וועגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס נאָענטע באַציונגען צו דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ, האָט אַננאַ אויפן דריטן טאָג זיך אַנטשלאָסן איר אָנצושרייבן אַ בריוו, וואָס האָט זי געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, אין וועלכן זי האָט בכיוון געזאָגט, אַז די דערלויבניש צו זעען דעם זון הענגט אָפּ פון דעם מאַנס גרויסמוטיקייט. זי האָט געוווּסט, אַז אויב מען וועט דעם בריוו ווייזן דעם מאַן, וועט ער ווייטער שפּילן זיין ראָלע פון גרויסמוטיקייט און איר נישט אָפּזאָגן.

דער קאָמיסיאָנער, וואָס האָט געטראָגן דעם בריוו, האָט איר איבערגעגעבן דעם העכסט גרויזאַמען און אומדערוואַרטן ענטפער פאַר איר, אַז עס וועט קיין ענטפער נישט זיין. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי דערנידעריקט, ווי אין דער מינוט, ווען זי האָט אַריינגערופן דעם קאָמיסיאָנער, אויסגעהערט זיין אויספירלעך דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט געוואַרט און ווי מען האָט אים דערנאָך געזאָגט: עס וועט נישט זיין קיין שום ענטפער. אַננאַ האָט זיך געפילט דערנידעריקט, באַליידיקט, אָבער זי האָט געזעען, אַז פון איר שטאַנדפונקט איז די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ גערעכט. איר צער איז דערמיט געווען נאָך שטאַרקער, וואָס זי האָט אים געמוזט אויסטראָגן אַליין. זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך טיילן מיט דעם מיט ווראָנסקין. זי האָט געוווּסט, אַז פאַר אים, הגם ער איז געווען די הויפּט-סיבה פון איר אומגליק, האָט די פראַגע וועגן איר זעען זיך מיטן זון געקאָנט אויסזעען, ווי גאָרנישט קיין וויכטיקע זאַך. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט בכוח זיין צו פאַרשטיין די גאַנצע טיפקייט פון איר ליידן; זי האָט געוווּסט, אַז פאַר זיין קאַלטן טאָן באַם דערמאָנען אָן דעם וועט זי אים פיינט קריגן. און זי האָט פאַר דעם מורא געהאַט מער ווי פאַר אַלעם אין דער וועלט און דעריבער פאַרהוילן פון אים אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום זון.

אָפּגעזעסן אינדערהיים דעם גאַנצן טאָג, האָט זי צוגעטראַכט מיטלען פאַר דעם זעען זיך מיטן זון און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באַשלוס אָנצושרייבן דעם מאַן. זי האָט שוין געהאַט פאַרפאַסט דעם דאָזיקן בריוו, ווען מען האָט איר געברענגט דעם בריוו פון לידיאַ איוואַנאָוונאַ. דער גרעפינס שווייגן האָט זי איינגעשטילט און אונטערטעניק געמאַכט, אָבער דער בריוו, דאָס אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלייענט צווישן זיינע שורות, האָט זי אַזוי אויפגערייצט, אַזוי אויפרעגנד האָט איר אויסגעזעען דערדאָזיקער האַס אין פאַרגלייך מיט איר ליידנשאַפטלעכער גע-

זעצלעבער צערטלעכקייט צום זון, אַז זי איז אויפגערעגט געוואָרן אויף אַנדערע און אויפגעהערט צו באַשולדיקן זיך.

„דידאַזיקע קאַלטקייט — איז אַ געקינצלט געפיל; — האָט זי זיך געזאָגט. — זיי דאַרפן בלויז מיך באַליידיקן און פאַרפייניקן דאָס קינד, און איך וועל מיך זיי אונטערגעבן! בשום אופן נישט! זי איז ערגער פאַר מיר. איך זאָג על כל פנים נישט קיין ליגנט". און זי האָט אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז זי וועט באַלד מאָרגן, טאַקע אין טאָג פון סעריאָזשעס געבורטסטאָג, גלייך פאָרן אין מאַנס הויז אַריין, וועט אונטערקויפן די מענטשן, וועט אָפּנאַרן, אָבער פאַר יעדן פרייז זען דעם זון און צעשמערן דאָסדאָזיקע אומגעלומפּערטע גענאַרעריי, מיט וועלכן זיי רינגלען אַרום דאָס אומגליקלעכע קינד.

זי איז געפאָרן אין אַ געוועלב אַריין פון שפּילצייג, האָט אָנגעקויפט שפּילעכלעך און דורכגעטראַכט, ווי אַזוי זי וועט טון. זי וועט קומען באַלד אינדערפרי, אַכט אַ זייגער, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וועט נאָך זיכער נישט האָבן אויפגעשטאַנען. זי וועט האָבן אין דער האַנט געלט, וואָס זי וועט געבן דעם שווייצער און דעם לאָקיי, כדי זיי זאָלן זי אַריינלאָזן, און, נישט אויפהייבנדיק דעם וואָאַל, וועט זי זאָגן, אַז זי איז פון סעריאָזשעס טויף-פּאָטער געקומען גראַטולירן און אַז איר איז איבערגעגעבן געוואָרן אַוועקצושטעלן די שפּילעכלעך בײַ זונס בעט. זי האָט בלויז נישט צוגעגרייט די ווערטער, וועלכע זי וועט זאָגן דעם זון. וויפיל זי האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, האָט זי גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן.

צומאָרגנס אַכט אַ זייגער אינדערפרי איז אַננאַ אַרויסגעגאַנגען איינע אַליין פון אַ געדונגענער קאָטש און אָנגעקלונגען בײַם פּראָנט-גאַנג פון איר געוועזענער היים.

— גיי, זע וואָס מען דאַרף. עפּעס אַ דאַמע, — האָט קאַפּיטאָניטש געזאָגט, נאָך נישט קיין אָנגעטועטער, אין פּאַלטן און אין די קאַלאָשן, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער אויף דער דאַמע, וואָס איז, באַדעקט מיט אַ וואָאַל, געשטאַנען בײַ דער סאַמע טיר. דער געהילף-שווייצער, אַ יונגער, אומבאַקאַנטער פאַר אַננען, האָט איר נאָר-וואָס געהאַט געעפנט די טיר, ווי זי איז שוין אַריינגעגאַנגען אין איר, און, אַרויסגענומען אַ דריירובלדיקע אַסיגנאַציע פון דער מופקע, האָט זי איילן זי אים אין דער האַנט אַריינגעשטופּט.

— סעריאָזשאַ... סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט זי אַ זאָג

געטון און זיך געלאָזט גיין פאָראויס. באַקוקט די אַסיגנאַציע, האָט דער געהילף-שווייצער זי אָפּגעשטעלט בײַ דער צווייטער גלעזערנער טיר.

— וועמען דאַרפט איר ? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט נישט געהערט זײַנע ווערטער און גאָרנישט געענטפערט.

באַמערקט די צעמישטקייט פון דער אומבאַקאַנטער, איז קאַפּיטאַ-נישש אַליין אַרויסגעגאַנגען צו איר, זי דורכגעלאָזט דורך דער טיר און געפרעגט, וואָס זי דאַרף.

— פון דעם פירשט סקאָראַדומאָוו צו סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— זיי זענען נאָך נישט אויפגעשטאַנען, — האָט דער שווייצער געזאָגט, אויפמערקזאַם זיך צוקוקנדיק.

אננאַ האָט זיך בשום אופן נישט געריכט, אַז דידאָזיקע לגמרי נישט געענדערטע אומגעבונג פון דעם פאָרצימער פונם דאָזיקן הויז, וווּ זי האָט געלעבט נײַן יאָר, זאָל אַזוי ווירקן אויף איר. איינע נאָך די צווייטע דערינערונגען, פריידיקע און פײַנלעכע, האָבן זיך אויפגעהויבן אין איר נשמה, און זי האָט אויף אַן אויגנבליק פאַרגעסן, נאָכוואָס זי איז דאָ אַהערגעקומען.

— איר וועט באַוויליקן צוצוואַרטן ? — האָט קאַפּיטאָנישש געזאָגט, אויסטוענדיק איר דאָס פוטערל.

אויסגעטון דאָס פוטערל, האָט קאַפּיטאָנישש איר אַ בליק געטון אין פּנים אַרײַן, זי דערקענט און שווײַגנדיק זיך פאַרנייגט פאַר איר.

— ביטע, עקסעלענץ, — האָט ער איר געזאָגט.

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דאָס קול האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוברענגען וועלכע ס'איז קלאַנגען. מיט שולדיקער תחנונימדיקייט אַ קוק געטון אויפן אַלטן, האָט זי מיט שנעלע, לײַכטע טריט זיך געלאָזט גיין אויף די טרעפּ אַרויף. איבערבייגנדיק זיך אינגאַנצן פאָראויס און פאַר-טשעפּענדיק זיך מיט די קאַלאָשן אָן די טרעפּ, איז איר קאַפּיטאָנישש נאָכגעלאָפן, באַמיענדיק זיך איבערצויאָגן זי.

— דער לערער איז דאָרט, אפשר איז ער נישט אָנגעטון. איך וועל מעלדן.

אננאַ איז כסדר געגאַנגען איבער די באַקאַנטע טרעפּ, נישט פאַר-שטייענדיק, וואָס דער אַלטער זאָגט.

— אַהער, לינקס ביטע. אַנטשולדיקט, וואָס ס'איז נישט ריין. זיי

זענען אַצינד אין פריערדיקן פאַרווײלונגס־צימער, — האָט דער שווייצער סאָפּענדיק געזאָגט. — דערלויבט, וואַרט צו, עקסעלענץ, איך וועל אַ קוק טון, — האָט ער געזאָגט און, איבערגעיאָגט זי, האָט ער געעפנט די הױ־כע טיר און איז פאַרשווונדן געוואָרן הינטער איר. אננאַ האָט זיך אָפּגע־שטעלט, וואַרטנדיק. — זיי האָבן נאָר־וואָס אויפגעוואַכט, — האָט דער שווייצער געזאָגט, ווידער אַרויסגייענדיק פון דער טיר.

און אין דער מינוט, וואָס דער שווייצער האָט דאָס געזאָגט, האָט אננאַ דערהערט דעם קלאַנג פון אַ קינדעריש געגעצן. לויטן בלויזן קול פון דעמדאָזיקן געגעצן האָט זי דערקענט דעם זון און ווי לעבעדיק אים דערזעען פאַר זיך.

— לאָז, לאָז, קום! — האָט זי אַ זאָג געטון און אַרײַנגעגאַנגען אין דער הויכער טיר. רעכטס פון דער טיר איז געשטאַנען אַ בעט און אויפן בעט איז געזעסן, אויפגעהויבענערהייט, אַ ייִנגל אין אַ בלויז צע־שפּיליעט העמד און, איבערגעבויגן מיטן קערפּערל, ציענדיק זיך פאַרענ־דיקט אַ געגעץ. אין דער מינוט, וואָס זײַנע ליפּן זענען זיך צונויפקומען, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעלייגט אין אַ גליקזעליק־שלעפעריקן שמייכל, און מיט דעם שמייכל האָט ער ווידער פּאַמעלעך און זיס זיך צוריקגעלייגט אַהינטער.

— סעריאָזשאַ! — האָט זי אַ פליסטער געטון, אומהערבאַר צוגיי־ענדיק צו אים.

אין דער צייט פון איר צעשיידט זײַן מיט אים און באַ דעם צו־פלוס פון ליבע, וועלכן זי האָט איבערגעלעבט דידאָזיקע גאַנצע לעצטע צייט, האָט זי זיך אים פאַרגעשטעלט אַלס פיריעריק ייִנגל, ווי זי האָט אים צום מײַנסטן ליב געהאַט. אַצינד איז ער געווען שוין נישט אַזעלכער, ווי זי האָט אים איבערגעלאָזט; ער איז נאָך ווייטער אַוועק פון אַ פיר־יעריקן, איז נאָך אויסגעוואַקסן און דאַרער געוואָרן. וואָס איז דאָס! ווי דאַר זײַן פּנים איז, ווי קורץ זײַנע האָר זענען! ווי לאַנג די הענט! ווי ער האָט זיך געענדערט, זינט זי האָט אים פאַרלאָזט! אָבער דאָס איז געווען ער, מיט זײַן פאָרם פון קאָפּ, זײַנע ליפּן, זײַן ווייך העלדזל און ברייטע פּלייצעלעך.

— סעריאָזשאַ! — האָט זי איבערגעחזרט האַרט איבערן אויער פון קינד.

ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אויפן עלנבויגן, אַ דריי געטון

מיטן צעשויבערטן קאָפּ אין ביידע זייטן, ווי זוכנדיק עפּעס, און געעפנט די אויגן. שטיל און פרעגנדיק האָט ער געקוקט עטלעכע סעקונדן אויף דער מוטער, וואָס איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען פאַר אים, דערנאָך האָט ער פלוצלינג גליקזעליק אַ שמייכל געטון און, ווידער פאַרמאַכט די זיך קלעבנדיקע אויגן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון, אָבער שוין נישט צוריק, נאָר צו איר, צו אירע הענט.

— סעריאָזשאַ! ייִנגל מיין ליבס! — האָט זי אַ זאָג געטון, שטיקנדיק זיך און ארומנעמענדיק מיט די הענט זיין פּוכיקן קערפּער.

— מאַמאַ! — האָט ער אַ זאָג געטון, באַוועגנדיק זיך אונטער אירע הענט, כדי מיט פאַרשידענע זייטן פון קערפּער זיך אָנצורירן אָן אירע הענט.

שלעפעריק שמייכלענדיק, אַלץ נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט מיט די פּוכיקע הענטעלעך פון דעם צוקאָפּנס בעט אויף איר פּלייצע צוריק, איז צוגעפאַלן צו איר, באַהויכנדיק זי מיט דעם ליבן שלעפעריקן ריח און וואַרימקייט, וועלכע מען טרעפט נאָר בײַ קינדער, און אָנגעהויבן זיך רייבן מיטן פּנים אָן איר האַלז און אַקסלען.

— איך האָב געוווּסט, — האָט ער מיט געעפנטע אויגן געזאָגט. — הײַנט איז מיין געבורטסטאָג. איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען. איך וועל באַלד אויפשטיין.

און, זאָגנדיק דאָס, האָט ער אָנגעהויבן אייַנצושלאָפן.

אננא האָט געקוקט אויף אים; זי האָט געזען, ווי ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך געענדערט אין איר אָפּוועזנהייט. זי האָט דערקענט און נישט דערקענט זיינע נאַקעטע, אַציַנד אַזעלכע גרויסע פיס, די־דאָזיקע אָפּגעשוירענע, קורצע קרייזעלעך אויפן נאַקן, וווּ זי פלעגט אים אַזוי אָפט קושן. זי האָט דאָס אַלץ אָנגערירט און גאָרנישט געקאָנט רעדן: טרערן האָבן זי געשטיקט.

— וואָס־זשע וויינסטו, מאַמאַ? — האָט ער געזאָגט, שוין אינגאַנצן אויפגעוואַכט. — מאַמאַ, וואָס־זשע וויינסטו? — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ וויינענדיק קול.

— איך וועל נישט וויינען... איך וויין פון פרייד. איך האָב דיך אַזוי לאַנג נישט געזען. איך וועל נישט, וועל נישט, — האָט זי געזאָגט, שלינגענדיק די טרערן, און זיך אָוועקגעדרייט. — נו, דו דאַרפסט

דיך שוין אַצינד אַנטון, — האָט זי, באַהערשנדיק זיך, צוגעגעבן נאָך א ווײלע שווייגן און, נישט אַרויסלאָזנדיק זיין האַנט, זיך גענעצט באַ זיין בעט אויף דער שטול, אויף וועלכער זיין אַנטון איז געווען צו־געגרייט.

— ווי אַזוי טוסטו דיך אָן אָן מיר? ווי אַזוי... — האָט זי גע־וואָלט אָנהייבן צו רעדן איינפאַך און היימלעך, אָבער נישט געקאָנט און ווידער זיך אָוועקגעדרייט.

— איך וואַש מיך נישט מיט קיין קאַלט וואַסער: דער טאַטע האָט נישט געהייסן. און וואַסילי לוקיטשן האָסטו נישט געזעען? ער וועט קו־מען. און דו האָסט דיך גענעצט אויף מיין אַנטון.

און סעריאָזשאַ האָט זיך צעלאַכט. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף אים און אַ שמייכל געטון.

— מאַמאַ, האַרצינקע, טייבעלע! — האָט ער אויסגעשריגן, ווידער זיך אַ וואָרף געטון צו איר און זי אַרומגענומען. ווי ער וואָלט ערשט אַצינד, דערזעענדיק איר שמייכל, קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז גע־שען. — דאָס דאַרף מען נישט, — האָט ער געזאָגט, אויסטוענדיק איר דעם הוט. און, ווי ער וואָלט זי אויפסניי דערזעען אָן הוט, האָט ער זיך ווידער אַ וואָרף געטון זי קושן.

— אָבער וואָס זשע האָסטו געטראַכט וועגן מיר? דו האָסט נישט געטראַכט, אַז איך בין געשטאָרבן?

— איך האָב קיינמאָל נישט געגלייבט.

— דו האָסט נישט געגלייבט, פריינט מיינער?

— איך האָב געוווּסט, איך האָב געוווּסט! — האָט ער איבערגע־חזרט זיין באַליבטע פראַזע און, אַ כאַפּ געטון איר האַנט, וועלכע האָט בעגלעט זיינע האָר, האָט ער זי אָנגעהויבן צודריקן מיט דער דלאָניע צו זיין מויל און אָנגעהויבן קושן זי.

XXX.

וואַסילי לוקיטש, וואָס האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען, ווער די־דאָזיקע דאַמע איז, און איז געוויר געוואָרן פון רעדן, אַז דאָס איז טאַקע די מוטער, וועלכע האָט אַוועקגעוואָרפן דעם מאַן און וועלכע ער קען נישט, ווייל ער איז אַנגעקומען אין הויז אַריין שוין נאָך איר, איז דערווייל געווען אין ספק, צי ער זאָל אַריינגיין, צי נישט, אָדער מיטטיילן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. ענדלעך איבערלייגנדיק זיך, אַז זיין פליכט איז אויפצוּוועקן און אַנטון סעריאָזשען אין דער באַשטימטער שעה און אַז דעריבער איז ער נישט מחויב זיך צו רעכענען מיט דעם, ווער עס זיצט דאָרט, די מוטער אָדער עמעצער אַנדערש, נאָר איז מחויב אויסצופירן זיין פליכט, האָט ער זיך אָנגעטון, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפנט.

אָבער די צערטלעכקייטן פון דער מוטער און פון זון, דאָס קלינגען פון זייערע שטימען און דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט, — דאָס אַלץ האָט אים געענדערט צו ענדערן דעם באַשלוס. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מיט אַ זיפץ פאַרמאַכט די טיר. „איך וועל צוּוואַרטן נאָך צען מינוט“, האָט ער זיך געזאָגט, אָפּהוסטנדיק און אָפּווישנדיק זיך די טרערן.

צווישן דער דינערשאַפט פון הויז איז דערווייל פאַרגעקומען אַ שטאַרקע אויפרעגונג. אַלע זענען געוויר געוואָרן, אַז די מאַדאַם איז געקומען, אַז קאַפּיטאָניטש האָט זי אַריינגעלאָזט און אַז זי איז אַצינד אין קינדערצימער, אַז דער הער אַליין גייט תּמיד ניין אַ זייגער אַריין אין קינדערצימער, אַז אַ באַגעגעניש צווישן מאַן און ווייב איז אוממעגלעך און אַז מען טאָר נישט דערלאָזן צו דעם. קאָרנעי, דער קאַמערדינער, אַריינגייענדיק אין שווייצערצימער, האָט געפרעגט ווער און ווי אַזוי עס האָט זי דורכגעלאָזט, און, געוויר געוואָרן, אַז קאַפּיטאָניטש האָט זי אויפגענומען און אַריינגעפירט, האָט ער געמאַכט אַ פאַרוואורף דעם אַלטן. דער שווייצער האָט פאַרעקשנט געשוויגן, אָבער ווען קאָרנעי האָט אים געזאָגט, אַז פאַר דעם וואָלט מען אים געדאַרפט אַרויסטרייבן, איז

קאַפּיטאַניטש צוגעשפּרונגען צו אים און, אָנהייבנדיק צו פּאָכען מיט די העגט פאַר קאַרנעיס פּנים, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן:

— יאָ, אָט דו וואָלסט נישט אַריינגעלאָזט! צען יאָר געדינט און אַ חוץ טובות גאָרנישט געזעען; וואָלסטו געגאַנגען אַצינד און וואָלסט געזאָגט: זייט אַזוי גוט, הייסט עס, אַרויס. דו פאַרשטייסט פיין פּאָליטיק. אַזוי איז עס. וואָלסט בעסער וועגן זיך געדענקט, ווי אַזוי דעם הער צו באַלקחנען.

— סאָלדאַט! — האָט קאַרנעי מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטון און זיך אויסגעדרייט צו דער אַריינגעקומענער ניאַניע. — אָט זאָגט איר, מאַריאַ יעפימאָוונאַ: ער האָט אַריינגעלאָזט, קיינעם נישט געזאָגט, — האָט זיך קאַרנעי געווענדט צו איר. — אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וועלן באַלד אַרויסקומען, וועלן אַריינגיין אין קינדערצימער.

— שיינע זאַכן, שיינע זאַכן! — האָט די ניאַניע געזאָגט. — איר, קאַרנעי וואַסיליעוויטש, וועט אים ווי ס'איז פאַרהאַלטן, דעם הער טאַקע, און איך וועל אַ לויף טון, זי ווי ס'איז אַרויספירן. שיינע זאַכן, שיינע זאַכן!

ווען די ניאַניע איז אַריינגעקומען אין קינדערצימער, האָט סעריאָזשאַ דערציילט דער מוטער וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז אַנידערגעפאַלן צוזאַמען מיט נאַדיענקען, ווען זיי זענען אַראָפּגעפאָרן פון באַרג, און האָבן זיך דריי מאָל איבערגעקאָליערט. זי האָט געהערט דאָס קלינגען פון זיין קול, האָט געזעען זיין פּנים און דעם שפּיל פון אויסדרוק, האָט געשפּירט זיין האַנט, אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. מען מוז אוועקגיין, מען מוז אים איבערלאָזן, — בלויז דאָס אַליין האָט זי אי געטראַכט אי געפילט. זי האָט אויך געהערט וואַסילי לוקיטשס טריט, וואָס איז צוגעקומען צו דער טיר און געהוסט, האָט אויך געהערט די טריט פון דער צוגעקומענער ניאַניע, אָבער איז געזעסן, ווי אַ פאַרשטיינערטע, נישט זייענדיק בכוח נישט אָנצוהייבן רעדן, נישט אויפצושטיין.

— ליבינקע, טייבעלע! — האָט די ניאַניע אָנגעהויבן, צוקומענדיק און קושנדיק אירע הענט און אַקסלען. — אָט האָט גאָט געברענגט אַ שמחה אונזער נייגעבוירענעם. איר האָט זיך גאָרנישט געענדערט.

— אַך, ניאַניע, ליבע, איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט דאָ אין הויז, — האָט אַננאַ געזאָגט, קומענדיק צו זיך אויף אַ מינוט.

— איך בין נישט דאָ, איך בין מיט דער טאָכטער, איך בין געקומען גראַטולירן, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, טייבעלע!

די ניאַניע האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט און ווידער אָנגעהויבן קושן איר האַנט.

סעריאָזשאַ, שיינענדיק מיט די אויגן און מיט אַ שמייכל און האַלטנ־דיק זיך מיט איין האַנט אָן דער מוטער, מיט דער צווייטער אָן דער ניאַניע, האָט געטופּעט מיט די דיקע נאַקעטע פיסלעך איבערן טעפּיך. די צערטלעכקייט פון דער געליבטער ניאַניע צו דער מוטער האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַנטציקונג.

— מאַמאַ! זי קומט אָפט צו מיר, און ווען זי קומט... — האָט ער שוין אָנגעהויבן, אָבער זיך אָפּגעשטעלט, באַמערקנדיק, אַז די ניאַניע האָט עפּעס שעפּטשענדיק געזאָגט דער מוטער און אַז אויף דער מוטערס פּנים האָט זיך אויסגעדריקט שרעק און עפּעס אַזוי ווי בושה, וואָס האָט זיך אַזוי נישט געפּאַסט צו דער מוטער.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים.

— מיין ליבער! — האָט זי געזאָגט.

זי האָט נישט געקאָנט זאָגן ז״י געזונט, אָבער דער אויס־דרוק פון איר פּנים האָט דאָס געזאָגט, און ער האָט פאַרשטאַנען.

— ליבער, ליבער קוטיק! — האָט זי אַ זאָג געטון דעם נאָ־מען, מיט וועלכן זי פלעגט אים רופן, ווען ער איז קליין געווען, — דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן? דו... — נאָר מער האָט זי נישט געקאָנט רעדן.

וויפיל ווערטער האָט זי דערנאָך צוגעטראַכט, וועלכע זי האָט אים געקאָנט זאָגן. נאָר אַצינד האָט זי גאָרנישט געקאָנט זאָגן. אָבער סעריאָ־זשאַ האָט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זי האָט אים געוואָלט זאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אומגליקלעך און האָט אים ליב. ער האָט אפילו פאַרשטאַנען דאָס, וואָס די ניאַניע האָט פליסטערנדיק געזאָגט. ער האָט געהערט די ווערטער: „שטענדיק ניין אַ זייגער", און ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן פאָטער און אַז די מוטער טאָר זיך מיטן פאָטער נישט טרעפן. דאָס האָט ער פאַרשטאַנען, נאָר איינס האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס עס האָבן זיך אויף איר פּנים באַוויזן שרעק און בושה?... זי איז נישט שולדיק, אָבער זי האָט מורא פאַר אים און שעמט זיך פאַר עפּעס. ער האָט געוואָלט שטעלן אַ פראַגע, וועלכע זאָל אים אויפקלערן דעמדאָזיקן ספק, אָבער נישט גע־וואַגט דאָס צו טון: ער האָט געזעען, אַז זי ליידט, און רחמנות געהאַט

אויף איר. ער האָט זיך שווייגנדיק צוגעדריקט צו איר און פליסטערנדיק געזאָגט:

— גיי נאָך נישט אַוועק! ער וועט נישט אַזוי גיך קומען.

די מוטער האָט אים אָפּגערוקט פון זיך, כדי צו פאַרשטיין, צי ער טראַכט דאָס, וואָס ער רעדט, און אין דעם דערשראָקענעם אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זי איבערגעלייענט, אַז ער האָט נישט בלויז גערעדט וועגן פאָטער, נאָר אַזוי ווי זי געפרעגט, ווי אַזוי זי דאַרף וועגן פאָטער טראַכטן.

— סעריאָזשאַ, פריינט מיינער, — האָט זי געזאָגט, — האָב אים ליב, ער איז בעסער פאַר מיר, און איך בין שולדיק קעגן אים. ווען דו וועסט אויפוואַקסן, וועסטו דעמאָלט אורטיילן.

— בעסער פאַר דיר איז נישטאָ!... — האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן מיט טרערן און, אָנגעכאַפּט זי בײַ די אַקסלען, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח זי אָנגעהויבן צוצודריקן צו זיך מיט ציטערדיקע הענט פון אָנשטרענגונג.

— האַרציניקער! קליינינקער מייגער! — האָט אַננאַ אַ זאָג געטון און זיך צעוויינט אויך אַזוי שוואַך, קינדיש, ווי ער האָט געוויינט.

אין דער צייט האָט די טיר זיך געעפנט, עס איז אַריינגעקומען וואַסילי לוקיטש. בײַ דער צווייטער טיר האָבן זיך דערהערט טריט, און די ניאַניע האָט מיט אַ דערשראָקן פליסטערן געזאָגט: „ער גייט", און דערלאַנגט דעם הוט אַננען.

סעריאָזשאַ איז אַ פאַל געטון אויפן בעט און זיך צעשלוכצט, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט. אַננאַ האָט אַוועקגענומען דידאָזיקע הענט, נאָכאַמאָל אַ קוש געטון זיין נאַס פּנים און מיט שנעלע טריט אַרויסגעגאַנגען דורך דער טיר. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געגאַנגען איר אַקעגן. דערזעען זי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

נישט געקוקט דעריף, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געהאַט געזאָגט, אַז ער איז בעסער פון איר, האָבן געפילן פון עקל און כּעס צו אים און קנאה פאַרן זון זי אַרומגעכאַפּט בײַם שנעלן בליק, וואָס זי האָט אַ וואַרף געטון אויף אים, אַרומנעמענדיק זיין גאַנצע פיגור מיט אַלע איינצלהייטן. זי האָט מיט אַ שנעלער באַוועגונג צעפּגעלאָזט דעם וואָל און, פאַרשנעלערט דעם טריט, איז זי כמעט אַרויסגעלאָפן פון צימער.

זי האָט אפילו נישט באַוויזן אַרויסצונעמען און אַזוי טאַקע אַהיימ-

געברענגט די שפּילעכלעך, וועלכע זי האָט נעכטן אין געוועלב מיט אַזוי פיל ליבע און טרויער אויסגעקליבן.

XXXI.

ווי שטאַרק אַנאַ האָט זיך נישט געוואָלט זעען מיטן זון, ווי לאַנג זי האָט נישט געטראַכט און זיך געגרייט צו דעם, האָט זי בשום אופן זיך נישט געריכט, אַז דידאָזיקע זעונג זאָל אויף איר אַזוי ווירקן. צוריק־געקומען אין איר איינזאַמער אָפּטיילונג אַריין אין האָטעל, האָט זי לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין, נאָכוואָס זי געפינט זיך דאָ. „יאָ, דאָס אַלץ איז געענדיקט, און איך בין ווידער אַליין“, האָט זי זיך געזאָגט און, נישט אויסטוענדיק דעם הוט, זיך געזעצט אויפן פאָטעל, וואָס איז גע־שטאַנען לעבן קאַמין. אַנגעשטעלט די אומבאַוועגלעכע אויגן אויפן בראָנ־זענעם זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש צווישן די פענצטער, האָט זי אָנגעהויבן צו טראַכטן.

דאָס פראַנצויזישע מיידל, וואָס איז מיטגעברענגט געוואָרן פון אויסלאַנד, איז אַריינגעקומען איר פאָרלייגן זיך אָנצוטון. זי האָט מיט פאַר־ווונדערונג אַ קוק געטון אויף איר און געזאָגט: — דערנאָך. — דער לאָקיי האָט פאָרגעלייגט קאַווע. — דערנאָך, — האָט זי געזאָגט.

די איטאַליענישע אַם, נאָכדעם, ווי זי האָט אָנגעטון דאָס מיידעלע, איז אַריינגעקומען דערמיט און עס צוגעטראָגן אַננען. דאָס פוכיקע, גוט גענערטע מיידעלע האָט, דערזעענדיק די מוטער, אונטערגערוקט די מיט רויטע פעדעם אַרומגענומענע נאַקעטע הענטעלעך מיט די פלאַכן אַראָפּ און, שמייכלענדיק מיטן אָנצייניקן מיילעכל, אָנגעהויבן, ווי אַ פיש מיט די פליספעדערן, צו רודערן מיט די הענטעלעך, שאָרכנדיק מיט זיי אי־בער די געפּרעסטע פאַלבן פון דעם געהאָפטענעם קליידעלע. מען האָט נישט געקאָנט נישט קיין שמייכל טון, נישט אַ קוש טון דעם מיידעלע; מען האָט נישט געקאָנט נישט איר אונטערשטעלן דעם פינגער, בײַ וועלכן זי האָט זיך אָנגעכאַפּט, גאָדערנדיק און אונטערשפּרינגענדיק מיטן גאַנצן קערפּער; מען האָט נישט געקאָנט נישט איר אונטערשטעלן די ליפּ, וועלכע זי האָט, אין דער פאָרם פון אַ קוש, אין מיילעכל אַריינגענומען. און דאָס אַלץ האָט אַנאַ געטון: אי זי האָט זי גענומען אויף דער האַנט,

אי זי געגייט אַ ביסל צו טאַנצן, אי זי האָט אַ קוש געטון איר פּריש בעקעלע און אַנטבלויזטע עלנבויגנדלעך; נאָר באַם זעען דאָסדאָזיקע קינד איז איר נאָך קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס געפיל, וועלכעס זי שפּירט צו איר, איז אַפילו נישט קיין ליבע אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס זי פילט צו סעריאָזשען. אַלץ אין דעמדאָזיקן מיידעלע איז געווען ליב, נאָר דאָס אַלץ האָט איבער עפּעס נישט פאַרכאַפּט באַם האַרץ. אויפן ערשטן קינד, הגם פון נישט קיין געליבטן מענטש, זענען אויסגעגאָסן געוואָרן אַלע ליבעס-כּוחות, וואָס זענען נישט באַפרידיקט געוואָרן; דאָס מיידל איז געבוירן געוואָרן אין די ערגסטע באַדינגונגען, און אויף איר זענען נישט אויסגעגאָסן געוואָרן קיין הונדערט חלק פון די זאָרגן, וועלכע זענען אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן ערשטן. חוצדעם, איז אין מיידל נאָך אַלץ געווען בלויז דערוואַרטונג, און סעריאָזשאַ איז שוין געווען כּמעט אַ מענטש, און אַ געליבטער מענטש; אין אים האָבן זיך שוין געראַנגלט געדאַנקען, געפילן, ער האָט פאַרשטאַנען, ער האָט ליב געהאַט, ער האָט זי געמשפּט, האָט זי געטראַכט, דערמאָנענדיק זיך זיינע ווערטער און בליקן. און זי איז אויף שטענדיק נישט בלויז פיזיש, נאָר גייסטיק געווען צעשיידט מיט אים, און פאַררעכטן דאָס האָט מען נישט געקאָנט.

זי האָט אַוועקגעגעבן דאָס מיידעלע דער אַם, האָט זי אָפּגעלאָזט און געעפנט דעם מעדאַליאָן, אין וועלכן ס'איז געווען סעריאָזשעס פאָרטרעט, ווען ער איז געווען כּמעט פון זעלבן עלטער, וואָס דאָס מיידעלע. זי איז אויפגעשטאַנען און, אויסגעטון דעם הוט, האָט זי גענומען אויפן טישעלע דעם אַלבאָם, אין וועלכן עס זענען געווען דעם זונס פאָטאָגראַפישע קאַרטעס אין אַנדערן עלטער. זי האָט געוואָלט איבערצייילן די קאַרטעס און זיי אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון אַלבאָם. זי האָט זיי אַלע אַרויסגענומען. עס איז געבליבן איינע, די לעצטע, די בעסטע קאַרטע. ער איז אין אַ ווייסער בלוזע געזעסן רייטנדיק אויף אַ שטול, געכמורעט די אויגן און געשמייכלט מיטן מויל. דאָס איז געווען זיין גאָר באַזונדערער, שענסטער אויסדרוק. מיט די קליינע געשיקטע הענט, וועלכע האָבן זיך היינט באַזונדערס אָנגעשטרענגט באַוועגט מיט זייערע ווייסע, דינע פינגער, האָט זי עטלעכע מאָל אָנגענומען די קאַרטע באַם שפּיץ, אָבער די קאַרטע האָט זיך אָפּגעריסן, און זי האָט זי נישט געקאָנט אַרויסקריגן. קיין פּאַפּיר-מעסער איז אויפן טיש נישט געווען, און, אַרויסגענומען די דערנעבנדיקע קאַרטע (דאָס איז געווען ווראָנסקיס אַ קאַרטע,

וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין רוים, אין אַ קיילעכיקן הוט און מיט לאַנגע האָר), האָט זי מיט איר אַרויסגעשטופּט דעם זונס קאַרטע. „יאָ, דאָס איז ער!“ האָט זי געזאָגט, אַ בליק געבנדיק אויף ווראָנסקיס קאַרטע, און פּלוצלינג זיך דערמאָנט, ווער עס איז די סיבה פון איר איצטיקן צער. זי האָט קיין איין מאָל זיך נישט דערמאָנט אָן אים דעם גאַנצן פרימאָרגן. נאָר אַצינד, דערזעענדיק דאָסדאָזיקע מענישע, איידעלע, איר אַזוי באַקאַנטע און ליבע פּנים, האָט זי פּלוצלינג דערפילט אָן אומגעריכטן צופלוס פון ליבע צו אים.

„ווו־זשע איז ער? ווי אַזוי־זשע לאָזט ער מיך איבער אַליין מיט מיינע ליידן?“ האָט זי פּלוצלינג מיט אַ געפיל פון פאָרוווּרף אַ טראַכט געטון, פאַרגעסנדיק, אַז זי אַליין באַהאַלט פון אים אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום זון. זי האָט אים געשיקט בעטן ער זאָל גלייך קומען; זי האָט געוואָרט אויף אים מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ, צוטראַכטנדיק ווערטער, מיט וועלכע זי וועט אים אַלץ דערציילן, און די אויסדרוקן פון זיין ליבע, וועלכע וועלן זי טרייסטן. דער געשיקטער איז צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער, אַז עס איז דאָ אַ גאַסט בא אים, אָבער אַז ער וועט גלייך קומען און האָט געהייסן זי פרעגן, צי זי קאָן אים אויפנעמען מיטן פירשט יאַשווין, וועלכער איז געקומען פון פּעטערבורג. „נישט אַליין וועט ער קומען, און ער האָט מיך פון נעכטן מיטאָג אָן נישט געזעען, — האָט זי אַ קלער געטון; — נישט אַזוי וועט ער קומען, אַז איך זאָל אים קאָנען אַלץ אויסדערציילן, נאָר וועט קומען מיט יאַשווינען“. און פּלוצלינג איז איר איינגעפאַלן אַ מאָדנע געדאַנק: וואָס איז, אויב ער האָט זי שוין אויפגעהערט ליב צו האָבן?

און, איבערקלויבנדיק די געשעענישן פון די לעצטע טעג, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט אין אַלעם אַ באַשטעטיקונג פאַר דעמדאָזיקן שרעקלעכן געדאַנק: אי דאָס, וואָס ער האָט נעכטן נישט געגעסן קיין מיטאָג אין דער היים, אי דאָס, וואָס ער האָט דווקא געוואָלט, אַז זיי זאָלן בלייבן אין פּעטערבורג אויף ווייטער, אי דאָס, וואָס ער איז אפילו אַצינד נישט געקומען צו איר אַליין, אַזוי ווי אויסמיידנדיק זיך צו זעען אויג אויף אויג.

„אָבער ער איז מחויב מיר דאָס צו זאָגן. איך דאַרף דאָס וויסן. אויב איך וועל דאָס וויסן, דעמאָלט ווייס איך, וואָס איך וועל טון“, האָט זי זיך געזאָגט, נישט זייענדיק בכוח זיך פאָרצושטעלן די לאַגע, אין וועלכער זי וועט זיין, האָבנדיק זיך איבערצייגט אין זיין גלייכגילטיקייט.

זי האָט געטראַכט, אַז ער האָט זי אויפגעהערט ליב צו האָבן, זי האָט זיך געפילט נאָענט צו פאַרצווייפלונג און צוליב דעם זיך דערפילט באַזונדערס צערודערט. זי האָט אָנגעקלונגען נאָכן מיידל און איז אַריינגעגאַנגען אין טואַלעט-צימער. אָנטועענדיק זיך, האָט זי זיך פאַרנומען מער, ווי די אַלע טעג, מיט איר טואַלעט, גלייך נאָכדעם ווי ער האָט זי אויפגעהערט ליב צו האָבן, וואָלט ער געקאָנט ווידער זי ליב קריגן דערפאַר, וואָס זי וועט גיין אָנגעטון דאָס קלייד און וועט טראָגן די פריזור, וועלכע פאַסן איר צום מיינסטן.

זי האָט דערהערט דאָס גלעקל פריער, ווי זי איז געווען גרייט.

ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין, האָט נישט ער, נאָר יאַשווין זי באַגעגנט מיטן בליק. ער האָט באַקוקט די קאַרטעס פון איר זון, וועלכע זי האָט פאַרגעסן אויפן טיש, און זיך נישט געאײַלט אַ קוק צו טון אויף איר.

— מיר זענען באַקאַנט, — האָט זי געזאָגט, אַרײַנלייגנדיק איר קליינע האַנט אין דער אומגעהייער גרויסער האַנט אַריין פון דעם שעמעוודיקן (וואָס עס איז אַזוי אויסטערליש געווען בײַ זיין ריזיקער וווּקס און גראָבן פּנים) יאַשווינען. — באַקאַנט פון פאַריאָרן, אויף די געיעגן. גיט אַהער, — האָט זי געזאָגט, מיט אַ שנעלער באַוועגונג צונעמענדיק בײַ ווראָנסקי׳ן דעם זונס קאַרטעס, וועלכע ער האָט באַקוקט, און מיט באַדייטונגספול גלאַנציקע אויגן וואַרפנדיק אַ בליק אויף אים, — דאָס הײַנטיקע יאָר זענען געווען פיינע געיעגן? אָנשטאָט די, האָב איך געזען די געיעגן אויפן קאָרסאָ אין רוים. איבעריקנס, איר האָט נישט ליב דאָס אויסלענדישע לעבן, — האָט זי געזאָגט, ליבלעך שמייכלענדיק. — איך קען אײַך און קען אַלע אײַערע געשמאַקן, הגם איך פלעג מיך ווייניק טרעפן מיט אײַך.

— דאָס באַדויער איך זייער, ווייל מיינע געשמאַקן זענען על פּי רוב שלעכטע, — האָט יאַשווין געזאָגט, פאַרבייסנדיק זיין לינקע וואָנסע.

אָפּגערעדט אַ שטיקל צייט און באַמערקט, אַז ווראָנסקי האָט אַ בליק געטון אויפן זייגער, האָט זי יאַשווינען געפרעגט, צי זי וועט נאָך לאַנג פאַרבלײַבן אין פעטערבורג, און, אויסבייגנדיק זיין ריזיקע פיגור, האָט ער גענומען דעם קעפּי.

— דאַכט זיך, נישט לאַנג! — האָט זי צעמישט געזאָגט, אַ בליק טוענדיק אויף ווראָנסקין.

— וועלן מיר זיך טאקע שוין מער נישט זעען? — האָט יאַשווין געזאָגט, אויפשטייענדיק און ווענדנדיק זיך צו ווראָנסקין. — ווו עסטו מיטאָג?

— קומט אויף מיטאָג צו מיר! — האָט אננאַ אַנטשלאָסן געזאָגט, אַזוי ווי בייז ווערנדיק אויף זיך פאַר איר פאַרלעגנהייט, אָבער, רויט־ווערנדיק, ווי שטענדיק, ווען זי פלעגט אַרויסווייזן פאַר אַ נייעם מענטש איר לאַגע. — דאָס מיטאָג איז דאָ נישט גוט, אָבער איר וועט זיך, על כל פנים, זעען מיט אים. אַלעקסיי האָט פון אַלע פּולק־חברים קיינעם נישט אַזוי ליב, ווי אייך.

— עס פרייט מיך זייער, — האָט יאַשווין געזאָגט מיט אַ שמייכל, לויט וועלכן ווראָנסקי האָט געזען, אַז אננאַ איז אים זייער געפעלן.

יאַשווין האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען. ווראָנסקי איז געבליבן פון הינטן.

— דו פאָרסט אויך? — האָט זי אים געזאָגט.

— איך האָב שוין פאַרשפעטיקט! — האָט ער געענטפערט. — גיי! איך וועל דיך באַלד דעריאָגן! — האָט ער אַ געשריי געטון צו יאַשווינען.

זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויף אים, זוכנדיק אין געדאַנק, וואָס צו זאָגן, כּדי צו פאַרהאַלטן אים.

— וואַרט צו, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן, — און, אָננעמענדיק זיין קורצע האַנט, האָט זי זי צוגעדריקט צו איר האַלז. — עס מאַכט נישט אויס, וואָס איך האָב אים איינגעלאַדן אויף מיטאָג?

— דו האָסט אויסגעצייכנט געטון! — האָט ער געזאָגט מיט אַ רויקן שמייכל, אויפדעקנדיק זיינע געדיכטע ציין און קושנדיק איר האַנט.

— אַלעקסיי, דו האָסט דיך נישט געענדערט צו מיר? — האָט זי געזאָגט, צודריקנדיק מיט ביידע הענט זיין האַנט. — אַלעקסיי, איך האָב מיך פאַרפייניקט דאָ. ווען וועלן מיר אָוועקפאָרן?

— אינגיכן, אינגיכן. דו וועסט נישט גלייבן, ווי שווער אויך מיר איז אונזער לעבן דאָ, — האָט ער געזאָגט און אַ ציִ געטון זיין האַנט.

— נו, גיי, גיי! — האָט זי מיט באַליידיקונג געזאָגט און שנעל אָוועקגעגאַנגען פון אים.

XXXII.

ווען ווראָנסקי איז צוריקגעקומען אַהיים, איז אַננאַ נאָך נישט געוועזן אינדערהיים. באַלד נאָך אים, ווי מען האָט אים געזאָגט, איז צו איר געקומען עפּעס אַ דאַמע, און זי איז צוזאַמען מיט איר אַוועקגעפאָרן. דאָס, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן, נישט זאָגנדיק וווהין, דאָס, וואָס זי איז ביז איצט נאָך נישט געווען, דאָס, וואָס זי איז נאָך אינדערפרי געפאָרן ערגעץ, גאָרנישט זאָגנדיק אים, — דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם אויסטערליש אויפגערעגטן אויסדרוק פון איר פּנים היינט אינדערפרי און מיט דער דעריבערונג פון דעם פייַנדלעכן טאָן, מיט וועלכן זי האָט אין יאַשווינס קעגנוואַרט כּמעט אַרויסגעריסן דעם זונס קאַרטעס פון זיינע הענט, האָט אים געבייט צו פאַרטראַכטן זיך. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך דורכשמועסן מיט איר. און ער האָט געוואַרט אויף איר אין איר גאַסטצימער. אָבער אַננאַ איז צוריקגעקומען נישט אַליין, נאָר האָט געבראַכט מיט זיך איר מומע, אַן אַלטע מויד, די פירשטין אָבלאָנסקאַיאַ. דאָס איז געווען די זעלבע, וועלכע איז געקומען אינדערפרי און מיט וועלכער אַננאַ איז געפאָרן איינקויפן. אַננאַ האָט אַזוי ווי נישט באַמערקט דעם אויסדרוק פון ווראָנסקיס פּנים, דאָס פאַרזאָרגטע און פרעגנדיקע, און פרייליך אים דערציילט, וואָס זי האָט געקויפט היינט אינדערפרי. ער האָט געזען, אַז אין איר קומט פאָר עפּעס באַזונדערס: אין די בלישטשענדיקע אויגן, ווען זיי האָבן זיך פאַרבייַלויפנדיק אָפּגעשטעלט אויף אים, איז געווען געשפּאַנטע אויפמערקזאַמקייט, און אין רעדן און די באַוועגונגען איז געווען יענע נערוועזע שנעלקייט און גראַציעזקייט, וועלכע האָבן אין דער ערשטער צייט פון זייער דערנענטערונג אַזוי אים אַנטציקט, און אַצינד באַאומרויִקט און געשראָקן.

דאָס מיטאָג איז געווען סערווירט פאַר פיר פּערזאָן. אַלע האָבן זיך שוין געקליבן אַרויסצוגיין אין קליינעם גאַסטצימער אַריין, ווי טישקעוויטש איז געקומען צו אַננען מיט אַן אויפטראָג פון דער פירשטין בעטסי. די פירשטין בעטסי האָט געבעטן, מען זאָל איר אַנטשולדיקן, וואָס זי איז נישט געקומען זיך געזעגענען; זי איז נישט געזונט, נאָר בעט אַננען צו קומען צו איר צווישן האַלב זיבן און ניין אַ זייגער. ווראָנסקי האָט אַ

בליק געטון אויף אַננען באַ דעמדאָזיקן באַשטימען די צייט, וואָס האָט געוויזן, אַז עס זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען, אַז זי זאָל קיינעם נישט טרעפן; אָבער אַננאַ האָט דאָס אַזוי ווי נישט באַמערקט.

— זייער אַ שאָד, וואָס איך קאָן גראָד נישט צווישן האַלב זיבן און ניין, — האָט זי געזאָגט, קוים שמייכלענדיק.

— די פירשטין וועט זייער באַדויערן.

— איך אויך.

— איר פאָרט אוודאי הערן פּאַטטי? — האָט טושקעוויטש געזאָגט.

— פּאַטטי?... איר גיט מיר אַ געדאַנק. איך וואָלט געפאָרן, ווען מען זאָל קאָנען באַקומען אַ לאָזשע.

— איך קאָן באַקומען! — האָט זיך טושקעוויטש אַרויסגערופן.

— איך וואָלט אייך זייער, זייער דאַנקבאַר געווען, — האָט אַננאַ געזאָגט. — צי ווילט איר נישט מיט אונז עסן מיטאָג?

וראָנסקי האָט קוים באַמערקבאַר אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. ער האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַננאַ טוט. נאָכוואָס האָט זי געברענגט דידאָזיקע אַלטע פירשטין, נאָכוואָס האָט זי פאַרהאַלטן אויף מיטאָג טושקעוויטשן און, נאָך ווונדערלעכער פון אַלץ, נאָכוואָס האָט זי אים געשיקט נאָך אַ לאָזשע? צי איז מעגלעך צו טראַכטן, אַז זי זאָל אין איר לאַגע פאָרן אויף אַן אַבאָנאַמענט פון פּאַטטי, ווו ס'וועט זיין די גאַנצע איר באַקאַנטע הויכע געזעלשאַפט. ער האָט מיט אַן ערנסטן בליק אַ קוק געטון אויף איר, נאָר זי האָט אים געענטפערט מיטן זעלבן אַרויסרופנדן, נישט פריילעכן, נישט פאַרצווייפלטן בליק, וואָס זיין באַדייטונג האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין. באַם מיטאָג איז אַננאַ געווען אָנגעריי‌פנד פריילעך; זי האָט אַזוי ווי קאָקעטירט סיי מיט טושקעוויטשן סיי מיט יאַשווינען. ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון מיטאָג און טושקעוויטש איז געפאָרן נאָך דער לאָזשע, און יאַשווין איז געגאַנגען רייכערן, איז וראָנסקי אַראָפּגעגאַנגען אין איינעם מיט אים צו זיך. געזעסן אַ שטיקל צייט, איז ער אַרויפגעלאָפן אינדערהייך. אַננאַ איז שוין געווען אָנגעטון אין אַ העל זיידן קלייד מיט סאַמעט, וואָס זי האָט זיך אויפגענייט אין פּאַריז, מיט אַ דעקאָלטירטער ברוסט און מיט ווייסע טייערע שפּיצן אויפן קאָפּ, וואָס האָבן אַרומגעראַמט איר פּנים און באַזונדערס גינסטיק אַרויסגעשטעלט איר שרייענדיקע שיינקייט.

— איר וועט טאַקע פאָרן אין טעאַטער אַריין? — האָט ער גע־זאָגט, באַמיענדיק זיך נישט צו קוקן אויף איר.

— פאַרוואָס־זשע פרעגט איר אַזוי דערשראָקן? — האָט זי געזאָגט, ווידער באַליידיקט פון דעם, וואָס ער קוקט נישט אויף איר. — פאַרוואָס־זשע זאָל איך נישט פאָרן?

זי האָט אַזוי ווי נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיינע ווערטער.

— פאַרשטייט זיך, עס איז נישטאָ קיין שום סיבה! — האָט ער אָנכמורענדיק זיך, געזאָגט.

— דאָס טאַקע זאָג איך דאָך, — האָט זי געזאָגט, בכיוון נישט פאַרשטייענדיק די איראָניע פון זיין טאָן און רויק אַרויפציענדיק די לאַנגע דופטנדיקע הענטשקע.

— אַננאַ, אום גאָטעס ווילן! וואָס איז מיט אייך? — האָט ער געזאָגט, וועקנדיק זי, פונקט אַזוי, ווי איר מאַן האָט איר אַמאָל געזאָגט.

— איך פאַרשטיי נישט, וועגן וואָס איר פרעגט.

— איר ווייסט, אַז מען קאָן נישט פאָרן.

— פאַרוואָס? איך וועל פאָרן נישט אַליין. די פירשטין וואַרוואַראַ איז געפאָרן זיך אָנטון, זי וועט פאָרן מיט מיר.

ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס מיט אַ מינע פון שטוי־נונג און פאַרצווייפלונג.

— אָבער צי ווייסט איר נישט... — האָט ער שוין אָנ־געהויבן.

— איך וויל נישט וויסן! — האָט זי כמעט אויסגעשריגן. — איך וויל נישט. צי האָב איך חרטה אויף דעם, וואָס איך האָב געטון? ניין, ניין און ניין. און ווען דאָס אייגענע זאָל זיך ווידער אָנהייבן פון אָנ־הייב, וואָלט ווידער געווען דאָס אייגענע. פאַר אונז, פאַר מיר און פאַר אייך, איז וויכטיק בלויז איינס: צי האָבן מיר ליב איינער דעם אַנדערן. און קיין אַנדערע מאָמענטן זענען נישט פאַראַן. פאַרוואָס לעבן מיר דאָ אָפּגעזונדערט און זען זיך נישט? פאַרוואָס קאָן איך נישט פאָרן? איך האָב דיך ליב, און מיר איז אַלץ איינס, — האָט זי געזאָגט אויף רוסיש, אַ קוק טוענדיק אויף אים מיט אַ באַזונדערן, אומפאַרשטענדלעכן פאַר אים גלאַנץ אין די אויגן, — אויב דו האָסט דיך נישט געענדערט. פאַרוואָס קוקסטו נישט אויף מיר?

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר. ער האָט געזעען די גאַנצע שיינ־קייט פון איר פּנים און קליידונג, וואָס האָט איר תּמיד אַזוי געפּאַסט. נאָר אַצינד זענען גראָד די שיינקייט און עלעגאַנץ אירע געווען דאָס, וואָס האָט אים דענערווירט.

— מיין געפיל קאָן זיך נישט ענדערן, איר ווייסט דאָס, נאָך איך בעט נישט צו פאָרן, איך בעט זייער, — האָט ער ווידער אויף פראַנצוי־זיש געזאָגט מיט אַ צאַרט געבעטע אין קול, אָבער מיט קאַלטקייט אין בליק.

זי האָט נישט געהערט די ווערטער, נאָר געזעען די קאַלטקייט פון בליק און מיט צערייצקייט געענטפערט:

— און איך בעט אייך צו דערקלערן, פאַרוואָס איך דאַרף נישט פאָרן.

— ווייל דאָס קאָן אייך פאַרשאַפן... — ער האָט זיך פאַרהאַקט.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט. יאַשווין n'est pas compromettant און די פירשטין װאַרװאַראַ איז מיט גאָרנישט ערגער פאַר די אַנדערע. אָט איז זי.

XXXIII.

וראָנסקי האָט דאָס ערשטע מאָל געשפּירט קעגן אַננען אַ געפיל פון פאַרדראָס, כּמעט כּעס, פאַר איר בכּיוונדיקן נישט פאַרשטיין איר לאַגע. דאָס געפיל האָט זיך נאָך געשטאַרקט דערמיט, וואָס ער האָט איר נישט געקאָנט אַרויסזאָגן די סיבה פון זיין פאַרדראָס. ווען ער וואָלט איר גלייך געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, וואָלט ער געזאָגט: אין דערדאָ־זיקער קליידונג מיט דער אַלעמען באַקאַנטער פירשטין צו דערשיינען אין טעאַטער — הייסט נישט בלויז אָנערקענען די אייגענע לאַגע פון אַ פאַר־לוירענער פרוי, נאָר אויך וואַרפן אַן אַרויסרוף דער הויכער געזעלשאַפט, דאָס הייסט אויף אייביק זיך אָפּזאָגן פון איר.

ער האָט איר דאָס נישט געקאָנט זאָגן. „נאָר ווי אַזוי קאָן זי דאָס נישט פאַרשטיין, און וואָס קומט פאַר אין איר?" האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט געפילט, ווי אין איינער און דער זעלבער צייט ווערט זיין אַכ־

טונג צו איר קלענער און עס פאַרגרעסערט זיך די אָנערקענונג פון איר שיינקייט.

אַן אַנגעכמורעטער האָט ער זיך געדרייט אין זיין נומער און, אוועקזעצנדיק זיך לעבן יאַשווינען, וואָס האָט אויסגעצויגן זיינע לאַנגע פיס אויף אַ שטול און געטרונקען קאָניאַק מיט סעלצערוואַסער, האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען אויך דאָס אייגענע.

— דו זאָגסט מאַגאָטשי לאַנקאָווסקיס. דאָס איז אַ גוט פערד, און איך ראָט דיר צו קויפן, — האָט יאַשווין געזאָגט, אַ בליק געבנדיק אויפן חברס מרהשחורהדיקן פּנים. — עס האָט אַ נאָכהענגענדיקן הינטן, אָבער די פיס און דער קאָפּ — קאָן מען בעסער זיך נישט ווינטשן.

— איך מיין, אַז איך וועל נעמען, — האָט ווראָנסקי געענטפערט.

דער געשפּרעך וועגן פערד האָט אים אינטערעסירט, אָבער ער האָט אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן אַננען, נישט ווילנדיק זיך צוגע־הערט צום קלאַנג פון די טריט איבערן קאָרידאָר און געוואָרפן בליקן צום זייגער אויפן קאָמין.

— אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ האָט באַפוילן מיטצוטיילן, אַז זי זענען גע־פאָרן אין טעאַטער אריין.

יאַשווין האָט איבערגעדרייט נאָך אַ גלעזל קאָניאַק אין דעם שוי־מענדיקן וואַסער אריין, האָט עס אויסגעטרונקען און איז אויפגעשטאַנען, פאַרשפּילענדיק זיך.

— וואָס זשע, וועלן מיר פאָרן? — האָט ער געזאָגט, קוים שמייכ־לענדיק אונטער די וואָנסעס און באַווייזנדיק מיט דעמדאָזיקן שמייכל, אַז ער פאַרשטייט די סיבה פון ווראָנסקיס מרהשחורהדיקייט, נאָר גיט איר נישט צו קיין באַדייטונג.

— איך וועל נישט פאָרן! — האָט ווראָנסקי אומעטיק גע־ענטפערט.

— און איך מוז, איך האָב צוגעזאָגט. נו, צום ווידערזעען. אויב קומסט צו פאָרן, זאָלסטו פאַרנעמען קראַסינסקיס פאָטעל, — האָט יאַשווין צוגעגעבן, אַרויסגייענדיק.

— ניין, איך האָב עפּעס צו טון.

„מיט אַ פרוי איז דאָ צו זאָרגן, אָן אַ פרוי איז נאָך ערגער“, האָט יאַשווין אַ קלער געטון, אַרויסגייענדיק פון האָטעל.

געבליבן אליין, איז ווראָנסקי אויפגעשטאַנען פון דער שטול און גענומען גיין איבערן צימער.

„וואָס איז הייִנט ? דער פערטער אַבאָנאַמענט... יעגאָר מיטן ווייַב איז דאָרט דאָ. און די מוטער, וואָרשיינלעך. דאָס הייסט, אַז גאַנץ פעטערבורג איז דאָרט. אַצינד איז זי אַרייַנגעגאַנגען, האָט אויסגעטון דאָס פוטערל און איז אַרויסגעגאַנגען אין דער ליכטיקייט אַרייַן. טושקעוויטש, יאַשווין, די פירשטין וואַרוואַראַ... — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. — וואָס-זשע איז מיט מיר ? צי האָב איך מורא, אָדער איך האָב איבערגעגעבן די אַפּוטראָפּסות איבער איר טושקעוויטשן ? ווי דו זאָלסט דיך נישט באַציִען, איז נאַריש, נאַריש... און נאָכוואָס שטעלט זי מיך אין דער לאַגע ?“ האָט ער געזאָגט, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט.

מיט דער באַוועגונג האָט ער פאַרטשעפּעט דאָס טישל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דאָס זעלצערוואַסער און די קאַרפינקע מיטן קאָניאַק, און אים שיִער נישט אַראָפּגעוואָרפן. ער האָט געוואָלט אונטערכאַפּן, האָט אַראָפּגעלאָזט און פון פאַרדראָס אַ שטויס געטון דעם טיש מיטן פוס און אָנגעקלונגען.

— אויב דו ווילסט באַ מיר דינען, — האָט ער געזאָגט דעם אַרייַנגעקומענעם קאַמערדינער, — מוזסטו געדענקען דייַן זאַך. דאָס זאָל נישט זייַן. דו ביסט מחויב אויפצורוימען.

פילנדיק זיך נישט שולדיק, האָט דער קאַמערדינער געוואָלט זיך פאַרענטפערן, אָבער, אַ קוק געבנדיק אויפן הער, האָט ער לויט זייַן פנים פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף בלויז שווייַגן, און, אייַליק זיך פאַרענטפערט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טעפּיך און אָנגעהויבן אויפקלויבן די צעבראָכענע גלעזלעך און פלעשלעך.

— דאָס איז נישט דייַן זאַך, שיק דעם לאַקיי אויפרוימען און גרייט מיר צו דעם פראַק.

ווראָנסקי איז אַרייַנגעגאַנגען אין טעאַטער האַלב נייַן. דער ספּעקטאַקל איז געווען אין פולן ברען. דער אַלטיטשקער קאַפּעלדינער האָט אַראָפּגענומען דאָס פוטער פון ווראָנסקין און, דערקענענדיק, האָט ער אים אָנגערופן „אייַער דורכלויכט“ און אים פאָרגעלייגט נישט צו נעמען קיין נומער, נאָר פשוט אַ רוף טון פעדאָרן. אין ליכטיקן קאָרידאָר איז קייַנער נישט געווען, אַ חוץ דעם קאַפּעלדינער און צוויי לאַקייען מיט

פוטערס אויף די הענט, וואָס האָבן געהערט בײַ דער טיר. פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָבן זיך געהערט די טענער פון דעם פאָרזיכטיקן אַקאָמפּאַניאַמענט פון אָרקעסטער און פון איין פרויען־שטימע, וועלכע האָט דייטלעך אַרויסגעזאָגט אַ מוזיקאַלישע פראַזע. די טיר האָט זיך געעפנט, דורכלאָזנדיק דעם קאַפּעלדינער, און די פראַזע, וואָס האָט געהאַלטן בײַם פאַרענדיקט ווערן, האָט שאַרף איבערראַשט וורָאָנסקיס געהער. אָבער די טיר האָט זיך גלייך פאַרמאַכט, און וורָאָנסקי האָט נישט געהערט דעם סוף פון דער פראַזע און דעם קאַדאַנס, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען לויט דעם דונער אַפּלאָדיסמענטן פון יענער זייט טיר, אַז דער קאַדאַנס האָט זיך געענדיקט. ווען ער איז אַרייַנגעקומען אין זאַל, דעם העל־באַלויכטענעם מיט שפּיגלען און בראָנזענע גאַז־לעמפּלעך, האָט דאָס גערויש נאָך געדויערט. די זינגערין אויף דער סצענע, בלענדנדיק מיט די אַנטבלויזטע אַקסלען און בריליאַנטן, אייַנבייגנדיק זיך און שמייכלענדיק, האָט צונויפגעקליבן מיט דער הילף פונם טענאָר, וואָס האָט זי געהאַלטן בײַ דער האַנט, די בוקעטן, וואָס זענען אומגעשיקט אַריבערגעפלויגן איבער דער ראַמפּע, און איז צוגעגאַנגען צום הער מיטן שרינט אינמיטן פון די מיט פּאָמאַדע גלאַנציקע האָר, וואָס האָט זיך געצויגן מיט לאַנגע הענט איבער דער ראַמפּע אַריבער מיט עפּעס אַ זאַך, — און דאָס גאַנצע פובליקום אין פּאַרטער, ווי אין די לאָזשעס, האָט זיך געשטופּט, געצויגן פאָרויס, געשריגן און געפּאַטשט. דער קאַפּעלמייסטער אויף זיין עסטראַדע האָט צוגעהאָלפן אין איבערגעבן און האָט פאַרראָכטן זיין ווייסן שניפּס. וורָאָנסקי איז אַרייַנגעגאַנגען אין מיטן פּאַרטער, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן. היינט האָט ער ווייניקער, ווי ווען ס'איז, געלייגט אַכט אויף דער באַקאַנטער, געוויינלעכער אומגעבונג, אויף דער סצענע, אויף דעם גערויש, אויף דערדאָזיקער גאַנצער באַקאַנטער, נישט אינטערעסאַנטער בונטער סטאַדע פון צושויער אין דעם איבערפולטן טעאַטער.

ווי שטענדיק זענען אין די לאָזשעס געווען די זעלבע דאַמען מיט עפּעס אָפיצירן אין די הינטערשטע טיילן פון די לאָזשעס; די זעלבע אומבאַקאַנטע פאַרשידנפאַרביקע פרויען, און מונדירן, און סורדוטן, דער זעלבער שמוציקער עולם אויף דער גאַלעריע, און אין דעם גאַנצן עולם, אין די לאָזשעס און אין די ערשטע רייען, זענען געווען אַ פערציק אמתדיקע מענער און פרויען. און צו די דאָזיקע אָאַזיסן האָט וורָאָנסקי באַלד געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט און איז אַרייַנגעטרעטן מיט זיי אין באַציונג.

דער אַקט האָט זיך געענדיקט, ווען ער איז אַריינגעקומען און דעריבער איז ער נישט אַריינגעגאַנגען אין ברודערס לאָזשע, נאָר דורכגעגאַנגען צו דער ערשטער רייע און זיך אָפּגעשטעלט בּאַ דער ראַמפּע מיט סערפּוכאָווסקין, וועלכער האָט מיט אַ פאַרבויגענער קני צוקלאַפּנדיק מיטן אָפּצאַס אָן דער ראַמפּע, פונווייטנס אים דערזען און מיט אַ שמייכל אים צוגערופן.

ווראָנסקי האָט נאָך נישט געהאַט געזען אַננען, ער האָט בּכיוון נישט געקוקט אין איר זייט אַריין. אָבער ער האָט געוווסט לויט דער ריכטונג פון די בּליקן, ווו זי געפינט זיך. ער האָט אומבּאַמערקט זיך אומגעקוקט, אָבער זי נישט געזוכט; ריכטנדיק זיך אויף ערגערס, האָט ער געזוכט מיט די אויגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. אויף זיין גליק, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָס היינטיקע מאָל נישט געווען אין טעאַטער.

— ווי ווייניק מיליטערישס עס איז געבּליבּן אין דיר! — האָט אים סערפּוכאָווסקי געזאָגט. — אַ דיפּלאָמאַט, אַן אַרטיסט, אָט פון דעם מין עפּעס.

— יאָ, ווי נאָר איך בּין צוריקגעקומען אַהיים, האָבּ איך גלייך אָנגעטון אַ פראַק, — האָט ווראָנסקי געענטפערט, שמייכלענדיק און פּאַמעלעך אַרויסנעמענדיק דעם בּינאָקל.

— אָט אין דעם, בּין איך מיך מודה, בּין איך דיך מקנא. ווען איך קום צוריק פון אויסלאַנד און טו אָן דאָס, — ער האָט אָנגערירט די אַקסלבּענדער, — ווערט מיר אַ שאָד די פרייהייט.

סערפּוכאָווסקי האָט שוין לאַנג אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף ווראָנסקיס דינסטלעכער טעטיקייט, נאָר האָט אים ליבּ געהאַט ווי פריער און איז אַצינד געווען מיט אים בּאַזונדערס ליבּלעך.

— אַ שאָד, דו האָסט פאַרשפּעטיקט צום ערשטן אַקט.

ווראָנסקי, וואָס האָט געהערט מיט איין אויער, האָט איבּערגעפירט דעם בּינאָקל פון דעם בּענואַר אויף דעם בּעלעטאַזש און בּאַקוקט די לאָזשעס. לעבּן אַ דאַמע אין אַ טורבּאַן און אַ פּליכיקן אַלטיטשקן, וואָס האָט בּייז געמרוגעט אין דעם גלעזל פון דעם זיך בּאַוועגנדיקן בּינאָקל, האָט ווראָנסקי פּלוצלינג דערזען דעם קאָפּ פון אַננען, דער שטאָלצער, איבּעראַשנד שיינער און שמייכלענדיקער אין דער ראַם פון די שפּיצן. זי איז געווען אין פינפטן בּענואַר, אַ צוואַנציק טריט פון אים. זי איז געזעסן פאָרויס, און, עטוואָס אויסגעדרייט, גערעדט צו יאַשווינען. דער שטעל

פון איר קאָפּ אויף די שיינע און ברייטע אַקסלען און דאָס איינגעהאַלטן־אויפגערודערטע שיינען פון אירע אויגן און פון גאַנצן פּנים האָבן זי אים דערמאָנט אַזאַ פּאָלקאָמע, ווי ער האָט זי געזען אויפן באַל אין מאָסקווע. אָבער ער האָט אַצינד גאָר אַנדערש אויפגענומען דידאָזיקע שיינקייט. אין זיין געפיל צו איר איז אַצינד נישט געווען קיין שום סודותדיקס, און דעריבער האָט איר שיינקייט, הגם שטאַרקער ווי פריער, אים צוגעצויגן און איינצייטיק באַליידיקט. זי האָט נישט געקוקט אין זיין זייט אריין, אָבער ווראָנסקי האָט געפילט, אַז זי האָט אים שוין געזען.

ווען ווראָנסקי האָט ווידער אַנגעשטעלט אין דער זייט אַריין דעם בינאָקל, האָט ער באַמערקט, אַז די פירשטין וואַרוואַרא איז באַזונדערס רויט, לאַכט נישט נאַטירלעך און וואַרפט כסדר בליקן אויף דער שכנות־דיקער לאָזשע; אַננאַ ווידער, צונויפגעלייגט דעם פעכער און צוקלאַפּנדיק מיט אים איבערן רויטן סאַמעט, קוקט זיך צו ערגעץ, אָבער זעט און וויל, משמעות, נישט זעען, וואָס עס קומט פאָר אין דער שכנותדיקער לאָזשע. אויף יאַשווינס פּנים איז געווען יענער אויסדרוק, וועלכער פלעגט זיין אויף אים, ווען ער פלעגט פאַרשפּילן. ער האָט, כמורעסדיק זיך, אַלץ טיפער און טיפער אַריינגערוקט אין מויל זיין לינקע וואָנסע און זייטיק געקוקט אויף דער זעלבער שכנותדיקער לאָזשע.

אין דערדאָזיקער לאָזשע, לינקס, זענען געווען די קאַרטאַסאָווס. ווראָנסקי האָט זיי געקענט און געוווּסט, אַז אַננאַ איז געווען מיט זיי באַ־קאַנט. די קאַרטאַסאָווא, אַ דאַרע, קליינינקע פרוי, איז געשטאַנען אין איר לאָזשע און, מיטן רוקן אויסגעדרייט צו אַננען, האָט זי אָנגעטון די פּע־לערינקע, וואָס דער מאַן האָט איר דערלאַנגט. איר פּנים איז געווען בלייך און בייז, און זי האָט עפּעס אויפגערעגט גערעדט. קאַרטאַסאָוו, אַ דיקער, פּליכיקער הער, וואָס האָט זיך כסדר אומגעקוקט אויף אַננען, האָט זיך באַמיט צו באַרויקן דאָס ווייב. ווען דאָס ווייב איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער מאַן זיך נאָך לאַנג פאַרהאַלטן, זוכנדיק מיט די אויגן אַננעס בליק און, אַפּנים, ווילנדיק זיך פאַרנייגן פאַר איר. אָבער אַננאַ, וואָס האָט אים משמעות בכיוון נישט באַמערקט, האָט זיך אויסגעדרייט צוריק און עפּעס גערעדט צו יאַשווינען, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן צו איר מיטן געשוירע־נעם קאָפּ. קאַרטאַסאָוו איז אַרויסגעגאַנגען, נישט האָבנדיק זיך פאַרנייגט, און די לאָזשע איז געבליבן ליידיק.

ווראָנסקי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך ס'איז פאָרגע־קומען צווישן די קאַרטאַסאָווס און אַננען, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען,

אַז עס איז פֿאָרגעקומען עפּעס דערנידערנדיקס פֿאַר אַננען. ער האָט דאָס פֿאַרשטאַנען אי פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען, אי מער פֿאַר אַלץ פֿון אַננעס פּנים, וועלכע, ער האָט געוווּסט, האָט צונויפגענומען אירע לעצטע כּוחות, כּדי אויסצוהאַלטן די ראָלע, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך. און דידאָזיקע ראָלע פֿון אויסערלעכער רויקייט איז איר פֿולשטענדיק געלונגען. ווער ס'האָט נישט געקענט זי און איר קרייז, ווער ס'האָט נישט געהערט אַלע אויסדריקן פֿון באַדויערונג, פֿאַרדראָס און פֿאַרוווּנדערונג פֿון די פֿרויען, פֿאַרוואָס זי האָט זיך דערלויבט צו ווייזן אין דער הויכער געזעלשאַפֿט און ווייזן זיך אַזוי אָנזעעוודיק אין איר שלייער פֿון שפּיצן און מיט איר שיינקייט, די האָבן געשעפּט נחת פֿון דער רויקייט און שיינקייט פֿון דערדאָזיקער פֿרוי און נישט חושד געווען, אַז זי לעבט איבער דאָס געפֿיל פֿון אַ מענטש, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט צום שאַנד־סלופּ.

זעענדיק אַז עפּעס איז געשען, אָבער נישט וויסנדיק וואָס אייגנטלעך, האָט ווראָנסקי איבערגעלעבט אַ פּיינלעכע אומרויקייט און, האָפֿנדיק עפּעס געוווּיר צו ווערן, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין ברודערס לאָזשע אַריין. בכּיוון אויסגעקליבן דעם פּאַרטער־דורכגאַנג קעגנאיבער אַננעס לאָזשע, האָט ער אַרויסגייענדיק זיך צונויפגעטראָפֿן מיט זיין געוועזענעם פּולק־קאָמאַנדיר, וואָס האָט גערעדט מיט צוויי באַקאַנטע. ווראָנסקי האָט געהערט, ווי עס איז אָנגערופֿן געוואָרן דער נאָמען פֿון די קאַרענינס, און באַמערקט, ווי דער פּולק־קאָמאַנדיר האָט געאיילט אָנצורופֿן ווראָנסקין, באַדייטנד אַ בליק טוענדיק אויף די רעדנדיקע.

— אַ, ווראָנסקי! ווען־זשע קערסטו דיך אום אין פּולק אַריין? מיר קאָנען דיך נישט אָפּלאָזן אָן קיין באַל. דו ביסט אונזער חשובסטער, — האָט דער פּולק־קאָמאַנדיר געזאָגט.

— איך וועל נישט באַווייזן, זייער אַ שאָד, אַ צווייט מאָל, — האָט ווראָנסקי געזאָגט און איז אַרויפגעלאָפֿן אינדערהייך איבער די טרעפּ אין ברודערס לאָזשע אַריין.

די אַלטע גרעפֿין, ווראָנסקיס מוטער, מיט אירע שטאָלערנע לאָקן, איז געווען אין ברודערס לאָזשע. וואַריאַ מיט דער פֿירשטין סאָראָקינאַ זענען אים אַקעגנגעקומען אין קאָרידאָר פֿון דעם בעלעטאַזש.

באַגלייט די פֿירשטין סאָראָקינאַ ביז צו דער מוטער, האָט וואַריאַ דערלאַנגט די האַנט דעם שוואָגער און גלייך אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים וועגן דעם, וואָס אים האָט אינטערעסירט. זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, ווי ער האָט זי זעלטן געזען.

— איך האַלט, אַז דאָס איז נידעריק און מיאוס, און די madame קאַרטאַסאָווא האָט נישט געהאַט קיין שום רעכט. די madame קאַרע־נינאַ... — האָט זי אָנגעהויבן.

— אָבער וואָס? איך ווייס נישט.

— ווי, דו האָסט נישט געהערט?

— דו פאַרשטייסט, אַז איך וועל דער לעצטער וועגן דעם גע־ווויר ווערן.

— צי איז נאָך דאָ אַן ערגער וועזן, ווי דידאָזיקע קאַרטאַסאָווא!

— אָבער וואָס האָט זי געטון?

— מיר האָט דער מאַן דערציילט... זי האָט באַליידיקט די קאַרענינאַ. איר מאַן האָט איבער דער לאָזשע אַריבער אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר, און די קאַרטאַסאָווא האָט אים געמאַכט אַ סצענע. זי האָט, זאָגט מען, הויך געזאָגט עפּעס אַ באַליידיקונג און איז אַרויסגעגאַנגען.

— גראַף, אייער maman רופט אייך, — האָט די פירשטין סאָראָ־קינאַ געזאָגט, אַרויסקוקנדיק פון דער טיר פון דער לאָזשע.

— איך וואַרט אַלץ אויף דיר, — האָט אים די מוטער געזאָגט, איראָניש שמייכלענדיק. — מען זעט דיך גאָרנישט.

דער זון האָט געזען, אַז זי קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן נישט פריידיק צו שמייכלען.

— וואָס מאַכט איר, maman. איך גיי צו אייך, — האָט ער קאַלט געזאָגט.

— וואָס־זשע גייסטו נישט faire la cour a madame Karènine? — האָט זי צוגעגעבן, ווען די פירשטין סאָראָקינאַ איז אַוועקגעגאַנגען. — Elle fait sensation. On oublie la Patti pour elle.

— Maman, איך האָב אייך געבעטן נישט צו רעדן מיט מיר וועגן דעם, — האָט ער געענטפערט, כמורענדיק זיך.

— איך רעד דאָס, וואָס אַלע רעדן.

וורָאָנסקי האָט גאָרנישט געענטפערט און, זאָגנדיק עטלעכע ווער־טער דער פירשטין סאָראָקינאַ, איז ער אַרויסגעגאַנגען. אין דער טיר האָט ער באַגעגנט דעם ברודער.

— אַ, אַלעקסיי! — האָט דער ברודער געזאָגט. — סאַראַ פרייד! אַ נאַר, און מער גאָרנישט... איך האָב נאָר־וואָס געוואָלט גיין צו איר. קום צוזאַמען.

וורָאָנסקי האָט אים נישט געהערט. ער איז מיט שנעלע טריט

אַראָפּגעגאַנגען; ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס טון, נאָר נישט געוווּסט וואָס. דער פאַרדראָס אויף איר דערפאַר, וואָס זי האָט געשטעלט זיך און אים אין אַזאַ פאַלשער לאַגע, צוזאַמען מיט דעם רחמנות אויף איר פאַר איר ליידן, האָבן אים אויפגערעגט. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין פּאַרטער און זיך אַוועקגעלאָזט גלייך צו אננעס בענואַר. באַם בענואַר איז געשטאַנען סטרעמאָוו און האָט גערעדט מיט איר.

— קיין טענאָרן איז נישטאָ מער. Le monle en est brisé.

ווראָנסקי האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און זיך אָפּגעשטעלט, באַגריסנדיק זיך מיט סטרעמאָוון.

— איר זענט, דאַכט זיך, שפּעט געקומען און האָט נישט געהערט די בעסטע אַריע, — האָט אננאַ געזאָגט ווראָנסקין, אַ קוק געבנדיק אויף אים שפּאָטיש, ווי אים האָט זיך געדאַכט.

— איך בין אַ שלעכטער מבין, — האָט ער געזאָגט, שטרענג קוקנדיק אויף איר.

— ווי דער פירשט יאַשווין, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק, — וועלכער האַלט, אַז פּאַטטי זינגט צו הויך. איך דאַנק אייך, — האָט זי געזאָגט, געמענדיק אין דער קליינער האַנט אַריין אין דער לאַנגער הענטשקע דעם דורך ווראָנסקין אויפגעהויבענעם אַפיש, און פּלוצלינג האָט אין דעם אויגנבליק דאָס שיינע פּנים אירס אַ ציטער געטון. זי איז אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין דער טיף פון דער לאָזשע.

באַמערקט, אַז אויפן פאָלגענדן אַקט איז איר לאָזשע געבליבן ליידיק, איז ווראָנסקי, אַרויסרופנדיק אַ שושקען אין טעאַטער, וואָס איז שטיל געבליבן באַ די קלאַנגען פון דער קאַוואַטינע, אַרויסגעגאַנגען פון פּאַרטער און אַהיימגעפאָרן.

אננאַ איז שוין געווען אינדערהיים. ווען ווראָנסקי איז אַריינגעגאַנגען צו איר, איז זי געווען אין דער זעלבער קליידונג, אין וועלכער זי איז געווען אין טעאַטער. זי איז געזעסן אויפן ערשטן פאָטעל באַ דער וואַנט און געקוקט פאַר זיך. זי האָט אַ בליק געטון אויף אים און גלייך אָנגענומען די פריערדיקע פּאָזע.

— אננאַ, — האָט ער געזאָגט.

— דו, דו ביסט שולדיק אין אַלץ! — האָט זי, אויפשטייענדיק, אויסגעשריגן מיט טרערן פון פאַרצווייפלונג און כעס אין דער שטימע.

— איך האָב געבעטן, איך האָב דיך געבעטן נישט צו פאָרן, איך האָב געוווּסט, אַז דיר וועט זיין נישט אָנגענעם...

— נישט אָנגענעם! — האָט זי אויסגעשריגן, — שרעקלעך! ווי לאַנג איך זאָל נישט לעבן, וועל איך דאָס נישט פאַרגעסן. זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ חרפה צו זיצן מיט מיר צוזאַמען.

— וואָס אַ נאַרישע פרוי רעדט דאָרט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער נאָכוואָס ריזיקירן, אַרויסרופן...

— איך האָס דיין רויקייט. דו האָסט מיך נישט געדאַרפט דערפירן צו דעם. ווען דו וואָלסט מיך ליב געהאַט...

— אַננאַ! ווי קומט דאָ די פראַגע וועגן מיין ליבע.

— יאָ, ווען דו וואָלסט ליב געהאַט, ווי איך, ווען דו וואָלסט דיך געפייניקט, ווי איך... — האָט זי געזאָגט, מיט אַן אויסדרוק פון שרעק קוקנדיק אויף אים.

ער האָט רחמנות געהאַט אויף איר און עס האָט אים דאָך פאַרדראָסן. ער האָט זי פאַרזיכערט אין זיין ליבע, ווייל ער האָט געזעען, אַז בלויז דאָס איינע קאָן זי אַצינד באַרויקן, און זי נישט געטאַדלט מיט קיין ווערטער, אָבער אין זיין נשמה האָט ער זי געטאַדלט.

און די פאַרזיכערונגען אין ליבע, וועלכע האָבן אים אויסגעזעען אַזוי באַנאַל, אַז עס איז אים איבער דער טבע געוועזן זיי אַרויסצורעדן, האָט זי אַריינגעזויגן אין זיך און ביסלעכווייז זיך באַרויקט. צומאָרגנס נאָכדעם זענען זיי, אינגאַנצן איבערגעבעטענע, אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין.

זעקסטע טייל

I.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט פֿאַרברענגט דעם זומער מיט די קינדער אין פּאָקראָווסקאָיע, בײַ איר שוועסטער קיטי לעווינאַ. אין איר גוט איז דאָס הויז אײַנגעפֿאַלן, און לעווין מיט דער פֿרוי האָבן זי צוגערעדט צו פֿאַרברענגען דעם זומער בײַ זיי. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז זייער צופֿרידן געווען פֿון דערדאָזיקער אײַנאָרדנונג. ער האָט געזאָגט, אַז ער באַדויערט זייער, וואָס די דינסט שטערט אים צו פֿאַרברענגען מיט דער פֿאַמיליע אַ זומער אין דאָרף, וואָס עס וואָלט געווען פֿאַר אים דאָס העכסטע גליק, און, בלײַבנדיק אין מאָסקווע, פֿלעגט ער קומען פֿון צײַט־צו־צײַט אין דאָרף אַרײַן אויף אַ טאָג און צוויי. חוץ די אָבלאָנסקיס, מיט אַלע קינדער און מיט דער גוווערנאַנטין, איז דעם זומער נאָך געווען צו גאַסט בײַ די לעווינס די אַלטע פֿירשטין, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר איר חוב אַכטונג צו געבן אויף דער נישט געניטער טאָכטער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַזאַ צושטאַנד. חוצדעם, האָט וואַרענקאַ, קיטיס אויסלענדישע פֿרײַנדין, מקיים געווען איר צוזאָג — צו קומען צו איר, ווען קיטי וועט האָבן חתונה געהאַט, — און איז געווען צו גאַסט בײַ איר פֿרײַנדין. דאָס אַלץ זענען געווען קרובים און פֿרײַנד פֿון לעווינס פֿרוי. און הגם ער האָט זיי אַלע ליב געהאַט, איז אים דאָך אַ ביסל אַ שאָד געווען זײַן לעווינישע וועלט און שטייגער, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך דעמדאָזיקן אָנפֿלוס פֿון דעם „שטשערבאַצקישן עלעמענט", ווי ער פֿלעגט זיך זאָגן. פֿון זײַנע אייגענע איז געווען צו גאַסט בײַ זיי דעם זומער בלויז איין סערגיי איוואַנאָוויטש, אָבער אויך דער איז געווען אַ מענטש נישט פֿון די לעווינס, נאָר פֿון

די קאָנישעווס שניט, אַזוי אַז דער גייסט פון די לעווינס איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

אין דעם הויז פון די לעווינס, וואָס איז אַ לאַנגע צייט ליידיק געווען, איז אַצינד געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז כמעט אַלע צימערן זענען געווען פאַרנומען און כמעט יעדן טאָג איז דער אַלטער פירשטין אויסגעקומען, זעצנדיק זיך צום טיש, איבערצוציילן אַלע און אַוועקצוזעצן דאָס דרייצענטע אייניקל בײַ אַ באַזונדער טישל. און קיטי, וואָס האָט זיך פלייסיק פאַרנומען מיטן באַלעבאַטישקייט, האָט געהאַט נישט ווייניק זאָרג וועגן שאַפן הינער, אינדיטשקעס, קאַטשקעס, וועלכע זענען בײַ די זומערדיקע אַפּעטיטן פון די געסט און די קינדער אַוועקגעגאַנגען זייער אַ סך.

די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסן בײַם מיטאָג. דאָלליס קינדער מיט דער גוווערנאַנטין און וואַרענקען האָבן געמאַכט פּלענער וועגן דעם, וווּהין צו גיין נאָך שוואָמען. סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכן אַלע געסט האָבן אַרויסגעוויזן אַכטונג צו זיין שכל און געלערנטקייט, וואָס איז דערגאַנגען כמעט צו פאַרערונג, האָט פאַרוווּנדערט אַלע מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַרייַנגעמישט אין געשפּרעך וועגן די שוואָמען.

— און מיך נעמט אויך מיט. איך האָב זייער ליב צו גיין נאָך שוואָמען, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף וואַרענקען, — איך האַלט, אַז דאָס איז זייער אַ ווילע באַשעפטיקונג.

— אדרבא, עס פרייט אונז זייער, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט, רויט ווערנדיק. קיטי האָט זיך באַדייטנד איבערגעקוקט מיט דאָללין. דער פאָרשלאָג פון דעם געלערנטן און קלוגן סערגיי איוואַנאָוויטשן צו גיין נאָך שוואָמען מיט וואַרענקען האָט באַשטעטיקט געוויסע השערות קיטיס, וואָס האָבן זי די לעצטע צייט זייער פאַרנומען. זי האָט געאײַלט אָנצוהייבן רעדן מיט דער מוטער, איר בליק זאָל נישט באַמערקט ווערן. נאָכן מיטאָג האָט סערגיי איוואַנאָוויטש זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין שעלעכל קאַווע בײַם פענצטער אין גאַסטצימער, פאַרזעצנדיק דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך מיטן ברודער און וואַרפנדיק בליקן אויף דער טיר, פון וועלכער עס האָבן געדאַרפט אַרויסגיין די קינדער, וואָס האָבן זיך געקליבן צו גיין נאָך שוואָמען. לעווין האָט זיך צוגעזעצט אויפן פענצטער לעבן ברודער.

קיטי איז געשטאַנען לעבן מאַן, משמעות צוואַרטנדיק אויפן

סוף פון געשפרעך, וואָס האָט זי נישט אינטערעסירט, כדי צו זאָגן אים עפּעס.

— דו האָסט דיך אַ סך געענדערט, זינט דו האָסט חתונה געהאַט, און צום בעסערן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, שמייכלענדיק צו קיטין און משמעות זיך ווייניק אינטערעסירנדיק מיט דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך, — אָבער ביסט געבליבן טריי דיין ליידנשאַפט צו פאַרטיידיקן העכסט פּאַראַדאָקסאַלע טעמעס.

— קאַטיאַ, דיר איז נישט באַקוועם צו שטיין, — האָט איר דער מאַן געזאָגט, צורוקנדיק איר אַ שטול און באַדייטנד קוקנדיק אויף איר.

— נו, יאָ, איבעריקנס, עס איז קיין צייט נישטאָ, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש צוגעגעבן, דערזעענדיק די אַרויסגעלאָפענע קינדער.

פאָרויס פון אַלע זייטיק, גאַלאָפּירנדיק אין אירע געפּאַסטע זאָקן, פאָכענדיק מיטן קיישל און מיט סערגיי איוואַנאָוויטשס הוט, איז גלייך אויף אים אַרויפגעלאָפן טאַניאַ.

זי איז דרייסט צוגעלאָפן צו סערגיי איוואַנאָוויטשן און גלאַנצנדיק מיט די אויגן, וואָס זענען אַזוי ענלעך געווען צום פאָטערס שיינע אויגן, האָט זי דערלאַנגט סערגיי איוואַנאָוויטשן זיין הוט און געמאַכט אַ מינע, אַז זי וויל אים אָנטון, ווייכער מאַכנדיק איר פרייקייט מיט אַ נישט דרייסטן און צאַרטן שמייכל.

— וואַרענקאַ וואַרט, — האָט זי געזאָגט, פאָרזיכטיק אָנטוענדיק אים דעם הוט, לויט סערגיי איוואַנאָוויטשס שמייכל זעענדיק, אַז מען מעג דאָס.

וואַרענקאַ איז געשטאַנען אין דער טיר, איבערגעטון אין אַ געל סיטצן קלייד, מיט אַ פאַרבונדן טיכל אויפן קאָפּ.

— איך גיי, איך גיי, וואַרוואַראַ אַנדרעעוונאַ, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, אויסטרינקענדיק די רעשט קאַווע פון שעלעכל און אַריינלייגנדיק אין די קעשענעס דאָס טיכל און דאָס ציגאַרשפּיצל.

— און וואָסער פּראַכט מיין וואַרענקאַ איז! האַ? — האָט קיטי געזאָגט דעם מאַן, ווי נאָר סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען. זי האָט דאָס געזאָגט אַזוי, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זי געקאָנט הערן, וואָס זי האָט, משמעות, טאַקע געוואָלט. — און ווי שיין זי איז, איידל-

שיין! ווארענקא! — האָט קיטי א רוף געטון, — איר וועט זיין אין וואלד, ווו די מיל איז? מיר וועלן קומען צו אייך.

— דו פארגעסט איינגאנצן דיין צושטאנד, קיטי? — האָט די אַלטע פירשטין א זאָג געטון, איילִיק ארויסגייענדיק פון דער טיר. — דו טאָרסט נישט אַזוי שרייען.

ווארענקא, וואָס האָט דערהערט קיטיס קול און איר מוטערס פאר־ווארף, איז שנעל מיט לייכטע טריט צוגעגאנגען צו קיטין. דאָס שנעלע באוועגן זיך, די פארב, וואָס האָט באדעקט דאָס אויפגעלעבטע פנים, — אלץ האָט געוויזן, אַז אין איר קומט פאָר עפּעס אומגעוויינלעכס. קיטי האָט געוואוסט, וואָס דאָסדאָזיקע אומגעוויינלעכע איז, און האָט זיך אויפ־מערקזאם צוגעקוקט צו איר. זי האָט אצינד א רוף געטון ווארענקען בלויז צוליב דעם, כדי אין געדאנק צו בענטשן זי אויף דער וויכטיקער געשעעניש, וועלכע האָט, לויט קיטיס מיינונג, געדארפט פאָרקומען היינט, נאָך מיטאָג, אין וואלד.

— ווארענקא, איך וועל זייער גליקלעך זיין, אויב א געוויסע זאך וועט געשעען, — האָט זי פליסטערנדיק געזאָגט, קושנדיק זי.

— און איר גייט מיט אונז? — האָט ווארענקא אין פאר־לעגנהייט געזאָגט לעווינען, מאכנדיק א מינע, אַז זי האָט נישט געהערט דאָס, וואָס מען האָט איר געזאָגט.

— איך וועל גיין, אָבער בלויז נאָר ביז צום שייער, און דאָרט וועל איך בלייבן.

— נו, וואָס איז דיר איינגעפאלן? — האָט געזאָגט קיטי.

— מען דארף זעען די נייע פורן און קאָנטראָלירן — האָט לעווין געזאָגט. און דו ווו וועסט זיין?

— אויף דער טעראסע.

II.

אויף דער טעראַסע האָט זיך פֿאַרזאַמלט די גאַנצע פֿרויען-געזעלשאַפֿט. זיי האָבן בכלל ליב געהאַט צו זיצן דאָרט נאָך מיטאָג, אָבער היינט איז נאָך דאָרט געווען עפּעס צו טון. חוץ דעם נייען ווינדעלעך און וויקל־שנירן, מיט וועלכן אַלע זענען פֿאַרנומען געווען, האָט מען היינט נאָך דאָרט געקאָכט איינגעמאַכטס לויט אַ נייער מעטאָדע פֿאַר אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָווּנאַ, נישט צוגעבנדיק קיין וואַסער. קיטי האָט איינגעפֿירט די דאָזיקע נייע מעטאָדע, וואָס איז באַנוצט געוואָרן בײַ זיי אין דער היים. אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָווּנאַ, וועלכער עס איז פֿריער איבערגעגעבן געוואָרן די דאָזיקע אַרבעט, האַלטנדיק, אַז דאָס, וואָס פֿלעגט געטון ווערן אין הויז פֿון די לעווינס, קאָן נישט זיין שלעכט, האָט פֿונדעסטוועגן אַריינגעגאָסן וואַסער אין די טרושקאַווקעס און יאַגדעס, זייענדיק איבערצייגט, אַז עס איז נישט מעגלעך אַנדערש; מען האָט זי געכאַפּט בײַ דעם, און אַצינד האָבן זיך די מאַלינעס געקאָכט אין קעגנוואַרט פֿון אַלע, און אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָווּנאַ האָט געמוזט זיך איבערצייגן, אַז דאָס איינגעמאַכטס וועט אַרויסקומען גוט אויך אָן וואַסער.

אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָווּנאַ מיט אַ דערהיצט און באַטריבט פּנים, צעשויבערטע האָר און אַנטבלויזטע דאַרע הענט ביז איבער די עלנבויגנס האָט רונדאַרטיק געדרייט דעם בעקן איבער דער פֿייערפֿאַן און מרה־שחורהדיק געקוקט אויף די מאַלינעס, זיך ווינטשנדיק מיטן גאַנצן האַרץ, אַז זיי זאָלן פֿאַרקילט ווערן און זיך נישט איבערקאָכן. די פֿירשטין, פֿילנדיק, אַז אויף איר, ווי אויף דער הויפּט־ראַטגעבערין בנוגע דעם קאָכן די מאַלינעס, דאַרף געווענדעט זיין אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָווּנאַס כּעס, האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַ מינע, אַז זי איז פֿאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש און אינטערעסירט זיך נישט מיט די מאַלינעס, האָט גערעדט וועגן זייטיקס, נאָר זייטיק אַלע מאָל געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער פֿייערפֿאַן.

— איך קויף שטענדיק אַליין ביליקע סחורה פֿאַר די מיידלעך אויף קליידער, — האָט די פֿירשטין געזאָגט, פֿאָרזעצנדיק דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך. — וואָלסט אפשר אַראָפּגענומען אַצינד די

שוים, טייבעלע? — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו אַגאַפיאַ מי־כאַילאָוונאַ. — דו דאַרפסט דאָס לחלוטין נישט טון אַליין, און ס'איז אויך הייס, — האָט זי אָפּגעשטעלט קיטין.

— איך וועל עס טון, — האָט דאָללי געזאָגט און, אויפשטייענדיק, פאָרזיכטיק אָנגעהויבן אַרומצופירן מיטן לעפל איבער דעם זיך שוימענ־דיקן צוקער, פון צייט־צו־צייט, כדי אָפּצוקלעבן דאָס אָנגענומענע אויף אים, קלאַפנדיק מיט אים איבערן טעלער, וואָס איז שוין באַדעקט געווען מיט פאַרשידנפאַרביקע, געל־ראָזע שוים־בלעזלעך. „ווי זיי וועלן דאָס לעקן מיט טיי!" האָט זי געטראַכט וועגן אירע קינדער, דערמאָנענדיק זיך, ווי זי אַליין, זייענדיק אַ קינד, פלעגט זיך וווּנדערן, וואָס די גרויסע עסן נישט דאָס בעסטע — די שוים.

— סטיוואַ זאָגט, אַז ס'איז אַ סך בעסער צו געבן געלט! — האָט דאָללי דערווייל פאָרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז בעסער צו געבן אַ מתנה די מענטשן, — אָבער...

— ווי אַזוי קאָן מען געלט! — האָבן צוזאַמען אַ זאָג געטון די פירשטין און קיטי. — זיי שעצן דאָס.

— נו, איך האָב, למשל, פאַריאָרן געקויפט אונזער מאַטרענאַ סע־מיאָנאָוונאַן נישט קיין פּאָפּלין, נאָר פון דעם מין, — האָט די פירשטין געזאָגט.

— איך געדענק, זי איז אויף אייער נאָמענסטאָג געווען אָנגעטון אין דעם.

— אַ הערלעך מוסטער, אַזוי אייגפאַך און איידל. איך אַליין האָב מיר געוואָלט דאָס אייגענע מאַכן, ווען זי זאָל עס נישט האָבן. אַ שטיי־גער ווי וואַרענקעס. אַזוי פיין און ביליק.

— נו, איז עס שוין, דאַכט זיך, פאַרטיק, — האָט דאָללי געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דעם סיראָפּ פון לעפל.

— ווען עס גיסט זיך אַזוי געדיכט, דעמאָלט איז עס פאַרטיק. קאָכט נאָך אַ ביסל, אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ.

— דידאָזיקע פליגן! — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ בייז געזאָגט.— עס וועט זיין אַלץ דאָס אייגענע, — האָט זי צוגעגעבן.

— אַך, ווי ליב ער איז, שרעקט אים נישט! — האָט קיטי אומ־געריכט געזאָגט, קוקנדיק אויף אַ וורובעל, וואָס האָט זיך געזעצט אויפן

פאַרענטש און, איבערדרייענדיק דאָס שטרענקל פון אַ מאַלינע, האָט ער עס אָנגעהויבן צו פּיקן.

— יאָ, נאָר דו וואָלסט דיך אָפּגערוקט אַ ביסל ווייטער פון דער פייערפאַן, — האָט די מוטער געזאָגט.

— Apropos de ווארענקאַ, — האָט קיטי געזאָגט אויף פראַנצויזיש, ווי זיי האָבן די גאַנצע צייט גערעדט, אַז אַגאַפּיאַ מיכאַילאָוונאַ זאָל זיי נישט פאַרשטיין, — איר ווייסט, maman, אַז איך וואַרט איבער עפּעס היינט אויף אַן אַנטשיידונג. איר פאַרשטייט וואָסערע. ווי גוט דאָס וואָלט געווען!

— פונדעסטוועגן, סאַראַ אויסגעצייכנטע שדכנטע! — האָט דאָללי געזאָגט. — ווי פאַרזיכטיק און געשיקט זי פירט זיי צונויף...

— ניין, זאָגט, maman, וואָס טראַכט איר?

— וואָס זאָל איך טראַכטן? ער (ע ר האָט באַדייט סערגיי איוואַנאָוויטש) האָט שטענדיק געקאָנט טון דעם בעסטן שידוך אין רוסלאַנד; אַצינד איז ער שוין נישט אַזוי יונג, אָבער פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז עס וואָלטן נאָך אַצינד אויף אַ סך געוואָלט מיט אים חתונה האָבן... זי איז זייער אַ גוטע, אָבער ער וואָלט נישט געקאָנט...

— ניין, איר פאַרשטייט, מאַמאַ, פאַרוואָס מען וואָלט פאַר אים און פאַר איר גאָרנישט געקאָנט קיין בעסערס צוטראַכטן. ערשטנס — איז זי הערלעך! — האָט קיטי געזאָגט, פאַרבייגנדיק איין פינגער.

— זי געפעלט אים זייער, דאָס איז אמת, — האָט דאָללי באַשטעטיקט.

— ווייטער, פאַרנעמט ער אַזאַ שטעלונג אין דער הויכער געזעלשאַפט, אַז אים איז נישט דער בדך, נישט די שטעלונג פון זיין פרוי אין דער הויכער געזעלשאַפט לגמרי נישט נייטיק. אים איז נייטיק איינס — אַ שיינע, ליבע פרוי, אַ רויקע.

— יאָ, מיט איר קאָן מען זיין רויק, — האָט דאָללי באַשטעטיקט.

— דריטנס, זי זאָל אים ליב האָבן. און דאָס איז דאָ... דאָס הייסט עס וואָלט אַזוי גוט געווען!... איך וואַרט, אַז אָט קומען זיי פון וואַלד און אַלץ וועט קלאָר ווערן. איך וועל באַלד דערקענען אָן די אויגן. איך וואָלט אַזוי צופרידן געווען! ווי מיינסטו, דאָללי?

— אָבער דו רעג דיך נישט אויף. דו טאָרסט דיך אינגאַנצן נישט אויפרעגן, — האָט די מוטער געזאָגט.

— איך רעג מיך נישט אויף, מאַמאַ. מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט הײַנט מאַכן אַ פאָרשלאָג.

— אַך, דאָס איז אַזוי מאָדנע, ווי אַזוי און ווען אַ מאַנסביל מאַכט אַ פאָרשלאָג... עס איז דאָ עפּעס אַ מחיצה און פּלוצלינג ווערט זי דורכגעריסן, — האָט דאָלי געזאָגט, פאַרטראַכט שמייכלענדיק און דערמאָנענדיק זיך איר פאַרגאַנגענהייט מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— מאַמאַ, ווי אַזוי האָט אײַך דער פּאַפּאַ געמאַכט דעם פאָרשלאָג? — האָט פּלוצלינג קיטי געפרעגט.

— עס איז קיין שום אומגעווײנלעכס נישט געווען, זייער אײַנפאַך, — האָט די פירשטין געענטפערט, נאָר איר פּנים האָט אינגאַנצן אויפגעלויכטן בײַ דער דערינערונג.

— ניין, אָבער ווי אַזוי? איר האָט דאָך אים פונדעסטוועגן ליב געהאַט, איידער מען האָט אײַך דערלויבט צו רעדן?

קיטי האָט געפילט אַ באַזונדערן תענוג אין דעם, וואָס זי האָט אַצינד געקאָנט רעדן מיט דער מוטער, ווי מיט אַ גלײַכער, וועגן דידאָזיקע הויפּט־וויכטיקע פראַגן אין לעבן פון דער פרוי.

— פאַרשטייט זיך, ער האָט ליב געהאַט; ער איז געפאָרן צו אונדז אין דאָרף אַרײַן.

— נאָר ווי אַזוי איז דאָס באַשלאָסן געוואָרן, מאַמאַ?

— דו מיינסט אוודאי, אַז איר האָט עפּעס נייעס אויסגעטראַכט? אַלץ דאָס אייגענע: עס איז באַשלאָסן מיט די אויגן, מיט דעם שמייכלען...

— ווי גוט איר האָט דאָס געזאָגט, מאַמאַ! טאַקע מיט די אויגן און מיט דעם שמייכלען, — האָט דאָלי באַשטעטיקט.

— אָבער וואָסערע ווערטער האָט ער געזאָגט?

— וואָסערע האָט דיר קאָסטיאַ געזאָגט?

— ער האָט געשריבן מיט קרייד. דאָס איז געווען וווּנדערלעך... ווי לאַנג דאָס זעט מיר שוין אויס! — האָט זי געזאָגט.

און די דריי פרויען האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן דעם אייגענעם. קיטי האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווײַגן. איר האָט זיך דערמאָנט דערדאָזיקער גאַנצער לעצטער ווינטער פאַר איר חתונה און איר עקזאַלטירן זיך מיט ווראָנסקין.

— איינס... דאָס איז די פריערדיקע ליידנשאַפט וואַרענקעס! — האָט זי געזאָגט, לויט דעם נאַטירלעכן געדאַנקען-סדר זיך דערמאַנענדיק אָן דעם. — איך האָב געוואָלט ווי ס'איז זאָגן סערגיי איוואַנאָוויטשן, צוגרייטן אים. זיי, אַלע מענער, — האָט זי צוגעגעבן, — זענען שרעקלעך איפערזיכטיק צו אונזער פאַרגאַנגענהייט.

— נישט אַלע, — האָט דאָללי געזאָגט. — דו אורטיילסט דאָס לויט דיין מאַן. ער פייניקט זיך נאָך ביז היינט מיט דער דערינערונג וועגן ווראָנסקין. יאָ? ס'איז דאָך אמת?

— אמת, — האָט קיטי געענטפערט, פאַרטראַכט שמייכלענדיק מיט די אויגן.

— נאָר איך ווייס נישט, — האָט די פירשטין, די מוטער, זיך אָנגענומען פאַר איר מוטערלעכן אַכט האָבן אויף דער טאָכטער, — וואָסער פאַרגאַנגענהייט דיינע עס קאָן דאָס אים באַאומרויקן? וואָס ווראָנסקי האָט דיך אַדאָרירט? — דאָס טרעפט מיט יעדן מיידל.

— נו, נישט וועגן דעם רעדן מיר, — האָט קיטי געזאָגט, רויט ווערנדיק.

— ניין, דערלויב, — האָט די מוטער פאַרגעזעצט, — און חוץ דעם האָסטו מיר אַליין נישט געוואָלט דערלויבן איבערצורעדן מיט ווראָנסקין. געדענקסט?

— אַך, מאַמאַ! — האָט קיטי געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון ליידן.

— אַצינד איז אייך נישט אָפצוהאַלטן... דיינע באַציונגען האָבן גאָרנישט געקאָנט דערגיין ווייטער, ווי מען דאַרף; איך אַליין וואָלט אים אַרויסגערופן. איבעריקנס, דו, מיין נשמה, טאָרסט זיך נישט אויפרעגן. איך בעט דיך, געדענק דאָס און באַרויק דיך.

— איך בין אינגאַנצן רויק, maman.

— ווי גליקלעך עס איז דעמאָלט אַרויסגעקומען פאַר קיטין, וואָס אַננאַ איז געקומען, — האָט דאָללי געזאָגט, — און ווי אומגליקלעך פאַר איר. אָט טאַקע פאַרקערט, — האָט זי צוגעגעבן, איבערראַשט פון איר געדאַנק. — דעמאָלט איז אַננאַ געווען אַזוי גליקלעך, און קיטי האָט זיך געהאַלטן פאַר אומגליקלעך. ווי גאָר פאַרקערט! איך טראַכט אָפט וועגן איר.

— עס איז דאָ וועגן וועמען צו טראַכטן. אַ מיאוסע, עקלהאַפ-

טע פרוי, אָן אַ האַרץ, — האָט געזאָגט די מוטער, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז קיטי האָט חתונה געהאַט נישט מיט ווראָנסקין, נאָר מיט לעווינען.

— וואָסער חשק דאָס איז וועגן דעם צו רעדן, — האָט קיטי מיט פאַרדראָס געזאָגט: — איך טראַכט נישט וועגן דעם און וויל נישט טראַכטן... און וויל נישט טראַכטן, — האָט זי אַ זאָג געטון, זיך צוהערנדיק צום מאַנס באַקאַנטע טריט איבער די טרעפּ פון דער טעראַסע.

— וועגן וואָס איז דאָס: און וויל נישט טראַכטן? — האָט לעווין געפרעגט, אַרויפקומענדיק אויף דער טעראַסע.

נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפערט, און ער האָט נישט איבערגעחזרט די פראַגע.

— מיר איז אַ שאָד, וואָס איך האָב צעשטערט אייער פרויען-קעניגרייך, — האָט ער געזאָגט, אומצופרידן באַטראַכטנדיק אַלע און פאַרשטייענדיק, אַז מען האָט גערעדט וועגן עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מען וואָלט נישט גערעדט אין זיין קעגנוואַרט.

אויף אַ סעקונדע איז ער באַהערשט געוואָרן פון דעם זעלבן געפיל, וואָס אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, פון דער אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס מען קאָכט די מאַלינעס אָן וואַסער, און בכלל פון דעם פרעמדן שטשערבאַצקישן איינפלוס. ער האָט פונדעסטוועגן אַ שמייכל געטון און איז צוגעגאַנגען צו קיטין.

— נו, וואָס? — האָט ער זי געפרעגט, קוקנדיק אויף איר מיט דעם זעלבן אויסדרוק, מיט וועלכן אַלע האָבן זיך אַצינד געווענדט צו איר.

— גאַרנישט, זייער גוט, — האָט קיטי שמייכלענדיק געזאָגט, — און בא דיר וואָס הערט זיך?

— זיי פירן דריי מאָל אַזוי פיל, ווי מיט אַ וואָגן. איז פאָרן מיר נאָך די קינדער? איך האָב געהייסן איינשפּאַנען.

— וואָס זשע, דו ווילסט קיטין פירן אויף דער לאַנגער בריטשקע? — האָט די מוטער מיט פאָרוורף געזאָגט.

— מיר וועלן דאָך פאָרן טריט בא טריט, פירשטין.

לעווין האָט קיינמאָל נישט גערופן די פירשטין maman, ווי אייַדעמס פירן זיך, און דאָס איז געווען נישט אָנגענעם דער פירשטין. אָבער לעווין, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט און גע-

שטעט די פירשטין, האָט נישט געקאָנט, אָן באַליידיקטן געפיל צו דער פאַרשטאָרבענער מוטער, זי אַזוי רופן.

— פאָרט מיט אונז, maman, — האָט קיטי געזאָגט.

— איך וויל נישט קוקן אויף דידאָזיקע קרומע איינפאַלן.

— נו, וועל איך גיין צופוס. עס איז דאָך געזונט פאַר מיר. — קיטי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום מאַן און אים אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— עס איז געזונט, אָבער אַלץ אין דער מאָס, — האָט די פירשטין געזאָגט.

— נו, וואָס, אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, דאָס איינגעמאַכטס איז פאַר־טיק? — האָט לעווין געזאָגט, שמייכלענדיק צו אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ און וועלנדיק זי פריילעך מאַכן. — עס איז גוט אויפן נייעם שטייגער?

— אפנים, ס'איז גוט. איבערגעקאָכט, ווי לויט אונזער שטייגער.

— עס איז נאָך בעסער, אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ: עס וועט נישט זויער ווערן, וואָרים דאָס אייז איז שוין אַצינד בײַ אונז צעגאַנגען, און צו באַ־האַלטן עס איז נישטאָ ווו, — האָט קיטי געזאָגט, גלייך פאַרשטייענדיק דעם מאַנס כוונה און ווענדנדיק זיך מיטן זעלבן געפיל צו דער אַלטער. — פאַר דעם איז אייער געזאַלצנס אַזוינס, אַז די מאַמאַ זאָגט, זי האָט אין ערגעץ אַזוינס נישט געגעסן, — האָט זי צוגעגעבן, שמייכלענדיק און פאַרריכטנדיק אויף איר דאָס טיכל.

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַ קוק געטון בייז אויף קיטין.

— איר טרייסט מיך נישט, ליבינקע. אַז איך גיב נאָר אַ קוק אויף אייך מיט אים, איז מיר שוין פריילעך, — האָט זי געזאָגט, און דערדאָ־זיקער גראָבער אויסדרוק מיט א י ם, און נישט מיט ז י י, האָט קיטין גערירט.

— פאָרט מיט אונז נאָך שוואָמען, איר וועט אונז די ערטער אָנ־ווייזן.

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַ שמייכל געטון, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, ווי זאָגנדיק: „איך וואָלט געוואָלט בייז זיין אויף אייך, נאָר איך קאָן נישט".

— טוט, איך בעט אייך, לויט מיין עצה, — האָט די אַלטע פיר־שטין געזאָגט: אינדערהייך פון איינגעמאַכטס לייגט אַרויף אַ שטיקל פאַפּיר און באַנעצט עס מיט ראָם: און עס וועט אויך אָן אייז קיינמאָל נישט שימלען.

III.

קיטי איז געווען באַזונדערס צופרידן פון דער געלעגנהייט צו זיין אַ ביסל אויג אויף אויג מיטן מאַן, ווייל זי האָט באַמערקט, ווי אַ שאָטן פון עגמת נפש איז דורכגעלאָפן איבער זיין אַלץ אַזוי לעבעדיק אָפשפּיגלענדיק פּנים אין דער מינוט, ווי ער איז אַרויפגעקומען אויף דער טעראַסע און געפרעגט, וועגן וואָס מען האָט גערעדט און מען האָט אים נישט געענטפערט.

ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין פאָרויס פאַר אַלע און זענען אַרויסגעקומען פון דעם שטח פון הויז אויפן שטויביקן וועג, דעם אויסגעזייעטן מיט קאָרן-זאַנגען און קערנער, האָט זי פעסטער זיך אָנגעלענט אויף זיין האַנט און אים צוגעדריקט צו זיך. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן דעם מינוטנווייליקן נישט אָנגענעמען איינדרוק און אַליין מיט איר איבערגעלעבט אַצינד, ווען דער געדאַנק וועגן איר שוואַנגערשאַפט האָט אים אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזט, יענעם תענוג פון נאָענטקייט צו דער געליבטער פרוי, וואָס איז געווען נאָך ניי און פריידיק פאַר אים און פולשטענדיק ריין פון פיזישער ליידנשאַפט. צו רעדן איז נישט געווען פון וואָס, אָבער אים האָט זיך געגלוסט הערן דעם קלאַנג פון איר קול, אויך ווי דעם בליק, וואָס האָט זיך געענדערט אַצינד בײַ דער שוואַנגערשאַפט. אין דעם קול, ווי אין דעם בליק, איז געווען אַ ווייכקייט און ערנסטקייט, ענלעך צו דער, ווי מען טרעפט בײַ מענטשן, וואָס זענען תמיד קאָנצענטרירט אויף עפּעס איין געליבטער זאַך.

— וועסטו נישט מיד ווערן? לען דיך מער אָן, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, איך בין אַזוי צופרידן פון דער געלעגנהייט צו זיין אַ ביסל מיט דיר אַליין, און איך בין מיך מודה, ווי גוט עס איז מיר נישט מיט זיי, זענען מיר דאָך אַ שאָד אונזערע ווינטער-אָוונטן אין צווייען.

— יענץ איז געווען גוט, און דאָס איז נאָך בעסער.ביידע זענען בעסער, — האָט ער געזאָגט, צודריקנדיק איר האַנט.

— דו ווייסט, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, ווען דו ביסט אריינגעקומען ?

— וועגן איינגעמאַכטס.

— יאָ ; אויך וועגן איינגעמאַכטס ; נאָר דערנאָך וועגן דעם, ווי אַזוי מען מאַכט אַ פאַרשלאָג.

— אַ ! — האָט לעווין געזאָגט, מער הערנדיק דעם קלאַנג פון איר קול, ווי די ווערטער, וועלכע זי האָט גערעדט, די גאַנצע צייט טראַכטנדיק וועגן וועג, וועלכער האָט זיך אַצינד געצויגן דורכן וואַלד, און אַרומקרייזלענדיק די ערטער, ווו זי וואָלט געקאָנט געשטרויכלט ווערן.

— און וועגן סערגיי איוואַניטשן און וואַרענקען. דו האָסט באַמערקט ?... איך וויל דאָס זייער, — האָט זי פאַרגעזעצט. — וואָס טראַכטסטו וועגן דעם ? — און זי האָט אים אַ קוק געטון אין פּנים אַריין.

— איך ווייס נישט, וואָס צו טראַכטן, — האָט לעווין שמייכלענדיק געענטפערט. — סערגיי איז אין דער הינזיכט זייער אויסטערליש פאַר מיר. איך האָב דאָך דיר דערציילט.

— יאָ, אַז ער איז געווען פאַרליבט אין דעם מיידל, וואָס איז געשטאָרבן...

— דאָס איז געווען, ווען איך בין געווען אַ קינד ; איך ווייס דאָס פון דערציילן. איך געדענק אים דעמאָלט. ער איז געווען אומגעווייגלעך ליב. אָבער זינט דעמאָלט קוק איך מיך צו, ווי אַזוי ער איז מיט פרויען: ער איז ליבלעך, טייל געפעלן אים, נאָר מען פילט, אַז זיי זענען פאַר אים סתם מענטשן, אָבער נישט קיין פרויען.

— יאָ, נאָר אַצינד מיט וואַרענקען... דאַכט זיך, אַז ס'איז עפּעס...

— אפשר איז עפּעס... נאָר אים דאַרף מען קענען... ער איז אַ באַזונדערער, ווונדערלעכער מענטש. ער לעבט בלויז מיט אַ גייסטיק לעבן. ער איז אַ מענטש מיט אַ צו ריינער און הויכער נשמה.

— ווי ? דאָס וועט אים דען דערנידעריקן ?

— ניין, נאָר ער איז אַזוי געוווינט געוואָרן צו לעבן בלויז מיט אַ גייסטיק לעבן, אַז ער קאָן נישט שליסן שלום מיט דערווירקלעכקייט, און וואַרענקאַ איז פונדעסטוועגן ווירקלעכקייט.

לעווין איז שוין אַצינד געוווינט געווען אַרויסצוזאָגן דרייסט זיין געדאַנק, נישט באַמיענדיק זיך אים איינצוהילן אין צוגעקליבענע ווערטער ; ער האָט געוווּסט, אַז דאָס ווייב וועט אין אַזעלכע ליבלעכע מינוטן, ווי

אַצינד, פאַרשטיין אויפן ווונק, וואָס ער וויל זאָגן, און זי האָט אים פאַרשטאַנען.

— יאָ, נאָר אין איר איז נישטאָ די ווירקלעכקייט, ווי אין מיר; איך פאַרשטיי, אַז ער וואָלט מיך קיינמאָל נישט ליב געקריגן. זי איז אינגאַנצן אַ גייסטיקע.

— נו, ניין, ער האָט דיך אַזוי ליב, און דאָס איז מיר שטענדיק אַזוי אָנגענעם, וואָס מיינע האָבן דיך ליב...

— יאָ, ער איז צו מיר גוט, אָבער...

— אָבער עס איז נישט אַזוי, ווי מיט ניקאָליענקען דעם פאַרשטאָרבענעם... איר האָט ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן, — האָט לעווין פאַרענדיקט. — פאַרוואָס זאָל מען נישט רעדן? — האָט ער צוגעגעבן. — איך מאַך מיר טיילמאָל פאָרווורפן; עס וועט זיך ענדיקן מיט דעם, וואָס מען וועט פאַרגעסן. אַך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער און הערלעכער מענטש דאָס איז געווען... יאָ, איז וועגן וואָס-זשע האָבן מיר גערעדט? — האָט לעווין געזאָגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע.

— דו מיינסט, אַז ער קאָן זיך נישט פאַרליבן? — האָט קיטי געזאָגט, איבערזעצנדיק אויף איר שפּראַך.

— נישט דאָס, וואָס ער קאָן זיך נישט פאַרליבן, — האָט לעווין שמייכלענדיק געזאָגט, — נאָר ער פאַרמאָגט נישט די שוואַכקייט, וועלכע איז נייטיק... איך פלעג אים שטענדיק מקנא זיין און אפילו אַצינד, ווען איך בין אַזוי גליקלעך, בין איך אים פונדעסטוועגן אויך מקנא.

— ביסט אים מקנא, וואָס ער קאָן זיך נישט פאַרליבן?

— איך בין אים מקנא, וואָס ער איז בעסער פאַר מיר, — האָט לעווין שמייכלענדיק געזאָגט. — ער לעבט נישט פאַר זיך. בײַ אים איז דאָס גאַנצע לעבן אַ חוב. און דעריבער קאָן ער זיין רויק און צופרידן.

— און דו — האָט קיטי געזאָגט מיט אַן איראָנישן, ליבלעכן שמייכל.

זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויסדריקן דעם געדאַנקען-גאַנג, וועלכער האָט זי געבייט צו שמייכלען; נאָר דער לעצטער אויספיר איז געווען, אַז איר מאַן, וואָס אַנטציקט זיך מיטן ברודער און דערנידעריקט זיך פאַר אים, איז נישט אויפריכטיק. קיטי האָט געוווסט, אַז דידאָזיקע נישט אויפריכטיקייט זיינע שטאַמט פון ליבשאַפט צום ברודער, פון דעם געפיל פון בושה דערפאַר, וואָס ער איז צו גליקלעך, און באַזונדערס פון

דעם כסדרדיקן פארלאנג צו זיין בעסער, זי האָט דאָס ליב געהאַט אין אים און דערפאַר געשמייכלט.

— און דו? מיט וואָס זשע ביסטו נישט צופרידן? — האָט זי געפרעגט מיטן זעלבן שמייכל.

איר אומצוטרוי צו זיין נישט צופרידנקייט מיט זיך האָט אים געפרייט, און ער האָט אומבאַוווסטזיניק זי אַרויסגערופן אויף דעם, אַז זי זאָל אַרויסזאָגן די סיבות פון איר אומצוטרוי.

— איך בין גליקלעך, אָבער נישט צופרידן מיט זיך... — האָט ער געזאָגט.

— ווי אַזוי זשע קאָנסטו זיין נישט צופרידן, ווען דו ביסט גליקלעך?

— ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן?... איך וויל מיטן גאַנצן האַרץ מער גאָרנישט, ווי נאָר דאָס, אַז דו זאָלסט נישט געשטרויכלט ווערן אָן עפּעס. אַך, מען טאָר דאָך נישט אַזוי שפּרינגען! — האָט ער איבערגעריסן זיין רעדן מיט אַ פאָרוווּרף דערפאַר, וואָס זי האָט געמאַכט אַ צו שנעלע באַוועגונג, אַריבערשפּרייזנדיק איבער אַ צווייג, וואָס איז געלעגן אויפן וועג. — נאָר ווען איך טראַכט וועגן מיר און פאַרגלייך מיך מיט אַנדערע, באַזונדערס מיטן ברודער, פיל איך, אַז איך בין שלעכט.

— מיט וואָס זשע? — האָט קיטי פאָרגעזעצט מיטן זעלבן שמייכל: — צי אַרבעטסטו דען אויך נישט פאַר אַנדערע? און דיינע ישובים, און דיין באַלעבאַטישקייט, און דיין בוך?...

— ניין, איך פיל און באַזונדערס אַצינד: דו ביסט שולדיק, — האָט ער געזאָגט, צודריקנדיק איר האַנט, — אַז עס איז נישט, ווי עס געהער צו זיין. איך טו דאָס סתם אַזוי, פון דער האַנט אַוועק. ווען איך זאָל קאָנען ליב האָבן דידאָזיקע גאַנצע אַרבעט, ווי איך האָב דיך ליב... וואָרים איך טו די לעצטע צייט דאָס אַלץ, ווי אַ פאַרגעבענע לעקציע.

— נו, וואָס-זשע איז דיין מיינונג וועגן פּאַפּאַ? — האָט קיטי געפרעגט. — וואָס-זשע, איז ער אויך שלעכט, וואָס ער טוט גאָרנישט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך?

— ער? — ניין. אָבער מען דאַרף פאַרמאָגן די איינפאַכקייט, קלאָרקייט, גוטסקייט, וואָס דיין פאָטער; און איך פאַרמאָג דען דאָס? איך אַרבעט נישט און פּייניק מיך. דאָס אַלץ האָסטו אָנגעמאַכט. ווען דו ביסט נישט געווען און עס איז נאָך נישט געווען ד אָ ס, — האָט ער גע-

זאָגט מיט אַ בליק אויף איר בויך, וועלכן זי האָט פאַרשטאַנען, — האָב איך אַלע מיינע כוחות פאַרווענדט אויף דער אַרבעט; און אַצינד קאָן איך נישט, און מיר איז איבער דער טבע; איך אַרבעט, ווי מען מאַכט אַ פאַרגעבענע לעקציע, איך מאַך בלויז דעם אָנשטעל...

— נו, און דו וואָלסט געוואָלט זיך שוין טוישן מיט סערגיי אי־וואַנאָוויטשן? — האָט קיטי געזאָגט. — דו וואָלסט געוואָלט טון דידאָזיקע אַלגעמיינע זאַך און ליב האָבן דידאָזיקע פאַרגעבענע לעקציע, ווי ער, און נישט מער?

— פאַרשטייט זיך, ניין, — האָט לעווין געזאָגט. — איבעריקנס, איך בין אַזוי גליקלעך, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט. און דו מיינסט שוין, אַז ער וועט היינט מאַכן אַ פאָרשלאָג? — האָט ער צוגעגעבן, שווייגנדיק אַ ווײַלע.

— אי יאָ אי ניין. נאָר מיר גלוסט זיך שרעקלעך. אָט וואַרט צו. — זי האָט זיך אָנגעבויגן און אָפּגעריסן אין דער זייט פון וועג אַ ווילד בלימל. — נו, צייל: ער וועט יאָ מאַכן, ער וועט נישט מאַכן אַ פאָרשלאָג, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים דאָס בלימל.

— יאָ מאַכן, נישט מאַכן, — האָט לעווין געזאָגט, רייסנדיק די ווײַ־סע שמאָלע לענגלעכדיקע בלעטעלעך.

— ניין! ניין! — האָט אים קיטי אָפּגעשטעלט, אָנכאַפּנדיק בײַ דער האַנט. זי האָט זיך מיט אויפרעגונג צוגעקוקט צו זיינע פינגער. דו האָסט צוויי אָפּגעריסן.

— נו, פאַר דעם וועלן מיר אָט דאָס קליינע נישט רעכענען, — האָט לעווין געזאָגט, אָפּרייסנדיק אַ קורץ נישט דערוואַקסן בלעטעלע. — אָט האָט אונדז שוין אויך די ברישקע דעריאָגט.

— ביסט נישט מיד געוואָרן, קיטי?! — האָט די פירשטין אַ געשריי געטון.

— לגמרי נישט.

— וואָרים דו קאָנסט אויפזיצן, אויב די פערד זענען רויק און גייען פּאַמעלעך.

אָבער עס האָט נישט געלוינט אויפצוזיצן, עס איז שוין געווען נאָענט און אַלע זענען געגאַנגען צופוס.

IV.

וואַרענקאַ אין איר ווייס טיכל אויף די שוואַרצע האָר, אַרומגערינגלט פון די קינדער, גוטמוטיק און פרייליך פאַרנומען מיט זיי און, משמעות, אויפגערעגט פון דעם מעגלעכן דערקלערן זיך מיט דעם מאַנסביל, וואָס איז איר געפעלן, איז געווען זייער אַנציענד. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געגאַנגען צוזאַמען מיט איר און כסדר זיך געקוויקט מיט איר. קוקנדיק אויף איר, האָט ער זיך דערמאַנט די אַלע ליבע רייד, וועלכע ער האָט געהערט פון איר, אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט גוטס וועגן איר, און אַלץ מער און מער אַנערקענט, אַז דאָס געפיל, וואָס ער שפירט צו איר, איז עפּעס באַזונדערס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט שוין לאַנג־לאַנג און בלויז איין מאָל, אין דער ערשטער יוגנט. דאָס פריידיקע געפיל פון נאָענטקייט צו איר, ווערנדיק אַלץ שטאַרקער, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז, דערלאַנגענדיק איר אין איר קיישל אַריין אַן אומגעהייער גרויסן בערעזעניעם שוואָם מיט פאַרבויגענע ברעגן, וואָס ער האָט געפונען אויף אַ דינעם וואָרצל, האָט ער איר אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין און, באַמערקט די רויטקייט פון פריידיקער און דערשראָקענער אויפרעגונג, וואָס האָט באַדעקט איר פנים, האָט ער זיך אַליין דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט און שווייגנדיק אַ שמייכל געטון צו איר מיט אַזאַ שמייכל, וועלכער האָט זייער אַ סך געזאָגט.

„אויב אַזוי, — האָט ער זיך געזאָגט, — מוז איך דורכטראַכטן און באַשליסן, און נישט, ווי אַ ייִנגל, זיך אָפּגעבן דער מינוטנווייליקער עקזאַלטאַציע“.

— איך וועל אַצינד גיין אַליין קלויבן שוואָמען, וואָרים אַזוי ווערט אַלץ, וואָס איך געפין, נישט באַמערקט, — האָט ער געזאָגט און איז אַיינער אַליין אַוועקגעגאַנגען פון ברעג וואַלד, ווו זיי זענען געגאַנגען איבער ווייך נידעריק גראָז צווישן שיטערע אַלטע בערעזעס, אין מיטן וואַלד אַריין, ווו עס האָבן זיך געבליכט און געטונקלט די שטאַמען פון אַשינעביימער און ניסן־ביימלעך צווישן ווייסע שטאַמען פון בערעזעס. אָפּגייענדיק אַ פערציק טריט און אַרונטערגייענדיק הינטער אַ קוסט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט איינגאַנצן צעבליט מיט זיינע ראָזע־רויטע בלימעלעך,

האָט סערגיי איוואַנאָוויטש, וויסנדיק, אַז מען זעט אים נישט, זיך אָפּגעשטעלט. אַרום אים איז געווען אינגאַנצן שטיל. בלויז אינדערהייך פון די בערעזעס, אונטער וועלכע ער איז געשטאַנען, האָבן ווי אַ ראָי בינען אומאויפהערלעך געראַשט די פליגן, און פון צייט־צו־צייט האָבן זיך דערטראָגן די קולות פון די קינדער. פּלוצלינג האָט נישט ווייט פון בּרעג וואַלד אָנגעהויבן צו קלינגען וואַרענקעס קאָנטראַלט שטימע, וואָס האָט גערופן גרישען, און אַ פריידיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף סערגיי איוואַנאָוויטשס פּנים. פילנדיק דעמדאָזיקן שמייכל, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אַ שאָקל געטון אומצופרידן מיטן קאָפּ אויף זיין צושטאַנד און, אַרויסגענומען אַ ציגאַר, האָט ער אים אָנגעהויבן צו פאַררייכערן. ער האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנצינדן דאָס שוועבעלע אָן דעם שטאַם פון דער בערעזע. די צאַרטע הויט פון דער ווייסער קאָרע האָט אַרומגעקלעפּט דעם שוועבל, און דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן. ענדלעך האָט איינס פון די שוועבעלעך זיך אָנגעצונדן, און דער שמעקעדיקער רויך פון דעם ציגאַר האָט זיך וויגנדיק ברייט אויסגעשפּרייט, אַ צי געטון פאַרויס און אינדערהייך איבערן קוסט אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע צווייגן פון די בערעזעס. נאָכקוקנדיק מיט די אויגן דעם שטרייף רויך, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש זיך געלאָזט גיין מיט אַ געלאַסענעם טריט, דורכטראַכטנדיק זיין צושטאַנד.

„פאַר וואָס זשע טאַקע נישט? — האָט ער געטראַכט. — ווען דאָס זאָל זיין אַ קאַפּריז אָדער ליידנשאַפט, ווען איך וואָלט בעפילט בלויז דידאָזיקע עקזאַלטאַציע, — דידאָזיקע קעגנזייטיקע עקזאַלטאַציע (איך קאָן זאָגן ק ע ג נ ז יי ט י ק ע), נאָר וואָלט געפילט, אַז זי איז אין קעגנזאַץ צום גאַנצן סדר פון מיין לעבן. ווען איך וואָלט געפילט, אַז אָפּגעבנדיק זיך דערדאָזיקער עקזאַלטאַציע, פאַרראַט איך מיין באַרוף און חוב... אָבער דאָס איז דאָך נישטאָ. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן זאָגן קעגן, איז דאָס, וואָס פאַרלירנדיק מאַריען, האָב איך מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז איך וועל בלייבן טריי איר אָנדענק. דאָס איינע קאָן איך זאָגן קעגן מיין געפיל... דאָס איז וויכטיק“, האָט זיך געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, פילנדיק איינצייטיק, אַז דידאָזיקע סברה קאָן פאַר אים פערזענלעך נישט האָבן קיין שום וויכטיקייט, נאָר קאָן אפשר בלויז קאַליע מאַכן זיין פּאָעטישע ראָלע אין די אויגן פון אַנדערע מענטשן. „אָבער, חוץ דעם, וויפיל איך זאָל נישט זוכן, וועל איך גאָרנישט געפינען וואָס

צו זאָגן קעגן מיין געפיל. ווען איך וואָלט אויסגעקליבן בלויז מיטן שכל, וואָלט איך קיין שום בעסערס נישט געקאָנט געפינען!"

וויפיל ער האָט זיך נישט דערמאָנט פרויען און מיידלעך, וועלכע ער האָט געקענט, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען קיין מיידל, וועלכע זאָל אין אַזאַ מאָס פאַרייניקן אַלע, טאַקע אַלע מעלות, וועלכע ער האָט, קאַלט אורטיילנדיק, געוואָלט זעען אין זיין פרוי. זי האָט פאַרמאָגט דעם גאַנצן צויבער און פרישקייט פון יוגנט, אָבער איז נישט געווען קיין קינד, און אויב זי האָט אים ליב געהאַט, האָט זי ליב געהאַט באַוווסטזיניק, ווי אַ פרוי דאַרף ליב האָבן: דאָס איז געווען איינס. צווייטנס: איז זי געווען נישט בלויז ווייט פון הויכוועלטישקייט, נאָר האָט, משמעות, געפילט אַ פאַראַכטונג צו דער הויכער געזעלשאַפט, אָבער אייגנצייטיק געקענט די הויכע געזעלשאַפט און געהאַט אַלע מאַנירן פון אַ פרוי פון דער פיינער געזעלשאַפט, אָן וועלכע עס וואָלט פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן נישט מעגלעך געווען קיין לעבנס־פריינדין. דריטנס: איז זי געווען רעליגיעז, אָבער נישט ווי אַ קינד, אומבאַרעכנט רעליגיעז און גוט, ווי עס איז געווען, אַ שטייגער, קיטי, נאָר איר לעבן איז געווען באַגרינדעט אויף רעליגיעזע איבערצייגונגען. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אפילו ביז פרטים געפונען אין איר דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך געווונטשן אין אַ פרוי: זי איז געווען אָרים און איינזאַם, אַזוי אַז זי וועט נישט מיטברענגען מיט זיך קיין קופּע קרובים און זייער ווירקונג אין מאַנס הויז אַריין, ווי ער האָט דאָס געזען בײַ קיטין, און וועט פאַר אַלעם דאַנקבאַר זיין דעם מאַן, וואָס ער האָט זיך אויך תמיד געווונטשן פאַר זיין קינפטיקן פאַמיליען־לעבן. און דאָסדאָזיקע מיידל, וואָס האָט פאַרייניקט אין זיך דידאָזיקע אַלע מעלות, האָט אים ליב געהאַט. ער איז געווען באַשיידן, אָבער נישט געקאָנט דאָס נישט זען. און ער האָט זי אויך ליב געהאַט. איין אַרגומענט קעגן — זיינע געווען זיינע יאָרן, אָבער ער האָט געשטאַמט פון אַ געזונטער משפחה, האָט נישט געהאַט קיין איין גרויע האָר, קיינער וואָלט נישט געהאַלטן, אַז ער איז אַלט פערציק יאָר, און ער האָט געדענקט, אַז וואַרענקאַ האָט געזאָגט, אַז בלויז אין רוסלאַנד האַלטן פופציקיעריקע מענטשן זיך פאַר זקנים און אַז אין פראַנקרייך האַלט זיך אַ פופציקיעריקער מענטש dans la force de l'age, און אַ פערציקיעריקער — un jeune homme. אָבער וואָסער ווערט האָבן יאָרן, ווען ער פילט זיך אַזוי יונג אין דער נשמה, ווי ער איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק? איז דען געווען נישט קיין יוגנט דאָס

געפיל, וועלכעס ער האָט איבערגעלעבט אַצינד, ווען אַרויסגייענדיק פון דער צווייטער זייט ווידער צום וואַלד-ברעג, האָט ער דערזעען אין העלן ליכט פון די קרומע זונען-שטראַלן די גראַציעזע פיגור ווארענקעס, אין דעם געלן קלייד, מיטן קיישל, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן טריט פאַרביי דעם שטאַם פון אַן אַלטער בערעזע; ווען דערדאָזיקער איינדרוק פון ווארענקעס אַנבליק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן אַנבליק פון דעם זיך געלנדיקן האָבער-פעלד, דעם באַגאָסענעם מיט קרומע שטראַלן, וואָס האָט אים איבערראַשט מיט זיין שיינקייט, און פון דעם ווייטן אַלטן וואַלד, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין דער בלויער ווייטקייט? זיין האַרץ האָט זיך פריידיק צונויפגעדריקט, אַ האַרציק געפיל האָט אים באַהערשט. ער האָט דערשפּירט, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן. ווארענקאַ, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס געהאַט אַראָפּגעזעצט, כדי אויפצוהייבן אַ שוואָם, האָט זיך מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג אויפגעהויבן און אומגעקוקט. אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש מיט אַנטשלאָסענע טריט זיך געלאָזט גיין צו איר.

V.

„ווארוואַראַ אַנדרעיעווּנאַ, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג, האָב איך מיר געשאַפן אַן אידעאַל פון אַ פרוי, וועלכע איך האָב ליב געקריגן און וועלכע איך וועל זיין גליקלעך צו האָבן פאַר מיין פרוי. איך האָב דורכגעלעבט אַ לאַנג לעבן און אַצינד דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין אייך דאָס, וואָס איך האָב געזוכט. איך האָב אייך ליב און לייג אייך פאַר מיין האַנט".

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך דאָס געחזרט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אַ צען טריט פון ווארענקען. אַראָפּגעזעצט אויף די קניען און פאַרשטעלנדיק מיט די הענט אַ שוואָם פון גרישען, האָט זי גערופן די קליינע מאַשען.

— אַהער, אַהער! קליינינקע! אַ סך! — האָט זי מיט איר ליבער ברוסט-שטימע געזאָגט.

דערזעען סערגיי איוואַנאָוויטשן, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָט זי זיך נישט אויפגעהויבן און נישט געענדערט די פּאָזע; אָבער אַלץ

האָט אים געזאָגט, אַז זי פילט זיין דערנענטערן זיך און פרייט זיך מיט אים.

— וואָס, איר האָט געפונען עפּעס? — האָט זי געפרעגט, אויס־דרייענדיק צו אים איר שיין, שטיל־שמייכלענדיק פּנים פון ווייסן טיכל אַפּער.

— קיין איינעם — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — און איר?

זי האָט נישט געענטפערט, פאַרנומען מיט די קינדער, וועלכע האָבן זי אַרומגעריגלט.

— נאָך דעם, לעבן צווייגל, — האָט זי אָנגעוויזן דער קליינער מאַשען אויף אַ קליין שוועמל, וואָס איז איבערגעשניטן געווען אין דער קווער פון זיין שטייפן ראָזן היטעלע מיט אַ טרוקן גרעזל, פון אונטער וועלכן עס האָט זיך אַפּערגעריסן. ווארענקאַ איז אויפגעשטאַנען, ווען מאַשע האָט צעבראָכן אויף צוויי ווייסע העלפטן דאָס שוועמל און עס אויפגעהויבן. — דאָס דערמאָנט מיר די יוגנט, — האָט זי צוגעגעבן, אַוועקגייענדיק פון די קינדער צוזאַמען מיט סערגיי איוואַנאָוויטשן.

זיי זענען אַפּגעגאַנגען שווייגנדיק עטלעכע טריט. ווארענקאַ האָט געזען, אַז ער וויל עפּעס רעדן, זי האָט זיך משער געווען וועגן וואָס און איז פאַרשטאַרבן געוואָרן פון פריידיקער אויפרעגונג און שרעק. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווייט, אַז קיינער וואָלט זיי שוין נישט געקאָנט הערן. אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן צו רעדן. ווארענקען איז בעסער געווען צו שווייגן. נאָך שווייגן האָט מען געקאָנט לייכטער זאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן, ווי נאָך דעם רעדן וועגן די שוואָמען; נאָר קעגן איר ווילן, אַזוי ווי נישט בכּיוון, האָט ווארענקאַ געזאָגט:

— האָט איר גאָרנישט געפונען? איבעריקנס, אינמיטן וואַלד איז שטענדיק דאָ ווינציקער.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ זיפץ געטון און גאָרנישט געענטפערט. אים איז געווען פאַרדראָסיק, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די שוואָמען. ער האָט זי געוואָלט אומקערן צו די פריערדיקע ווערטער, וועלכע זי האָט געזאָגט וועגן איר קינדהייט; אָבער ער האָט אַזוי ווי קעגן זיין ווילן, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געמאַכט אַ באַמערקונג אויף אירע לעצטע ווערטער.

— איך האָב בלויז געהערט, אַז ווייסע טרעפט מען דער עיקר אין ברעג וואַלד, הגם איך קאָן אויך נישט אונטערשיידן קיין ווייסע.

עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע מינוט, זיי זענען אַוועקגעגאַנגען נאָך ווייטער פון די קינדער און זענען געווען אינגאַנצן אַליין. וואַרענקעס האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי, אַז זי האָט עס געהערט קלאַפּן און געפילט, אַז זי ווערט רויט, ווערט ווייס און ווידער רויט.

צו זיין די פרוי פון אַזאַ מענטש, ווי קאָזנישעוו, נאָך איר לאַגע בא דער מאַדאַם שטאַל, האָט איר אויסגעזען פאַר דעם העכסטן גליק. חוץדעם, איז זי כמעט געווען איבערצייגט, אַז זי איז פאַרליבט אין אים. און באַלד האָט דאָס געדאַרפט אַנטשיידט ווערן. איר איז געווען שרעקלעך, שרעקלעך אי דאָס, וואָס ער וועט זאָגן, אי דאָס, וואָס ער וועט נישט זאָגן.

אַצינד, אָדער קיינמאָל נישט האָט מען זיך געדאַרפט דערקלערן: דאָס האָט אויך געפילט סערגיי איוואַנאָוויטש. אַלץ — אין דעם בליק, אין דער פאַררויטלטקייט, אין די אַראָפּגעלאָזטע אויגן וואַרענקעס — האָט אָנגעוויזן אויף שמערצלעכער דערוואַרטונג. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דאָס געזען און רחמנות געהאַט אויף איר. ער האָט אפילו געפילט, אַז גאָרנישט זאָגן אַצינד, האָט געהייסן באַליידיקן זיך. ער האָט שנעל אין זיין געדאַנק זיך איבערגעחזרט אַלע באַווייזן לטובת זיין באַשלוס. ער האָט זיך אויך איבערגעחזרט די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין פאָרשלאַג; אָבער ער האָט, אַנשטאָט די דאָזיקע ווערטער, איבער עפּעס אַן אומגעריכטן געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן, געפרעגט:

— וואָסער זשע אונטערשיד איז צווישן אַ ווייסן און אַ בערעזנעם?

וואַרענקעס ליפּן האָבן געציטערט פון אויפרעגונג, ווען זי האָט געענטפערט:

— אין דעם היטעלע איז כמעט נישטאָ קיין אונטערשיד, נאָר אין דעם וואָרצל.

און ווי נאָר די דאָזיקע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן, האָבן סיי ער, סיי זי פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז געענדיקט, אַז דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן, וועט נישט געזאָגט ווערן, און זייער אויפרעגונג, וואָס איז פאַר דעם דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה, האָט אָנגעהויבן זיך איינשטילן.

— דער וואָרצל פון אַ בערעזנעם שוואָם דערמאָנט אַ צוויי טעג

ניט ראַזירטע באָרד פון אַ ברונעט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש שוין רויק געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט שמייכלענדיק, און ניט ווילנדיק האָט די ריכטונג פון זייער שפּאַציר זיך געענדערט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די קינדער. וואַרענקען איז געווען אי שמערצלעך אי בזיונדיק, נאָר אייגנצייטיק האָט זי געשפּירט אויך אַ געפיל פון דערלייכטערונג.

צוריקקומענדיק אַהיים און איבערקלויבנדיק אַלע באַווייזן, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געפונען, אַז ער האָט געאורטיילט ניט ריכטיק. ער האָט ניט געקאָנט פאַרראַטן מאַריעס אָנדענק.

— פּאַמעלעכער, קינדער, פּאַמעלעכער! — האָט לעווין אפילו בייז אויסגעשריגן אויף די קינדער, שטעלנדיק זיך פאַרן ווייב, כּדי צו באַשיצן זי, ווען די מחנה קינדער האָט מיט אַ פריידיקן געקוויטשעריי זיך אַ לאָז געטון לויפן קעגן זיי.

— נאָך די קינדער זענען אויך אַרויסגעקומען פון וואַלד סערגיי איוואַנאָוויטש מיט וואַרענקען. קיטי האָט ניט געדאַרפט פרעגן וואַרענקען: זי האָט, לויט די רויקע און עטוואָס פאַרשעמטע אויסדרוקן פון ביידעס פּנימער, פאַרשטאַנען, אַז אירע פּלענער האָבן זיך ניט פאַרווירקליכט.

— נו, וואָס? — האָט זי געפרעגט דעם מאַן, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים.

— עס נעמט ניט, — האָט קיטי געזאָגט, מיט דעם שמייכל און מיט דער מאַניר פון רעדן דערמאָנענדיק דעם פאָטער, וואָס לעווין פלעגט אָפט מיט פאַרגעניגן אין איר באַמערקן.

— וואָס הייסט, עס נעמט ניט?

— אָט ווי אַזוי, — האָט זי געזאָגט, גענומען דעם מאַנס האַנט, זי צוגעטראָגן צום מויל און זיך צוגערירט צו איר מיט ניט געעפנטע ליפּן. — ווי מען קושט די האַנט בא אַן אַרכיערעי.

— בא וועמען-זשע נעמט ניט? — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט.

— בא ביידע. און מען דאַרף אָט אַזוי...

— פויערן פאָרן.

— ניין, זיי האָבן ניט געזען.

VI.

בעת די קינדער האָבן געטרונקען די טיי, זענען די גרויסע געזעסן אויפן באַלקאָן און געשמועסט אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעען, הגם אַלע, און באַזונדערס סערגיי איוואַנאָוויטש און וואַרענקאַ, האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז עס איז פאָרגעקומען אפילו אַ נעגאַטיווע, אָבער זייער וויכ־טיקע געשעעניש. זיי האָבן ביידע איבערגעלעבט איינס און דאָס זעלבע געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס עס לעבט איבער אַ שילער נאָך אַ נישט געלונגענעם עקזאַמען, בלייבנדיק אינם זעלבן קלאַס אָדער הערנדיק אויס־געשלאָסן אויף שטענדיק פון דעמדאָזיקן אַנשטאַלט. אַלע אַנוועזנדע, אויך פילנדיק, אַז עס איז עפּעס פאָרגעקומען, האָבן לעבהאַפט גערעדט וועגן זייטיקע זאַכן. לעווין און קיטי האָבן זיך געפילט באַזונדערס גליקלעך און פאַרליבט דעמדאָזיקן אָוונט. און דאָס, וואָס זיי זענען געווען גליקלעך מיט זייער ליבע, האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ נישט אַנגענעמע אַנדייטונג אויף די, וועלכע האָבן אויך דאָס אייגענע געוואָלט און נישט געקאָנט, — און זיי איז געווען איבער דער טבע.

— געדענקט, וואָס איך האָב געזאָגט: אַלעקסאַנדער וועט נישט קומען, — האָט די אַלטע פירשטין געזאָגט.

היינטיקן אָוונט האָט מען געוואַרט פון צוג סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, און דער אַלטער פירשט האָט געשריבן, אַז ער וועט אפשר אויך קומען.

— און איך ווייס פאַרוואָס, — האָט די פירשטין פאָרגעזעצט; — ער זאָגט, אַז מען דאַרף דאָס יונגע פאָרפאָלק לאָזן אַליין די ערשטע צייט.

— דער פּאַפּאַ האָט אונז אַזוי אויך פאַרלאָזט. מיר זעען אים גאָר־נישט, — האָט קיטי געזאָגט. — און וואָסערע יונגע זענען מיר? מיר זענען שוין אַזעלכע אַלטע.

— נאָר אויב ער וועט נישט קומען, וועל איך מיך, קינדער, אויך געזעגענען מיט אייך, — האָט די פירשטין געזאָגט מיט אַ טרויעריקן זיפץ.

— נו, וואָס פעלט אייך איין, מאַמאַ! — זענען אויף איר אָנגע־פאַלן ביידע טעכטער.

— דו גיב נאָר אַ טראַכט, ווי ער פֿילט זיך דאָרט! אַצינד איז דאָך...

און דאָס קול פֿון דער אַלטער פֿירשטין האָט פֿלוצלינג אומגעריכט אַ ציטער געטון. די טעכטער זענען שטיל געבליבן און האָבן זיך איבערגעקוקט. „די maman געפֿינט זיך שטענדיק עפּעס טרויעריקס“, האָבן זיי געזאָגט מיט דעמדאָזיקן בליק. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז ווי גוט די פֿירשטין האָט זיך נישט געפֿילט בײַ דער טאָכטער, ווי נייטיק זי האָט זיך נישט געפֿילט דאָ, איז איר דאָך פּיינלעך טרויעריק געווען אַז פֿאַר זיך, אַז פֿאַרן מאַן, זינט זיי האָבן חתונה געמאַכט די לעצטע געליבטע טאָכטער און די פֿאַמיליען־נעסט איז ליידיק געוואָרן.

— וואָס ווילט איר, אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונאַ? — האָט קיטי פֿלוצלינג געפֿרעגט אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונען, וואָס איז שטיין געבליבן מיט אַ געהיימנישפֿולער מינע און באַדייטונגספֿולן פּנים וועגן נאַכטעסן.

— נו, זייער גוט, — האָט דאָללי געזאָגט, — דו גיי פֿאַראָרדן, און איך וועל גיין מיט גרישען איבערחזרן זײַן לעקציע, וואָרים ער האָט הײַנט גאָרנישט געטון.

— דאָס איז מײַן לעקציע! ניין, דאָללי, איך וועל גיין — האָט לעווין אַ זאָג געטון און איז אויפֿגעשפּרונגען.

גרישאַ, וואָס איז שוין געהאַט אַרײַנגעטרעטן אין גימנאַזיע, האָט זומער געדאַרפֿט איבערחזרן די לעקציעס. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וואָס האָט נאָך אין מאָסקווע זיך געלערנט צוזאַמען מיטן זון לאַטיין, האָט, קומענדיק צו די לעווינס, זיך געמאַכט פֿאַר אַ כּלל, איבערצוחזרן מיט אים כאָטש איינמאָל אין טאָג די שווערסטע לעקציעס — פֿון אַריפֿמעטיק און לאַטיין. לעווין האָט זיך אַרויסגערופֿן צו פֿאַרטרעטן זי, אָבער די מוטער, וואָס האָט איינמאָל געהערט לעווינס לעקציע און באַמערקט, אַז ער טוט דאָס נישט אַזוי, ווי דער לערער האָט רעפּעטירט אין מאָסקווע, האָט, זשעניִרנדיק זיך און באַמיִענדיק זיך נישט צו באַליידיקן לעווינען, אַנטשלאָסן אים אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף דורכגיין לויטן ביכל, אַזוי ווי דער לערער. און אַז זי וועט שוין דאָס בעסער ווײַטער טון אַליין. לעווינען האָט פֿאַרדראָסן אי אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן דערפֿאַר, וואָס צוליב זײַן נאַכלעסיקייט פֿאַרנעמט נישט ער זיך, נאָר די מוטער מיטן אַכטונג געבן אויפֿן אונטערריכט פֿון די קינדער, אין וועלכן זי האָט קיין ידיעה נישט, אי אויף די לערערס דערפֿאַר, וואָס זיי לערנען אַזוי שלעכט

די קינדער; אָבער דער שוועגערין האָט ער צוגעזאָגט צו פירן די לעקציעס אַזוי, ווי זי וויל. און ער האָט ווייטער געלערנט גרישען שוין נישט אויף זיין שטייגער, נאָר לויטן ביכל, און דעריבער פלעגט ער אומגערן און אָפט פאַרגעסן די צייט פון דער לעקציע. אַזוי איז געווען אויך היינט.

— ניין, איך וועל גיין, דאָללי, און דו זיץ, — האָט ער געזאָגט.— מיר וועלן אַלץ טון לויטן סדר, לויטן ביכל. נאָר אָט ווען סטיוואַ וועט קומען און מיר וועלן פאָרן אויף יאַגד, וועלן מיר שוין דעמאָלט דורכלאָזן.

לעווין איז אַוועקגעגאַנגען צו גרישען.

דאָס זעלבע האָט אויך וואַרענקאַ געזאָגט קיטין. וואַרענקאַ האָט אויך אין דעם גליקלעכן, רייך-איינגעאָרדנטן הויז פון די לעווינס באַוויזן צו זיין נוצלעך.

— איך וועל באַשטעלן נאַכט-עסן, און איר זיצט, — האָט זי געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען צו אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגען.

— יאָ, יאָ, מען האָט אוודאי קיין הינדלעך נישט געקריגן. נעמטזשע פון אונזערע... — האָט קיטי געזאָגט.

— איך מיט אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגען וועלן שוין באַשליסן, — און וואַרענקאַ איז אַוועקגעגאַנגען מיט איר.

— סאַראַ ליב מיידל! — האָט די פירשטין געזאָגט.

— נישט קיין ליבע, maman, נאָר אַזאַ אוצר, ווי מען טרעפט גאָרנישט.

— ריכט איר זיך היינט אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, משמעות נישט ווילנדיק ווייטער רעדן וועגן וואַרענקען. — עס איז שווער צו געפינען צוויי שוואָגערס ווייניקער ענלעכע איינער צום אַנדערן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ דינעם שמייכל; — איינער איז אַ באַוועגלעכער, וואָס לעבט בלויז אין דער געזעלשאַפט, ווי אַ פיש אין וואַסער; דער צווייטער — אונזער קאָסטיאַ — איז אַ לעבעדיקער, אַ האַסטיקער, אַן עמפּפינדלעכער אויף אַלץ, אָבער ווי ער קומט נאָר אין געזעלשאַפט, איז אָדער ער ווערט איינגאַנצן פאַרשטומט, אָדער ער וואַרפט זיך זינלאָז, ווי אַ פיש אויף דער ערד.

— יאָ, ער איז זייער לייכטזיניק, — האָט די פירשטין געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו סערגיי איוואַנאָוויטשן. — איך האָב אייך טאַקע געוואָלט בעטן צו זאָגן אים, אַז איר (זי האָט אָנגעוויזן אויף קיטין) איז אוממעג-

לעך צו בלייבן דא, נאר זי מוז אומבאדינגט קומען קיין מאסקווע. ער זאגט, אז ער וועט אויסשרייבן א דאקטאר...

— Maman, ער וועט אלץ טון, ער באשטייט אויף אלץ, — האט קיטי געזאגט מיט פארדראס אויף דער מוטער דערפאר, וואס זי גענמט אלס ריכטער אין דעם ענין סערגיי איוואנאוויטשן.

אין מיטן זייער געשפרעך האט אין דער אלעע זיך דערהערט א פארסקען פון פערד און א גערויש פון רעדער איבערן זאמד.

דאללי האט נאך נישט באוויזן אויפצושטיין, כדי אקעגנצוגיין דעם מאן, ווי אונטן, פון דעם פענצטער פון צימער, אין וועלכן גרישא האט זיך געלערנט, איז ארויסגעשפרונגען לעווין און געהאלפן אראפטאנצן גרישען.

— דאס איז סטיווא! — האט לעווין א געשריי געטון פון אונטערן באלקאן אפער. — מיר האבן פארענדיקט, דאללי, האב נישט קיין מורא! — האט ער צוגעגעבן און ווי א יינגל זיך געלאזט לויפן אקעגן דעם עקיפאזש.

— Is, ea, id, ejus, ejus, ejus! — האט גרישא געשריגן, אונטערשפרינגענדיק איבער דער אלעע.

— און נאך עמעצער. אוודאי דער פאפא! — האט לעווין אויסגעשריגן, זיך אפשטעלנדיק באם אריינגאנג אין דער אלעע. — קיטי, גיי נישט מיט די שמאלע טרעפ, נאר ארום און ארום.

נאר לעווין האט זיך טועה געווען, אננעמענדיק דעם, וואס איז געזעסן אויף דער קאטש, פארן אלטן פירשט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער קאטש, האט ער דערזעען לעבן סטעפאן ארקאדיעוויטשן נישט דעם פירשט, נאר א שיינעם, דיקן יונגנמאן אין א שאטלענדיש מיצל, מיט לאנגע עקן פון בענדער פון הינטן. דאס איז געווען וואסענקא וועסלאווסקי, די שטשערבאצקיס א קוזין, א פעטערבורגיש-מאסקווער גלענצנדער יונגערמאן, „אן אויסגעצייכנטער חברה-מאן און ליידנשאפט-לעכער יעגער”, ווי סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אים פארגעשטעלט.

גארנישט זשעניִרט פון דער אנטוישונג, וועלכע ער האט ארויס-גערופן מיט זיין פארבייטן דעם אלטן פירשט, האט וועסלאווסקי זיך פריילעך באגריסט מיט לעווינען, דערמאנענדיק די פריערדיקע באקאנט-שאפט, און, א כאפ געבנדיק אויף דער קאטש אראף גרישען, האט ער אים אריבערגעהויבן איבער דעם יאגד-הונט, וועלכן סטעפאן ארקאדיע-וויטש האט מיט זיך געפירט.

לעווין איז נישט אויפגעזעסן אויף דער קאַטש, נאָר איז געגאַנ־
גען פון הינטן, אים האָט אַ ביסל פאַרדראָסן דערויף, וואָס עס איז נישט
געקומען דער עלטער פירשט, וועלכן ער האָט ליב געקריגן אַלץ מער,
וואָס מער ער האָט אים געקענט, און דערויף, וואָס ס׳איז געקומען דער־
דאָזיקער וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, אַ מענטש אינגאַנצן אַ פרעמדער און אי־
בעריקער. ער האָט אים אויסגעזעען נאָך פרעמדער און איבעריקער דער־
פאַר, וואָס, ווען לעווין איז צוריקגעקומען צום גאַנעק, ווו ס׳האָט זיך צו־
נויפגעקליבן אַ גרויסער הייטערער עולם דערוואַקסענע און קינדער, האָט
ער דערזעען, ווי וואַסענקאַ וועסלאָווסקי קושט מיט אַ באַזונדערס ליב־
לעכער און גאַלאַנטער מינע קיטיס האַנט.

— מיר זענען דאָך cousins מיט אייער פרוי, און אויך אַלטע
באַקאַנטע, — האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי געזאָגט, ווידער פעסט־פעסט
דריקנדיק לעווינס האַנט.

— אַלזאָ, ס׳איז עפּעס דאָ ווילדע חיות? — האָט סטעפּאַן אַרקאַ־
דיעוויטש, קוים באַווייזנדיק זיך צו באַגריסן מיט איטלעכן, זיך געווענדט
צו לעווינען. — מירביידע האָבן די גרויזאַמסטע כּוונות. אוודאי,
maman, זיי זענען פון דעמאָלט אָן נישט געווען אין מאָסקווע. נו, טאַ־
ניאַ, נאַדיר! נעם אַרויס, איך בעט דיך, אין דער קאַטש פון הינטן, —
האָט ער אין אַלע זייטן אַריין גערעדט. — ווי אויפגעפרישט דו ביסט
געוואָרן דאָללענקאַ, — האָט ער געזאָגט דעם ווייב, נאָכאַמאָל געקושט
איר האַנט, פאַרהאַלטן זי אין זייַנער און פונדערהייך געגלעט מיט דער
צווייטער.

לעווין, וואָס איז מיט אַ מינוט צוריק געווען אין פרייַלעכסטן גע־
מיטס־צושטאַנד, האָט אַצינד מרהשחורהדיק געקוקט אויף אַלע, און אַלץ
איז אים נישט געפעלן.

„וועמען האָט ער נעכטן געקושט מיט די דאָזיקע ליפּן?״ האָט ער
געטראַכט, קוקנדיק אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס צערטלעכקייטן מיטן
ווייב. ער האָט אַ קוק געטון אויף דאָללין, און זי איז אים אויך נישט
געפעלן.

„זי גלייבט דאָך נישט אין זיין ליבע. וואָס זשע איז זי אַזוי צו־
פרידן? עקלהאַפט!״ האָט לעווין געטראַכט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער פירשטין, וועלכע איז אים אַזוי
ליב געווען מיט אַ מינוט צוריק, און אים איז נישט געפעלן די מאַניר,

מיט וועלכער זי האָט, ווי צו זיך אין הויז אַריין, איינגעלאַדן דעמדאָזיקן וואַסענקען מיט זיינע בענדער.

אפילו סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער איז אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק, האָט אים אויך אויסגעזעען נישט אָנגענעם מיט דער געמאַכטער פריינטלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, בשעת לעווין האָט געוווּסט, אַז זיין ברודער האָט נישט ליב און שעצט נישט אָבלאָנסקין.

אויך וואַרענקאַ איז אים דערווידער געווען מיט דעם, ווי זי האָט מיט איר מינע פון sainte nitouche זיך באַקענט מיט דעמדאָזיקן הער, בעת זי האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי חתונה צו האָבן.

אָבער מער דערווידער פון אַלע איז געווען קיטי מיט דעם, ווי זי האָט זיך אונטערגעגעבן דעם טאָן פון פריילעכקייט, מיט וועלכן דערדאָזיקער הער האָט, ווי אויף אַ יום־טוב פאַר זיך און פאַר אַלע, געקוקט אויף זיין קומען אין דאָרף אַריין, און באַזונדערס נישט אָנגענעם איז זי געווען מיט דעם באַזונדערן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט געענטפערט אויף זיין שמייכלען.

רוישיק שמועסנדיק, זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין; אָבער, ווי נאָר אַלע האָבן זיך געזעצט, האָט לעווין זיך אויסגעדרייט און איז אַרויסגעגאַנגען.

קיטי האָט געזעען, אַז מיטן מאַן איז עפּעס פאָרגעקומען. זי האָט געוואָלט געפינען אַ געלונגענע מינוט, כדי צו רעדן מיט אים אַליין, אָבער ער איז איילִיק אַוועקגעגאַנגען פון איר, זאָגנדיק, אַז ער דאַרף אין קאַנטאָר אַריין. שוין לאַנג האָבן אים די באַלעבאַטישע ענינים נישט אויסגעזען אַזוי וויכטיק, ווי היינט. „פאַר זיי איז דאָרט אַלץ אַ יום־טוב, — האָט ער געטראַכט, — און דאָ זענען זאַכן נישט קיין יום־טובדיקע, וועלכע וואַרטן נישט און וועלכע מען קאָן נישט לעבן.

VII.

לעווין האָט זיך אומגעקערט אהיים ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט אים געשיקט רופן צום נאַכטעסן. אויף די טרעפּ זענען געשטאַנען קיטי מיט אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגאַ, באַראַטנדיק זיך וועגן די ווײַנען צום נאַכטעסן.

— וואָס מאַכט איר אַזאַ fuss ? סערווירט ווי געוויינלעך.

— ניין, סטיוואַ טרינקט נישט... קאָסטיאַ, וואַרט צו, וואָס איז מיט דיר ? — האָט קיטי אַ זאָג געטון, נאָכאײַלנדיק אים, אָבער ער איז אומ־רחמנותדיק, נישט וואַרטנדיק אויף איר, מיט ברייטע טריט אַרײַנגעגאַנגען אין עסצימער און גלייך אַרײַנגעטרעטן אין דעם אַלגעמיינעם לעבהאַפטן געשפּרעך, וועלכער איז דאָרט אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך וואַסענקאַ וועסלאָווסקי און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— נו, וואָס זשע, פאָרן מיר מאָרגן אויף יאַגד ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— אדרבא, לאָמיר פאָרן, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט, איבער־זעצנדיק זיך זייטיק אויף אַ צווייטער שטול און אײַנקאָרטשענדיק אונטער זיך דעם פעטן פוס זײַנעם.

— עס פרייט מיך זייער, לאָמיר פאָרן. און איר זענט שוין דאָס יאָר געווען אויף יאַגד ? — האָט לעווין געזאָגט צו וועסלאָווסקין, אויפ־מערקזאַם באַטראַכטנדיק זײַן פוס, אָבער מיט געמאַכטער העפלעכקייט, וועלכע קיטי האָט אַזוי גוט געקענט אין אים און וועלכע האָט אים אַזוי נישט געפּאַסט. — וואַלדשנעפּן ווייס איך נישט צי מיר וועלן געפינען, אָבער בעקאַסן איז דאָ אַ סך. איז דאַרף מען פאָרן אינדערפרי. איר וועט נישט מיד ווערן ? דו ביסט נישט מיד, סטיוואַ ?

— איך מיד ? איך בין נאָך קיינמאָל נישט מיד געווען. לאָמיר נישט שלאָפן די גאַנצע נאַכט ! קומט שפּאַצירן !

— טאַקע, לאָמיר נישט שלאָפן ! אויסגעצייכנט ! — האָט וועסלאָוו־סקי באַשטעטיקט.

— אָ, אין דעם זענען מיר זיכער, אַז דו קאָנסט נישט שלאָפן און אַנדערע נישט לאָזן, — האָט דאָלי געזאָגט דעם מאַן מיט דער קוים

באַמערקטער איראָניע, מיט וועלכער זי פּלעגט אַצינד כּמעט שטענדיק זיך באַציִען צו איר מאַן. — און לויט מיין מיינונג, איז שוין אַצינד צייט... איך וועל גיין, איך עס נישט קיין נאַכטעסן.

— ניין, דו זיץ נאָך אַ ביסל, דאָללענקאַ, — האָט סטעפּאַן אַר־קאַדיעוויטש געזאָגט, איבערגייענדיק אין איר זייט אַריין באַם גרויסן טיש, באַ וועלכן מען האָט געגעסן נאַכטעסן. איך וועל דיר נאָך אַ סך דערציילן.

— אוודאי גאָרנישט.

— דו ווייסט, ווערסלאָווסקי איז געווען באַ אַננען. און ער פאָרט ווידער צו זיי. זיי זענען דאָך אינגאַנצן זיבעציק ווערסט ווייט פון אונז. און איך וועל אויך אומבאַדינגט צופאָרן. ווערסלאָווסקי, קום נאָר אַהער!

וואַסענקאַ איז אַריבערגעגאַנגען צו די דאַמען און זיך געזעצט לעבן קיטין.

— אַך, דערציילט איך בעט אייך, איר זענט געווען באַ איר? ווי פילט זי זיך? — האָט זיך דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געווענדט צו אים.

לעווין איז געבליבן אויף דער צווייטער זייט טיש און, נישט אויפ־הערנדיק צו רעדן מיט דער פירשטין און וואַרענקען, האָט ער געזען, אַז צווישן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, דאָללין, קיטין און ווערסלאָווסקין ווערט געפירט אַ לעבהאַפטער און געהיימנישפולער געשפּרעך. אָבער, חוץ דעם, וואָס ס'איז געפירט געוואָרן אַ געהיימנישפולער געשפּרעך, האָט ער נאָך געזען אויפן געזיכט פון זיין פרוי אַן אויסדרוק פון אַן ערנסט גע־פיל, ווען זי האָט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויפן שיינעם פּנים פון וואַסענקען, וועלכער האָט עפּעס לעבהאַפט דערציילט.

— עס איז זייער גוט באַ זיי, — האָט וואַסענקאַ דערציילט וועגן ווראָנסקין און אַננען. — איך, פאַרשטייט זיך, נעם נישט אויף זיך צו אורטיילן, נאָר באַ זיי אין הויז פילט מען זיך ווי אין אַ פאַמיליע.

— וואָס־זשע האָבן זיי בדעה צו טון?

— דאַכט זיך, אויף ווינטער ווילן זיי פאָרן קיין מאָסקווע.

— ווי גוט וואָלט געווען זיך צונויפצופאָרן באַ זיי! ווען פאָרסטו? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט וואַסענקען.

— איך וועל פאַרברענגען באַ זיי דעם חודש יולי.

— און דו וועסט פאָרן? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך גע־ווענדט צום ווייב.

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט און וועל אומבאַדינגט פאָרן, — האָט דאָללי געזאָגט. — איך האָב אויף איר רחמנות און איך קען זי.

זי איז אַ טייערע פרוי. איך וועל פאָרן אַליין, ווען דו וועסט אָוועקפאָרן, און וועל קיינעם מיט דעם נישט קוויילן. און עס איז אפילו בעסער אַן דיר.

— אויסגעצייכנט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — און דו, קיטי?

— איך? נאָכוואָס זאָל איך פאָרן? — האָט קיטי געזאָגט, אינ־גאַנצן רויט ווערנדיק, און זיך אומגעקוקט אויפן מאַן.

— איר זענט באַקאַנט מיט אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ? — האָט זי וועס־לאָווסקי געפרעגט. — זי איז זייער אַ סימפּאַטישע פרוי.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, נאָך מער רויט ווערנדיק; זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום מאַן.

— פאָרסטו מאָרגן אויף יאַגד? — האָט זי געזאָגט.

זיין אייפערזוכט אין דידאָזיקע עטלעכע מינוט, באַזונדערס לויט דער רויטקייט, וועלכע האָט באַדעקט אירע באַקן, ווען זי האָט גערעדט מיט וועסלאָווסקין, איז שוין געהאַט ווייט אַוועק. הערנדיק אירע ווערטער, האָט ער זיי שוין אַצינד פאַרשטאַנען אויף זיין שטייגער. ווי אויסטערליש עס איז אים נישט געוועזן דערנאָך זיך צו דערמאַנען אָן דעם, האָט אים אַצינד אויסגעזען קלאָר, אַז אויב זי פרעגט אים, צי ער פאָרט אויף יאַגד, אינטערעסירט דאָס זי בלויז, כדי צו וויסן, צי וועט ער פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן וואַסענקאַ וועסלאָווסקין, אין וועלכן זי איז, לויט זיינע באַגריפן, שוין פאַרליבט געוואָרן.

— יאָ, איך וועל פאָרן, — האָט ער איר מיט אַ נישט נאַטירלעך, פאַר זיך אַליין אָפּשטויסנדיק קול געענטפערט.

— ניין, בעסער זייט נאָך דעם מאָרגנדיקן טאָג, וואָרים דאָללי האָט נאָך אפילו ווי געהעריק דעם מאַן נישט געזען, און איבערמאָרגן פאָרט, — האָט קיטי געזאָגט.

דער זינען פון קיטיס ווערטער איז אַצינד דורך לעווינען שוין אי־בערגעזעצט געוואָרן אַזוי: „צעשייד מיך נישט מיט אים. דאָס, וואָס דו וועסט אָוועקפאָרן — איז מיר אַלץ איינס, נאָר לאָז מיך זיך אָנקוויקן מיט דער געזעלשאַפט פון דעמדאָזיקן הערלעכן יונגנמאַן".

— אָך, ווען דו ווילסט, וועלן מיר נאָך מאָרגן בלייבן, — האָט לעווין געענטפערט מיט אַ באַזונדערער העפלעכקייט.

וואַסענקאַ, וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט קיין השגה פון די ליידן, וואָס זיין אָנוועזנהייט האָט פאַרשאַפט, איז גלייך נאָך קיטין אויפגעשטאַ־

נען פון טיש און, נאָכקוקנדיק איר מיט אַ שמייכלענדיקן, ליבלעכן בליק, האָט ער זיך געלאָזט איר נאָכגיין.

לעווין האָט געזעען דעמדאָזיקן בליק. ער איז בלייך געוואָרן און אפשר אַ מינוט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. „ווי אַזוי קאָן מען זיך דערלויבן אַזוי צו קוקן אויף מיין פרוי!“ האָט געקאָכט אין אים.

— אין מאָרגן? לאָמיר פאָרן, איך בעט אייך, — האָט וואַסענקאַ געזאָגט, זיך געזעצט אויף אַ שטול און ווידער פאַרבויגן דעם פוס לויט זיין געוווינהייט.

לעווינס אייפערזוכט איז נאָך ווייטער אַוועק. ער האָט זיך שוין געזעען אַלס אָפּגענאַרטער מאַן, אין וועלכן דאָס ווייב מיטן געליבטן נייטיקן זיך, ער זאָל זיי פאַרשאַפן לעבנס-באַקוועמלעכקייטן און פאַרגע־ניגן... אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער ליבלעך און גאַסטפריינט־לעך אויסגעפרעגט וואַסענקען וועגן זיין גיין אויף יאַגד, וועגן דער ביקס, וועגן די שטיוול און האָט מסכים געווען צו פאָרן מאָרגן.

אויף לעווינס גליק, האָט די אַלטע פירשטין אַ סוף געמאַכט צו זיין ליידן מיט דעם, וואָס זי איז אַליין אויפגעשטאַנען און האָט געראָטן קיטין צו גיין שלאָפן. אָבער אויך דאָס איז נישט אַריבער אָן נייע ליידן פאַר לעווינען. באַם געזעגענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע, האָט וואַסענ־קאַ ווידער געוואָלט אַ קוש טון איר האַנט, אָבער קיטי, וואָס איז רויט געוואָרן, האָט מיט אַ נאַיווער גראָבקייט, פאַר וועלכער די מוטער האָט איר דערנאָך געמאַכט אַ פאָרוואורף, צונעמענדיק די האַנט, געזאָגט:

— דאָס איז באַ אונז נישט אָנגענומען.

אין לעווינס אויגן איז זי געווען שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט דערלאָזט אַזעלכע באַציונגען, און נאָך מער שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט אויף אַזאַ אומגעשיקטן אופן געוויזן, אַז זיי געפעלן איר נישט.

— נו, וואָס פאַלט אייך איין צו שלאָפן! — האָט סטעפּאַן אַרקאַ־דיעוויטש געזאָגט, וואָס איז נאָך די עטלעכע אויסגעטרונקענע גלעזער וויין געקומען אין זיין ליבסטער און פּאָעטישסטער שטימונג. — זע נאָר, קיטי, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער לבנה, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטער די ליפּעס אַפער, — וואָס פאַר אַ הערלעכקייט! וועסלאָווסקי, דו וואָלסט געזונגען אַ סערענאַדע. דו ווייסט, ער האָט אַ הערלעך קול, מיר האָבן זיך איינגעזונגען אויפן וועג. ער האָט געבראַכט

מיט זיך הערלעכע ראָמאַנסן, צוויי נייע. ער וואָלט מיט וואַרוואַרא אַנ-דרעעוונאַ געזינגען.

ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש נאָך לאַנג געגאַנגען מיט ווענסלאָווסקין איבער דער אַלעע, און עס האָבן זיך געהערט זייערע שטימען, וואָס האָבן איינגעזוּנגען דעם נייעם ראָמאַנס.

הערנדיק זייערע שטימען, איז לעווין, כמורענדיק זיך, געזעסן אויף אַ פֿאָטעל אין ווייבס שלאָפצימער און עקשנותדיק געשוויגן אויף אירע פֿראַגן וועגן דעם, וואָס ס'איז מיט אים; נאָר ווען זי אַליין האָט ענד-לעך, נישט דרייסט שמייכלענדיק, געפֿרעגט: „צי איז דיר נישט אַמאָל עפּעס נישט געפֿעלן מיט ווענסלאָווסקין?" האָט עס אים אַ נעם געטון, און ער האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ; דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט אים באַליידיקט און דערפֿאַר אים נאָך מער צערייצט.

ער איז געשטאַנען פֿאַר איר מיט שרעקלעך בלישטשענדיקע אויגן פֿון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען אפֿער און צוגעדריקט די שטאַרקע הענט צו דער ברוסט, ווי אָנשטרענגענדיק אַלע זיינע כּוחות, כּדי זיך איינצוהאַלטן. דער אויסדרוק פֿון זיין פּנים וואָלט געווען שטרענג און אַפֿילו גרויזאַם, ווען עס וואָלט איינצייטיק נישט אויסגעדריקט קיין ליידן, וואָס האָט זי גערירט. זיינע באַקנביינער האָבן זיך געטרייסלט, און דאָס קול איז הייזעריק געוואָרן.

— דו פֿאַרשטיי, אַז איך בין נישט אייפֿערזיכטיק: דאָס איז אַ מיאוס וואָרט. איך קאָן נישט זיין אייפֿערזיכטיק און גלייבן, אַז... איך קאָן נישט זאָגן, וואָס איך פֿיל, נאָר דאָס איז שרעקלעך... איך בין נישט אייפֿערזיכטיק, נאָר איך בין באַליידיקט, דערנידעריקט פֿון דעם, וואָס עמעצער וואָגט צו טראַכטן, וואָגט צו קוקן אויף דיר מיט אַזעלכע אויגן...

— אָבער מיט וואָסערע אויגן? — האָט קיטי געזאָגט, באַמיענדיק זיך ווי ווייט מעגלעך ערלעכער זיך צו דערמאָנען אַלע רייד און זשעסטן פֿון דעם היינטיקן אָוונט און אַלע זייערע שאַטירונגען.

טיף אין דער נשמה האָט זי טאַקע געפֿונען, אַז עס איז געווען עפּעס אין דער מינוט, ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען צו איר אויף דער צווייטער זייט טיש, אָבער זי האָט נישט געוואָגט דאָס מודה צו זיין אַפֿילו

פאר זיך אליין און נאך מער זיך נישט אנטשלאסן צו זאגן עס אים און מיט דעם פארגרעסערן זיין ליידן.

— און מיט וואס קאן איך דען זיין אנציענד, ווי אזוי זע איך אויס...

— אך ! — האט ער אויסגעשריגן, זיך אנכאפנדיק באם קאפ. — דו וואלסט בעסער נישט גערעדט !... הייסט עס דאך, אז ווען דו וואלסט געווען אנציענד...

— אבער ניין, קאסטיא, ווארט נאר צו, הער נאר אויס ! — האט זי געזאגט, קוקנדיק אויף אים מיט א ליידנד־מיטפילנדיקן אויסדרוק. — נו, וואס־זשע קאנסטו טראכטן ? ווען פאר מיר זענען נישטא קיין מענטשן, נישטא, נישטא !... נו ווילסטו, אז איך זאל קיינעם נישט זען ?

אין דער ערשטער מינוט איז איר געווען באליידיקענד זיין איי־פערזוכט ; איר איז געווען פארדראסיק, וואס די קלענסטע און אומשול־דיקסטע צעשטרייונג איז איר פארווערט ; אצינד אבער וואלט זי נישט בלויז אזעלכע נארישקייטן, נאר אלץ מקריב געווען פאר זיין רויקייט, כדי צו באפרייען אים פון דעם ליידן, וואס ער האט איבערגע־לעבט.

— דו פארשטיי די גרויל און קאמישקייט פון מיין לאגע, — האט ער פארגעזעצט מיט א פארצווייפלט פליסטערן, — אז ער איז אין מיין הויז, אז ער האט דאך אייגנטלעך קיין שום אומאנשטענדיקס נישט גע־טון, חוץ דערדאזיקער פרייקייט און דאס פארבייגן די פיס. ער האלט דאס פאר דעם בעסטן טאן, און איך מוז דעריבער זיין מיט אים ליבלעך.

— אבער, קאסטיא, דו טרייבסט איבער, — האט קיטי געזאגט, טיף אין דער נשמה זיך פרייענדיק מיט דער שטארקער ליבע, וועלכע האט זיך אצינד אויסגעדריקט אין זיין אייפערזוכט.

— שרעקלעכער פון אלץ איז דאס, וואס דו, — וואסערע דו ביסט שטענדיק, און אצינד, ווען דו ביסט אזא הייליקטום פאר מיר, מיר זענען אזוי גליקלעך, אזוי באזונדער גליקלעך, און פלוצלינג אזא גארנישט... נישט קיין גארנישט. פארוואס זאל איך אים ? כ'האב צו אים גארנישט. נאר פארוואס איז מיין גליק, דיין גליק ?...

— ווייסט, איך פארשטיי, פון וואס דאס האט זיך געמאכט, — האט קיטי אנגעהויבן.

— פון וואס ? פון וואס ?

— איך האָב געזעען, ווי דו האָסט געקוקט, ווען מיר האָבן גערעדט באַם נאַכטעסן.

— נו יאָ, נו יאָ! — האָט לעווין דערשראָקן געזאָגט.

זי האָט אים דערציילט, פון וואָס זיי האָבן גערעדט. און, דער־ציילנדיק דאָס, האָט זי זיך געשטיקט פון אויפרעגונג. לעווין האָט גע־שוויגן א ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך צוגעקוקט צו איר בלייך, דער־שראָקן פנים, און פלוצלינג האָט ער זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ.

— קאַטיאַ, איך האָב דיך פאַרפּייניקט! טייבעלע, זיי מיר מוחל! דאָס איז אַ משוגעת! קאַטיאַ, איך בין דורכויס שולדיק. און צי איז דען כדאי געווען איבער אַזאַ נאַרישקייט זיך אַזוי צו פּייניקן.

— ניין, איך האָב רחמנות אויף דיר.

— אויף מיר? אויף מיר? וואָס בין איך? אַ משוגענער... און אויף דיר פאַרוואָס? דאָס איז שרעקלעך צו טראַכטן, אַז יעדער פרעמדער מענטש קאָן צעשטערן אונזער גליק.

— פאַרשטייט זיך, דאָס טאַקע באַליידיקט דאָך...

— ניין, וועל איך, פאַרקערט, אים איבערלאָזן באַ אונז אויף אַ גאַנצן זומער און זיין מיט אים כסדר ליבלעך, — האָט לעווין געזאָגט, קושנדיק איר האַנט. — אָט וועסטו זען. מאָרגן... יאָ, אמת, מאָרגן פאָרן מיר.

VIII.

צומאָרגנס אינדערפרי, איידער די דאַמען זענען נאָך אויפגעשטאַ־נען, זענען שוין די יאַגד־עקיפּאַזשן, די בריטשקע און אַ וועגעלע גע־שטאַנען פאַרן הויז, און לאַסקאַ, וואָס האָט נאָך אינדערפרי פאַרשטאַנען, אַז מען פאָרט אויף יאַגד און זיך אָנגעבילט און אָנגעשפּרונגען צו דער זעט, איז געזעסן אויף דער בריטשקע לעבן קוטשער, וואָס האָט, אויפ־געגעגט און אומצופרידן פון דער פאַמעלעכקייט, געקוקט אויף דער טיר, פון וועלכער די יעגער זענען נאָך אַלץ נישט אַרויסגעגאַנגען. דער ער־שטער איז אַרויסגעקומען וואַסענקאַ וועסלאָווסקי אין גרויסע נייע שטיוול, וואָס האָבן געגרייכט ביז אין דער העלפט פון די דיקע פיס־שענקלעך, אין אַ גרינער בלוזע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ נייעם פּאַטראָנטאַש, וואָס האָט געשמעקט מיט לעדער, אין זיין היטעלע מיט די בענדער, און

מיט אַן ענגלישער נייער ביקס אָן אַנטאַבקעס און אָן אַ רעמעט. לאַסקאַ איז צוגעשפרונגען צו אים, האָט אים באַגריסט, שפרינגענדיק אַ ביסל געפרעגט אויף איר שטייגער, צי יענע וועלן שנעל אַרויסקומען, אָבער, נישט באַקומען פון אים קיין ענטפער, האָט זי זיך אומגעקערט אויף איר וואָרט-פּונקט און איז ווידער פאַרשטומט געבליבן מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ אין אַ זייט און איין אָנגעשפּיצטן אויער. ענדלעך האָט די טיר מיט אַ גריליץ זיך געעפנט, עס איז אַרויסגעלאָפן, דרייענדיק זיך און מאַכנדיק קאָזשעלקעס אין דער לופט, קראַק, דער שוואַרץ-געפלעקטער פּאָינטער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס, און ס'איז אַרויסגעקומען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַליין מיט דער ביקס אין דער האַנט און מיט אַ ציגאַר אין מויל. „טובאַ, טובאַ, קראַק!“ האָט ער אַ געשריי געטון ליבלעך אויפן הונט, וועלכער האָט אים פאַרוואָרפן די לאַפּעס אויפן בויך און אויף דער ברוסט אַרויף, פאַרטשעפּענדיק זיך מיט זיי באַם יאַגד-טאַש. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אָנגעטון אין לעדערנע לאַפּטשעס און קראַקעס, אין צעריסענע הויזן און אין אַ קורצן פּאַלטן. אויפן קאָפּ איז געווען אַ חורבה פון עפּעס אַ קאַפּעלוש. נאָר די ביקס פון אַ נייעם סיסטעם איז געווען אַ צאַצקע, און דער יאַגדטאַש און פּאַטראָנטאַש, הגם אָפּגענוצטע, זענען געווען פון בעסטן סאָרט.

וואַסענקאַ וועסלאָווסקי האָט פריער נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע אמתע יעגערישע פּראַנטישקייט — צו זיין אָנגעטון אין שמאַטעס, נאָר צו האָבן יעגערישע מכשירים פון בעסטער קוואַליטעט. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען אַצינד, קוקנדיק אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, וואָס האָט אין דידאָזיקע שמאַטעס געשיינט מיט זיין עלעגאַנטער, גוט גענערטער און פרייליכער פּריצישער פיגור, און האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט צו דער קינפטיקער יאַגד אומבאַדינגט זיך אַזוי איינאָרדנען.

— נו, און דעם באַלעבאָס אונזערן וואָס זעט מען נישט? — האָט ער געפרעגט.

— אַ יונג ווייב, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געזאָגט.

— יאָ, און אַזאַ הערלעכע.

— ער איז שוין געווען אָנגעטון, ער איז זיכער ווידער אַריינגעלאָפן צו איר.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געטראָפן. לעווין איז ווידער אַריינגעלאָפן צום ווייב זי פרעגן, צי זי האָט אים מוחל געווען פאַר דער

נעכטיקער נאַרישקייט, און נאָך כּדי צו בעטן זי, אַז זי זאָל למען השם זיין פאָרזיכטיקער. דער עיקר זאָל זי זיך פון די קינדער האַלטן ווייטער, — זיי קאָנען שטענדיק אַ שטופּ טון. חוצדעם, האָט מען געדאַרפט נאָכאַמאָל באַקומען פון איר אַ באַשטעטיקונג, אַז זי איז נישט בייז אויף אים דערפאַר, וואָס ער פאָרט אַוועק אויף צוויי טעג, און נאָך בעטן זי, אַז זי זאָל אים אומבאַדינגט שיקן אַ צעטעלע מאָרגן אינדערפרי מיט אַ רייטער, אַנשרייבן בלויז צוויי ווערטער, אַז ער זאָל בלויז קאָנען וויסן, אַז זי פילט זיך גוט.

קיטין איז, ווי שטענדיק, שמערצלעך געווען אויף צוויי טעג זיך צו שיידן מיטן מאַן; אָבער, דערזעענדיק זיין אויפגעהייטערטע פיגור, וואָס האָט אויסגעזען באַזונדערס גרויס און שטאַרק אין די יעגער-שטיוול און אין דער ווייסער בלוזע, און דאָס עפּעס פאַר איר אומפאַרשטענדלעכע שיינען פון יעגערישער אויפגערודערטקייט, האָט זי צוליב זיין פרייד פאַרגעסן איר עגמת-נפש און פרייליך זיך געזעגנט מיט אים.

— אַנטשולדיקט, מיינע הערן! — האָט ער געזאָגט, אַרויסלויפנדיק אויפן גאַנעק. — דעם פרישטיק האָט מען אַריינגעלייגט? נאָכוואָס דעם געלן רעכטס? נו, אַלץ איינס. לאַסקאַ, הער אויף, אויף דער בריטשקע אַרויף!

— לאָז אַריין אין דער יונגער סטאַדע, — האָט ער זיך געווענדט צום בהמות-טרייבער, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט באַם גאַנעק מיט אַ פראַגע וועגן די קאַסטרירטע באַראַנעס. — אַנטשולדיקט, אָט גייט נאָך אַ גזלן.

לעווין איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריטשקע, אויף וועלכער ער איז שוין געהאַט אויפגעזעסן, צום אונטערנעמער-טשעסלאַר, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ סאַזשען צום גאַנעק.

— נעכטן ביסטו נישט געקומען אין קאַנטאָר אַריין, אַצינד פאַרהאַלסטו מיך. נו וואָס?

— באַפעלט צו מאַכן נאָך דריי שטיגעלעך. און מיר וועלן פונקט גוט אויסגלייכן. ס'וועט זיין אַ סך בעסער.

— דו וואָלסט מיך געהאָרכט, — האָט לעווין מיט פאַרדראָס געענטפערט. — איך האָב געזאָגט, אַז דו זאָלסט איינשטעלן די זייטן און דערנאָך אַריינהאַקן די שטיגן. אַצינד וועסטו שוין נישט פאַרריכטן. טו, ווי איך האָב געהייסן, מאַך נייע.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דער אונטערנעמער האָט אין דער ניי-געבויטער אָפּיצינע קאַליע געמאַכט די טרעפּ מיט דעם, וואָס

ער האָט זיי געמאַכט באַזונדער און נישט אויסגערעכנט די משופּעדיקייט, אַזוי, אַז אַלע שטיגן זענען אויסגעקומען משופּע, ווען מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט. אַצינד האָט דער אונטערנעמער געוואָלט, איבערלאָזנדיק די זעלבע טרעפּ, צוגעבן דריי שטיגן.

— עס וועט אַ סך בעסער זיין.

— ווי אַזוי־זשע וועט עס בײַ דיר אויסקומען מיט דריי שטיגן?

— וואָס רעדט איר, — האָט דער טשעסלאַר געזאָגט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל. — זיי וועלן אַקוראַט אויסקומען. ווי זיי וועלן זיך, הייסט עס, אונטערהייבן פון אונטן, — האָט ער מיט אַן איבערצייגדן זשעסט געזאָגט, — וועט עס אַזוי גיין, גיין און צוקומען.

— מען וועט דאָך דריי שטיגן אין דער לענג צוגעבן... וווהין־זשע וועלן די טרעפּ אויסקומען?

— ווי זיי וועלן הייסט עס אַזוי פון אונטן אָנהייבן גיין, אַזוי וועלן זיי קומען, — האָט עקשנותדיק און איבערצייגנד געזאָגט דער אונטערנעמער.

— אונטערן סופיט אַרונטער און אויף דער וואַנט אַרויף וועלן זיי קומען.

— אָבער, נעמט אין אַכט, זי וועט דאָך פון אונטן גיין. וועט זי גיין, גיין און קומען.

לעווין האָט אַרויסגענומען דעם שאָמפּאָל און אָנגעהויבן איבערן שטויב אים צייכענען די טרעפּ.

— נו, זעסטו?

— ווי איר וועט באַפעלן, — האָט דער טשעסלאַר געזאָגט, און די אויגן האָבן בײַ אים פּלוצלינג אויפגעלויכטן, משמעות, ענדלעך פאַרשטייענדיק די זאַך. אפנים, מען וועט מוזן מאַכן נייע.

— נו, טו־זשע אַזוי, ווי מען האָט דיך געהייסן, — האָט לעווין אַ געשריי געטון, אויפזיצנדיק אויף דער ברישקע. — פאָר! די הינט האַלט, פיליפּ!

לאָזנדיק הינטער זיך אַלע דאגות פון דער פאַמיליע און דעם באַלעבאַטישקייט, האָט לעווין אַצינד איבערגעלעבט אַזאַ שטאַרק געפיל פון לעבנס־פרייד און דערוואַרטונג, אַז אים האָט זיך נישט געגלוסט צו רעדן. חוץ דעם, האָט ער איבערגעלעבט דאָס געפיל פון קאָנצענטרירטער אויפרעגונג, וואָס עס לעבט איבער איטלעכער יעגער, בעת ער דערנענטערט זיך צום אָרט פון דער יאָגד. אויב עס האָט אים אַצינד עפּעס אינטערעסירט,

זענען דאָס געווען די פראַגן וועגן דעם, צי וועלן זיי געפינען עפּעס אין קאָלפּעגנסקער זומפּ, וועגן דעם, ווי אַזוי לאַסקאַ וועט זיך אַרויס־ווייזן אין פאַרגלייך מיט קראַקן, און ווי אַזוי אים אַליין וועט געלינגען היינט צו שיסן. ער זאָל נישט אַמאָל פאַרשעמט בלייבן פאַר דעם נייעם מענטש? אָבלאָנסקי זאָל אַמאָל נישט שיסן בעסער פון אים? — איז אים אויך געקומען אויפן רעיון.

אָבלאָנסקי האָט אויך איבערגעלעבט אַן ענלעך געפיל און איז אויך געווען נישט באַרעדעוודיק. איין וואַסקאַ וועסלאָווסקי האָט אָן אויפהער פריילעך גערעדט. אַצינד, הערנדיק אים, איז לעווינען געווען איבער דער טבע זיך צו דערמאָנען, ווי אומגערעכט ער איז נעכטן אין אָוונט געווען קעגן אים. וואַסענקאַ איז ווירקלעך געווען אַ ווילער בחור, אַ פּשוטער, אַ גוטמוטיקער און זייער אַ פריילעכער. ווען לעווין וואָלט זיך געטראָפן מיט אים אַלס בחור, וואָלט ער זיך דערנענטערט מיט אים. לעווינען איז געווען אַ ביסל נישט אָנגענעם זיין ווילטעגערישע באַציונג צום לעבן און עפּעס צו פרייע עלעגאַנטישקייט. ווי ער וואָלט זיך צוגעגעבן אַ הויכע אומצווייפלהאַפטע באַדייטונג דערפאַר, וואָס ער האָט לאַנגע נעגל, אַ היטעלע און אַנדערע אַנטשפּרעכנדע זאַכן; נאָר דאָס האָט מען געקאָנט מוחל זיין פאַר זיין גוטמוטיקייט און אָנשטענדיקייט. ער איז געפעלן לעווינען מיט זיין גוטער דערציונג, אויסגעצייכנטן אַקצענט אין פראַנצויזיש און ענגליש און מיט דעם, וואָס ער איז אַ מענטש פון זיין וועלט.

וואַסענקען איז אומגעווייינלעך געפעלן דאָס סטעפּישע דאָנער פערד, דאָס צוגעשפּאַנטע פון דער לינקער זייט. ער האָט זיך כסדר אַנטציקט דערמיט: „ווי גוט דאָס איז אויף אַ סטעפּיש פערד צו גאַלאָפּירן איבער דער סטעפּ. האַ? נישט אמת?" דאָס ער געזאָגט. אין דעם רייטן אויף אַ סטעפּיש פערד האָט ער זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַזוינס ווילדס, פּאָעטישעס, פון וועלכן עס קומט גאָרנישט אַרויס; אָבער זיין נאַיווקייט, באַזונדערס פאַרייניקט מיט זיין שיינקייט, מיט דעם ליבן שמייכל און גראַציעזע באַוועגונגען, איז געווען זייער אָנציענד. אפשר דערפאַר, וואָס זיין נאַטור איז געווען סימפּאַטיש לעווינען, און אפשר דערפאַר, וואָס לעווין האָט זיך באַמיט, וועלנדיק אויסקויפן זיין נעכטיקע זינד, צו געפינען אין אים בלויז גוטס, נאָר לעווינען איז געווען אָנגענעם מיט אים.

אָפּגעפאָרן דריי ווערסט, האָט וועסלאָווסקי פּלוצלינג זיך אַ כאַפּ געטון צו די ציגאַרן און דעם פּאָרטפעל און נישט געוווסט, צי ער האָט זיי פאַרלוירן אָדער איבערגעלאָזט אויפן טיש. אין דעם פּאָרטפעל איז

געווען דרייהונדערט מיט זיבעציק רובל, און דעריבער האָט מען דאָס נישט געקאָנט אַזוי איבערלאָזן.

— ווייסט איר וואָס, לעווין, איך וועל אויף דעם צוגעשפּאַנטן דאַגער צוריידן אַהיים. דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט. האַ? — האָט ער געזאָגט, זיך שוין גרייטנדיק אויפצוזיצן.

— ניין, נאַכוואָס־זשע? — האָט לעווין געענטפערט, געמענדיק אין אַכט, אַז דאַסענקאַ מוז אוודאי וועגן נישט ווינציקער פון אַ זעקס פּוד. — איך וועל דעם קוטשער שיקן.

דער קוטשער איז אַוועקגעריטן אויף דעם צוגעשפּאַנטן, און לעווין אַליין האָט אָנגעהויבן אָנצוטרייבן מיט דער פּאָר.

IX.

— נו, ווי אַזוי זשע איז אונזער מאַרשרוט? זאָג נאָר אויספירלעך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— דער פּלאַן איז פאָלגנדער: אַציגד פאָרן מיר קיין גוואָזדיעוו. אין גוואָזדיעוו געפינט זיך דער זומפּ מיט וואַלדשנעפּן אין דער זייט, און נאָך גוואָזדיעוו ציען זיך וווּנדערבאַרע בעקאַסן־זומפּן, און מען טרעפט אויך וואַלדשנעפּן. אַציגד איז הייס, און מיר וועלן ביז אָוונט (צוואַנציק וויאָרסט) צופאָרן און פאַרנעמען אַן אָוונטיק פעלד; מיר וועלן איבערנעכטיקן, און באַלד מאָרגן זיך נעמען צו די גרויסע זומפּן.

— און אויפן וועג איז דען גאָרנישטאָ?

— עס איז דאָ; נאָר מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן, און ס'איז הייס. עס זענען פאַראַן ווילע צוויי ערטלעך, אָבער ווער ווייסט צי ס'איז עפּעס דאָ.

לעווינען האָט זיך אַליין געגלוסט אַריינצוגיין אין דידאָזיקע ערטלעך, נאָר די ערטלעך זענען געווען נאָענט פונדערהיים, ער האָט זיי שטענדיק געקאָנט נעמען, און די ערטלעך זענען געווען קליינע, — פּאָר דריי איז נישטאָ וווּ צו שיסן. און דעריבער איז ער נישט געווען אויפריכטיק, זאָגנדיק, אַז ווער ווייסט צי ס'איז דאָ עפּעס. צוקומענדיק צום קליינעם זומפּ, האָט לעווין געוואָלט פאַרבייפאָרן, אָבער דאָס גענייטע אויג

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס האָט גלייך באַמערקט די קאַלוזשע, וואָס האָט זיך געזעען פון וועג.

— מיר וועלן אפשר צופאָרן? — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן זומפּ.

— לעווין, איך בעט אייך, ווי אויסגעצייכנט! — האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי אָנגעהויבן צו בעטן, און לעווין האָט נישט געקאָנט נישט מסכים זיין.

זיי האָבן נישט באַוויזן זיך אָפּצושטעלן, ווי די הינט, איבעריאָגנ-דיק איינער דעם אַנדערן, זענען שוין געלאָפן צום זומפּ.

— קראַק! לאַסקאַ!...

די הינט האָבן זיך אומגעקערט.

— אין דרייען וועט זיין ענג. איך וועל דאָ צוואַרטן, — האָט לעווין געזאָגט, האָפנדיק, אַז זיי וועלן גאָרנישט געפינען, אַ חוץ מייפן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן, איבערגעשראָקן פון די הינט, און, אי-בערקערנדיק זיך אין פליען, האָבן זיי יעמערלעך געוויינט איבערן זומפּ.

— ניין! קומט, לעווין, קומט מיט! — האָט וועסלאָווסקי גע-זאָגט.

— כ'לעבן, ס'וועט ענג זיין. לאַסקאַ, צוריק! לאַסקאַ! איר דאַרפט דאָך נישט נאָך קיין הונט?

לעווין איז געבליבן בײַ דער לאַנגער ברישקע און האָט מיט קנאה געקוקט אויף די יעגערס. די יעגערס זענען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן זומפּ. חוץ מייפן, פון וועלכע וואַסקאַ האָט דערהרגעט איינע, איז גאָרנישט געווען אין זומפּ.

— נו אָט זעט איר, אַז דער זומפּ איז מיר נישט אַ שאָד גע-ווען, — האָט לעווין געזאָגט, — מען פאַרלירט בלויז צייט.

— ניין, פונדעסטוועגן איז פריילעך. איר האָט געזעען? — האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי געזאָגט, אומגעשיקט אַרויפקריכנדיק אויף דער ברישקע מיט דער ביקס און מיט דער מייף אין דער האַנט. — ווי פיין איך האָב דערהרגעט דידאָזיקע! נישט אמת? נו, עס וועט נאָך לאַנג דויערן ביז מיר וועלן קומען אויפן ריכטיקן אָרט?

פלוצלינג האָבן זיך די פערד אַ לאָז געטון. לעווין האָט זיך אָנגע-קלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער לופע פון עמעצנס ביקס און עס האָט זיך דער-הערט אַ שאָס. דער שאָס האָט זיך אייגנטלעך דערהערט פריער, נאָר

אַזוי האָט זיך לעווינען אויסגעוויזן. די מעשה איז געווען, וואָס וואַסענקאַ וועסלאָווסקי האָט, אויסלאָדנדיק די ביקס, אומפאָרזיכטיק אַ דריק געטון דאָס צינגל. די קויל איז אַריין אין דער ערד, נישט שאַטנדיק קיינעם. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מיט פאָרוואורף אָפּגעלאַכט פון וועסלאָווסקין. אָבער לעווין האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אים פאַרצוואַרפן. ערשטנס, וואָלט יעדער פאָרוואורף אויסגעזעען אַרויסגערופן פון דעם אויסגעמיטעטנעם געפאַר און פון דער בייל, וואָס איז אָנגעלאָפן אויף לעווינס שטערן, און צווייטנס, איז וועסלאָווסקי געווען אַזוי נאַיוו באַטריבט אין אָנהייב און האָט דערנאָך אַזוי גוטמוטיק און עקזאַלטירט געלאַכט פון זייער ביידעס שרעק, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אַליין אויך נישט צו לאַכן.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום צווייטן זומפּ, וועלכער איז געווען גענוג גרויס און האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ סך צייט, האָט לעווין אָנגערעדט נישט אַרויסצוגיין. אָבער וועסלאָווסקי האָט אים ווידער איינגעבעטן. ווייל דער זומפּ איז געווען שמאָל, איז לעווין ווידער, ווי אַ גאַסטפריינטלעכער באַלעבאָס, געבליבן בײַ די עקיפּאַזשן.

באַלד בײַם אַראָפּגיין האָט קראַק זיך אַוועקגעלאָזט צו די בערגלעך. און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט באַוויזן צוצוגיין, ווי עס איז שוין אַרויסגעפלויגן אַ וואַלדשנעפּ. וועסלאָווסקי האָט נישט געטראָפן, און דער וואַלדשנעפּ איז אַריבערגעפלויגן אין דער נישט געקאָשעטער לאָנקע אַריין. וועסלאָווסקין איז איבערגעלאָזט געוואָרן דערדאָזיקער וואַלדשנעפּ. קראַק האָט אים ווידער געפונען, איז שטיין געבליבן, און וועסלאָווסקי האָט אים דערהרגעט און זיך אומגעקערט צו די עקיפּאַזשן.

— אַצינד גייט איר, און איך וועל אַ ביסל זיין מיט די פערד, — האָט ער געזאָגט.

לעווינען האָט אָנגעהויבן צו צענעמען די יעגער־קנאה. ער האָט איבערגעגעבן די לייצן וועסלאָווסקין און אַוועקגעגאַנגען צום זומפּ.

לאַסקאַ, וואָס האָט שוין לאַנג יעמערלעך געבילט און זיך באַקלאָגט אויף דער אומגערעכטיקייט, האָט זיך אַ לאָז געטון פאָרויס גלייך צו דעם צוזאָגנדיקן, לעווינען באַקאַנטן, פאַרוואַקסענעם אָרט, אין וועלכן קראַק איז נאָך נישט געהאַט אַריינגעגאַנגען.

— פאַרוואָס־זשע פאַרהאַלסטו זי נישט? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש אַ געשריי געטון.

— זי וועט נישט איבערשרעקן, — האָט לעווין געענטפערט, גלעט־נדיק פון הונט און נאָכאיילנדיק אים.

לאַסקעס זוכן איז געוואָרן אַלץ ערנסטער און ערנסטער, וואָס נעענטער און נעענטער זי איז צוגעקומען צו די באַקאַנטע קעמפּעלעך. אַ קליין זומפּ־פייגעלע האָט זי בלויז אויף אַן אויגנבליק צעשטרייט. זי האָט געמאַכט איין קרייז פאַר די קעמפּעלעך, אָנגעהויבן דעם צווייטן און אַ ציטער געטון און פאַרשטאַרבן געבליבן.

— גיי, גיי, סטיוואַ! — האָט לעווין אַ געשריי געטון, פילנדיק ווי דאָס האַרץ הייבט אָן בײַ אים שטאַרקער צו קלאַפּן, און ווי עפּעס אַ ריגעלע וואָלט זיך אויפגערוקט אין זיין אָנגעשטרענגט געהער, האָבן פלוצלינג אַלע קלאַנגען, פאַרלירנדיק די מאָס פון שטח, אָן אַ סדר, אָבער שאַרף אָנגעהויבן איבערצוראַשן אים. ער האָט געהערט די טריט פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, אָננעמענדיק זיי פאַר אַ ווייטן טופּעריי פון פערד; האָט געהערט דעם מירביקן קלאַנג פון אַ קעמפּעל־ברעג, אויף וועלכן ער האָט אַרויפגעטרעטן און ער האָט זיך אָפּגעריסן מיט די וואָרצ־לען, אָננעמענדיק דעמדאָזיקן קלאַנג פאַר דעם פליען פון אַ וואַלדשנעפּ; ער האָט אויך געהערט נישט ווייט פון הינטן עפּעס אַ שליאָפּען אין וואַ־סער, פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון.

אויסקלויבנדיק אַן אָרט פאַרן פוס, האָט ער זיך דערנענטערט צום הונט.

— פּיל!

נישט קיין וואַלדשנעפּ, נאָר אַ בעקאַס האָט זיך אָפּגעריסן פון אונטערן הונט. לעווין האָט אָנגעשטעלט די ביקס, אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט זיך געצילט, איז דער זעלבער קלאַנג פון שליאָפּען אין וואַסער שטאַרקער געוואָרן, זיך דערנענטערט, און צו אים האָט זיך פאַרייניקט וועסלאָווסקיס קול, וועלכער האָט עפּעס מאָדנע הויך געשריגן. לעווין האָט געזעען, אַז ער האַלט די ביקס נידעריקער פון בעקאַס, נאָר האָט פונדעסטוועגן אויסגעשאָסן.

איבערצייגט זיך, אַז ער האָט נישט געטראָפן, האָט לעווין זיך אומגעקוקט און דערזעען, אַז די פערד מיט דער ברישקע זענען שוין נישט אויפן וועג, נאָר אין זומפּ.

וועסלאָווסקי, וואָס האָט געוואָלט זעען דאָס שיסן, איז אַרייננעפאָרן אין זומפּ, און די פערד האָבן אָנגעהויבן צו זינקען.

— דער טייוול האָט אים אָנגעטראָגן! — האָט לעווין צו זיך

אַ זאָג געטון, זיך אומקערנדיק צום זינקענדיקן עקיפּאַזש. — נאָכוואָס זענט איר געפאָרן? — האָט ער אים טרוקן געזאָגט און, אַ רוף געטון דעם קוטשער, האָט ער אָנגעהויבן אויסגלייכן דאָס געשפּאַן אויף די פערד.

לעווינען איז געווען פאַרדראָסיק סיי דאָס, וואָס מען האָט אים געשטערט צו שיסן, סיי דאָס, וואָס מען האָט אַריינגעפירט זיינע פערד אין זומפּ, און דער עיקר דאָס, וואָס כּדי אויסצוגלייכן דאָס געשפּאַן אויף די פערד, אויסצושפּאַנען זיי, האָט נישט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, נישט וועסלאָווסקי אים און דעם קוטשער צוגעהאָלפן, ווייל זיי האָבן ביידע נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף, וואָס אַ געשפּאַן איז אַזוינס. נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט וואָסעקען אויף זיינע פאַרזיכערונגען, אַז דאָ איז געווען טרוקן, האָט לעווין שווייגנדיק געאַרבעט מיטן קוטשער, כּדי צו ברענגען די פערד אין אָרדנונג. אָבער דערנאָך, דערהיצנדיק זיך באַ דער אַרבעט און זעענדיק, ווי פלייסיק און טיכטיק וועסלאָווסקי שלעפּט די ברישקע באַ אַ פליגל, אַזוי אַז ער האָט אים אַזש אָפּגעבראָכן, האָט לעווין זיך פאַרגעוואָרפן דערפאַר, וואָס ער איז אונטערן איינדרוק פון דעם נעכטיקן געפיל, געווען צו קאַלט צו וועסלאָווסקין, און האָט זיך באַמיט מיט באַזונדערער ליבלעכקייט צו פאַרגלעטן זיין טרוקנקייט. ווען אַלץ איז שוין געבּרענגט געווען אין אָרדנונג און די עקיפּאַזשן זענען שוין אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן וועג, האָט לעווין געהייסן אַרויסנעמען דאָס פרישטיק.

Bon appètit — bonne conscience! Ce poulet va tomber jusqu'au fond de mes bottes, — האָט דער ווידער פריילעך געוואָרענער וואָסענקאַ געזאָגט אַ פראַנצויזיש שפּריכווערטל, בעתן פאַרענדיקן דעם צווייטן קורטשאָק. — נו, אַצינד האָבן זיך אונזערע צרות געענדיקט; אַצינד וועט שוין אַלץ גיין כּשורה. נאָר איך בין פאַר מיין שולד מחויב צו זיצן אויף דער קעלניע. נישט אמת? האַ? ניין, ניין, איך בין אַוטאָמעדאָן. איר וועט זעען, ווי איך וועל מיט אייך צופאָרן! — האָט ער געענטפערט, נישט אַרויסלאָזנדיק די לייטשן, ווען לעווין האָט אים געבעטן צו לאָזן דעם קוטשער פאָרן. — ניין, איך מוז אויסקויפן מיין שולד, און מיר איז אויסגעצייכנט אויף דער קעלניע. — און ער האָט גענומען פאָרן.

לעווין האָט אַ ביסל מורא געהאַט, אַז ער וועט פאַרמאַטערן די פערד, באַזונדערס דעם לינקן, געלן, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט

האַלטן; אָבער ער האָט זיך נישט ווילנדיק אונטערגעגעבן זיין פריילעכקייט, האָט געהערט די ראָמאַנסן, וועלכע וועסלאָווסקי האָט, זיצנדיק אויף דער קעלניע, געזונגען דעם גאַנצן וועג, אָדער די דערציילונגען און דאָס באַשיינפערלעכע פאָרשטעלן, ווי אַזוי מען דאַרף אָנטרייבן אויף ענגליש, four in hand; און זיי זענען אַלע אין פריילעכסטן געמיטסצושטאַנד געקומען צו פאָרן צום ג ו ו אָ ז ד י ע ו ו ע ר ז ו מ פּ.

X.

וואַסענקאַ האָט אַזוי שנעל געטריבן די פערד, אַז זיי זענען געקומען צום זומפּ צו פרי, אַזוי אַז ס'איז נאָך געווען הייס.

צוקומענדיק צום ריכטיקן זומפּ, דעם הויפּט־ציל פון דער נסיעה, האָט לעווין נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון וועגן דעם, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון וואַסענקען און גיין אומגעשטערט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט, משמעות, אויך געוואָלט דאָס אייגענע, און לעווין האָט אויף זיין פּנים געזען אַן אויסדרוק פון פאַרזאָרגטקייט, וואָס מען טרעפט שטענדיק אויפן פּנים פון אַן אמתן יעגער פאַרן אָנהייבן די יאַגד, און אַ געוויסע אים אייגנטימלעכע גוטמוטיקע כיטרעקייט.

— ווי אַזוי זשע וועלן מיר גיין? דער זומפּ איז אַן אויסגעצייכנטער, און איך זע אויך שפּאַרבערס, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף צוויי גרויסע פייגל, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבערן זומפּ. — וווּ ס'געפינען זיך שפּאַרבערס, דאָרט געפינט זיך אויך וואָס צו שיסן.

— איר זעט, מיינע הערן, — האָט לעווין געזאָגט, מיט עטוואָס אַ מרהשחורהדיקן אויסדרוק אַרויפציִענדיק די שטיוול און באַטראַכטנדיק די פּיסטאָנעס אויף דער ביקס. — איר זעט דידאָזיקע קעמפּע? — ער האָט אָנגעוויזן אויף אַן אינזעלע, וואָס האָט זיך געטונקלט מיט שוואַרצן גרינס אין דער ריזיקער, ביז אין דער העלפט אָפּגעקאָשעטער, נאַסער לאָנקע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער רעכטער זייט טייך. — דער זומפּ הייבט זיך אָן אָט דאָ, גלייך פאַר אייך, איר זעט — וווּ ס'איז גרינער. פונדאַנען ציט ער זיך אַוועק רעכטס, דאָרט געפינען זיך קעמפּעלעך, עס טרעפן זיך וואַלדשנעפּן; און אַרום דערדאָזיקער קעמפּע

דאָרט ביז יענעם וועלדל און ביז דער סאַמער מיל. אַט דאָרט, זעסטו, ווי דער אויסגוס איז. דאָרט איז דאָס בעסטע אָרט. דאָרט האָב איך איינמאָל זיבעצן בעקאַסן דערהרגעט. מיר וועלן זיך פונאַנדערגיין מיט ביידע הינט אין פאַרשידענע זייטן און דאָרט באַ דער מיל זיך צונויפקומען.

— נו, ווער־זשע גייט רעכטס, ווער לינקס? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט. — רעכטס איז ברייטער, גייט איר ביידע, און איך וועל גיין לינקס, — האָט ער אַזוי־ווי זאָרגלאָז געזאָגט.

— אויסגעצייכנט! מיר וועלן מער שיסן פאַר אים. נו, קומט, קומט, — האָט וואַסענקאַ אונטערגעכאַפּט.

לעווין האָט נישט געקאָנט נישט מסכּים זיין, און זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

ווי נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט גיין איבערן זומפּ, האָבן ביידע הינט צוזאַמען אָנגעהויבן זוכן און אַ צי געטון צום געמויזעכץ. לעווין האָט געקענט דאָסדאָזיקע אַרט זוכן לאַסקעס, דאָס פאָרזיכטיקע און אומבאַשטימטע; ער האָט געקענט אויך דאָס אָרט און זיך גערעכנט אויף אַ טשאַטע בעקאַסן.

— וועסלאָווסקי, צוזאַמען, צוזאַמען קומט! — האָט ער מיט אַ פאַרשטאָרבן קול אַ זאָג געטון צו זיין חבר, וואָס האָט אים פון הינטן נאָכגעשליאָפּעט אין וואַסער און וואָס די ריכטונג פון זיין ביקס האָט נאָך דעם אומגעריכטן שאָס אויף דעם קאָלפּענסקער זומפּ נישט ווילנדיק אינטערעסירט לעווינען.

— ניין, איך וועל אייך נישט קוועלן, טראַכט נישט וועגן מיר.

אָבער לעווין האָט נישט ווילנדיק געטראַכט און זיך דערמאָנט קיטיס ווערטער, ווען זי האָט אים אָפּגעלאָזט: „זעט נאָר, דערשיסט נישט איינער דעם אַנדערן." די הינט האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, יעדער פירנדיק זיין פאָדעם; דאָס אָפּוואַרטן דעם בעקאַס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס טשמאָקען פון זיין אָפּצאַס, וועלכן ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זומפּיקן גרונט, האָט אויסגעזען לעווינען, ווי דאָס שרייען פון בעקאַס, און ער האָט אַ כאַפּ געטון און צוגעדריקט די קאָלבע פון דער ביקס.

באַך! באַך! האָט אים אַ קנאַק געטון פאַרן אויער. וואַסענקאַ האָט אויסגעשאָסן אין אַ טשאַטע קאַטשקעס אַריין, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איבערן זומפּ און זענען אין אַ גרויסער צאָל אין דער צייט אָנגעפלויגן

אויף די יעגערס אַרויף. לעווין האָט זיך נישט באַוויזן אומצוקוקן, ווי ס'האָט אַ טשמאָק געטון איין בעקאַס, אַ צווייטער, אַ דריטער און נאָך אַן אַכט שטיק האָבן זיך אויפגעהויבן איינער נאָכן צווייטן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אָפּגעשניטן איינעם אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער האָט זיך געקליבן אָנהייבן זיינע זיגזאַגן, און דער בעקאַס איז ווי אַ קנוילעכל אַ פאַל געטון אין זומפּ אַריין. אָבלאָנסקי האָט נישט איילּיק אָנגעשטעלט די ביקס אויפן צווייטן, וואָס איז נידעריק געפלויגן צו דער קעמפּע, און צוזאַמען מיטן קלאַנג פון שאָס איז אויך דערדאַזיקער בעקאַס אַראָפּגעפאַלן; און מען האָט געזען, ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער אָפּגעקאָשעטער קעמפּע, קלאַפּנדיק מיטן גאַנץ געבליבענעם פליגל, וואָס איז ווייס געווען פון הינטן.

לעווין איז נישט געווען אַזוי גליקלעך: ער האָט אויסגעשאָסן צום ערשטן בעקאַס פון צו נאָענט און נישט געטראָפן, האָט ער זיך אָנגעצילט אויף אים, ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויפהייבן, נאָר אין דער צייט איז אַרויסגעפלויגן נאָך איינער כמעט פון אונטער זיינע פיס אַפער און אים צעשטרייט, און ער האָט דאָס צווייטע מאָל אויך נישט געטראָפן.

ביז מען האָט אָנגעלאָדנט די ביקסן, האָט זיך אויפגעהויבן נאָך אַ בעקאַס, און וועסלאָווסקי, וואָס האָט שוין געהאַט באַוויזן אָנצולאָדן, האָט דאָס צווייטע מאָל אַ לאָז געטון איבערן וואַסער נאָך צוויי שאָס מיט דראָבנע שרויט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אויפגעקליבן זיינע בעקאַסן און מיט בלישטשענדיקע אויגן אַ קוק געטון אויף לעווינען.

— נו, אַצינד צעגייען מיר זיך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט און, צולאָמענדיק אויפן לינקן פוס, האַלטנדיק גרייט די ביקס און אַ פייף געבנדיק צום הונט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין איין זייט אַריין. לעווין מיט וועסלאָווסקין זענען אַוועקגעגאַנגען אין דער צווייטער.

מיט לעווינען פלעגט שטענדיק געשען אַזוי, אַז ווען די ערשטע שאָסן זענען געווען נישט געלונגען, האָט ער זיך געהיצט, איז בייז געוואָרן און אַ גאַנצן טאָג געשאָסן שלעכט. אַזוי איז געווען אויך היינט. בעקאַסן איז געווען זייער אַ סך. פון אונטער די הינט, פון אונטער די יעגערס פיס זענען כסדר אַפערגעפלויגן בעקאַסן, לעווין האָט געקאָנט זיך פאַרריכטן; אָבער וואָס מער ער האָט געשאָסן, אַלץ מער האָט ער זיך צו שאַנד געמאַכט פאַר וועסלאָווסקין, וואָס האָט פריילעך געשאָסן אין ציל און נישט אין ציל, האָט גאָרנישט דערהרגעט און פון דעם זיך

גאָרנישט געמאַכט. לעווין האָט זיך געאײַלט, האָט נישט אויסגעהאַלטן, זיך געהיצט אַלץ מער און מער און שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז ער האָט שיסנדיק כמעט נישט געהאָפּט, אַז ער וועט דערהרגענען. עס האָט אויסגעזעען, אַז אויך לאַסקאַ האָט דאָס פאַרשטאַנען. זי האָט אָנגעהויבן פוילער צו זוכן און ממש מיט שטוינונג אָדער פאָרוואורף זיך אומגעקוקט אויף די יעגערס. די שאָסן האָבן זיך געהערט אײַנער נאָכן צווייטן. דער פולווער-רויך איז געשטאַנען אַרום די יעגערס, און אין דער גרויסער געררוימער שאַטקע פון יאַגד-טאַש זענען געווען בלויז דריי לײַכטע, קליינע בעקאַסן. און דאָס האָט אויך אײַנעם געהאַט דערהרגעט וועסלאָווסקי און אײַנער איז געווען אַ בשותפותדיקער. דערווײַל האָבן אויף דער צווייטער זײַט פון זומפּ זיך געהערט נישט קיין אָפטע, נאָר, ווי לעווינען האָט זיך געדאַכט, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס וויכטיקע שאָסן, וואָס כמעט בײַ יעדן האָט זיך געהערט: קראַק, קראַק, אַפּאָרט!"

דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט לעווינען. די בעקאַסן האָבן אָן אויפהער זיך געטראָגן אין דער לופט איבער דער קעמפּע, דאָס טשמאָקען בײַ דער ערד, דאָס קראַקען אינדערהייך האָט אָן אויפהער זיך געהערט אין אַלע זײַטן: די בעקאַסן, וואָס האָבן זיך פריער אויפגעהויבן און זיך געטראָגן אין דער לופט, האָבן זיך געזעצט פאַר די יעגערס. אָנשטאָט די צוויי שפּאַרבערס האָבן זיי אַצינד אין צענדליקער זיך געטראָגן מיט אַ פּישטשעריי איבערן זומפּ.

דורכגייענדיק די גרעסטע העלפט פונם זומפּ, האָבן לעווין מיט וועסלאָווסקין זיך דערקליבן צו דעם אָרט, איבער וועלכן עס איז מיט לאַנגע שטרײַפן, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צו דער קעמפּע, צעטיילט געווען די פויערישע לאָנקע, אָנגעצייכנט ערגעץ-ווו מיט אויסגעטרעטענע שטרײַפן, ערגעץ-ווו מיט אַן אַדורכגעקאָשעטער רייע. אַ העלפט פון דידאָזיקע פּאַסן איז שוין געווען אָפּגעקאָשעט.

הגם איבער די נישט געקאָשעטע ערטער איז געווען ווייניק האָפנונג צו געפינען פונקט אַזוי פיל, וויפיל איבער די געקאָשעטע, נאָר לעווין האָט געהאַט צוגעזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן זיך צונויפצוקומען מיט אים און ער איז געגאַנגען מיט זײַן באַגלייטער ווייטער איבער די געקאָשעטע און נישט געקאָשעטע שטרײַפן.

— העי, יעגערס, — האָט אַ געשריי געטון אײַנער פון די פויערן, וואָס זענען געזעסן בײַ אַן אויסגעשפּאַנטער פור, — קומט מיט אונז עסן פרישטיק! וויין טרינקען!

לעווין האָט זיך אומגעקוקט.

— קום, נישקשה! — האָט אַ געשריי געטון אַ פרייליכער בער־דיקער פויער מיט אַ רויט פּנים, אויסשטשירענדיק ווייסע ציין און אויפ־הייבנדיק אַ גרינלעכן שטאָף, וואָס האָט געבלישטשעט אויף דער זון.

— Qu'est-ce qu'ils disent? — האָט וועסלאָווסקי געפרעגט.

— מען רופט בראָנפן טרינקען. זיי האָבן אוודאי די לאָנקעס צע־טיילט. איך וואָלט געמאַכט אַ כּוסה, — האָט לעווין געזאָגט נישט אָן כיטרעקייט, האָפנדיק, אַז וועסלאָווסקי וועט נישט אויסהאַלטן דעם נסיון פון בראָנפן און וועט אַוועקגיין צו זיי.

— פאַרוואָס־זשע זענען זיי מכבד?

— סתם אַזוי, ס'איז זיי פריילעך. כ'לעבן קומט צו זיי, אייך וועט אינטערעסאַנט זיין.

— Allons, c'est curieux.

— גייט, גייט, איר וועט טרעפן דעם וועג צו דער מיל! — האָט לעווין אַ געשריי געטון און, אומקוקנדיק זיך, האָט ער מיט פאַרגעניגן דערזעען, אַז וועסלאָווסקי האָט אָנגעבויגענערהייט, שטרויכלענדיק זיך מיט די מידע פיס און האַלטנדיק די ביקס אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, זיך אַרויסגעקליבן פון זומפּ צו די פויערן.

— קום דו אויך! — האָט דער פויער געשריגן צו לעווינען. — נישקשה, וועסט כאַפּן אַ קיכל!

לעווינען האָט שטאַרק געגלוסט צו כאַפּן אַ טרונק בראָנפן און אויפ־עסן אַ שטיקל ברויט. ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט געפילט, אַז ער שלעפּט קוים אַרויס די פיס פון זומפּ, און ער איז אַ מינוט געווען אין ספק. נאָר דער הונט איז שטיין געבליבן. און באַלד איז די גאַנצע מידקייט פאַרשוואונדן, און ער האָט גלייך זיך געלאָזט גיין צום הונט אי־בערן זומפּ. פון אונטער זיינע פיס איז אַפּערגעפלויגן אַ בעקאַס: ער האָט אויסגעשאָסן און דערהרגעט, — דער הונט איז ווייטער געשטאַנען. „פיל!" פון אונטערן הונט אַפער האָט זיך אויפגעהויבן אַ צווייטער. לעווין האָט אויסגעשאָסן. אָבער דער טאָג איז געווען אַן אומגליקלעכער; ער האָט נישט געטראָפן, און ווען ער איז געגאַנגען זוכן דעם דערהרגעטן, האָט ער דעם אויך נישט געפונען. ער איז אַרומגעקראָכן די גאַנצע קעמפּע, נאָר לאַסקאַ האָט נישט געגלייבט, אַז ער האָט דערהרגעט, און ווען ער האָט זי געשיקט זוכן, האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי זוכט, אָבער נישט געזוכט.

די לאַגע איז נישט בעסער געוואָרן אויך אָן וואַסעקען, וועלכן

לעווין האָט באַשולדיקט אין זיין אומדערפֿאָלג. בעקאַכן איז געווען אַ סך אויך דאָ, נאָר לעווין האָט כּסדר נישט געטראָפֿן.

די קרומע שטראַלן פֿון דער זון זענען געווען נאָך הייס; דאָס אָנטון, דורכגענעצט פֿון שווייס, האָט זיך געקלעפּט צום קערפּער; דער לינקער שטיוול, פֿול מיט וואַסער, איז געווען שווער און האָט געטשמאָקעט; איבער דעם אויסגעשמירטן פּנים מיט פּולווער־שטויב זענען געריגען טראָפּנס שווייס; אין מויל איז געווען ביטער, אין דער נאָז אַ ריח פֿון פּולווער און זשאַווער, אין די אויערן דאָס אומאויפהערלעכע טשמאָקעריי פֿון די בעקאַסן; צו די לופּעס איז נישט מעגלעך געווען זיך צוצורירן: אַזוי דערהיצט זענען זיי געווען; דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שנעל און אָפּגעהאַקט; די הענט האָבן זיך געטרייסלט פֿון אויפרעגונג, און די מידע פֿיס האָבן זיך געשטרויכלט איבער די קעמפּעלעך און זומפּיקע ערטער; נאָר ער איז אַלץ געגאַנגען און געשאָסן. ענדלעך, נישט טרעפֿנדיק אויף אַ שענדלעכן אופֿן, האָט ער אַ וואָרף געטון די ביקס און דעם הוט אויף דער ערד.

„ניין, מען דאַרף זיך באַרויקן!" האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט אויפגעהויבן די ביקס און דעם הוט, צוגערופֿן לאַסקען צו זיך און אַרויסגעגאַנגען פֿון זומפּ. אַרויסקומענדיק אויף אַ טרוקן אָרט, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ קעמפּעלע, אויסגעטון דעם שטיוול, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער פֿון אים, דערנאָך צוגעגאַנגען צום זומפּ, זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, וואָס האָט געהאַט אַ שליימיקן טעם, באַנעצט די דערהיצטע לופּעס און זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים און די הענט. אַ דערפֿרישטער, האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק צו יענעם אָרט, וווהין דער בעקאַס איז אַריבערגעפֿלויגן, מיטן פֿעסטן באַשלוס זיך נישט צו היצן.

ער האָט געוואָלט זיין רויק, אָבער עס איז ווידער געווען דאָס אייגענע. זיין פֿינגער האָט אַ דריק געטון דאָס צינגל פֿריער, איידער ער האָט גענומען דעם פֿויגל אויפֿן ציל. ס'איז אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער.

ער האָט געהאַט פֿינף שטיק אין יאַגד־טאַש, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען צום אָלכע־וועלדל, וווּ ער האָט זיך געדאַרפֿט צונויפֿקומען מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

איידער ער האָט דערזען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, האָט ער דערזען זיין הונט. פֿון הינטער אַן אַרויסגעריסענעם וואָרצל פֿון אַן אָלכע איז אַרויסגעשפּרונגען קראַק, אינגאַנצן שוואַרץ פֿון שטינקענדיקער זומ־

פּיקער בלאָטע, און האָט מיט אַ מינע פון אַ זיגער זיך באַשמעקט מיט לאַסקען, נאָך קראַנקן האָט זיך אין שאָטן פון די אַלכעס אויך באַוויזן די שלאַנקע פיגור פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש. ער איז געגאַנגען אַקעגן אַ רויטער, אַ דערשוויצטער, מיט אַ צעשפּיליעטן קאָלנער, נאָך אַלץ אַזוי צולאָמענדיק.

— נו וואָס? איר האָט געשאָסן אַ סך! — האָט ער געזאָגט, פריי־לעך שמייכלענדיק.

— און דו? — האָט לעווין געפרעגט. אָבער צו פרעגן איז נישט נייטיק געווען, ווייל ער האָט שוין געזען אַ פולן יאַגד־טאַש.

— נישקשה.

ער האָט געהאַט פערצן שטיק.

— אַ פיינער זומפּ! דיר האָט אוודאי ווע‌סלאָווסקי געשטערט. אינ־צווייען מיט איין הונט איז נישט באַקוועם, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטש געזאָגט, מילדער מאַכנדיק זיין טריומף.

XI.

ווען לעווין מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן זענען אריינגעקומען אין שטוב צום פויער, בא וועלכן לעווין פלעגט זיך שטענדיק אָפּ־שטעלן, איז ווע‌סלאָווסקי שוין געווען דאָרט. ער איז געזעסן אינמיטן שטוב און, צוהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט בא דער באַנק, פון וועל־כער עס האָט אים אַראָפּגעשטעלט אַ סאָלדאַט, דער באַלעבאָסטעס ברוי־דער, בא די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, האָט ער געלאַכט מיט זיין אַנ־שטעקנד־פריילעך געלעכטער.

— איך בין נאָר־וואָס געקומען. Les ont été charmants. שטעלט אייך פאָר, זיי האָבן מיר געגעבן אָנצוטרינקען, אָנצועסן. סאָראַ ברויט, וווּנדערבאַר! Délicieux! און דער בראָנפן! — איך האָב קיינמאָל נישט אַזאַ הנאה געהאַט. און זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט, און כסדר געזאָגט: „נעמט נישט פאַר אומגוט“ עפּעס אַזוי.

— פאַרוואָס־זשע זאָלן זיי נעמען געלט? זיי האָבן אייך, הייסט עס, מכבד געווען. זיי האָבן דען בראָנפן אויף צו פאַרקויפן? — האָט

דער סאָלדאַט געזאָגט. אַראָפּשלעפּנדיק, ענדלעך, דעם נאַסן שטיוול מיטן שוואַרץ געוואָרענעם זאָק.

נישט געקוקט אויף דער אומרייניקייט פון דער שטוב, וואָס איז פאַרשמוצט געוואָרן דורך די שטיוול פון די יעגערס און די ברודיקע, זיך אַרומלעקנדיקע הינט, אויף דעם ריח פון זומפּ און פּולווער, מיט וועלכן זי איז אָנגעפּולט געוואָרן, און אויף דעם פעלן פון מעסער און גאָפּל, האָבן די יעגערס געטרינקען טיי און געגעסן נאַכטעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי מען עסט בלויז אויף יאַגד. אָפּגעוואַשענע און ריינע, זענען זיי געגאַנגען אין דעם צוגעקערטן היי-שייער אַריין, ווו די קוטשערס האָבן צוגעגרייט געלעגערס פאַר די הערן.

הגם עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, האָט זיך קיינעם פון די יעגערס נישט געגלוסט צו שלאָפן.

וויגנדיק זיך צווישן דערינערונגען און דערציילונגען וועגן שיסן, וועגן הינט, וועגן פריערדיקן יאַגד, איז דער שמועס אַרויף אויף אַ טעמע, וואָס האָט אַלע אינטערעסירט. צוליב דעם, וואָס וואַסענקאַ האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט איבערגעחזרט די אויסדרוקן פון אַנטציקונג וועגן דעם צויבער פון דעמדאָזיקן נאַכטלעגער און דעם ריח פון היי, וועגן דעם צויבער פון דעם צעבראָכענעם וואָגן (אים האָט ער אויסגעזען צעבראָכן, ווייל ער איז געווען צענומען), וועגן דער גוטמוטיקייט פון די פויערן, וואָס האָבן אים אָנגעטרונקען מיט בראָנפן, וועגן די הינט, וואָס זענען געלעגן יעדערער בײַ די פיס פון זיין באַלעבאָס, האָט אָבלאָנסקי דערציילט וועגן דער וווּנדערבאַרער יאַגד בײַ מאַלטוסן, אויף וועלכער ער איז געוועזן פאַראַיאָרן זומער. מאַלטוס איז געווען אַ באַוווּסטער באַן־עושר. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערציילט, וואָסערע אָפּגעקויפטע זומפּן דערדאָזיקער מאַלטוס האָט אין טווערער גובערניע, ווי אַזוי זיי ווערן אָפּגעהיטן, וואָסערע עקיפּאַזשן עס האָבן צוגעפירט די יעגערס און וואָסער געצעלט מיט אַ פרישטיק עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן בײַם זומפּ.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, — האָט לעווין געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק אויף זיין היי, — ווי אַזוי עס זענען דיר נישט דערווידער דידאָזיקע מענטשן ? איך פאַרשטיי, אַז אַ פרישטיק מיט לאַפיט איז זייער אָנגענעם, אָבער צי איז דיר נישט דערווידער טאַקע דערדאָזיקער לוקסוס ? דידאָזיקע אַלע מענטשן, ווי פריער אונזערע אויפקויפערס, זאַמלען געלט אַזוי, אַז בײַם זאַמלען פאַרדינען זיי די פאַראַכטונג פון מענטשן,

מאַכן זיך גאָרנישט פון דערדאָזיקער פאַראַכטונג, און דערנאָך קויפן זיי זיך אויס פון דערדאָזיקער פאַראַכטונג מיט דעם נישט ערלעך פאַרדינטן געלט.

— פולשטענדיק אמת! — האָט וואַסקאַ וועסלאָווסקי זיך אָנגערופן. — פולשטענדיק! פאַרשטייט זיך, אָבלאָנסקי טוט דאָס פון bonhomie, אָבער אַנדערע זאָגן: אָבלאָנסקי פאָרט דאָך...

— לגמרי נישט, — לעווין האָט געהערט, ווי אָבלאָנסקי האָט געשמייכלט, זאָגנדיק דאָס: — איך האַלט אים אייגנטלעך נישט פאַר מער אומערלעך, ווי וועמען עס זאָל נישט זיין פון די רייכע סוחרים און אַדלייט. סיי די סיי יענע זענען אַלצאיינס רייך געוואָרן דורך אַרבעט און שכל.

— יאָ, אָבער מיט וואָסער אַרבעט? צי הייסט אַרבעט דאָס באַקומען אַ קאָנצעסיע און פאַרקויפן זי?

— פאַרשטייט זיך, אַרבעט. אַרבעט אין דעם זינען, אַז ווען ער אָדער אַנדערע אַזעלכע זאָלן נישט זיין וואָלטן אויך קיין וועגן נישט געווען.

— אָבער נישט אַזאַ אַרבעט, ווי עס איז די אַרבעט פון דעם פויער אָדער געלערנטן.

— זאָל זיין אַזוי, אָבער אַרבעט אין דעם זינען, וואָס איר טעטיקייט גיט אַ רעזולטאַט — וועגן. אָבער דו האַלטסט דאָך, אַז וועגן זענען נישט נוצלעך.

— ביין, דאָס איז אַ צווייטע פראַגע; איך בין גרייט מודה צו זיין, אַז זיי זענען נוצלעך. נאָר יעדער רווח, וואָס איז נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פאַרווענדעטער אַרבעט, איז נישט ערלעך.

— ווער־זשע וועט באַשטימען די פּראָפּאָרץ?

— דאָס פּראָפּיטירן אויף אַ נישט ערלעכן וועג, דורך כיטרעקייט, — האָט לעווין געזאָגט, פילנדיק, אַז ער קאָן נישט קלאָר באַשטימען די גרענעץ צווישן ערלעכן און נישט ערלעכן. — ווי דאָס פּראָפּיטירן פון די באַנקיר־קאַנטאָרן, — האָט ער פאַרגעזעצט. — דאָסדאָזיקע שלעכטס, דאָס איינשאַפן זיך ריזיקע פאַרמעגנס אָן אַרבעט, ווי דאָס איז געווען באַם אויפקויפן, האָט בלויז געענדערט די פאָרם. Le roi est mort, vive le roi! מען האָט נאָר־וואָס באַוויזן אונטערצוברענגען דאָס אויפקויפן, ווי עס האָבן זיך באַוויזן די באַנען, די בענק: אויך אַ רייך ווערן אָן אַרבעט.

— יאָ, דאָס אַליין קאָן זיין אמת און שאַרפזיניק... ליגן, קראַק! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ געשריי געטון אויפן הונט, וואָס האָט זיך געטאָרגלט און צערודערט דאָס גאַנצע היי, משמעות, אַ זיכערער אין דער גערעכטיקייט פון זיין מיינונג און דעריבער רויק און נישט געאיילט. — אָבער דו האָסט נישט באַשטימט די גרענעץ צווישן ערלעכער און נישט ערלעכער אַרבעט. דאָס, וואָס איך באַקום מער געהאַלט ווי מיין ביוראָ־שעף, הגם ער קאָן בעסער פאַר מיר די אַרבעט, דאָס איז נישט ערלעך?

— איך ווייס נישט.

— נו, וועל איך דיר זאָגן: דאָס, וואָס דו באַקומסט פאַר דיין אַרבעט אין דעם באַלעבאַטישקייט איבעריקע, לאָמיר זאָגן, פינף טויזנט, און אונזער באַלעבאָס, דער פויער, ווי ער זאָל נישט אַרבעטן, וועט נישט באַקומען מער פון פינפציק רובל, איז פונקט אַזוי נישט ערלעך, ווי דאָס, וואָס איך באַקום מער פונם ביוראָ־שעף און וואָס מאַלטוס באַקומט מער פון אַ וועג־מייסטער. פאַרקערט, איך זע עפּעס אַ פיינדלעכע, אויף גאָרנישט באַגרינדעטע, באַציונג פון דער געזעלשאַפט צו דידאָזיקע מענטשן, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָ איז די קנאה...

— ניין, דאָס איז נישט גערעכטיק, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט: — קיין קנאה קאָן נישט זיין, נאָר עס איז דאָ עפּעס נישט ריינס אין דערדאָזיקער זאַך.

— ניין, דערלויב, — האָט לעווין פאָרגעזעצט. — דו זאָגסט, אַז עס איז נישט גערעכטיק, וואָס איך באַקום פינף טויזנט, און דער פויער פינפציק רובל: דאָס איז אמת. דאָס איז נישט גערעכטיק, און איך פיל דאָס, אָבער...

— טאַקע אַזוי. פאַרוואָס עסן מיר, טרינקען, גייען אויף יאַגד, טוען גאָרנישט, און ער מוז אייביק, אייביק אַרבעטן? — האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי געזאָגט, משמעות דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ טראַכט געבנדיק וועגן דעם און דעריבער גאַנץ אויפריכטיק.

— יאָ, דו פילסט, אָבער דו וועסט אים נישט אַוועקגעבן דיין גוט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אַזוי ווי בכיוון זיך רייצנדיק מיט לעווינען.

די לעצטע צייט האָט צווישן ביידע שוואָגערס זיך איינגעשטעלט אַזוי ווי אַ געהיימע פיינדלעכע באַציונג; ווי פון דער צייט אָן, וואָס זיי זענען געווען פאַרהייראַט מיט די שוועסטערן, וואָלט צווישן זיי זיך גע-

שאַפן אַ קאָנקורענץ װעגן דעם, װער ס'האָט בעסער איינגעאָרדנט זיין לעבן, און אַצינד האָט דידאָזיקע פיינדלעכקייט זיך אויסגעדריקט אין דעם געשפרעך, װאָס האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער.

— איך גיב עס נישט אַװעק דערפאַר, װאָס קיינער פאָדערט עס נישט פון מיר, און װען איך װאָלט אפילו געװאָלט, קאָן איך עס אויך נישט אַװעקגעבן, — האָט לעװין געענטפערט, — און עס איז נישטאָ װעמען.

— גיב אַװעק דעמדאָזיקן פּויער; ער װעט זיך נישט אָפּזאָגן.

— יאָ, נאָר װי אַזוי װעל איך אים אַװעקגעבן? איך װעל פאָרן מיט אים אין אים אָפּשרייבן?

— איך װייס נישט; נאָר אויב דו ביסט איבערצייגט, אַז דו האָסט נישט קיין רעכט...

— איך בין גאָרנישט איבערצייגט. פאַרקערט, איך פיל, אַז איך האָב נישט קיין רעכט אַװעקצוגעבן, אַז איך האָב התחייבותן אי צו דער ערד, אי צו דער פאַמיליע.

— ניין, דערלויב; נאָר אויב דו האַלטסט, אַז דאָס איז נישט מאָראַליש, נישט ערלעך, פאַרװאָס-זשע טוסטו נישט אַזוי?

— איך טו עס מאַקע, נאָר נעגאַטיװ, דאָס הייסט אין דעם זינען, אַז איך װעל מיך נישט באַמיען צו פאַרגרעסערן דעם אונטערשיד פון דער לאַגע, װאָס עקזיסטירט צװישן מיר און זיי.

— ניין, זיי מיר שוין מוחל; דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס.

— דאָס איז עפּעס אַ סאָפיסטישע אויסטייטשונג, — האָט װעסלאָװסקי באַשטעטיקט. — אַ, באַלעבאָס! — האָט ער געזאָגט צום פּויער, װעלכער איז, אַ סקריפּ געבנדיק מיטן טויער, אַריינגעקומען אין שייער. — װאָס, דו שלאָפסט נאָך נישט?

— ניין, װאָסער שלאָפן! איך האָב געמיינט, די הערן אונזערע שלאָפן, צום טוף הער איך — זיי פּלוידערן גאָר. איך דאַרף דאָ אַ האָק נעמען. ער װעט נישט קיין ביס טון? — האָט ער צוגעגעבן, פאָרזיכטיק טרעטנדיק מיט די באָרװעסע פיס.

— און װו װעסטו שלאָפן?

— מיר גייען אויף נאַכט-דיזשור.

— אַך, סאַראַ נאַכט! — האָט װעסלאָװסקי געזאָגט, קוקנדיק אויפן רינקל פון הויז און דער אויסגעשפּאַנטער בריטשקע, װאָס האָבן אין שװאַכער שיין פון דער שקיעה-שטראַלונג זיך געזעען אין דער

גרויסער ראַם פון די אַצינד געעפנטע טויערן. — הערט נאָר, דאָס זינגען פרויען־שטימען און, כ'לעבן, נישט שלעכט. באַלעבאָס, ווער זינגט דאָס?

— דאָס זענען די הויף־מיידלעך, דאָ, דערלעבן.

— קומט אַ ביסל שפּאַצירן! מיר וועלן דאָך אַזוי גיך נישט אַנטשלאָפן ווערן. אַבלאָנסקי, קום.

— ס'וואָלט גוט געווען אי צו ליגן אי צו גיין, — האָט אַבלאָנסקי געענטפערט, ציענדיק זיך. — ס'איז אַ מחיה צו ליגן.

— נו, וועל איך אַליין גיין, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט, גיך אויפשטייענדיק און אָנטועגדיק די שיך. — צום ווידערזעען, מייִנע הערן. אויב עס וועט זיין פריילעך, וועל איך אייך אַ רוף טון. איר האָט מיך מכבד געווען מיט יאַגד, וועל איך אייך אויך נישט פאַרגעסן.

— נישט אמת, אַ ווילער בחור? — האָט אַבלאָנסקי געזאָגט, ווען וועסלאָווסקי איז אַוועקגעגאַנגען און דער פויער האָט נאָך אים פאַרמאַכט דאָס טויער.

— יאָ, אַ ווילער, — האָט לעווין געענטפערט, ווייטער טראַכטנדיק וועגן דעם אינהאַלט פון דעם נאָר וואָס פאַרגעקומענעם געשפּרעך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט קלאָר אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען און געפילן, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, און דאָך האָבן זיי ביידע, מענטשן נישט קיין נאַרישע און אויפריכטיקע, איינשטימיק געזאָגט, אַז ער טרייסט זיך מיט סאָפיזמען. דאָס האָט אים טרויעריק געמאַכט.

— אַזוי, אַזוי, מיין פריינט. מען מוז איינס פון די צוויי: אָדער אָנערקענען, אַז די איצטיקע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט איז אַ גערעכטע, און דעמאָלט פאַרטיידיקן די אייגענע רעכט, אָדער זיך מודה זיין, אַז מען געניסט פון נישט גערעכטע פּריווילעגיעס, ווי איך טו טאַקע, און געניסן פון זיי מיט פאַרגעניגן.

— ניין, ווען דאָס וואָלט געווען נישט גערעכטיק, וואָלט מען נישט געקאָנט געניסן פון דעמדאָזיקן ווילזיין מיט פאַרגעניגן, אַלנפאַלס, איך וואָלט זיכער נישט געקאָנט. דער עיקר מוז איך פילן, אַז איך בין נישט שולדיק.

— וואָס־זשע, אפשר זאָלן מיר טאַקע גיין? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, משמעות מיד ווערנדיק פון אָנגעשטרענגטן טראַכטן — מיר וועלן דאָך נישט איינשלאָפן. כ'לעבן, קום!

לעווין האָט נישט געענטפערט. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט אין געשפּרעך וועגן דעם, אַז ער האַנדלט גערעכטיק בלויז אין נעגאַטיוון זינען, האָט אים פאַראינטערעסירט. „צי קאָן מען בלויז נעגאַטיוו זיין גערעכט ?" האָט ער זיך געפרעגט.

— אָבער ווי שטאַרק עס שמעקט דאָס פרישע היי! — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, זיך אונטערהייבנדיק. — איך וועל נישט איינשלאָפן. וואַסענקאַ האָט עפּעס דאָרט אויפגעטון. דו הערסט דאָס לאַכן און זיין קול? אפשר גייען מיר? קום!

— ניין, איך וועל נישט גיין, — האָט לעווין געענטפערט.

— צי טוסטו דאָס אויך אויס פּרינציפּ? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געזאָגט, זוכנדיק אין דער פינצטער זיין היטל.

— נישט אויס פּרינציפּ, נאָר נאָכוואָס זאָל איך גיין?

— דו ווייסט, דו וועסט דיר אָנמאַכן צרות, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, געפינענדיק דאָס היטל און אויפשטייענדיק.

— פאַרוואָס?

— צי זע איך דען נישט, וואָס פאַר אַ באַציונגען דו האָסט איינגעשטעלט צווישן דיר מיטן ווייב? איך האָב געהערט, ווי בא אייך איז זייער וויכטיק די פראַגע — צי דו וועסט יאָ אָדער נישט פאָרן אויף צוויי טעג יאַגד. דאָס אַלץ איז גוט ווי אַן אידיליע, אָבער אויפן גאַנצן לעבן וועט עס נישט קלעקן. אַ מאַנספאַרשוין דאַרף זיין אומאָפּהענגיק, ער האָט זיינע מאַנסבילשע אינטערעסן. אַ מאַנספאַרשוין דאַרף זיין מעניש, — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט און געעפנט דאָס טויער.

— דאָס הייסט ווי אַזוי-זשע, גיין פלירטעווען מיט הויף-מיידלעך? — האָט לעווין געפרעגט.

— פאַרוואָס-זשע טאַקע נישט גיין, אויב דאָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן. Ça ne tire pas à conséquence. מיין ווייב וועט פון דעם גאָרנישט ליידן, און מיר וועט זיין פרייליך. דער עיקר, היט אָפּ די הייליקייט פון דער היים. אינדערהיים זאָל גאָרנישט זיין. און דעם קאָפּ פאַדריי דיר נישט.

— אפשר, — האָט לעווין טרוקן געזאָגט און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט. — מאָרגן אינדערפרי דאַרף מען גיין, און איך וועק נישט קיינעם און גיי אַרויס מיטן טאָג צוגלייך.

— Messieurs venez vite! — האָט זיך דערהערט די שטימע,

פון דעם צוריקגעקומענעם ווראָנסקין. — Charmante! דאָס האָב איך אַנטדעקט. Charmante, אַן אמתע גרעטכען, און מיר האָבן זיך שוין באַקאַנט. כ׳לעבן, זייער אַ שיינינקע! — האָט ער דערציילט מיט אַזאַ צופרידענער מינע, ווי זי וואָלט טאַקע פאַר אים געמאַכט געוואָרן אַזאַ שיינינקע, און ער איז צופרידן פון יענעם, ווער עס האָט דאָס פאַר אים צוגעגרייט.

לעווין האָט זיך געמאַכט שלאָפן, און אָבלאָנסקי, וואָס האָט אָנגעטון די לאַטשן און פאַררייכערט אַ ציגאַר, איז אַרויסגעגאַנגען פון שייער, און באַלד זענען זייערע שטימען פאַרשטילט געוואָרן.

לעווין האָט לאַנג נישט געקאָנט שלאָפן. ער האָט געהערט, ווי זיינע פערד האָבן געקייעט דאָס היי, דערנאָך ווי דער באַלעבאָס מיטן עלטערן בחור האָט זיך פאַרנומען און איז אַוועקגעפאָרן אויף נאַכט-דיזשור; דערנאָך האָט ער געהערט, ווי דער זעלנער האָט זיך געלייגט שלאָפן פון דער צווייטער זייט שייער מיטן פלימעניק, דעם באַלעבאָס קליינעם זון; געהערט, ווי דאָס ייִנגל האָט מיט אַ דין קעלעכל דערציילט דעם פעטער זיין איינדרוק וועגן די הינט, וועלכע האָבן אויסגעזעען דעם ייִנגל שרעקלעך און ריזיק גרויס; דערנאָך, ווי דאָס ייִנגל האָט אויסגעפרעגט, וועמען דידאָזיקע הינט וועלן כאַפּן, און ווי דער זעלנער האָט מיט אַ הייזעריק און שלעפעריק קול אים געזאָגט, אַז מאָרגן וועל׳ן די יעגערס גיין איבערן זומפּ און וועלן שיסן פון ביקסן, און ווי דערנאָך, כּדי פּטור צו ווערן פון דעם ייִנגלס פראַגעס, האָט ער געזאָגט: „שלאָף, וואַסקאַ, שלאָף, אַז נישט...״, און באַלד האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו כראָפּען, און אַלץ איז שטיל געוואָרן; עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס קייען פון די פערד און קראָקען פון אַ בעקאַס. „צי דען טאַקע בלויז נעגאַטיוו?״ האָט ער זיך איבערגעחזרט. „נו, מילא? איך בין נישט שולדיק״. און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג.

„מאָרגן וועל איך גיין באַגינען און אָפּמאַכן מיט זיך נישט צו היצן זיך. בעקאַסן איז דאָ אַ תהום. אויך וואַלדשנעפּן פעלן נישט. און ווען איך וועל קומען אַהיים, וועט זיין אַ צעטעלע פון קיטין. יאָ, סטיוואַ איז אפשר גערעכט? איך האַלט מיך נישט מעניש מיט איר, איך בין פאַרווייבערישט געוואָרן... נו, וואָס-זשע זאָל איך טון! ווידער נעגאַטיוו!״

אין שלאָף האָט ער געהערט לאַכן און פריילעך רעדן ווראָנסקין און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. ער האָט אויף אַן אויגנבליק געעפנט די·

אויגן: די לבנה איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען, און זיי זענען, העלבאַלויכטענע פון דער לבנה־שיין, געשטאַנען אין דעם געעפנטן טויער און גערעדט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט עפּעס גערעדט וועגן דערפרישקייט פון אַ מיידל, פאַרגלייכנדיק זי מיט אַ פרישער קער, וואָס איז ערשט פון דער שאָל אַרויסגענומען געוואָרן. און וועסלאָווסקי האָט לאַכנדיק מיט זיין אָנשטעקנדיק געלעכטער עפּעס איבערגעחזרט, ווארשיינלעך, די ווערטער, וואָס אַ פויער האָט אים געזאָגט: „דו שאַף דיר אַן אייגענע". לעווין האָט פון שלאָף אַ זאָג געטון:

— מיינע הערן, מאָרגן מיטן טאָג צוגלייך! — און ער איז איינגעשלאָפן.

XII.

אויפגעוואַכט באַגינען צו טאָג, האָט לעווין אַ פּרוּוו געטון וועקן זיינע חברים. וואַסענקאַ, ליגנדיק אויפן בויך מיט איין אויסגעצויגענעם פוס אין אַ זאָק, איז געשלאָפן אַזוי פעסט, אַז מען האָט נישט געקאָנט פון אים אַרויסקריגן קיין ענטפער. אָבלאָנסקי האָט האַלב שלאָפנדיק זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַזוי פרי. אפילו לאַסקאַ, וואָס איז געשלאָפן צונויפגעדרייט אין אַ בייגל אין עק היי, איז אויך אויפגעשטאַנען נישט גערן און פויל און האָט איינעם נאָכן צווייטן אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט אירע הינטערשטע פיס. אָנגעטון זיך, גענומען די ביקס און פאָרזיכטיק געעפנט די סקריפּענדיקע טיר פון שייער, איז לעווין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. די קוטשערס זענען געשלאָפן בּאַ די עקיפּאַזשן, די פערד האָבן געדרימלט. בלויז איינס האָט פויל געגעסן האָבער, צעוואַרפנדיק אים מיט אַ כראָפּען איבערן זשלויב. אינדרויסן איז נאָך געווען גרוי.

— וואָס ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, ליבינקער? — האָט פריינטלעך, ווי צו אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן, זיך געווענדט צו אים די פון דער שטוב אַרויסגעקומענע אַלטע באַלעבאָסטע.

— אויף יאַגד, מומעשי. דאָ אַרום וועל איך קומען צום זומפּ?

— גלייך הינטן אַרום; מיט אונזערע שייערס, ליבער מענטש, דערנאָך מיטן ליין, ס'איז דאָרט דאָ אַ סטעזשקע.

פאָרזיכטיק טרעטנדיק מיט די באָרוועסע אָפּגעבּרענטע פיס, האָט

די אַלטע באַגלייט לעווינען און אים אויפגעהויבן די פאַרצוימונג באַם שייער.

— אַזוי גלייך, און דו וועסט קומען צום זומפּ. אונזער קליינוואַרג איז דאָרט אויף באַנאַכט אַוועק.

לאַסקאַ איז פריילעך געלאָפן פאָרויס איבער דער סטעזשקע; לעווין איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ שנעלן, לייכטן גאַנג, כסדר קוקנדיק אויפן הימל. אים האָט זיך געגלוסט, אַז די זון זאָל נישט אויפגיין פריער, איידער ער וועט צוקומען צום זומפּ. אָבער די זון האָט זיך נישט פאַרשפּעטיקט. די לבנה, וואָס האָט נאָך געלויכטן, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט אַצינד שוין בלויז געגלאַנצט, ווי אַ שטיקל קוועקזילבער; די פרימאָרגן-שטראַלונג, וועלכע מען האָט פריער נישט געקאָנט נישט זעען, האָט מען שוין אַצינד געדאַרפט זוכן; די פריער אומבאַשטימטע פלעקן אויפן ווייטן פעלד האָבן זיך שוין אַצינד דייטלעך געזעען, דער טוי, וואָס האָט זיך נאָך אָן דעם זייגער-ליכט נישט געזעען אין דעם שמעקנדיקן הויכן לייַן, האָט נאָס געמאַכט לעווינס פיס און די בלוזע ביז איבערן גאַרטל. אין דער דורכזיכטיקער שטילקייט פון פרימאָרגן האָבן זיך געהערט די קלענסטע קלאַנגען. אַ בינעלע מיט אַ געפייפעריי פון אַ קויל איז דורכגעפלויגן פאַר לעווינס אויער. ער האָט זיך צוגעקוקט און דערזעען נאָך אַ צווייטע און אַ דריטע. זיי אַלע זענען אַרויסגעפלויגן פון הינטערן פלויט אַפּעך, ווו די בינשטאָקן האָבן זיך געפונען, און זענען איבערן לייַן פאַרשוווּנדן אין דער ריכטונג פון זומפּ. די סטעזשקע האָט געפירט גלייך צום זומפּ. דעם זומפּ האָט מען געקאָנט דערקענען לויט דער פּאַרע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אים, אויף איין אָרט געדיכטער, אויף אַ צווייט אָרט שיטערער, אַזוי אַז די קעמפּע און די ראַקיטע-קוסטעס האָבן, ווי אינזעלעך, זיך געוויגט אין דערדאָזיקער פּאַרע. אויפן ברעג פון זומפּ און פון וועג איז דאָס קליינוואַרג און די פויערן, וואָס זענען געוועזן אויף נאַכטדיזשור, געלעגן און זענען אַלע פאַר זון-אויפגאַנג געשלאָפן אונטער די קאַפּטנס. נישט ווייט פון זיי זענען אַרומגעגאַנגען דריי געפּענטעטע פערד. איינס פון זיי האָט געקלונגען מיט די קייטלעך. לאַסקאַ איז געגאַנגען לעבן באַלעבאָס, בעטנדיק זיך פאָרויס און אומקוקנדיק זיך. דורכגייענדיק די שלאָפנדיקע פויערן און צוקומענדיק צו דער ערשטער קאַלוזשע, האָט לעווין באַקוקט די פּיסטאָנען און אָפּגעלאָזט דעם הונט. איינס פון די פערד, אַ זאַטער, רויטער „טרעטיאַק“, דערזעענדיק דעם הונט, האָט זיך אַ ריס געטון און, אויפהייבנדיק דעם וויידל, אַ פאָרסקע געטון. די איבע-

ריקע פערד האָבן זיך אויך דערשראָקן און, שליאַפּענדיק מיט געפּענטעטע פיס אין וואַסער, אַרויסריופּנדיק מיט דעם אַרויסשלעפּן די קאָפּעטעס פון דעם געדיכטן ליים אַ קלאַנג, ענלעך צו פּאַטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּרינגען פון זומפּ אַרויס. לאַסקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון שפּאָטיש אויף די פערד און מיט אַ פראַגע אויף לעווינען. לעווין האָט אַ גלעט געטון לאַסקען און אַ פייף געטון, אַלס סימן, אַז מען קאָן אָנהייבן.

לאַסקאַ האָט פריילעך און פאַרזאָרגט זיך אַ לאָז געטון לויפן איבער דער ווייכער זומפּיקייט אונטער איר.

אַריינגעלאָפן אין זומפּ, האָט לאַסקאַ גלייך צווישן די איר באַקאַנטע ריחות פון וואָרצלען, זומפּיקע גראָזן, געמויזעכץ און דעם פרעמדן ריח פון פערד-מיסט דערפילט אַ פונאַנדערגעשפּרייטן איבערן דאָזיקן גאַנצן אָרט ריח פון פייגל, דעם זעלבן שמעקנדיקן פויגל, וועלכער האָט זי מער פון אַלע אַנדערע אויפגערעגט. ערגעץ-ווו איבער מעך און די זומפּ-רויזן איז דערדאָזיקער ריח געווען זייער שטאַרק, אָבער עס איז נישט מעגלעך געווען צו באַשליסן, אין וועלכער זייט ער איז שטאַרקער געוואָרן און אין וועלכער שוואַכער. כדי צו געפינען די ריכטונג, האָט מען געדאַרפט אַוועקגיין ווייטער קעגן ווינט. נישט פילנדיק דאָס באַוועגן זיך פון אירע פיס, האָט לאַסקאַ מיט אַן אָנגעשטרענגטן גאַלאָפּ, אַזעלכן, אַז בײַ יעדן שפּרונג האָט זי זיך געקאָנט אַפּשטעלן, אויב עס וועט נייטיק זיין, אַוועקגאַלאָפּירט רעכטס פון פאַרטאָגיקן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון מזרח און זיך אויסגעדרייט קעגן ווינט. אַריינגעאָטעמט אין זיך לופט מיט צעשפּרייטע נאָז-לעכער, האָט זי גלייך דערפילט, אַז נישט בלויז זייערע שפּורן, נאָר זיי אַליין געפינען זיך דאָ, פאַר איר, און נישט איינער, נאָר אַ סך. לאַסקאַ האָט פאַרקלענערט די שנעלקייט פון לויפן. זיי האָבן זיך געפינען דאָ, נאָר ווו אייגנטלעך, האָט זי נאָך נישט געקאָנט באַשטימען. כדי צו געפינען דאָסדאָזיקע אָרט טאַקע, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו מאַכן אַ קרייז, ווי דעם באַלעבאָס קול האָט זי פּלוצלינג צעשטערט. „לאַסקאַ! דאָ!" האָט ער אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק איר אין דער אַנדערער זייט אַריין. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע, פרעגנדיק אים, צי ס'איז נישט בעסער צו טון אַזוי, ווי זי האָט אָנגעהויבן. אָבער ער האָט איבערגעחזרט דעם באַפעל מיט אַ בייז קול, אָנווייזנדיק אויף דער קעמפּע, וואָס איז פאַרגאָסן געווען מיט וואַסער און ווו ס'האָט גאָרנישט געקאָנט זיין. זי האָט אים געהאָרכט, מאַכנדיק זיך, אַז זי זוכט, כדי אים צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, איז דורכגעלאָפן

די קעמפע, זיך אומגעקערט אויפן פריערדיקן אָרט און באַלד זיי ווידער דערפילט. אַצינד, ווען ער האָט איר נישט געשטערט, האָט זי געוווסט, וואָס צו טון, און, נישט קוקנדיק זיך אונטער די פיס, מיט פאַרדראָס זיך שטרויכלענדיק איבער די הויכע קעמפעלעך און אַריינפאַלנדיק אין וואַסער, נאָר גלייך זיך דערכאַפּנדיק מיט די פלינקע, שטאַרקע פיס, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן אַ קרייז, וועלכער האָט איר געדאַרפט אַלץ קלאָר מאַכן. ז י י ע ר ריח האָט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, באַשטימטער און באַשטימטער איבערראַשט, און פלוצלינג איז איר געוואָרן אינגאַנצן קלאָר, אַז איינער פון זיי געפינט זיך דאָ, הינטער דעמדאָזיקן קעמפעלע, אַ פינף טריט פאַר איר, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז פאַרשטאַרבן געוואָרן מיטן גאַנצן קערפּער. אויף אירע נידעריקע פיס האָט זי גאָרנישט געקאָנט זען פאַר זיך, אָבער זי האָט לויטן ריח געוווסט, אַז ער זיצט נישט ווייטער פון פינף טריט. זי איז געשטאַנען, אַלץ מער און מער שפירנדיק אים און קוויקנדיק זיך מיטן תענוג פון דערוואַרטונג. איר אָנגעשטרענגטער ווידל איז געווען אויסגעצויגן און האָט געציטערט בלויז אין סאַמע שפיצל. איר מויל איז געווען לייכט געעפנט, די אויערן אויפגעשטעלט. איין אויער האָט זיך איבערגעדרייט נאָך אין לויפן, און זי האָט שווער, אָבער פאָרזיכטיק געאָטעמט און נאָך פאָרזיכטיקער זיך אומגעקוקט, מער מיט די אויגן, ווי מיטן קאָפּ, אויפן באַלעבאָס. ער, מיט זיין איר באַקאַנטן פנים, נאָר תמיד שרעקלעכע אויגן, איז געגאַנגען, שטרויכלענדיק זיך, איבער די קעמפעלעך און אומגעוויינלעך שטיל, ווי איר האָט זיך געדאַכט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער גייט שטיל, אָבער ער איז געלאָפן.

באַמערקט דאָסדאָזיקע באַזונדערע זוכן לאַסקעס, ווען זי האָט זיך אינגאַנצן צוגעדריקט צו דער ערד, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשטופּט מיט גרויסע טריט פון די הינטערשטע פיס און לייכט געעפנט דאָס מויל, האָט לעווין פאַרשטאַנען, אַז זי פילט וואַלדשנעפּן, און בעטנדיק אין האַרץ גאָט, אַז ער זאָל האָבן דערפאָלג, באַזונדערס באַם ערשטן פויגל, איז ער צוגעלאָפן צו איר. צוקומענדיק האַרט צו איר, האָט ער אָנגעהויבן פון זיין הייך קוקן פאַר זיך און דערזעען מיט די אויגן דאָס, וואָס זי האָט געזעען מיט דער נאָז. אין אַ בלייז צווישן די קעמפעלעך אויף אַ שטח פון איין סאַזשען האָט זיך געזעען אַ וואַלדשנעפּ. אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער זיך איינגעהערט. דערנאָך, קוים צענומען די

פליגל און ווידער זיי צונויפגעלייגט, האָט ער אומגעשיקט אַ דריי געטון מיטן ווידל און פאַרשווונדן הינטערן קעמפעלע.

— פיל! פיל! — האָט לעווין אַ געשריי געטון, אונטערשטופנדיק לאַסקען.

„אָבער איך קאָן דאָך נישט גיין, — האָט לאַסקאַ געקלערט, — וווהין וועל איך גיין? פינדאַנען פיל איך זיי, און אויב איך וועל מאַכן אַ טריט פאָרויס, וועל איך גאָרנישט וויסן, ווו און ווער זיי זענען". נאָר אָט האָט ער זי אַ שטופּ געטון מיט דער קני און מיט אַן אויפגערעגט געפליסטער אַ זאָג געטון: „פיל, לאַסאָטשקאַ, פיל!"

„נו, אויב ער וויל דאָס, וועל איך טון, נאָר איך בין שוין אַצינד פאַר מיר נישט פאַראַנטוואָרטלעך", האָט זי אַ קלער געטון און מיטן גאַנצן אימפעט זיך אַ לאָז געטון פאָרויס צווישן די קעמפעלעך. זי האָט שוין אַצינד גאָרנישט געשפּירט און בלויז געזעען און געהערט גאָרנישט פאַרשטייענדיק.

צען טריט ווייט פון פריערדיקן אָרט האָט מיט אַ פעט טרילען און באַזונדערן וואַלדשנעפּישן בולטן געריוש פון די פליגל זיך אויפגעהויבן איין וואַלדשנעפּ. און באַלד נאָכן שאָס האָט ער שווער אַ פּאַץ געטון מיט דער ווייסער ברוסט אין נאַסן זומפּ אַריין. דער צווייטער האָט נישט צוגעוואַרט און הינטער לעווינען זיך אויפגעהויבן אָן דעם הונט.

ווען לעווין האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, איז ער שוין געווען ווייט. אָבער דער שאָס האָט אים דערגרייכט. אָפּפליענדיק אַ צוואָנציק טריט, האָט דער צווייטער וואַלדשנעפּ זיך אויפגעהויבן קיילעכיק אינ־דערהייך און, איבערקערנדיק זיך, ווי אַ געוואָרפן באַלעמל, שווער אַראָפּ־געפאַלן אויף אַ טרוקן אָרט.

„אָט דאָס איז אַן ענין", האָט לעווין אַ קלער געטון, אַריינלייגנ־דיק אין יאַגד־טאַש די וואַרעמע און פעטע וואַלדשנעפּן. „הא, לאַסאָטש־קאַ, ס'וועט זיין אַן ענין?"

ווען לעווין האָט אָנגעלאָדנט די ביקס און זיך אַוועקגעלאָזט ווײ־טער, איז די זון הגם זי האָט זיך נישט געזען הינטער די וואָלקנס, שוין געהאַט אויפגעגאַנגען. די לבנה, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן גלאַנץ, האָט ווי אַ וואָלקנדל זיך געבלייכט אויפן הימל; קיין איין שטערן האָט זיך שוין נישט געזען. די זומפּלעך, וואָס האָבן זיך פריער גע־זילבערט מיט טוי, האָבן זיך אַצינד געגילדט, דאָס געמויזעכץ איז גע־

ווען איינגאַנצן ווי בורשטין. דאָס בלויקייט פון די גראָזן איז איבערגע-גאַנגען אין געלבלעכער גרינקייט. די זומפּ-פייגעלעך האָבן געשווייבלט אויף די קוסטעס באַם טייך, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט טוי און אויס-געלייגט אַ לאַנגן שאָטן. אַ שפּאַרבער האָט אויפגעוואַכט און איז גע-זעסן אויף אַ סטויג, דרייענדיק אין אַלע זייטן מיטן קאָפּ, אומצופרידן קוקנדיק אויפן זומפּ. קאַווקעס זענען געפלויגן און אַ באַרוועס ייִנגל האָט שוין צוגעטריבן די פערד צו אַן אַלטן, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אויפ-געהויבן פון אונטערן קאַפטן אַפּער און זיך געקראַצט. דער רויך פון די שאַסן האָט ווי מילך זיך געבלייכט איבער דער גרינקייט פון די גראָזן.

איינער פון די ייִנגעלעך איז צוגעלאָפן צו לעווינען.

— פעטערקע, נעכטן זענען דאָ קאַטשקעס געווען! — האָט ער אַ געשריי געטון צו אים און אים נאָכגעגאַנגען פונדער-ווייטנס.

און לעווינען איז, אין קעגנוואַרט פון דעמדאָזיקן ייִנגל, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, טאָפּלט אָנגענעם געווען באַלד דאָ צו דערהרגענען איינעם נאָכן אַנדערן נאָך דריי בעקאַסן.

XIII.

דער סימן פון די יעגערס, אַז אויב עס ווערט נישט דורכגעלאָזט די ערשטע חיה און דער ערשטער פויגל, איז די יאַגד אַ גליקלעכע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת.

אַ מידער, אַ הונגעריקער, אַ גליקלעכער, האָט לעווין צען אַ זייגער אינדערפרי, נאָך אַ מאַרשרוט פון דרייסיק וויאָרסט, מיט ניינצען שטיק פון רויטן יאַגד און איין קאַטשקע, וועלכע ער האָט אָנגעבונדן אין פּאַסעק, ווייל זי איז שוין נישט אַריין אין יאַגד-טאַש, זיך אומגעקערט אין זיין דירה. זיינע חברים זענען שוין לאַנג געהאַט אויפגעשטאַנען און האָבן שוין באַוויזן זיך אויסצוהונגערן און אָפּצועסן פרישטיק.

— וואַרט-צו, וואַרט-צו, איך ווייס, אַז ניינצען, — האָט לעווין גע-זאָגט, איבערציילנדיק צום צווייטן מאָל די וואַלדשנעפּן און בעקאַסן, די איינגעשרומפּענע און איינגעטריקנטע, מיט דעם פאַרגליווערטן בלוט, מיט

די אין אַ זייט אויסגעדרייטע קעפּלעך, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט דעם ווילטיקן אויסזעען, ווי בשעת זיי פלעגן אַרויסשפּליען.

דער חשבון האָט געשטימט, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס קנאַה איז געווען אָנגענעם לעווינען. עס איז אים אויך אָנגענעם געווען דאָס, וואָס, אומקערנדיק זיך אין דער וווינונג אַריין, האָט ער שוין געטראָפן דעם געקומענעם שליח מיטן צעטעלע פון קיטין.

„איך בין אינגאַנצן געזונט און פריילעך. אויב דו קלערסט איבער וועגן מיר, קאָנסטו זיין נאָך רויקער, ווי פריער. איך האָב אַ נייע לייב־וועכטערין, מאַריאַ וולאַסיעווגאַ (דאָס איז געווען די אַקושערקע, אַ נייע, וויכטיקע פּערזאָן אין לעווינס פאַמיליע־לעבן). זי איז געקומען זעען, וואָס איך מאַך. זי האָט מיך געטראָפן אינגאַנצן געזונט, און מיר האָבן זי פאַר־האַלטן ביז דיין קומען. אַלע זענען פריילעך, געזונט, און דו, איך בעט דיך, אייל דיך נישט, און אויב עס איז אַ גוטע יאַגד, בלייב נאָך אַ טאָג".

די דאָזיקע צוויי פריידן, די גליקלעכע יאַגד און דאָס צעטעלע פון ווייב, זענען געווען אַזוי גרויס, אַז ביידע, נאָך דער יאַגד פאָרגעקומענע קליינע אומאָנגענעמלעכקייטן, זענען אַריבער פאַר לעווינען לייכט. איינע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס געלע זייטיקע פערד, וואָס האָט זיך משמעות נעכטן איבערגעאַרבעט, האָט נישט געגעסן דעם אָבריק און איז געווען מרהשחורהדיק. דער קוטשער האָט געזאָגט, אַז דאָס פערד האָט זיך איבערגעריסן.

— נעכטן האָט איר עס איבערגעיאָגט, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט ער געזאָגט. — ווי דען, צען ווייאָרסט כסדר געטריבן!

די צווייטע אומאָנגענעמלעכקייט, וואָס האָט אין דער ערשטער מינוט צעשטערט זיין גוטע שטימונג, נאָר איבער וועלכער ער האָט דער־נאָך אַ סך געלאַכט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פון דעם גאַנצן פּראָ־וויאַנט, וואָס קיטי האָט זיי מיטגעגעבן מיט אַזאַ איבערפלוס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, עס וועט נישט מעגלעך זיין אים אויפצועסן אין אַ וואָך, איז גאָרנישט געבליבן. צוריקקומענדיק אַ מידער און הונגעריקער פון דער יאַגד, האָט לעווין אַזוי באַשטימט געטרוימט וועגן די קרעפּלעך, אַז, צו־קומענדיק צו דער וווינונג, האָט ער שוין געפילט זייער ריח און טעם אין מויל, ווי לאַסקאַ פלעגט דערשפּירן אַ חיה אויף דער יאַגד, און האָט באַלד געהייסן פיליפּן, אַז ער זאָל אים דערלאַנגען. ס'האָט זיך אַרויס־

געוויזן, אַז נישט בלויז קיין קרעפּלעך, נאָר ס'איז שוין אויך קיין הינ־דלעך נישט געווען.

— שוין איינמאָל אַן אַפּעטיט! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש לאַכנדיק געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף וואַסענקאַ וועסלאָווסקין. — איך לייד נישט אויף קיין מאַנגל אין אַפּעטיט, נאָר דאָס איז וווּנדערבאַר...

— נו, וואָס־זשע טוט מען! — האָט לעווין געזאָגט, טרויעריק קוקנדיק אויף וועסלאָווסקין. — פיליפּ, גיב־זשע רינדערנס.

— זיי האָבן אויך דאָס רינדערנס אויפגעגעסן, און די ביינער די הינט אָנוועקגעגעבן, — האָט פיליפּ געענטפערט.

לעווין איז געווען אַזוי באַליידיקט, אַז ער האָט מיט פאַרדראָס אַ זאָג געטון: איר וואָלט מיר כאָטש עפּעס איבערגעלאָזט! — און אים האָט זיך פאַרגלוסט צו וויינען.

— מאַך זשע צורעכט די פייגל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול צו פיליפּן, באַמיענדיק זיך נישט צו קוקן אויף וואַסענקען, — און לייג אָן קראָפּיווע. און פאַר מיר שאַף כאָטש מילך.

ערשט דערנאָך, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטרונקען מיט מילך, איז אים געוואָרן אַ בושה דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרדראָס אַ פרעמדן מענטש, און ער האָט אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן פון זיין הונגעריקן כעס...

אין אָוונט זענען זיי נאָך געגאַנגען אויף יאַגד, בעת וועלכער וועסלאָווסקי האָט אויך דערהרגעט עטלעכע שטיק, און בײַנאַכט האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים.

דער וועג צוריק איז געווען אויך אַזוי פריילעך, ווי דער וועג אַהין. וועסלאָווסקי האָט דאָ געזונגען, דאָ דערמאָנט מיט פאַרגעניגן זיין פאַרברענגען בײַ די פויערן, וואָס האָבן אים מכבד געווען מיט בראָנפן און כסדר אים געזאָגט: „נעם נישט פאַר אומגוט", דאָ זיין בײַנאַכטיק פאַרברענגען מיטן הויפישן מיידל און מיטן פויער, וועלכער האָט אים געפרעגט, צי ער איז שוין פאַרהייראַט, און, געוואויר ווערנדיק, אַז ער איז נישט פאַרהייראַט, האָט ער אים געזאָגט: „און דו שאַר דיך נישט צו קיין פרעמדע ווייבער, נאָר זע בעסער, זאָלסט אַן אייגנס האָבן". די דאָזיקע ווערטער האָבן באַזונדערס לאַכנדיק געמאַכט וועסלאָווסקין.

— בכלל בין איך אומגעהייער צופרידן פון אונזער נסיעה, און איר, לעווין?

— איך בין זייער צופרידן, — האָט אויפריכטיק געזאָגט לעווין.

וועלכן עס איז באַזונדערס פריידיק געווען נישט בלויז נישט צו פילן יענע פיינדלעכקייט, וועלכע ער האָט אינדערהיים געפילט צו וואַסענקאַ וועסלאָווסקין, נאָר, פאַרקערט, צו האָבן צו אים דאָס פריינדלעכסטע געפיל.

XIV.

צומאָרגנס צען אַ זייגער, ווען לעווין איז שוין אַרומגעגאַנגען איבערן באַלעבאַטישקייט, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין צימער, ווו וואַסענקאַ האָט גענעכטיקט.

— Entrez! — האָט וועסלאָווסקי צו אים אַ געשריי געטון. — איר אַנטשולדיקט מיר, איך האָב ערשט מיינע ablutions פאַרענדיקט, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט, שטייענדיק פאַר אים אין די בלויזע וועש.

— זשענירט אייך נישט, איך בעט אייך. — לעווין האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם פענצטער. — איר זענט גוט געשלאָפן?

— ווי אַ דערהרגעטער. און וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט פאַר יאַגד?

— וואָס טרינקט איר: טיי אָדער קאַווע?

— נישט דאָס, נישט יענץ. איך עס באַלד פרישטיק. מיר איז, כ׳לעבן, אַ בושה. די דאַמען זענען שוין, מיין איך, אויפגעשטאַנען? עס וואָלט געווען פיין זיך איבערצוגיין אַצינד. ווייזט מיר די פערד.

נאָכדעם ווי ער איז געווען אין גאָרטן, האָט באַזוכט די פערדשטאַל און אפילו געמאַכט צוזאַמען גימנאַסטיק, האָט לעווין זיך אומגעקערט מיט זיין גאַסט אַהיים און אַריינגעגאַנגען מיט אים אין גאַסט-ציצימער.

— אַן אויסגעצייכנטע יאַגד געווען, און וויפיל איינדריקן! — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט, צוגייענדיק צו קיטין, וועלכע איז געזעסן באַם סאַמאָוואַר. — אַ גרויסער שאָד, וואָס די דאַמען קאָנען נישט האָבן דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן.

„נו, וואָס-זשע, ער מוז דאָך ווי ס׳איז רעדן מיט דער באַלעבאָסטע פון הויז“, האָט זיך געזאָגט לעווין. אים האָט זיך ווידער עפּעס אויסגע

וויזן אין דעם שמייכל, אין דעם זיגערישן אויסדרוק, מיט וועלכן דער גאַסט האָט זיך געווענדט צו קיטין...

די פירשטין, וואָס איז געזעסן אויף דער צווייטער זייט טיש מיט מאַריאַ וולאַסיעוונאַ און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, האָט צוגערופן צו זיך לעווינען און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, וועגן דעם אריבערפאָרן קיין מאָסקווע אויף קיטיס קימפּעט און דעם צוגרייטן אַ וווינונג. ווי עס זענען פאַר לעווינען באַ דער חתונה נישט אָנגענעם געווען די פאַרשידענע צוגרייטונגען, וואָס באַליידיקן מיט זייער נישטיקייט די גרויסקייט פון דער געשעעניש, אַזוי נאָך מער באַליידיקנד האָבן אים אויסגעזען די צוגרייטונגען פאַר דער קינפטיקער קימפּעט, וואָס איר צייט האָט מען אַזוי ווי אויסגערעכנט אויף די פינגער. ער האָט זיך באַמיט די גאַנצע צייט נישט צו הערן דידאָזיקע שמועסן וועגן דעם אופן פון וויקלען דאָס קינפטיקע קינד, זיך באַמיט אָוועקצודרייען און נישט צו זען די עפּעס געהיימנישפולע אומענדלעכע וויקל-שנירן, עפּעס דרייעקיקע שטיקלעך לייוונט, וועלכע דאָללי האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערע וויכטיקייט, א. דג. די געשעעניש פון געבוירן אַ זון (ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט זיין אַ זון), וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט, נאָר אין וואָס ער האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט גלייבן, — אַזוי אומגעוויינלעך האָט דאָס אויסגעזען, — האָט זיך אים פאָרגעשטעלט פון איין זייט אַלס אַזאַ אומגעהייער און דערפאַר אוממעגלעך גליק, פון דער צווייטער זייט — אַלס אַזאַ געהיימנישפולע געשעעניש, אַז דאָסדאָזיקע לכתחילהדיקע וויסן פון דעם, וואָס ס'וועט זיין, און דאָס צוגרייטן זיך צו דעם, ווי צו עפּעס געוויינלעכס, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך מענטשן, האָט אים אויסגעזען אויפרעגנד און דערנידעריקענד.

אָבער די פירשטין האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע געפילן און אויסגעטייטשט זיין אומווילן צו טראַכטן און רעדן וועגן דעם אַלס לייכטזיניקייט און גלייכגילטיקייט, און דעריבער האָט זי אים נישט געלאָזט צורו. זי האָט איבערגעגעבן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן צו באַקוקן אַ וווינונג, און האָט אַצינד צוגערופן צו זיך לעווינען.

— איך ווייס גאָרנישט, פירשטין. טוט, ווי איר ווילט, — האָט ער געזאָגט.

— מען דאַרף באַשליסן, ווען איר וועט אַריבערפאָרן.

— כ'לעבן, איך ווייס נישט. איך ווייס, אַז עס ווערן געבוירן קינ-

דער אין די מיליאָנען אָן מאָסקווע און אָן דאָקטוירים... פּאַרוואָס־זשע...

— אויב אזוי...

— אָבער ניין, ווי קיטי וויל.

— מיט קיטין קאָן מען וועגן דעם נישט רעדן! וואָס־זשע, דו ווילסט, אז איך זאָל זי איבערשרעקן? אָט היינטיקן פרילינג איז נאַטאַליאַ גאָלי־צינאַ געשטאָרבן איבער אַ שלעכטן אַקושער.

— ווי איר וועט הייסן, אזוי וועל איך טון, — האָט ער מרהשחורה־דיק געזאָגט.

די פירשטין האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו אים, אָבער ער האָט זי נישט געהערט. הגם דאָס רעדן מיט דער פירשטין האָט אים גערירט, איז ער פונדעסטוועגן געוואָרן מרהשחורהדיק נישט פון דעמדאָזיקן רעדן, נאָר פון דעם, וואָס ער האָט געזען באַם סאַמאָוואַר.

„ניין, דאָס איז אוממעגלעך", — האָט ער געטראַכט, וואַרפנדיק פון צייט־צו־צייט בליקן אויף וואַסענקען, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגן צו קיטין, מיט זיין שיינעם שמייכל איר עפּעס געזאָגט, און אויף איר, וואָס איז רויט און אויפגערעגט געוואָרן.

עס איז געווען עפּעס נישט ריינס אין וואַסענקעס פּאָזע, אין זיין בליק, אין זיין שמייכל. לעווין האָט אפילו געזען עפּעס נישט ריינס אויך אין קיטיס בליק און פּאָזע. און ווידער איז די וועלט פינצטער גע־וואָרן אין זיינע אויגן. ווידער האָט ער, ווי נעכטן, פּלוצלינג, אָן דעם קלענסטן איבערגאַנג, זיך דערפילט אַראָפּגעוואָרפן פונדערהייך פון גליק, רויקייט, ווירדע אין אַ תהום פון פאַרצווייפלונג, כעס און דערנידערונג. ווידער זענען אים אַלע און אַלץ דערווידער געוואָרן.

— אזוי טוט טאָקע, פירשטין, ווי איר ווילט, — האָט ער געזאָגט, ווידער זיך אומקוקנדיק.

— ס'איז שווער דאָס היטל פון מאָנאָמאַך! — האָט אים סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שפּאַסנדיק געזאָגט, אָנדייטנדיק, משמעות, נישט בלויז אויף דעם געשפּרעך מיט דער פירשטין, נאָר אויף דער סיבה פון לעווינס אויפרעגונג, וועלכע ער האָט באַמערקט. — ווי שפּעט דו ביסט היינט אויפגעשטאַנען, דאָללי.

אַלע זענען אויפגעשטאַנען צו באַגעגענען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּ־נען. וואַסענקאַ איז אויפגעשטאַנען בלויז אויף אַ מינוט און מיט דער קנאַפּער העפלעכקייט צו דאַמען, וואָס איז אייגנטימלעך די מאָדערנע

יונגעלייט, האָט ער זיך קוים אַ נייג געטון און ווידער פאַרגעזעצט דעם געשפּרעך, צעלאַכנדיק זיך פון עפּעס.

— מאַשע האָט מיך פאַרמאַטערט. זי איז שלעכט געשלאָפן און איז היינט שרעקלעך קאַפּריזנע, — האָט דאָללי געזאָגט.

דער געשפּרעך, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן דורך וואַסענקען מיט קיטין, האָט ווידער באַהאַנדלט די נעכטיקע טעמע, וועגן אַננען און וועגן דעם, צי די ליבע קאָן זיך שטעלן העכער פון די כללים פון דער הויכער געזעלשאַפט. קיטין איז נישט אָנגענעם געווען דערדאָזיקער געשפּרעך, און ער האָט זי באַאומרויקט סיי מיטן אינהאַלט גופא סיי מיט דעם טאָן, מיט וועלכן ער איז געפירט געוואָרן, און באַזונדערס מיט דעם, וואָס זי האָט שוין געוווסט ווי אַזוי דאָס וועט ווירקן אויף דעם מאַן. אָבער זי איז געווען צו פשוט און אומשולדיק, כדי צו קאָנען איבעררייסן דעמדאָזיקן געשפּרעך, און אפילו כדי צו פאַרבאָרגן די אויסערלעכע הנאה, וואָס עס האָט איר פאַרשאַפט דידאָזיקע באַשיינפּערלעכע אויפמערקזאַמקייט פון דעמדאָזיקן יונגנמאַן. זי האָט געוואָלט איבעררייסן דעמדאָזיקן געשפּרעך, אָבער זי האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי דאָס צו טון. זי האָט געוווסט, אַז אַלץ, וואָס זי וועט נישט טון, וועט באַמערקט ווערן פון מאַן און אויסגעטייטשט ווערן צום שלעכטן. און ווירקלעך, ווען זי האָט געפרעגט דאָללין, וואָס עס איז מיט מאַשען, און וואַסענקאַ, וואַרטנדיק, ווען עס וועט זיך ענדיקן דערדאָזיקער פאַר אים לאַנגווייליקער געשפּרעך, האָט אָנגעהויבן גלייכגילטיק קוקן אויף דאָללין, האָט דידאָזיקע פראַגע אויסגעזעען לעווינען אַלס אומנאַטירלעכע אָפּשטויסנדע כיטרעקייט.

— וואָס-זשע, מיר וועלן פאָרן היינט נאָך שוואָמען? — האָט דאָללי געפרעגט.

— לאָמיר פאָרן, כ'בעט אייך. איך וועל אויך פאָרן, — האָט קיטי געזאָגט און איז רויט געוואָרן. זי האָט אויס העפלעכקייט געוואָלט פרעגן וואַסענקען, צי ער וועט פאָרן, און נישט געפרעגט. — ווהין גייסטו, קאָסטיאַ? — האָט זי מיט אַ שולדיקער מינע געפרעגט דעם מאַן, ווען ער איז מיט אַן אַנטשלאָסענעם טריט דורכגעגאַנגען פאַרביי איר. דערדאָזיקער שולדיקער אויסדרוק האָט באַשטעטיקט אַלע זיינע ספקות.

— דער מאַשיניסט איז געקומען, ווען איך בין נישט געווען, איך האָב אים נאָך נישט געזען, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוגיין פון קאַבינעט, האָט ער שוין דערהערט די באַקאַנטע טריט פון ווייב, וואָס איז אומפאַרזיכטיק שנעל געגאַנגען צו אים.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער איר טרוקן געזאָגט. — מיר זענען פאַרנומען.

— אַנטשולדיק מיר, — האָט זי זיך געווענדט צום מאַשיניסט, דעם דייטש. — איך דאַרף זאָגן עטלעכע ווערטער דעם מאַן.

דער דייטש האָט געוואָלט אַוועקגיין, אָבער לעווין האָט אים געזאָגט:

— באַאומרויקט אייך נישט.

— דער צוג גייט אָפּ דריי אַ זייגער? — האָט דער דייטש געפרעגט. — איך זאָל אַמאָל נישט פאַרשפּעטיקן.

לעווין האָט נישט געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען מיטן ווייב.

— נו, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן? — האָט ער אַ זאָג געטון אויף פראַנצויזיש.

ער האָט נישט געקוקט אויף איר פּנים און נישט געוואָלט זעען, אַז זי, אין איר צושטאַנד, ציטערט מיטן גאַנצן פּנים און האָט אַ נעבעכדיק, דערשלאָגן אויסזען.

— איך... איך וויל זאָגן, אַז אַזוי קאָן מען נישט לעבן, אַז דאָס איז אַ פּיין... — האָט זי אַ זאָג געטון.

— דאָ זענען דאָ מענטשן, אין בופעט, — האָט ער בייז געזאָגט: — מאַכט נישט קיין סצענעס.

— נו, קום דאָ אַהער.

זיי זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר. קיטי האָט געוואָלט אַריינגיין אין שכנותדיקן צימער, נאָר דאָרט האָט די ענגלענדערין געלערנט טאַניען.

— נו, קום־זשע אין גאָרטן אַריין!

אין גאָרטן איז זיי אַקעגנגעקומען דער פּויער, וואָס האָט געקערט די סטעזשקע. און, שוין נישט קלערנדיק וועגן דעם, אַז דער פּויער זעט איר פאַרוויינט, און זיין צערודערט פּנים, שוין נישט קלערנדיק וועגן דעם, אַז זיי זעען אויס ווי מענטשן, וואָס אַנטלויפן פון עפּעס אַן אומגליק, זענען זיי מיט שנעלע טריט געגאַנגען פאָרויס, פילנדיק, אַז זיי דאַרפן

זיך אַרויסזאָגן און איבערצייגן איינער דעם אַנדערן, זיין אַ ביסל אַליין און דורכדעם פּטור ווערן פון דער פּיין, וואָס ביידע לעבן איבער!

— אַזוי קאָן מען נישט לעבן! דאָס איז אַ פּיין! איך לייד, דו ליידסט. פאַרוואָס! — האָט זי געזאָגט, ווען זיי זענען ענדלעך צוגעקומען צו דער אָפּגעזונדערטער באַנק אין עק פון דער ליפּען-אַלעע.

— אָבער דו זאָג מיר נאָר איינס: עס איז געווען אין זיין טאָן נישט אָנשטענדיקס, נישט ריינס, דערנידעריקנד-שרעקלעכס? — האָט ער געזאָגט, שטעלנדיק זיך פאַר איר ווידער אין דער זעלבער פּאָזע, מיט די פויסטן פאַר דער ברוסט, ווי ער איז דעמאָלט באַנאַכט געשטאַנען פאַר איר.

— עס איז געווען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול. — אָבער. קאָסטיאַ, דו זעסט דען נישט. אַז איך בין נישט שולדיק? איך האָב באַלד אינדערפרי געוואָלט נעמען אַזאַ טאָן, נאָר די דאָזיקע מענטשן... נאָכוואָס איז ער געקומען? ווי גליקלעך מיר זענען געווען? — האָט זי געזאָגט, שטיקנדיק זיך פון שלוכצן, וואָס האָבן כסדר אונטערגעהויבן איר פולן קערפּער.

דער גערטנער האָט מיט פאַרוווּנדערונג געזען, אַז נישט געקוקט דעריויף, וואָס קיינער האָט זיי נישט נאָכגעיאָגט, וואָס צו אַנטלויפן איז נישט געווען פון וואָס, און וואָס קיין שום באַזונדער פריידיקס האָבן זיי אויף דער באַנק נישט געפונען, — האָבן זיי דאָך פאַרביי אים זיך אומגעקערט אַהיים מיט באַרויקטע, שיינענדיקע פּנימער.

XV.

באַגלייט דאָס ווייב אינדערהייך אַרויף, איז לעווין אַריינגעגאַנגען אין דאָלליס צימערן. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויך דעם טאָג געהאַט גרויס עגמת נפש. זי איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער און בייז גערעדט צו דעם מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל:

— און דו וועסט שטיין אַ גאַנצן טאָג אין ווינקל, און עסן מיטאָג וועסטו אַליין, און קיין איין ליאַלקע וועסטו נישט קריגן, און קיין ניי

קליידער וועל איך דיר נישט מאַכן, — האָט זי געזאָגט, נישט ווייסנדיק שוין, מיט וואָס זי צו באַשטראָפן.

— ניין, דאָס איז אַ מיאוס מיידל. — האָט זי זיך געווענדט צו לעווינען. — פונוואַנען נעמען זיך צו איר די דאָזיקע עקלהאַפטע בייגונגען?

— אָבער וואָס האָט זי אַזוינס געטון? — האָט גאַנץ גלייכגילטיק געזאָגט לעווין, וועלכער האָט זיך געוואָלט באַראַטן וועגן זיין ענין און עס איז אים דערפאַר געווען פאַרדראָסיק, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ נישט געלונגענעם מאָמענט.

— זי איז מיט גרישען געגאַנגען אין די מאַלינעס אַריין און דאָרט... איך קאָן אפילו נישט דערציילן, וואָס זי האָט געטון. טויזנט מאָל קומט אויס צו באַדויערן די miss Elliot. זי גיט אויף גאָרנישט אַכטונג, אַ מאַשין... Figurez rous, que le petite...

און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט דערציילט מאַשעס פאַרברעך.

— דאָס באַווייזט גאָרנישט, דאָס איז לגמרי נישט קיין אָפּשטויסנדע בייגונגען, דאָס איז איינפאַך שטיפעריי, — האָט זי לעווין באַרויקט.

— אָבער דו ביסט עפּעס צערודערט? נאָכוואָס ביסטו געקומען? — האָט דאָללי געפרעגט. — וואָס קומט דאָרט פאָר?

און אין דעם טאָן פון דערדאָזיקער פראַגע האָט לעווין געהערט, אַז אים וועט לייכט זיין צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו זאָגן.

— איך בין דאָרט נישט געווען, איך בין געווען אַליין אין גאָרטן מיט קיטין. מיר האָבן זיך שוין געקריגט דאָס צווייטע מאָל זינט... סטיוואַ איז געקומען.

דאָללי האָט געקוקט אויף אים מיט קלוגע, פאַרשטענדיקע אויגן.

— נו, זאָג, די האַנט אויפן האַרץ, צי איז געווען... נישט אין קיטין, נאָר אין דעם הער אַזאַ טאָן, וועלכער קאָן זיין אומאָנגענעם, נישט אומאָנגענעם, נאָר שרעקלעך, באַליידיקענד פאַר אַ מאַן?

— דאָס הייסט, ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן... שטיי, שטיי אין ווינקל! — האָט זי זיך געווענדט צו מאַשען, וועלכע האָט זיך שוין גע־וואָלט אויסדרייען, דערזעענדיק אַ קוים באַמערקטן שמייכל אויף דער מוטערס פנים. — די מיינונג פון דער הויכער געזעלשאַפט וואָלט געווען אַזעלכע, אַז ער פירט זיך, ווי עס פירן זיך אַלע יונגעלייט. Il fait la

cour a une jeune et jolie femme, אין אַ מאַן פון דער הויכער געזעלשאַפט, דאַרף זיך בלויז פילן געשמייכלט פון דעם.

— יאָ, יאָ, — האָט לעווין מרהשחורהדיק געענטפערט, — נאָר דו האָסט באַמערקט?

— נישט בלויז איך, נאָר סטיווא האָט באַמערקט. ער האָט באַלד נאָך דער טיי מיר געזאָגט: je crois que וועסלאָווסקי fait un petit brin de courà קיטי.

— נו, און אויסגעצייכנט, אַצינד בין איך רויק. איך וועל אים אַרויסטרייבן, — האָט לעווין געזאָגט.

— וואָס ביסטו, משוגע געוואָרן? — האָט דאָללי מיט שרעק אויסגעשריגן. — וואָס טוט זיך מיט דיר, קאָסטיאַ, באַזין דיך! — האָט זי לאַכנדיק געזאָגט. נו, קאָנסט שוין אַצינד גיין צו פאַניען, — האָט זי געזאָגט מאַשען. — ניין, אויב דו ווילסט שוין, וועל איך זאָגן סטיווען, ער וועט אים אַוועקפירן. מען קאָן זאָגן, אַז דו ריכסט דיך אויף געסט. בכלל פּאַסט ער זיך נישט צו אונזער הויז.

— ניין, ניין איך אַליין.

— אָבער דו וועסט דיך בייזערן?

— לגמרי נישט. דאָס וועט מיר אַזוי פריילעך זיין, באמת פריילעך, — האָט לעווין געזאָגט, גלאַנצנדיק מיט די אויגן. — נו, זיי איר מוחל, דאָללי! זי וועט שוין נישט, — האָט ער געזאָגט וועגן דער קליינער פאַרברעכערין, וועלכע איז נישט געגאַנגען צו פאַניען און איז אומאַנטשלאָסן געשטאַנען פאַר דער מוטער, קוקנדיק אָפּוואַרטנד פון אונטערן שטערן אַפער און זוכנדיק איר בליק.

די מוטער האָט אַ קוק געטון אויף איר. דאָס מיידל האָט זיך צעשלוכצט, האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין דער מוטערס קניען, און דאָללי האָט איר אַרויפגעלייגט איר דאַרע, צאַרטע האַנט אויפן קאָפּ.

„און וואָס פאַר אַן אַלגעמיינס האָבן מיר מיט אים?” האָט לעווין אַ קלער געטון און איז געגאַנגען אָפּזוכן וועסלאָווסקין.

דורכגייענדיק דאָס פאַרצימער, האָט ער געהייסן איינשפּאַנען די קאָטש, כדי צו פאָרן צו דער סטאַציע.

— נעכטן האָט זיך אַ רעסאָר צעבראָכן, — האָט דער לאָקיי געענטפערט.

— נו, איז דעם וואָגן, נאָר שנעלער. ווו איז דער גאַסט?

— זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין זייער צימער.

לעווין האָט געטראָפן וואַסענקען בעת ער האָט אויפגעפּאַקט זיינע זאַכן פון טשעמאָדאַן, האָט אויסגעלייגט די נייע ראָמאַנסן און אָנגעמאָסטן די שטיוולען צום רייטן.

צי עס איז געווען עפּעס באַזונדערס אין לעווינס פּנים, אָדער וואַסענקאַ אַליין האָט דערפילט, אַז אין דער פאַמיליע איז נישט דאָס אָרט פאַר דעם ce petit brin de cour, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן, אַזוי צי אַזוי, ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל (וויפיל אַ הויכוועלטישער מענטש קאָן זיין) אין פאַרלעגנהייט פון לעווינס אַריינקומען.

— איר פאָרט רייטנדיק אין שטיוולן?

— יאָ, אַזוי איז אַ סך בעסער, — האָט וואַסענקאַ געזאָגט, אַרויפשטעלנדיק דעם דיקן פוס אויף אַ שטול, פאַרשפּיליענדיק דעם לעצטן האָקל און פרייליך, גוטמוטיק שמייכלענדיקן.

ער איז געווען אָן ספק אַ ווױלער בחור, און לעווין האָט רחמנות געהאַט אויף אים און ס'איז אים געווען אַ בושה פאַר זיך, דעם באַלעבאָס פון הויז, ווען ער האָט באַמערקט אַ שרעקעוודיקייט אין וואַסענקעס בליק.

אויפן טיש איז געלעגן אַ שטיקל שטעקן, וועלכן זיי האָבן היינט אינדערפרי צוזאַמען צעבראָכן בײַ דער גימנאַסטיק. לעווין האָט גענומען דאָס דאָזיקע שטיקל שטעקן אין דער האַנט אַריין און אָנגעהויבן אָפּברעכן די געשפּאָלטענע שטיקלעך פון שפּיץ, נישט וויסנדיק, ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— איך האָב געוואָלט... — ער האָט שוין געוואָלט שטיל בלייבן, נאָר פּלוצלינג, זיך דערמאָנט קיטין און אַלץ, וואָס איז געווען, האָט ער, אַנטשלאָסן קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, געזאָגט: — איך האָב געהייסן איינשפּאַנען פאַר אייך די פערד.

— וואָס הייסט? — האָט וואַסענקאַ מיט פאַרוואונדערונג אָנגעהויבן. — וווהין דאַרף איך דען פאָרן?

— איר וועט פאָרן צו דער באַן, — האָט לעווין מרהשחורהדיק געזאָגט, ציפּנדיק דעם שפּיץ פון שטעקן.

— איר פאָרט אַוועק אָדער ס'איז עפּעס געשען?

— עס איז געשען, אַז איך ריכט מיך אויף געסט, — האָט לעווין געזאָגט, אַלץ שנעלער און שנעלער מיט די שטאַרקע פינגער אָפּברעכנדיק די שפּיצן פון דעם געשפּאָלטענעם שטעקן. — און איך ריכט מיך גאָרנישט אויף קיין געסט אויך, און ס'איז גאָרנישט געשען, נאָר

איך בעט אייך אַוועקצופאָרן. איר קאָנט אייך דערקלערן מיין אומהעפלעכקייט, ווי איר ווילט.

וואַסענקאַ האָט זיך אויסגעגלייכט.

— איך בעט א י י ך מיר צו דערקלערן... — האָט ער מיט ווירדע געזאָגט, ענדלעך פאַרשטייענדיק.

— אין קאָן אייך נישט דערקלערן, — האָט לעווין שטיל און פּאַמעלעך אַ זאָג געטון, באַמיענדיק זיך צו פאַרבאָרגן דאָס ציטערן פון זיינע באַקנביינער. — און עס איז בעסער פאַר אייך זיך נישט צו פרעגן.

און אַזוי ווי די געשפּאָלטענע שפּיצן זענען שוין געווען אַלע אָפּגעבראָכן, האָט לעווין זיך איינגעקלאַמערט מיט די פינגער אין די גראָבע שפּיצן, האָט צעבראָכן דעם שטעקן און פלינק דערכאַפּט דעם שפּיץ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן.

וואָרשיינלעך האָט דער אָנבליק פון דידאָזיקע אָנגעשטרענגטע הענט, פון דידאָזיקע מוסקולן, וועלכע ער האָט היינט אינדערפרי אָנגעטאַפּט בײַ דער גימנאַסטיק, און פון די בלישטשענדיקע אויגן, פון דעם שטילן קול און פון די ציטערדיקע באַקנביינער איבערצייגט וואַסענקען מער פון ווערטער. ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, שפּאָטיש אַ שמייכל געטון און זיך פאַרנייגט.

— צי קאָן איך נישט זען אָבלאָנסקין?

דער קוועטש פון די פּלייצעס און דער שמייכל האָבן נישט צערייצט לעווינען. „וואָס-זשע בלייבט אים מער צו טון?“ האָט ער אַ קלער געטון.

— איך שיק אים אייך שוין.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אומזיניקייט! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, געהערט ווערנדיק פון זיין פריינט, אַז מען טרייבט אים אַרויס פון הויז, און געפינענדיק לעווינען אין גאָרטן, ווו ער האָט שפּאַצירט, וואַרטנדיק ביז דער גאַסט וועט אַוועקפאָרן. — Mais c'est ridicule! וואָסער פליג האָט דיר אַ ביס געטון? Mais c'esf du dernier ridicule! וואַכ-זשע האָט זיך דיר געדאַכט, אויב דער יונגערמאַן...

אָבער דאָס אָרט, ווו די פליג האָט לעווינען אַ ביס געטון, האָט נאָך ווי געטון, ווייל ער איז ווידער בלייך געוואָרן, ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געוואָלט דערקלערן די סיבה, און ער האָט אים איילעק איבערגעשלאָגן:

— איך בעט דיך, דערקלער נישט די סיבה! איך קאָן נישט אַנ־דערש! מיר איז זייער אַ בושה פאַר דיר און פאַר אים. אָבער פאַר אים ווייס, מיין איך, נישט זיין קיין גרויס אומגליק אַוועקצופאָרן, און מיר און מיין פרוי איז זיין אָנוועזנהייט נישט אָנגענעם.

— אָבער דאָס איז דאָך אים באַליידיקענד! Et puis c'est ridicule!

— און מיר איז דאָס אי באַליידיקענד אי פיינלעך! און איך בין אין גאָרנישט שולדיק, און איך האָב נישט פאַרוואָס צו ליידן!

— נו, אויף דעם האָב איך מיך שוין נישט גערעכט פון דיר. On peut être jaloux, mais á ce point c'est du dernier ridicule!

לעווין האָט זיך שנעל אויסגעדרייט, איז אַוועקגעגאַנגען פון אים אין דער טיף פון די אַלעען און זיך ווייטער געדרייט הין און צוריק. באַלד האָט ער דערהערט דאָס גרילצן פון וואָגן און דערזעען פון הינטער די ביימער אַפּער, ווי וואַסענקאַ, זיצנדיק אין היי (צום אומגליק איז נישט געווען קיין געזעס אויפן וואָגן) אין זיין שאָטלענדישן היטעלע, איז, אונטערשפּרינגענדיק, דורכגעפאָרן איבער דער אַלעע.

„וואָס איז דאָס ווידער?" האָט לעווין אַ קלער געטון, ווען דער לאַקיי, אַרויסלויפנדיק פון הויז, האָט פאַרהאַלטן דעם וואָגן. דאָס איז געווען דער מאַשיניסט, אין וועלכן לעווין האָט געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן. דער מאַשיניסט האָט, פאַרנייגנדיק זיך, עפּעס געזאָגט וועסלאָווסקין, דערנאָך אויפגעזעסן אויפן וואָגן, און זיי זענען צוזאַמען אַוועקגעפאָרן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש און די פירשטין זענען געווען צערודערט פון לעווינס האַנדלונג, און ער אַליין האָט זיך אויך געפילט נישט בלויז ridicule אין העכסטן גראַד, נאָר אויך דורכויס שולדיק און צו שאַנד געמאַכט; אָבער דערמאָנענדיק זיך, וואָס ער און זיין ווייב האָבן דורכ־געליטן, האָט ער, פרעגנדיק זיך, ווי אַזוי ער וואָלט געהאַנדלט אַ צווייט מאָל, זיך געענטפערט, אַז ער וואָלט ווידער אַזוי געטון.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, זענען אַלע, חוץ דער פירשטין, וואָס האָט נישט מוחל געווען לעווינען זיין האַנדלונג, נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט געוואָרן אומגעווינלעך אויפגעלעבט און פריילעך, פּונקט ווי קינדער נאָך אַ שטראָף אָדער גרויסע נאָך אַ שווערן אָפיציעלן וויזיט, אַזוי אַז מען האָט שוין אינאָוונט וועגן וואַסענקעס אַרויסטרייבן אין דער אָפּוועזנהייט פון די פירשטין גערעדט, ווי וועגן אַ לאַנגסטיקער געשע־

גיש. און דאָלי, וואָס האָט געהאַט דעם פּאַטערס פעיקייט צו דערציילן וויציק, האָט געגייט ווארענקען צו פאַלן פון געלעכטער. ווען זי האָט צום דריטן און פערטן מאָל דערציילט מיט אַלץ נייע הומאָריסטישע צוגאָבן, ווי זי האָט זיך נאַר־וואָס געקליבן אָנצוטון די נייע בענדעלעך צוליב דעם גאַסט, איז שוין אַרויסגעגאַנגען אין גאַסטצימער אריין און האָט פּלוצלינג דערהערט דאָס גרילצן פון דער דרינדע. און ווער־זשע געפינט זיך אין דער דרינדע? — וואַסענקאַ אַליין, אי מיטן שאָטלענדישן היטעלע, אי מיט די ראָמאַנסן, אי מיט די שטילפן, — ער אַליין זיצט אין היי.

— דו וואָלסט כאָטש געוועזן געהייסן די קאָטש איינשפּאַנען! ניין, און דערנאָך הער איך: „וואַרט צו!" נו, טראַכט איך מיר, זיי האָבן רחמנות געקריגן. איך כאַפּ אַ קוק, און זיי האָבן גאָר צו אים אַ גראָבן דייטש אַרויפגעזעצט און אוועקגעפירט... און פון מיינע בענדעלעך איז גאָרנישט געוואָרן!..

XVI.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט אויסגעפירט איר באַשלוס און איז געפאָרן צו אַננען. איר איז זייער אַ שאָד געווען צו פאַרשאַפן עגמת־נפש דער שוועסטער און אומאָנגענעמלעכקייט איר מאַן: זי האָט פאַרשטאַנען, ווי אומגערעכט די לעווינס זענען מיט דעם, וואָס זיי ווילן נישט האָבן קיין שום באַציונגען מיט ווראָנסקין; אָבער זי האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו באַזוכן אַננען און ווייזן איר, אַז אירע געפילן קאָנען זיך נישט ענדערן, נישט געקוקט אויף דער ענדערונג אין איר לאַגע.

כדי נישט צו זיין אָפּהענגיק פון די לעווינס אין דערדאָזיקער נסיעה, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ געשיקט אין דאָרף אַריין דינגען פערד; אָבער לעווין, וואָס איז געוואָרן געווויר וועגן דעם, איז געקומען צו איר מיט אַ פאָרוווּרף.

— פאַרוואָס־זשע מיינסטו, אַז מיר איז נישט אָנגענעם דיין רייזע? אויב דאָס וואָלט מיר טאַקע געווען נישט אָנגענעם, איז מיר נאָך מער נישט אָנגענעם, וואָס דו נעמסט נישט מיינע פערד, — האָט ער געזאָגט. — דו האָסט מיר קיין איין מאָל נישט געזאָגט, אַז דו פאָרסט באַשטימט. און דינגען אין דאָרף איז, ערשטנס, נישט אָנגענעם פאַר מיר, און דער

עיקר — זיי וועלן זיך אונטערנעמען, אָבער נישט דערפירן. איך האָב פערד. און אויב דו ווילסט מיר נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, נעם־זשע מיינע.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געמוזט מסכים זיין, און אויף דעם באַשטימטן טאָג האָט לעווין צוגעגרייט פאַר דער שוועגערין פיר פערד און פערד צום בייטן, צונויפנעמענדיק זיי פון די אַרבעט־פערד און רייט־פערד, זייער נישט קיין שיינע, אָבער וועלכע האָבן געקאָנט צופירן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אין איין טאָג. אַצינד, ווען די פערד זענען נייטיק געווען אי פאַר דער פירשטין, וואָס האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן, אי פאַר דער אַקושערקע, איז דאָס געווען שווער פאַר לעווינען, אָבער צוליב דעם חוב פון גאַסטפריינטלעכקייט האָט ער נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ זאָל בּאַ אים אין הויז דינגען פערד און, חוצדעם, האָט ער געוווּסט, אַז די צוואַנציק רובל, וועלכע מען פאַרלאַנגט בּאַ דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען פאַר דערדאָזיקער נסיעה, זענען פאַר איר זייער וויכטיק, און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס געלט־ענינים, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד, האָבן די לעווינס געפילט ווי זייערע אייגענע.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז, לויט לעווינס עצה, אַרויסגעפאָרן פאַר זון־אויפגאַנג. דער וועג איז געווען גוט, די קאָטש באַקוועם, די פערד זענען געלאָפן פריילעך, און אויף דער קעלניע איז, חוץ דעם קוטשער, געזעסן דער קאַנטאָר־שרייבער אַנשטאָט אַ לאַקיי, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך לעווינען צוליב זיכערקייט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אַנדרימלט געוואָרן און האָט אויפגעוואַכט ערשט, ווען זיי זענען צוגעפאָרן צו דער קרעטשמע, ווו מען האָט געדאַרפט טוישן די פערד.

זי האָט געטרונקען טיי בּאַ דעם זעלבן רייכן פויער, דעם באַלעבאָס, בּאַ וועלכן לעווין פלעגט זיך אָפּשטעלן, ווען ער פלעגט פאָרן צו סוויאַזשסקין, האָט געשמועסט אַ ביסל מיט פויערטעס וועגן קינדער און מיטן אַלטן וועגן גראַף וווראָנסקי, וועלכן ער האָט זייער געלויבט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז צען אַ זייגער אַרויסגעפאָרן ווייטער. צוליב די דאגות וועגן די קינדער, האָט זי אינדערהיים קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן. פאַר דעם האָבן אַצינד, אויף דערדאָזיקער פיר־שעהדיקער רייזע, אַלע פריער פאַרהאַלטענע געדאַנקען זיך פלוצלינג צונויפגעקליבן אין איר קאָפּ, און זי האָט דורכגעטראַכט איר גאַנץ לעבן ווי קיינמאָל פריער און פון די פאַרשידנסטע זייטן. איר אַליין האָבן אויסגעזעען

מאַדנע אירע געדאַנקען. אין אָנהייב האָט זי געטראַכט וועגן די קינדער, וועגן וועלכע זי האָט זיך פונדעסטוועגן באַאומרויקט, הגם די פירשטין, און דער עיקר קיטי (זי האָט אויף איר מער אויסגעשטעלט), האָבן איר צוגעזאָגט אויף זיי אַכטונג צו געבן. „מאַשע זאָל נישט אַמאָל ווידער אָנהייבן צו שטיפן, גרישען זאָל נישט אַמאָל אַ פערד אַ קלאַפּ טון, און ליליס מאָגן זאָל נישט אַמאָל נאָך מער קאַליע ווערן". אָבער דערנאָך האָבן די פראַגן פון דער קעגנוואַרט אָנגעהויבן פאַרביטן צו ווערן דורך פראַגן פון דער נאָענטער צוקונפט. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, ווי מען דאַרף אין מאָסקווע אויפן היינטיקן ווינטער נעמען אַ נייע וווינונג. ווי מען דאַרף בייטן דאָס מעבל אין גאַסטצימער און מאַכן אַ פוטערל דער עלטערער טאָכטער. דערנאָך האָבן זיך איר אָנגעהויבן פאָרשטעלן פראַגן פון דער ווייטערער צוקונפט: ווי אַזוי זי וועט די קינדער מאַכן פאַר מענטשן. „די מיידלעך, ווי די מיידלעך, — האָט זי געקלערט, — אָבער די יינגלעך?"

„גוט, איך פאַרנעם מיך אַצינד מיט גרישען, אָבער דאָס איז דאָך בלויז דערפאַר, וואָס איך אַליין בין אַצינד פריי, האָב נישט קיין בייע קינדער. אויף סטיווען, פאַרשטייט זיך, קאָן מען גאָרנישט אויסשטעלן. און איך וועל מיט דער הילף פון גוטע מענטשן אים מאַכן פאַר אַ לייט: נאָר אויב איך וועל ווידער האָבן אַ קינד..." און איר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק וועגן דעם, ווי אומגערעכטיק עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַ קללה איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פרוי, זי זאָל אין יסורים געבוירן די קינדער. „דאָס האָבן איז גאָרנישט, נאָר דאָס טראָגן — אָט וואָס ס'איז פיינלעך", האָט זי אַ קלער געטון, זיך פאָרשטעלנדיק איר לעצט טראָגן און דעם טויט פון דעמדאָזיקן לעצטן קינד. און איר האָט זיך דערמאָנט דער געשפּרעך מיט דער יונגער פויערטע אין דער קרעטשמע. אויף דער פראַגע, צי זי האָט קינדער, האָט די שיינע יונגע פויערטע פריילעך געענטפערט:

— איך האָב געהאַט איין מיידל, אָבער גאָט האָט עס צוגענומען, אין דער פאַסט-צייט עס באַגראָבן.

— וואָס-זשע, עס איז דיר זייער אַ שאָד? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געפרעגט.

— וואָס האָט דאָ אַ שאָד צו זיין? דער אַלטער האָט אַזוי אויך אַ סך אייניקלעך. ס'איז בלויז אַ קאָפּ-פאַרדרייעניש. נישט מען קאָן אַרבעטן, נישט גאָרנישט. ס'איז בלויז אַ קלאָפּאָט.

דערדאָזיקער ענטפער, נישט געקוקט אויף דער גוטמוטיקער ליבלעכקייט פון דער יונגער פויערטע, האָט אויסגעזעען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אָפּשטויסנד, אָבער אַצינד האָט זי זיך נישט ווילנדיק דערמאַנט דידאָזיקע ווערטער. אין דידאָזיקע צינישע ווערטער איז געווען אויך אַ געוויסע מאָס אמת.

„און בכלל, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געטראַכט, וואַרפנדיק אַ בליק אויף איר גאַנץ לעבן פאַר דידאָזיקע פינפצען יאָר פאַרהייראַט זיין, — דאָס טראָגן, דאָס ברעכן, דאָס טעמפּקייט פון שכל, דאָס גלייכגילטיקייט צו אַלעם און דער עיקר — דאָס מיאוס ווערן. קיטי די שיינינקע, יונגינקע קיטי, אפילו זי איז אַזוי מיאוס געוואָרן, און איך ווער דאָך ממש העסלעך, ווען איך טראָג, איך ווייס. דאָס געבוירן, די יסורים, די מאוימדיקע יסורים, דידאָזיקע לעצטע מינוט... דערנאָך דאָס זייגן, דידאָזיקע שלאָפלאָזע נעכט, דידאָזיקע שרעקלעכע ווייטיקן...“

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויפגעציטערט פון דעם בלויזן דערמאָנען זיך אָן דעם ווייטיק פון די געפּלאַצטע וואָרצלען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט כמעט באַ יעדן קינד. „דערנאָך די קראַנקייטן פון די קינדער, דידאָזיקע אייביקע שרעק; דערנאָך דאָס האָדעווען, די מיאוסע נייגונגען (זי האָט זיך דערמאָנט דער קליינער מאַשעס פאַרברעך אין די מאַלינעס), דאָס לערנען, דער לאַטיין — דאָס אַלץ איז אַזוי אומפאַרשטענדלעך און שווער. און איבער אַלעם — דער טויט פון די זעלבע קינדער. און ווידער איז אין איר דמיון אויפגעקומען די גרויזאַמע דערינערונג, וואָס האָט אייביק געמאַטערט איר מוטער־האַרץ, וועגן טויט פון דעם לעצטן ייִנגל באַ דער ברוסט, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ קרופּ, זיין לוויה, די אַלגעמיינע גלייכגילטיקייט פאַר דעמדאָזיקן קליינינקען ראָזן טרומנעלע און איר האַרץ־רייסנדער איינזאַמער ווייטיק פאַר דעם בלייכן שטערנדל מיט די געקרייזלטע הערלעך, פאַר דעם געעפנטן און פאַרוונדערטן מייַלעכל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעען פון דער טרומנע אין דער מינוט, ווען מען האָט זי פאַרמאַכט מיט דער ראָזער דעק מיטן צלם פון שעך.

„און נאָכוואָס איז דאָס אַלץ? וואָס־זשע וועט אַרויסקומען פון דעם אַלעם? דאָס, וואָס איך, נישט האָבנדיק קיין מינוט רו, דאָ טראָג איך, דאָ זייג איך, בין תמיד בייז, אויפגערעגט, בין אַליין אויסגעמאַטערט און מאַטער אַנדערע, בין דערווידער דעם מאַן, וועל דורכלעבן מיין לעבן, און עס וועלן אויפוואַקסן אומגליקלעכע, שלעכט דערצויגענע און אָרימע

קינדער. שוין אַצינד, ווייס איך נישט, ווי אַזוי מיר וואָלטן דורכגעלעבט, ווען נישט דער זומער באַ די לעווינס. פאַרשטייט זיך, קאָסטיאַ און קיטי זענען אַזוי איידל, אַז מיר באַמערקן גאָרנישט, אָבער דאָס קאָן דאָך נישט לאַנג געדויערן. זיי וועלן אָנהייבן האָבן קינדער, וועלן נישט אימשטאַנד זיין צו העלפן אונז; זיי פילן זיך שוין אַצינד געקוועלט. ווער־זשע וועט העלפן, דער פאַפאַ, וועלכער האָט זיך גאָרנישט איבערגעלאָזט? אַזוי אַז אפילו מאַכן לייט פון די קינדער וועל איך נישט אימשטאַנד זיין אַליין, און אפשר מיט דער הילף פון אַנדערע, דורך דערנידערונג? נו, און אויב מיר וועלן שוין אָננעמען דאָס גליקלעכסטע: די קינדער וועלן מער נישט שטאַרבן, און איך וועל זיי ווי עס איז דערציען. אין בעסטן פאַל וועלן זיי בלויז נישט זיין קיין אויסוואורפן. דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן פאַרלאַנגען. צוליב דעם אַלעם וויפיל פיין, וויפיל אָנשטרענגונג... פאַרלוירן איז דאָס גאַנצע לעבן!" איר האָט זיך ווידער דערמאָנט, וואָס די יונגע פויערטע האָט געזאָגט, און ווידער איז איר עקל־האַפט געווען זיך צו דערמאַנען אָן דעם; נאָר זי האָט נישט געקאָנט נישט איינשטימען, אַז אין דידאָזיקע רייד איז געווען אויך אַ טייל פון גראָבן אמת.

— וואָס, מיכאַילאַ, עס איז נאָך ווייט? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנ־דראָוונאַ געפרעגט דעם קאָנטאָר־שרייבער, כדי זיך צו צעשטרייען פון די געדאַנקען, וואָס האָבן זי געשראָקן.

— פון דעם דאָרף, זאָגט מען, איז נאָך זיבן וויאָרסט.

די קאָטש איז פון דאָרף אַרויס אַרויפגעפאָרן אויף אַ בריקל. איבערן בריקל, הויך און פריילעך שמועסנדיק, איז געגאַנגען אַ גרופּע פריילעכע פויערטעס. די פויערטעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער בריק, האָבן נייגיריק באַטראַכט די קאָטש. אַלע צו איר געווענדטע פּנימער האָבן אויסגעזעען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען געזונט, פריילעך, אַזוי ווי רייצנדיק זי מיט פרייד, מיט לעבן. „אַלע לעבן, אַלע האָבן הנאה פון לעבן, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ווייטער געטראַכט, איבעריאָגנדיק די פויערטעס, אַרויפפאָרנדיק אויפן באַרג און ווידער אין שנעלן פאָרן אָננעמען זיך ווייגנדיק אויף די ווייכע רעסאָרן פון דער אַלטער קאָטש, — און איך, ווי אַרויסגעלאָזט פון אַ טורמע פון דערדאָזיקער וועלט, וואָס דערהרגעט מיך מיט די זאָרגן, האָב ערשט אַצינד אויפגעוואַכט אויף אָן אויגנבליק. אַלע לעבן: אי דידאָזיקע פויערטעס, אי די

שוועסטער נאַטאַליאַ, אי וואַרענקאַ, אי אַננאַ, צו וועלכער איך פאָר, בלויז איך לעב נישט".

„און זיי פאַלן אָן אויף אַננען. פאַרוואָס-זשע? צי בין איך דען בעסער? איך האָב כאָטש אַ מאַן, וועלכן איך האָב ליב. נישט אַזוי, ווי איך וואָלט געוואָלט ליב האָבן, אָבער איך האָב אים ליב, און אַננאַ האָט אירן נישט ליב געהאַט. און וואָס זשע איז זי שולדיק? זי וויל לעבן. גאָט האָט דאָס אונז אין האַרץ אַרייַנגעגעבן. עס קאָן זייער זיין, אַז איך וואָלט אויך דאָס אייגענע געטון. און איך ווייס ביז אַצינד נישט, צי איך האָב גוט געטון, וואָס איך האָב זי געהאָרכט אין יענער שרעקלעכער צייט, ווען זי איז געקומען צו מיר קיין מאָסקווע. איך האָב דעמאָלט געדאַרפט אַוועקוואַרפן דעם מאַן און אָנהייבן לעבן אויפסניי, איך וואָלט געקאָנט ליב האָבן און אויף אָן אמת געליבט זיין. און אַצינד איז דען בעסער? איך שעץ אים נישט, ער איז מיר נישט נייטיק, — האָט זי געטראַכט וועגן מאַן, — און איך פאַרטראָג אים. צי איז דאָס בעסער? איך האָב דעמאָלט נאָך געקאָנט געפעלן, איך בין נאָך שיין געווען", האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ ווייטער געטראַכט, און זי האָט זיך געוואָלט אָנשפיגלען. זי האָט געהאַט אַ וועג-שפיגעלע אין דער טאָרבע, און זי האָט עס געוואָלט אַרויסנעמען; אָבער, אַ קוק געטון אויף די רוקנס פון דעם קוטשער און דעם זיך וויגנדיקן קאַנטאָר-שרייבער, האָט זי דערפילט, אַז איר וועט זיין אַ בושה, אויב עמעצער פון זיי וועט זיך אומקוקן, און זי האָט דאָס שפיגעלע נישט אַרויסגענומען.

אָבער זי האָט אויך אָן דעם אָנשפיגלען געטראַכט, אַז ס'איז נאָך אַצינד אויך נישט שפעט; און זי האָט זיך דערמאַנט סערגיי איוואַנאָוויטשן, וועלכער איז געווען באַזונדערס ליבלעך צו איר, סטיוועס פריינט, דעם גוטן טוראָווצינען, וועלכער איז צוזאַמען מיט איר אַרומגעגאַנגען אַרום אירע קינדער בעת דער שקאַרלאַטינע און איז געווען פאַרליבט אין איר. און עס איז געווען נאָך איינער, גאָר אַ יונגערמאַן, וואָס האָט איינגעפונען, ווי דער מאַן האָט איר אין שפאַס געזאָגט, אַז זי איז שענער פון אַלע שוועסטערן. און די סאַמע ליידנשאַפטלעכע און אוממעגלעכע ראָמאַנען האָבן זיך פאָרגעשטעלט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגען. „אַננאַ האָט גאָר גוט געטון, און איך וועל זי שוין אין קיין פאַל נישט טאַדלען. זי איז גליקלעך, פאַרשאַפט גליק אַ צווייטן מענטש און איז נישט דערשלאָגן, ווי איך, נאָר איז זיכער פונקט אַזוי פריש, קלוג, אויפריכטיק צו אַלעם, ווי שטענדיק", האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ געטראַכט, און אַ שעלמי-

שער שמייכל האָט פאַרקרימט אירע ליפּן, באַזונדערס דערפאַר, וואָס, טראַכטנדיק וועגן אַננעס ראָמאַן, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאַראַלעל מיט אים זיך פאָרגעשטעלט אירס אַן אייגענעם כמעט זעלבן ראָמאַן מיט אַן אויספאַנטאַזירטן מאַנסביל, וועלכער איז פאַרליבט אין איר. זי האָט אויך, ווי אַננאַ, זיך אין אַלעם מודה געווען דעם מאַן. און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס פאַרווונדערונג און צעטראָגנקייט בײַ דערדאָזיקער ידיעה האָט זי געצייט צו שמייכלען.

אין אַזעלכע פאַנטאַזיעס איז זי צוגעפאָרן צום אויסבויג פון גרויסן וועג, וואָס האָט געפירט צו וואָזדוויזשענסקאָיע.

XVII.

דער קוטשער האָט אָפּגעשטעלט די פיר פערד און זיך אומגעקוקט רעכטס, אויפן קאָרן־פעלד, אויף וועלכן עס זענען בײַ אַ וואָגן געזעסן פויערן. דער קאָנטאָר־שרייבער האָט שוין געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, אָבער באַלד זיך מישב געווען און באַפעלעריש אַ געשריי געטון צו אַ פויער, רופנדיק אים צו זיך. דאָס ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן בעתן פאָרן, האָט זיך איינגעשטילט, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט; פליגן זענען באַפאַלן די פאַרשוויצטע פערד, וואָס האָבן זיך בייז אָפּגעטריבן פון זיי. דער מעטאַלישער קלאַנג פון שאַרפן אַ קאָסע, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון וואָגן, איז שטיל געוואָרן. איינער פון די פויערן האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין צו דער קאָטש.

— זע נאָר, ווי דאָס רירט זיך, — האָט דער קאָנטאָר־שרייבער בייז אַ געשריי געטון אויפן פויער, וואָס האָט מיט באָרוועסע פיס פּאַמעלעך געטרעטן איבער דעם האַרטן וועג. — ריר דיך צו!

דער געקרייזלטער פויער, די האָר אַרומגעבונדן מיט אַ שטיקל שאַל פון אַ צווייג, מיט אַ האָרבאַטן, פון שווייס טונקעלן רוקן, וואָס האָט פאַרגיכערט דעם טריט, איז צוגעקומען צו דער קאָטש און זיך אָנגענומען מיט דער אָפּגעבראָכענער האַנט בײַ דעם פליגל פון דער קאָטש.

— וואָסדוויזשענסקאָיע, אין פּריצישן הויף אַריין? צום גראַף? — האָט ער איבערגעחזרט: — אָט דו וועסט נאָר פון באַרג אַראָפּפאָרן, דריי

דיך אַן לינקס, פאַר גלייך מיטן וועג, און דו וועסט אָנקומען. וועמען אייגנטלעך דאַרפט איר? אים אַליין?

— וואָס, ליבינקער, זיי זענען אינדערהיים? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, נישט וויסנדיק, ווי אַזוי אפילו דעם פויער צו פרעגן אויף אַנגען.

— מסתמא אינדערהיים, — האָט דער פויער געזאָגט, איבערשטעלנדיק די באָרוועסע פיס און איבערלאָזנדיק אין שטויב אַ בולטן צייכן פון אַ פוס מיט פינף פינגער. — מסתמא אינדערהיים, — האָט ער איבערגעחזרט, אפנים וועלנדיק רעדן אַ ביסל. — נעכטן זענען ערשט געסט געקומען. — געסט — איז דאָ אָן אַ שיעור... וואָס ווילסטו? — ער האָט זיך אויסגעדרייט צום בחור, וואָס האָט עפּעס געשריגן צו אים פון וואָגן. — הער אויף! זיי זענען ערשט נישט לאַנג רייטנדיק דורכגעפאָרן די פעלדער באַקוקן. אַצינד זענען זיי מסתמא אינדערהיים. און איר ווער זענט?...

— מיר זענען פון ווייט, — האָט דער קוטשער געזאָגט, אַרויפקריכנדיק אויף דער קעלניע. — איז נישט ווייט?

— כ'זאָג דאָך דיר, דאָ באַלד. ווי דו וועסט נאָר אַרויספאָרן... — האָט ער געזאָגט, אַרומפירנדיק די האַנט איבערן פליגל פון דער קאַטש.

אַ יונגער, געזונטער, ברייטביייניקער בחור איז אויך צוגעקומען.

— וואָס, עס וועט נישט זיין עפּעס קיין אַרבעט באַם שניט? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט, ליבינקער.

— ווי דו וועסט דיך, הייסט עס, פאַרנעמען לינקס, וועסטו שוין גלייך צוקומען, — האָט דער פויער געזאָגט, אפנים אומגערן דורכלאָזנדיק די דורכפאָרנדע און וועלנדיק אַ ביסל שמועסן.

דער קוטשער האָט גערירט. ווי נאָר אָבער זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט, האָט דער פויער זיך צעשריגן: — שטיי! העי, ליבער! וואַרט! — האָבן געשריגן צוויי שטימען. דער קוטשער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זיי אַליין פאָרן! אָט זענען זיי! — האָט דער פויער געשריגן. — זעסט ווי זיי קומען אָן! — האָט ער אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק אויף פיר רייטער און צוויי אין אַ שאַראַבאַן, וואָס זענען געפאָרן איבערן וועג.

דאָס איז געווען ווראָנסקי מיט אַ זשאָקיי, וועסלאָווסקי און אַננאַ רייטנדיק און די פירשטין וואַרוואַראַ מיט סוויאַזשסקין אין אַ שאַראַבאַן.

זיי זענען געפאָרן שפּאַצירן און זען, ווי עס אַרבעטן די נײַ געבראַכטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

ווען דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט, זענען די רײַטער גע־ריטן טריט בײַ טריט. פאָרויס איז געריטן אַננאַ צוזאַמען מיט וועסלאָוו־סקין. אַננאַ איז געריטן מיט אַ רויקן טריט אויף אַ נישט הויכן פעסטן ענגלישן פערד מיט אַ געשוירענער גריווע און קורצן וויידל. איר שיינער קאָפּ מיט די אַפּערגעפאַלענע שוואַרצע האָר פון אונטערן הוט אַפּער, אירע קײַלעכיקע אַקסלען, די דינע טאַליע אין דער שוואַרצער אַמאַזאָנקע און איר גאַנץ רויק, גראַציעז האַלטן זיך האָבן דאַללין איבערראַשט.

אין דער ערשטער מינוט האָט איר אויסגעזען נישט אָנשטענדיק, וואָס אַננאַ פאָרט רײַטנדיק. לויט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס באַגריף האָט דאָס רײַטן פון אַ דאַמע געהאַט דעם כאַראַקטער פון יונגער, לײַכטער קאָקעטישקייט, וואָס עס איז, לויט איר מיינונג, נישט געווען פּאַ־סיק פאַר אַננעס לאַגע; אָבער ווען זי האָט זי באַטראַכט פון דער נאָענט, האָט זי גלײַך שלום געשלאָסן מיט איר רײַטן. נישט געקוקט אויף דער עלעגאַנטישקייט, איז אַלץ געווען אַזוי אײַנפאַך, רויק און ווירדיק סײַ אין דער פּאָזע, סײַ אין דער קליידונג, סײַ אין אַננעס באַוועגונגען, אַז עס האָט גאָרנישט געקאָנט זײַן נאַ־טירלעכער.

לעבן אַננען אויף אַ גרוי דערהיצט קאַוואַלעריש פערד, אויסגע־צויגן די דיקע פיס פאָרויס און משמעות שעפנדיק נחת פון זיך, איז גע־ריטן וואַסענקאַ וועסלאָווסקי אין דעם שאָטלענדישן היטעלע מיט פלאַנ־דערגעפליגענע בענדער, און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון פרײַלעכן שמייכלען, דערקענענדיק אים. הינטער זיי איז געריטן ווראָנסקי. אונטער אים איז געווען אַ ראַסאָווע טונקל־ברוין פערד, וואָס האָט זיך משמעות געהאַט דערהיצט אין גאַלאָפּ. ער האָט, פאַרהאַלטנדיק עס, אַ פאַרצי געטון די לייצן.

נאָך אים איז געריטן אַ קליינער מענטש אין אַ זשאָקיי־קאָסטיום. סוויאַזשסקי מיט דער פירשטין אין אַ נײַיענקען שאַראַבאַן מיט אַ היפּש שוואַרץ פערד האָבן דעריאָגט די רײַטער.

אין דער מינוט, וואָס אַננאַ האָט אין דער קליינער פיגור, וואָס איז געזעסן אײַנגעטוליעט אין ווינקל פון דער קאָטש, דערקענט דאַללין, האָט איר פּנים פלוצלינג אויפגעשײַנט מיט אַ פריידיקן שמייכל. זי האָט אַ געשריי געטון, אַ ציטער געטון אויפן זאָטל און אַ לאָז געטון דאָס

פערד אין גאַלאָפּ. צוגעריטן צו דער קאָטש, איז זי אַליין אַראָפּגעשפּרונגען און, אונטערהאַלטנדיק די אַמאַזאָנקע, זיך א לאָז געטון לויפן אַקעגן דאָללין.

— איך האָב אַזוי טאַקע געטראַכט און נישט געוואַגט צו טראַכטן. אָט אַ פרייד! דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן מיין פרייד, — האָט זי געזאָגט, דאָ זיך צוגעדריקט מיטן פּנים צו דאָללין און זי געקושט, דאָ זיך אָפּגערוקט און מיט אַ שמייכל געקוקט אויף איר. — אָט א פרייד, אַלעקסיי! — האָט זי געזאָגט, זיך אומקוקנדיק אויף וראָנסקין, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון פערד און צוגעגאַנגען צו איר.

וראָנסקי האָט אַראָפּגענומען דעם גרויען הויכן הוט און איז צוגעגאַנגען צו דאָללין.

— איר וועט נישט גלייבן, ווי אייער קומען פרייט אונז, — האָט ער געזאָגט, צוגעבנדיק אַ באַזונדערע וויכטיקייט די אַרויסגערעדטע ווערטער און מיט אַ שמייכל אויפדעקנדיק זיינע פעסטע ווייסע ציין.

וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, וואָס איז נישט אַראָפּגעגאַנגען פון פערד, האָט אַראָפּגענומען זיין היטעלע און באַגריסט דעם גאַסט, פריילעך אַ פאָך געבנדיק מיט די בענדער איבערן קאָפּ.

— דאָס איז די פירשטין וואַרוואַראַ, — האָט אַננאַ געענטפערט אויף דאָללים פרעגנדיקן בליק, ווען דער שאַראַבאַן איז צוגעפאָרן.

— אַ! — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, און איר פּנים האָט נישט ווילנדיק אויסגעדריקט אומצופרידנהייט.

די פירשטין וואַרוואַראַ איז געווען איר מאַנס אַ מומע, און זי האָט זי שוין פון לאַנג געקענט און נישט געשעצט. זי האָט געוווסט, אַז די פירשטין וואַרוואַראַ האָט איר גאַנץ לעבן פאַרבראַכט בּאַ די רייכע קרובים; אָבער דאָס, וואָס זי האָט זיך אויפגעהאַלטן אַצינד בּאַ וראָנסקין, בּאַ אַ פרעמדן מענטש פאַר איר, האָט זי באַליידיקט פאַר דעם מאַנס משפחה. אַננאַ האָט באַמערקט דעם אויסדרוק פון דאָללים פּנים און זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, איז רויט געוואָרן, האָט אַרויסגעלאָזט די אַמאַזאָנקע פון דער האַנט און זיך פאַרשטעפּט אָן איר.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז צוגעגאַנגען צום שאַראַבאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, און קאַלט זיך באַגריסט מיט דער פירשטין וואַרוואַראַ. סוויאַזשסקי איז אויך געווען אַ באַקאַנטער, ער האָט געפרעגט, וואָס עס מאַכט זיין פריינט מיטן יונגן ווייב, און וואַרפנדיק פלאַחר-יד אַ בליק אויף

די נישט צוגעקליבענע פערד און אויף דער קאָטש מיט די פאַרראַכטענע פליגל, האָט ער פאַרגעלייגט די דאַמען צו פאָרן אין דעם שאַראַבאַן.

— און איך וועל פאָרן אין דערדאָזיקער דרינדע, — האָט ער געזאָגט. — דאָס פערד איז אַ רויקס, און די פירשטין טרייבט אָן אויסגעצייכנט.

— ניין, בלייבט, ווי איר זענט געווען, — האָט געזאָגט אַננאַ, וואָס איז צוגעקומען, — און מיר וועלן פאָרן אין דער קאָטש, — און, נעמענדיק דאָללין אונטער דער האַנט, איז זי מיט איר אַוועקגעגאַנגען.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו קוקן: צי אויף דעמדאָזיקן עלעגאַנטן עקיפּאַזש, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט געזעען, צי אויף די הערלעכע פערד, צי אויף די עלעגאַנטע גלענצנדע פּנימער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. נאָר מער פון אַלץ האָט זי איבערראַשט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַקאַנטער און געליבטער אַננען. אַ צווייטע פרוי, אַ ווייניקער אויפמערקזאַמע, וואָס האָט נישט געקענט אַננען פריער און באַזונדערס נישט געטראַכט די געדאַנקען, וואָס דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געטראַכט אויפן וועג, וואָלט נישט באַמערקט קיין שום באַזונדערס אין אַננען, אָבער אַצינד האָט דאָללין איבערראַשט די שיינקייט, וועלכע מען באַמערקט בלויז אין מינוטן פון ליבע בײַ פרויען און וועלכע זי האָט אַצינד באַמערקט אויף אַננעס פּנים. אַלץ אין איר פּנים: די דייטלעכע חן-גריבעלעך אין די באַקן און אין דער גאָמבע, די פאָרם פון די ליפּן, דער שמייכל, וועלכער האָט אַזוי ווי געשוועבט אַרום דעם פּנים, דער גלאַנץ פון די אויגן, די גראַציעזקייט און שנעלקייט פון די באַוועגונגען, די פולקלינגעוודיקייט פון דער שטימע, אַפילו די מאַניר, מיט וועלכער זי האָט ברוגזדיק-ליבלעך געענטפערט וועסלאָווסקין, וואָס האָט זי געבעטן אַ דערלויבניש אויפצוזיצן אויף איר פערד, כּדי עס אויסצולערנען גאַלאָפּירן פון רעכטן פוס, — אַלץ איז געווען באַזונדערס אָנציענד; און זי אַליין האָט, דאַכט זיך, דאָס געוווּסט און זיך געפרייט מיט דעם.

ווען ביידע פרויען האָבן זיך אַרייַנגעזעצט אין דער קאָטש, האָבן ביידע זיך פלוצלינג דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. אַננאַ האָט זיך געפילט פאַרלעגן פון דעם אויפמערקזאַם-פרעגנדיקן בליק, מיט וועלכן דאָללי האָט געקוקט אויף איר;

דאָללי — פון דעם, וואָס נאָך סוויאַזשסקיס ווערטער וועגן דער דרינדע, איז איר נישט ווילנדיק געוואָרן אַ בושה פאַר דער שמוציקער אַלטער קאַטש, אין וועלכער אַננאַ האָט זיך מיט איר אַרייַנגעזעצט. דער קוטשער פיליפּ און דער קאַנטאָר-שרייבער האָבן איבערגעלעבט דאָס זעלבע געפיל. כדי צו באַהאַלטן זיין פאַרלעגנהייט, האָט דער קאַנטאָר-שרייבער זיך געפּאָרעט, העלפנדיק אויפזיצן די דאַמען, נאָר פיליפּ, דער קוטשער, איז געוואָרן מרהשחורהדיק און האָט זיך שוין פאָרויס געגרייט נישט נאָכצוגעבן דעמדאָזיקן אויסערלעכן גלאַנץ. ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטון, אַ קוק געבנדיק אויף דעם שוואַרצן פערד, און שוין באַשלאָסן אין זיין רעיון, אַז דערדאָזיקער שוואַרצער אין דעם שאַראַבאַן איז גוט בלויז אויף אַ פּראָמענאַזש און וועט נישט דורכגיין קיין פערציק וויאָרסט אין אַ היץ אָן אָפּרו.

די פויערן לעבן וואָגן האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און בייגיריק און פריילעך געקוקט, ווי אַזוי מען האָט אויפגענומען דעם גאַסט, מאַכנדיק זייערע באַמערקונגען.

— זיי זענען אויך צופרידן, האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען, — האָט געזאָגט דער געקרייזלטער אַלטער, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שאַל פון אַ צווייג.

— אָט, פעטער גערסים, מיט דעם שוואַרצן זשרעבאָק די סנאָפּעס צו פירן, עס וואָלט שוין איינמאָל געגאַנגען!

— קוק נאָר. די אין די הויזן — איז אַ פרוי? — האָט איינער פון זיי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף וואַסענקאַ וועסלאָווסקין, וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן דאַמען-זאָטל.

— ניין, אַ מאַנספּאַרשוין. קוקסט, ווי פלינק ער איז אַרויף!

— וואָס-זשע, קינדער, שלאָפן וועלן מיר שוין אַפּנים נישט?

— סאַראַ שלאָפן היינט? — האָט דער אַלטער געזאָגט און זייטיק אַ קוק געטון אויף דער זון. — זעסט, אַ האַלבער טאָג שוין אַריבער!

.XVIII

אננא האָט געקוקט אויף דאָלליס דאַר, אויסגעמאַטערט פּנים, מיט דעם שטויב אין די קנייטשן, און געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס זי האָט גע־טראַכט, געמלעך, אַז דאָללי איז דאַרער געוואָרן; אָבער, דערמאָנענדיק זיך, אַז זי אַליין איז שענער געוואָרן און אַז דאָלליס בליק זאָגט עס איר, האָט זי אַ זיפץ געטון און אָנגעהויבן רעדן וועגן זיך.

— דו קוקסט אויף מיר, — האָט זי געזאָגט, — און טראַכסט, צי איך קאָן זיין גליקלעך אין מיין לאַגע? נו, און וואָס־זשע? עס איז אַ בושה זיך מודה צו זיין; אָבער איך... איך בין אומפאַרצייַלעך גליקלעך. מיט מיר איז פאַרגעקומען עפּעס צויבערדיקס, ווי אַ חלום, ווען עס ווערט שרעקלעך, אומהיימלעך און מען וואַכט פלוצלינג אויף און מען פילט, אַז דידאָזיקע אַלע שרעקן זענען נישטאָ. איך האָב אויפגעוואַכט. איך האָב איבערגעלעבט פּיינלעכס, שרעקלעכס און בין אַצינד שוין לאַנג, באַזונ־דערס פון דער צייט אָן, וואָס מיר געפינען זיך דאָ, אַזוי גליקלעך!... — האָט זי געזאָגט, מיט אַ נישט דרייסטן פרעגנדיקן שמייכל קוקנדיק אויף דאָללין.

— ווי עס פרייט מיך! — האָט דאָללי נישט ווילנדיק מיט אַ שמייכל געזאָגט קעלטער, ווי זי האָט געוואָלט. — עס פרייט מיך זייער, וואָס דו פילסט זיך אַזוי. פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געשריבן?

— פאַרוואָס?... ווייל איך האָב נישט געוואַגט... דו פאַרגעסט מיין לאַגע...

— מיר? נישט געוואַגט? ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי איך... איך האַלט...

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געוואָלט דערציילן אירע געדאַנקען פון הייַנטיקן פרימאָרגן, נאָר דאָס האָט איר איבער עפּעס אויסגעזען נישט אויפן אָרט.

— איבעריקנס, וועגן דעם דערנאָך. וואָס זענען עס דידאָזיקע געביידעס? — האָט זי געפרעגט, ווענדיק טוישן דעם געשפּרעך און אָנווייזנדיק אויף די רויטע און גרינע דעכער, וואָס האָבן זיך אָפּערגע־

זעען פון הינטער דעם גרינס פון די לעבעדיקע פּלעטער פון בעז און אַקאַציע, — ממש אַ שטעטל.

אָבער אַננאַ האָט איר נישט געענטפערט.

— ניין, ניין! וואָס־זשע טראַכסטו וועגן מיין לאַגע, וואָס טראַכסטו, וואָס? — האָט זי געפרעגט.

— איך האַלט... — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ שוין אָנגעהויבן, אָבער אין דער צייט האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, וואָס האָט שוין געהאַט צוגעווינט דאָס פערד אָנצוהייבן אַ גאַלאָפּ מיטן רעכטן פוס, שווער זיך אַראָפּזעצנדיק אין זיין קורצער קורטקע אויפן זאַמשענעם דאַמען־זאָטל, דורכגאַלאָפּירט פאַרביי זיי. „עס גייט, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ!" האָט ער אַ געשריי געטון. אַננאַ האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים; נאָר ווידער האָט זיך דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אויסגעוויזן, אַז ס'איז אין דער קאָטש נישט באַקוועם אָנצוהייבן דעמדאָזיקן לאַנגן געשפּרעך, און דעריבער האָט זי אָפּגעהאַקט איר געדאַנק.

— איך האַלט גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט, — און האָב שטענדיק דיך ליב געהאַט, און אויב מען האָט ליב, האָט מען ליב דעם גאַנצן מענטש, אַזוי ווי ער איז, און נישט אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין.

אַננאַ האָט אָפּגעווענדט די אויגן פון איר פריינדינס פּנים, זיך פאַרזשמורעט (דאָס איז געווען אַ נייע געוווינהייט, וואָס דאָלי האָט נאָך נישט געהאַט געזען בא איר), און זיך פאַרטראַכט, וועלנדיק גרינטלעך פאַרשטיין די באַדייטונג פון דידאָזיקע ווערטער. און, משמעות פאַרשטאַנען זיי אַזוי, ווי זי האָט געוואָלט, האָט זי אַ בליק געטון אויף דאָלין.

— אויב דו האָסט זינד, — האָט זי געזאָגט, — וואָלטן זיי דיר אַלע פאַרגעבן געוואָרן פאַר דיין קומען און פאַר דידאָזיקע ווערטער.

און דאָלי האָט געזען, אַז טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט שווייגנדיק אַ דריק געטון אַננעס האַנט.

— וואָס־זשע זענען די געביידעס? ווי פיל זיי זענען! — האָט זי נאָך אַ מינוט שווייגן איבערגעחזרט איר פראַגע.

— דאָס זענען די הייזער פון דער דינערשאַפט, דער זאַוואָד, די פערד־שטאַלן, — האָט אַננאַ געענטפערט. — און דאָ הייבט זיך אָן דער פּאַרק. דאָס אַלץ איז געווען פאַרלאָזט, נאָר אַלעקסיי האָט דאָס אַלץ

אויפגעפרישט. ער האָט זייער ליב דאָסדאָזיקע גוט און עקזאַלטירט זיך ליידנשאַפטלעך מיט דעם באַלעבאַטישקייט, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט דערוואַרט פון אים. איבעריקנס, דאָס איז אַזאַ רייכע נאַטור! צוואָס ער זאָל זיך נישט נעמען, טוט ער אַלץ אויסגעצייכנט. נישט בלויז ער לאַנגווייליקט זיך נישט, נאָר ער אַרבעט מיט ליידנשאַפט. ער — ווי איך קען אים — איז געוואָרן אַן אויסגערעכנטער, אויסגעצייכנטער באַלעבאָס, ער איז אפילו קאַרג אין דעם באַלעבאַטישקייט. אָבער בלויז אין דעם באַלעבאַטישקייט. דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך אין צענדליקער טויזנטער, חשבונט ער נישט, — האָט זי געזאָגט מיט דעם פריידיק-כיטרע שמייכל, מיט וועלכן פרויען רעדן אָפט וועגן געהיימע, זיי אַליין באַוווסטע אייגנשאַפטן פון אַ געליבטן מענטש. — אָט זעסט די דאָזיקע גרויסע געביידע? — דאָס איז אַ ניי שפּיטאָל. איך מיין, אַז דאָס וועט קאָסטן מער ווי הונדערט טויזנט. דאָס איז זיין dada אַצינד, און ווייסט, פונוואַנען דאָס האָט זיך דערנומען? די פויערן האָבן אים, דאַכט זיך, געבעטן צו פאַרדינגען זיי די לאָנקעס ביליקער, ער האָט זיי אָפּגעזאָגט, און איך האָב אים געטאַדלט פאַר זיין קאַרגשאַפט. פאַרשטייט זיך נישט איבער דעם, נאָר איבער נאָך זאַכן — האָט ער אָנגעהויבן בויען דאָסדאָזיקע שפּיטאָל, כדי צו ווייזן, ווי ער איז נישט קאַרג. אויב דו ווילסט, c'est une petitesse; נאָר איך האָב אים פאַר דעם נאָך ליבער. און אָט וועסטו באַלד זעען דאָס הויז. דאָס איז נאָך דעם זיידנס הויז און עס איז אויסערלעך גאָרנישט געענדערט.

— ווי שיין עס איז! — האָט דאָלי געזאָגט, קוקנדיק מיט אַ נישט ווילנדיקער פאַרוווּנדערונג אויף דעם הערלעכן הויז מיט די זײַלן, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעען פון דעם בונטן גריגס פון די אַלטע ביימער פון גאָרטן.

— אמת, ס'איז שיין? און פון הויז, פונדערהייך, איז דאָ אַ הערלעכער אויסבליק.

זיי זענען אַריינגעפאָרן אין הויף, וואָס איז געווען אויסגעשיט מיט קליינע שטיינדלעך און באַצירט מיט בלומען-קלאָמבן. אויף דעם הויף האָבן צוויי אַרבעטער אַרומגעלייגט אַן איבערגעגראָבענעם קלאָמב מיט נישט באַלירטע שפּיציקע שטיינער.

— אָ, זיי זענען שוין געקומען, — האָט אַנאַ געזאָגט, קוקנדיק אויף די רייט-פערד, וועלכע מען האָט נאָר-וואָס אָוועקגעפירט פון גאַנעק. — אמת דאָסדאָזיקע פערד איז שיין? דאָס איז אַ קאָב. מיין באַליבט פערד.

פירט עס נאָר אהער און דערלאַנגט צוקער. ווו איז דער גראַף? — האָט זי געפרעגט בײַ צווײ פּאַראַד־לאַקײען, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען. — אַ, אָט איז אויך ער! — האָט זי געזאָגט, דערזעענדיק װראָנסקין מיט װעסלאָװסקין, װאָס זענען אַרויסגעקומען אַקעגן איר.

— ווו וועט איר אײַנאָרדנען די פירשטין? — האָט וראָנסקי געזאָגט אויף פראַנצויזיש, ווענדנדיק זיך צו אַננען, און, נישט וואַרטנדיק אויף קײן ענטפער, האָט ער זיך נאָכאַמאָל באַגריסט מיט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנען און אַצינד אַ קוש געטון איר האַנט. — איך מײן, אין דעם גרויסן צימער מיטן באַלקאָן?

— אָ, נײן, דאָס איז ווײַט! בעסער אין ווינקלדיקן, וועלן מיר זיך אָפטער זעען. נו, קום, — האָט אַננאַ געזאָגט, געבנדיק דעם באַליבטן פערד דעם צוקער, וואָס מען האָט איר אַרויסגעבראַכט.

— Et vous oubliez vorte devoir, — האָט זי געזאָגט וועסלאָווסקין, וואָס איז אויך אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק.

— Pardon, j'en ai tout plein les poches, — האָט ער שמײכלענדיק געענטפערט, אַרײַנשטעקנדיק די פינגער אין דער וועסט־קעשענע.

— Mais vous venez trop tard, — האָט זי געזאָגט, אָפּווישנדיק זיך מיטן טיכל די האַנט, וועלכע דאָס פערד האָט איר אײַנגעבעצט מיטן נעמען דעם צוקער.

אַננאַ האָט זיך געווענדט צו דאָללין: — דו ביסט געקומען אויף לאַנג? אויף אײן טאָג? דאָס איז אוממעגלעך.

— איך האָב אַזוי צוגעזאָגט. און די קינדער... — האָט דאָללי געזאָגט, פילנדיק זיך אין אַ פאַרלעגנהײט אי פון דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט אַרויסנעמען דאָס זעקל פון דער קאָטש, אי פון דעם, וואָס זי האָט געוווּסט, אַז איר פּנים מוז זײַן זײער פאַרשטויבט.

— נײן, דאָללי, האַרצינקע... נו, מיר וועלן שוין זעען. קום, קום! — און אַננאַ האָט אַרײַנגעפירט דאָללין אין איר צימער.

דאָסדאָזיקע צימער איז געווען נישט יענץ פּאַראַד־צימער, וועלכעס וראָנסקי האָט פאָרגעלײגט, נאָר אַזוינס, פאַר וועלכן אַננאַ האָט געבעטן, דאָללי זאָל איר אַנטשולדיקן. און אויך דאָסדאָזיקע צימער, פאַר וועלכן מען האָט זיך געדאַרפט אַנטשולדיקן, איז געווען איבערפולט מיט אַזאַ לוקסוס, אין וועלכן דאָללי האָט קײנמאָל נישט געלעבט און וועלכער האָט איר דערמאָנט די בעסטע האָטעלן אין אויסלאַנד.

— נו, האַרציגקע, ווי גליקלעך איך בין! — האָט אננא געזאָגט, אַנידערזעצנדיק זיך אין איר אַמאַזאָנקע אויף אַ מינוטקעלע לעבן דאָללין. — דערצייל מיר וועגן דיינע. סטיוון האָב איך געזען אַ וויילע. אָבער ער קאָן נישט דערציילן וועגן די קינדער. וואָס מאַכט מיין ליבלינג טאַניע? זי מוז שוין אוודאי זיין אַ גרויס מיידל?

— יאָ, זייער אַ גרויסע, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ קורץ געענטפערט, אַליין זיך וווּנדערנדיק, וואָס זי ענטפערט אַזוי קאַלט וועגן אירע קינדער. — מיר לעבן אויסגעצייכנט בא די לעווינס, — האָט זי צוגעגעבן.

— אָט, ווען איך וואָלט געוווּסט, — האָט אַננאַ געזאָגט, — אַז דו פאַראַכטעסט מיך נישט... וואָלט איר אַלע געקומען צו אונז. סטיוואַ איז דאָך אַלעקסייס אַן אַלטער און גרויסער גוטער פריינד, — האָט זי צוגעגעבן און איז פלוצלינג רויט געוואָרן.

— יאָ, נאָר מיר האָבן אַזוי גוט... — האָט דאָללי אין פאַרלעגנהייט געענטפערט.

— איבעריקנס, דאָס רעד איך אַזוי פון פרייד נאַרישקייטן. ווי עס פרייט מיך, וואָס דו ביסט געקומען, האַרציגקע! — האָט אַננאַ געזאָגט, ווידער זי קושנדיק. — דו האָסט מיר נאָך נישט געזאָגט. ווי אַזוי און וואָס דו טראַכסט וועגן מיר, און איך וויל אַלץ וויסן. נאָר איך בין צופרידן, וואָס דו וועסט מיך זען אַזעלכע, ווי איך בין. דער עיקר וואָלט זיך מיר נישט געגלויבט, מען זאָל מיינען, אַז איך וויל עפּעס באַווייזן. איך וויל גאָרנישט באַווייזן, איך וויל בלויז לעבן; קיינעם נישט טון קיין שלעכטס, חוץ זיך. אויף דעם האָב איך אַ רעכט. נישט אמת? איבעריקנס, וועגן דעם איז דאָ אַ סך צו רעדן, און מיר וועלן זיך נאָך וועגן אַלעם גוט דורכשמועסן, אַצינד וועל איך מיך גיין איבערטון, און דיר וועל איך אַריינשיקן דאָס מיידל.

XIX.

געבליבן אַליין, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ מיטן בליק פון אַ באַלעבאָסטע באַטראַכט איר צימער. אַלץ, װאָס זי האָט געזעען, צופאָרנ־דיק און דורכגייענדיק דורכן הויז און אַצינד אין איר צימער, האָט גע־מאַכט אויף איר אַן איינדרוק פון איבערפלוס און עלעגאַנץ און פון דעם נייעם אייראָפּעישן לוקסוס, װעגן װעלכן זי האָט געלייענט בלויז אין די ענגלישע ראָמאַנען, אָבער נאָך קיינמאָל נישט געזעען אין רוסלאַנד און אין אַ דאָרף. אַלץ איז געװען ניי, אָנהייבנדיק פון די פראַנצויזישע נייע טאַפּעטן ביז צום טעפּיך, מיט װעלכן עס איז באַדעקט געװען דאָס גאַנ־צע צימער. דאָס בעט איז געװען אויף פּרוזשינעס מיט אַ מאַטראַצל און מיט אַ באַזונדערן צוקאָפּנס און ציכלעך פון פּערסישן זייד אויף קליינע קישנס. דער מירמלשטיינערנער װאַש־בעקן, דער טואַלעט, די סאָפקע, די טישן, דער בראָנזענער זייגער אויפן קאַמין, די גאַרדינען און פאָר־טרעטן — דאָס אַלץ זענען געװען טייערע און נייע זאַכן.

דאָס אויסגעפּוצטע שטובּ־מיידל, מיט אַ פריזור און קליידונג מאָ־דעשער, װי בּאַ דאָללין, װאָס איז געקומען פאַרלייגן איר באַדינונג, איז געװען אויך אַזאַ נייע און טייערע, װי דאָס גאַנצע צימער. דאַריאַ אַלעק־סאַנדראָװנען איז געװען אָנגענעם איר העפלעכקייט, ציכטיקייט און גוט־װיליקייט, אָבער עס איז איר געװען נישט באַקװעם מיט איר; זי האָט זיך געשעמט פאַר איר מיט איר פאַרלאַטעטע יאַקעלע, װאָס זי האָט, װי צום אומגליק, דורך אַ טעות איינגעפּאַקט צװישן אירע זאַכן. זי האָט זיך גע־שעמט מיט די זעלבע לאַטקעלעך און פאַרצירעװעטע ערטער, מיט װעלכע זי האָט אַזוי שטאָלצירט אינדערהיים. אינדערהיים איז געװען קלאָר, אַז אויף זעקס יאַקעלעך דאַרף מען האָבן פיר און צװאַנציק אַרשין נאַנקין צו פינף און זעכציק קאָפּיקעס, װאָס עס האָט אויסגעמאַכט מער פון פינפצען רובּל, חוץ אַרבעט־געלט, און דידאָזיקע פינפצען רובּל האָט זי איינגעבּרענגט. אָבער פאַר דעם שטובּ־מיידל איז געװען נישט אַזוי אַ בושה, װי אומבאַקװעם.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ האָט דערפילט אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. װען אין צימער איז אַריינגעקומען איר אַלטע באַקאַנטע אַנושקאַ. דאָס

אויסגעפוצטע שטוב-מיידל איז אַוועקגערופן געוואָרן צו דער מאַדאַם, און אַנושקאַ איז געבליבן מיט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען.

אַנושקאַ איז משמעות געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס די מאַדאַם איז געקומען און האָט כסדר גערעדט. דאָללי האָט באַמערקט, אַז איר האָט זיך געגלוסט אַרויסצוזאָגן איר מיינונג וועגן דער מאַדאַמס לאַגע, באַזונדערס וועגן דעם גראַפס ליבע און איבערגעגעבנהייט צו אַננאַ אַרקאַדיעוונען, נאָר דאָללי האָט זי גלייך אָפּגעשטעלט, ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם.

— איך בין מיט אַננאַ אַרקאַדיעוונען צוזאַמען געהאָדעוועט געוואָרן, זי איז מיר טייערער פון אַלץ. מילא, נישט מיר האָבן דאָס רעכט צו אורטיילן. אָבער אַזוי, דאַכט זיך, ליב האָבן...

— איז, בעט איך דיך, גיב דאָס אויסצוואַשן, אויב מען קאָן, — האָט איר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איבערגעשלאָגן.

— איך הער איך, אויף קלייניקייטן צו וואַשן געפינען זיך בײַ אונז צוויי פרויען באַזונדער, און די גאַנצע וועש ווערט געוואַשן דורך אַ מאַשען. דער גראַף אַליין גיט אויף אַלעם אַכטונג. דאָס איז שוין איינמאָל אַ מאַן...

דאָללי איז געווען צופרידן, ווען אַננאַ איז אַריינגעקומען צו איר און האָט מיט איר קומען איבערגעריסן אַנושקעס פּלוידעריי.

אַננאַ איז געווען איבערגעטון אין אַ גאַנץ איינפאַך באַטיסטן קלייד. דאָללי האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דאָסדאָזיקע איינפאַכע קלייד. זי האָט געוווּסט, וואָס עס באַטייט און פאַר וואָסער געלט עס ווערט איינגעשאַפט דידאָזיקע איינפאַכקייט.

— אַן אַלטע באַקאַנטע, — האָט אַננאַ געזאָגט אויף אַנושקען.

אַננאַ האָט זיך אַצינד שוין נישט געפילט פאַרלעגן. זי איז געווען אינגאַנצן פריי און רויק. דאָללי האָט געזעען, אַז זי האָט אַצינד אינגאַנצן זיך שוין געהאַט באַפרייט פון דעם איינדרוק, וועלכן עס האָט געמאַכט אויף איר דאָס קומען, און האָט אָנגענומען יענעם אויבערפלעכלעכן, גלייכגילטיקן טאָן, בײַ וועלכן די טיר אין יענער אָפּטיילונג אַריין, ווי עס האָבן זיך געפונען אירע געפילן און אינטימע געדאַנקען, וואָלט אַזוי ווי געווען פאַרשלאָסן.

— נו, און וואָס מאַכט דיין מיידעלע, אַננאַ ? — האָט דאָללי געפרעגט.

— אַני ? (אַזוי האָט זי גערופן איר טאָכטער). זי איז געזונט. האָט

זיך זייער פאַרבעסערט. דו ווילסט זי זעען? קום, וועל איך זי דיר ווייזן. עס איז געווען אומגעהייער אַ סך קלאָפּאָטן, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, — מיט די ביאַניעס. מיר האָבן געהאַט אַן איטאַליענישע אַם. אַ גוטע, אָבער אַזאַ נאַרישע! מיר האָבן זי געוואָלט אָפּשאַפן, אָבער דאָס מיידעלע איז אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו איר, אַז מיר האַלטן זי נאָך אַלץ.

— נאָר ווי אַזוי האָט איר אייך איינגעאָרדנט?... — האָט שוין דאַלי אָנגעהויבן צו פרעגן וועגן דעם, ווען מען נאָמען דאָס מיידעלע וועט טראָגן; אָבער, באַמערקט אַננעס פּלוצלינג אָנגעכמורעטע פּנים, האָט זי געענדערט דעם זינען פון דער פראַגע. — ווי אַזוי־זשע האָט איר איינגעאָרדנט: איר האָט זי שוין אַנטווייגט?

אָבער אַננאַ האָט פאַרשטאַנען.

— נישט דאָס האָסטו געוואָלט פרעגן! דו האָסט געוואָלט פרעגן וועגן איר נאָמען? אמת? דאָס מאַטערט אַלעקסייען. זי האָט נישט קיין נאָמען. דאָס הייסט, זי איז — אַ קאַרעניגאַ, — האָט אַננאַ געזאָגט, פאַרזשמורענדיק די אויגן אַזוי, אַז עס האָבן זיך בלויז געזעען די צונויפגעקומענע וויעס, — איבעריקנס, — האָט איר פּנים פּלוצלינג אויפגעשיינט, — וועגן דעם אַלעם וועלן מיר שמועסן שפּעטער. קום, וועל איך זי דיר ווייזן. Eile est tres gentille. זי קריכט שוין אַרום.

דער לוקסוס, וועלכער האָט אינגאַנצן הויז איבערראַשט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען, האָט זי אין קינדער־צימער נאָך מער איבערראַשט. דאָ זענען געווען אי וועגעלעך, אויסגעשריבענע פון ענגלאַנד, אי אינסטרומענטן צום לערנען גיין, אי אַ ספּעציעל געמאַכטע סאָפע אין דער פאָרם פון אַ ביליאַרד צום קריכן, אי הוידעלקעס, אי וואַנעס באַזונדערע, נייע. דאָס אַלץ זענען געווען ענגלישע זאַכן, שטאַרקע און גוטע און משמעות זייער טייערע. דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, זייער אַ הויכס און אַ ליכטיקס.

ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען, איז דאָס מיידעלע אין אַ בלויז העמדעלע געזעסן אין אַ פאָטעלעכל באַם טיש און האָט געטרונקען בוליאָן, מיט וועלכן עס האָט זיך פאַרגאָסן דאָס גאַנצע הערצעלע. אַ רוסיש מיידל, וואָס איז געווען אַלס באַדינערין אין קינדער־צימער, האָט געקאָרמעט דאָס מיידעלע און, משמעות, מיט איר צוזאַמען אַליין אויך געגעסן. סיי די אַם, סיי די ביאַניע זענען נישט געווען; זיי זענען געווען אין שכנותדיקן צימער, און פון דאָרט האָט זיך געהערט זייער רעדן אויף

אַ מאָדנעם פראַנצויזיש, וואָס בלויז אויף אים אַליין האָבן זיי זיך געקאָנט פאַרשטענדיקן.

דערהערט אַננעס קול, האָט אַן אויסגעפוצטע הויכע ענגלענדערין, מיט אַ נישט אָנגענעם פּנים און נישט ריינער אויסשפּראַך, איילִיק צושאָקלענדיק מיט די בלאָנדע לאָקן, זיך באַוויזן אין דער טיר און גלייך זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, הגם אַננאַ האָט זי אין גאָרנישט באַשולדיקט. אויף אַננעס יעדן וואָרט האָט די ענגלענדערין איילִיק עטלעכע מאָל אַ זאָג געטון: „yes my lady".

דאָס שוואַרצבּרעמיקע, שוואַרצהאָריקע, ראָזע מיידעלע, מיטן פעסטן רויטן קערפּערל, דעם איבערגעצויגענעם מיט אַ הינערישער הויט, איז, נישט געקוקט אויף דעם שטרענגן אויסדרוק, מיט וועלכן זי האָט אַ קוק געטון אויף דעם נייעם פּנים, זייער געפעלן געוואָרן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען; זי האָט אפילו מקנא געווען איר געזונט אויסזען. דאָס, ווי אַזוי דאָסדאָזיקע מיידעלע איז געקראָכן, איז איר אויך זייער געפעלן געוואָרן. קיין איינס פון אירע קינדער איז אַזוי נישט געקראָכן. ווען מען האָט זי אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע און איר פון הינטן פאַרשטעקט דאָס קליידעלע, איז דאָסדאָזיקע מיידעלע געווען אומגעהייער באַחנט. ווי אַ חיהלע, קוקנדיק אויף די גרויסע מיט אירע בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן, משמעות פרייענדיק זיך דערפון, וואָס מען שעפּט נחת פון איר, שמייכלענדיק און האַלטנדיק זייטיק די פיס, האָט זי ענערגיש זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, שנעל זיך אַ רוק געטון מיטן גאַנצן הינטנדל און ווידער פאָרויס איבערגעשטעלט די הענטעלעך.

אָבער דער אַלגעמיינער גייסט פון דעם קינדער-צימער און באַזונדערס די ענגלענדערין זענען זייער נישט געפעלן געוואָרן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען. דאָס, וואָס אַננאַ, וועלכע איז אַזאַ מבין געווען אויף מענטשן, האָט געקאָנט נעמען פאַר איר מיידעלע אַזאַ נישט סימפּאַטישע, נישט רעספּעקטאַבעלע ענגלענדערין, האָט זיך דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ דערקלערט בלויז דערמיט, וואָס קיין לייטישע וואָלט נישט געגאַנגען דינען אין אַזאַ נישט געזעצלעכער פאַמיליע אַריין, ווי אַננאַס פאַמיליע איז. חוץ דעם, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ באַלד פון עטלעכע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז אַננאַ, די אַם, די ניאַניע און דאָס קינד האָבן זיך נישט צונויפגעלעבט און אַז דער מוטערס באַזוך איז געווען אַן אומגעוויינלעכע זאַך. אַננאַ האָט געוואָלט געבן דעם מיידעלע איר שפּילעכל און עס נישט געקאָנט געפינען.

אָבער ווונדערלעכער פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס אויף דער פראַגע וועגן דעם, וויפיל צייַן זי האָט שוין, האָט אַננאַ זיך טועה געווען און גאָרנישט בעוווּסט וועגן די צוויי לעצטע צייַן.

— מיר איז טיילמאָל שווער, וואָס איך בין דאָ ווי אַן איבעריקע, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון קינדער־צימער און אויפהייבנדיק איר שלעפּ, כדי נישט צו פאַרטשעפּען די שפּילעכלעך באַ דער טיר. — מיטן ערשטן איז אַנדערש געווען.

— איך האָב געמיינט פאַרקערט, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ נישט דרייסט געזאָגט.

— אָ, ניין! דו ווייסט דאָך, איך האָב אים געזעען, סעריאָזשען, — האָט אַננאַ געזאָגט פאַרזשמורענדיק זיך, ווי אייַנקוקנדיק זיך אין עפּעס ווייטס. — איבעריקנס, וועגן דעם וועלן מיר שמועסן שפּעטער. דו וועסט נישט גלייבן, איך בין פּונקט ווי אַ הונגעריקע, פאַר וועלכער מען האָט פּלוצלינג אָוועקגעשטעלט אַ גאַנץ מיטאָג און זי ווייסט נישט, צו וואָס זיך פריער צו נעמען. דאָס גאַנצע מיטאָג — דאָס ביסטו און מייַנע פאַרשטייענדע געשפּרעכן מיט דיר, וועלכע איך האָב מיט קיינעם נישט געקאָנט האָבן; און איך ווייס נישט, באַ וועלכן געשפּרעך פריער אָנצוהייבן. Mais je ne vous ferai grâce de rien. איך דאַרף אַלץ אַרויסזאָגן. יאָ, איך מוז דיר געבן אַן איבערבליק איבער דער געזעלשאַפט, וועלכע דו וועסט טרעפן באַ אונז, — האָט זי אָנגעהויבן. — איך הייב אָן פון די דאַמען. די פירשטין וואַרוואַראַ. דו קענסט זי, און איך ווייס דייַן און סטיוועס מיינונג וועגן איר. סטיוואַ זאָגט, אַז דער גאַנצער ציל פון איר לעבן באַשטייט אין דעם באַווייַזן איר איבערגעוויכט איבער דער מומע קאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ; דאָס אַלץ איז אמת; אָבער זי איז אַ גוטע און איך בין איר אַזוי דאַנקבאַר. אין פּעטערבורג איז געווען אַ מינוט, ווען מיר איז נייטיק געווען un chaperon. דאָ איז זי אונטערגעקומען. אָבער, כ׳לעבן, זי איז אַ גוטע. זי האָט מיר אַ סך פאַרגרינגערט מייַן לאַגע. איך זע, אַז דו פאַרשטייסט נישט די גאַנצע שוועריקייט פון מייַן לאַגע... דאָרט, אין פּעטערבורג, — האָט זי צוגעגעבן. — דאָ בין איך פולשטענדיק רויק און גליקלעך. נו, אָבער וועגן דעם דערנאָך. מען דאַרף אויסרעכענען. דערנאָך סוויאַזשסקי, — ער איז אַן אָנפירער און איז זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, נאָר ער דאַרף עפּעס פון אַלעקסייען. דו פאַרשטייסט, מיט זייַן פאַרמעגן, אַצינד, ווען מיר האָבן זיך באַזעצט אין דאָרף, קאָן אַלעקסיי האָבן אַ גרויסע השפעה. דערנאָך טושקעוויטש —

קעוויטש, — דו האָסט אים געזען, ער האָט זיך געדרייט אַרום בעטסין. אצינד האָט מען אים אָװעקגעשטעלט, און ער איז געקומען צו אונז. ער איז, ווי אַלעקסיי זאָגט, אײנער פון יענע מענטשן, וועלכע זענען זייער אָנגענעם, אויב מען נעמט זיי אָן פאַר דעם, וואָס זיי ווילן זיין, et puis il est comme il faut, ווי די פירשטין וואַרוואַראַ זאָגט. דערנאָך וועסלאָווסקי... דעם קענסטו. זייער אַ ווויל ייִנגל, — האָט זי געזאָגט, און אַ שעלמישער שמייכל האָט פאַרקרומט אירע ליפּן. — וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ ווילדע מעשה מיט לעווינען? וועסלאָווסקי האָט דערציילט אַלעקסייען, און מיר גלייבן נישט. Il est très gentil et naïf, — האָט זי געזאָגט ווידער מיטן זעלבן שמייכל. — די מענער נייטיקן זיך אין צעשטרייונג, און אַלעקסייען זענען נייטיק מענטשן, דעריבער איז מיר טייער דידאָזיקע גאַנצע געזעלשאַפט. מען דאַרף, אַז בײַ אונז זאָל זיין הייטער און פריילעך און אַז אַלעקסיי זאָל נישט וועלן קיין שום נייעס. דערנאָך וועסטו זען דעם פאַרוואַלטער. אַ דייטש, זייער אַ פיינער, און ער קען זיין פאַך. אַלעקסיי שעצט אים זייער. דערנאָך דער דאָקטאָר, אַ יונגערמאַן, נישט קיין גאַנצער ניהיליסט, נאָר, ווייסטו, ער עסט מיט אַ מעסער... אָבער ער איז זייער אַ גוטער דאָקטאָר. דערנאָך דער אַרכיטעקט... Une petite cour.

XX.

— נו, אָט איז אויך דאָלי, פירשטין, איר האָט זי אַזוי געוואָלט זען, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַרויסגייענדיק צוזאַמען מיט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אויף דער גרויסער שטיינערנער טעראַסע, אויף וועלכער די פירשטין וואַרוואַראַ איז געזעסן אין שאָטן הינטער אַ העפט-רעם, אויסהעפטנדיק אַ פאָטעל-איבערצוג פאַר דעם גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש. — זי זאָגט, אַז זי וויל גאָרנישט ביז מיטאָג, אָבער איר הייסט דערלאַנגען פרישטיק, און איך וועל גיין אָפּזוכן אַלעקסייען און וועל זיי אַלע ברענגען צו פירן.

די פירשטין וואַרוואַראַ האָט ליבלעך און עטוואָס באַשיצעריש אויפגענומען דאָלין און באַלד איר אָנגעהויבן דערקלערן, אַז זי האָט זיך באַזעצט בײַ אַננען דערפאַר, וואָס זי האָט שטענדיק ליב געהאַט מער

ווי איר אייגענע שוועסטער, קאַטערינאַ פּאַוולאָווּנאַ, די זעלבע, וועלכע האָט אויפגעהאָדעוועט אַננען, און אַז אַצינד, ווען אַלע האָבן אַננען פאַרלאָזט, האָט זי געהאַלטן פאַר איר חוב צו העלפן איר אין דעמדאָזיקן שווערסטן איבערגאַנגס-פּעריאָד.

— דער מאַן וועט איר געבן גט, און דעמאָלט וועל איך ווידער אַוועקפאָרן אין מיין איינזאַמקייט, אָבער אַצינד קאָן איך זיין נוצלעך, און איך וועל דערפילן מיין חוב, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין פאַר מיר, נישט אַזוי ווי אַנדערע. און ווי ליב דו ביסט, ווי גוט דו האָסט געטון, וואָס ביסט געקומען! זיי לעבן ווי די בעסטע מאַן און ווייב; זיי וועט משפּטן גאָט, און נישט מיר. און צי האָט דען בירויזאָווסקי און די אַוועניעווא... און ניקאַנדראָוו אַליין, און וואַסיליעוו מיט דער מאַמאָנאָווא, און ליזאַ נעפּטונאָווא... קיינער האָט דאָך גאָרנישט געזאָגט? און עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס אַלע האָבן זיי אויפגענומען. און דערנאָך, c'est un intérieur, si joli, si comme il faut. Tout-à-fait à l'anglaise. On se rèunit le matin au breakfeast et puis on se sèpare. יעדער טוט וואָס ער וויל ביז מיטאָג. דאָס מיטאָג איז זיבן אַ זייגער. סטיוואַ האָט זייער גוט געטון, וואָס ער האָט דיך געשיקט. ער דאַרף זיך האַלטן מיט זיי. דו ווייסט, ער קאָן דורך זיין מוטער און ברודער אַלץ טון. חוצדעם טוען זיי אַ סך גוטס. ער האָט דיר נישט דערציילט וועגן זיין שפּיטאָל? Ce sera admirable, — אַלץ פון פּאַריז.

זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַננען, וואָס האָט געפונען די מענער-געזעלשאַפט אין ביליאַרד-צימער און זיך צוזאַמען מיט זיי אומגעקערט אויף דער טעראַסע. ביז צום מיטאָג איז נאָך געבליבן אַ סך צייט, דאָס וועטער איז געווען אויסגעצייכנט און דעריבער זענען פאָרגעלייגט געוואָרן עטלעכע פאַרשידענע מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרברענגען דידאָזיקע איבערגעבליבענע צוויי שעה. מיטלען ווי אַזוי צו פאַרברענגען די צייט איז אין וואָזדוויזשענסקאָיע געווען זייער אַ סך, און אַלע זענען געווען נישט די, וואָס מען פלעגט באַנוצן אין פּאָקראָווסקאָיע.

— Une partie de lawn tennis, — האָט וועסלאָווסקי פאָרגעלייגט, שמייכלענדיק מיט זיין שיינעם שמייכל. — איך ווידער מיט אייך, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ.

— ניין, ס'איז הייס; עס איז בעסער זיך דורכצוגיין איבערן גאָרטן

און אין אַ שיפּל זיך איבערצושיפן, צו ווייזן דאַריע אַלעקסאַנדראָווגען די ברעגן, — האָט וורואָנסקי פאַרגעלייגט.

— איך באַשטיי אויף אַלץ, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט.

— איך מיין, אַז דאָלליי וועט זיין אָנגענעמער פון אַלץ זיך דורכצוגיין, נישט אמת? און דערנאָך ערשט אין אַ שיפל, — האָט אַננאַ געזאָגט.

אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן. וועסלאָווסקי און טושקעוויטש זענען געגאַנגען צום טייך-בעדל און צוגעזאָגט דאָרט צוצוגרייטן אַ שיפל און צוווארטן.

אין צוויי פּאָרן זענען זיי געגאַנגען איבערן שטעגל: אַננאַ מיט סוויאַזשסקין און דאָלליי מיט וורואָנסקין. דאָלליי איז געווען עטוואָס פאַרלעגן און פאַרזאָרגט פון דער גאַנץ נייער סביבה פאַר איר, אין וועלכער זי איז אַריינגעפאַלן. אַבסטראַקט, טעאָרעטיש, האָט זי נישט בלויז באַרעכטיקט, נאָר אפילו געהאַלטן פאַר גוט אַננעס שריט. ווי בכלל נישט זעלטן פאַרוורפסלאָז מאָראַלישע פרויען, וואָס ווערן מיד פון דעם איינטעניק מאָראַלישן לעבן, האָט זי פונווייטנס נישט בלויז מוחל געווען די פאַרברעכערישע ליבע, נאָר אפילו מקנא געווען פאַר איר. חוצדעם, האָט זי האַרציק ליב געהאַט אַננען. אָבער אין דערווירקלעכקייט, דערזעענדיק זי אין דער סביבה פון דידאָזיקע פאַר איר פרעמדע מענטשן, מיט זייער נייעם פאַר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגען גוטן טאָן, איז איר געווען נישט באַקוועם. באַזונדערס איז איר געווען נישט אָנגענעם צו זען די פירשטין וואַרוואַראַ, וואָס האָט זיי אַלץ מוחל געווען פאַר די באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זי האָט בײַ זיי געגאָסן.

בכלל, אַבסטראַקט האָט דאָלליי געהאַלטן פאַר גוט אַננעס שריט, אָבער צו זען דעמדאָזיקן מענטש, פאַר וועלכן דערדאָזיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן, איז איר געווען נישט אָנגענעם. חוצדעם, איז איר וורואָנסקי קיינמאָל נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אים געהאַלטן פאַר זייער אַ שטאָלצן און נישט געזעען אין אים גאָרנישט אַזוינס חוץ רייכקייט, מיט וועלכן ער זאָל קאָנען שטאָלצירן. אָבער קעגן איר ווילן, האָט ער דאָ, בײַ זיך אינדערהיים, נאָך מער איר אימפּאָנירט. ווי פריער, און זי האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן פריי מיט אים. זי האָט איבערגעלעבט אין זיין קעגנוואַרט אַ געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט מיטן שטוב-מיידל, צוליב דעם יאַקעלע. ווי עס איז איר פאַר דעם שטוב-מיידל געווען נישט אַזוי בזיונדיק, ווי אומבאַקוועם פאַר די לאַטקע-

לעך, אַזוי איז איר אין זיין קעגנוואַרט תמיד געווען נישט אַזוי בזיונדיק, ווי אומבאַקוועם פאַר זיך אַליין.

דאַללי האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט און געזוכט וועגן וואָס צו רעדן. הגם זי האָט געהאַלטן, אַז בײַ זיין שטאָלצקייט דאַרפן אים זיין נישט אָנגענעם קיין לויב־ווערטער וועגן זיין הויז און גאָרטן, האָט זי דאָך נישט געפונען עפּעס אַנדערש וועגן וואָס צו רעדן און אים געזאָגט, אַז זיין הויז איז איר זייער געפעלן געוואָרן.

— יאָ, דאָס איז זייער אַ שיינע געביידע און אין אַ פיינעם, אַלט־ערטימלעכן סטיל, — האָט ער געזאָגט.

— מיר איז זייער געפעלן דער הויף פאַר דער אַפּיצינע. דאָס איז אַזוי געווען?

— אָ, ניין! — האָט ער געזאָגט, און זיין פּנים האָט אויפגעשיינט פון פאַרגעניגן. — ווען איר וואָלט געזען דעמדאָזיקן הויף היינטיקן פרילינג!

און ער האָט אָנגעהויבן פריער פאָרזיכטיק, און דערנאָך מיט אַלץ מער און מער עקזאַלטאַציע, זי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף די פאַרשיידענע פרטים, מיט וועלכע דאָס הויז און דער גאָרטן זענען פאַרצירט געווען. עס איז קענטיק געווען, אַז, נאָכדעם ווי ווראָנסקי האָט געווידמעט אַ סך מי דער פאַרבעסערונג און פאַרשענערונג פון זיין פּאַלאַץ, האָט ער געפילט אַ נייטיקייט זיך צו לויבן מיט דעם פאַר אַ נייער פּערזאָן און האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס לויב־ווערטער.

— אויב איר ווילט כאַפּן אַ בליק אויפן שפּיטאָל און זענט נישט מיד, איז דאָס נישט ווייט. קומט, — האָט ער געזאָגט, אַ בליק געבנדיק אין איר פּנים אַריין, כדי זיך איבערצוצייגן, צי איר איז טאַקע נישט לאַנגווייליק.

— דו וועסט גיין, אַננאַ? — האָט ער זיך געווענדט צו איר.

— מיר וועלן גיין. נישט אמת? — האָט זי זיך געווענדט צו סוויאַזשסקין. — Mais il ne faut pas laisser le pauvre וועסלאָווסקי et טושקעוויטש se morfondre là dans le bateau. מען דאַרף זיי שיקן זאָגן. — יאָ, דאָס איז אַ דענקמאָל, וואָס ער שטעלט דאָ, — האָט אַננאַ געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דאַללין מיטן זעלבן כיטרע־קלוגן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט פריער גערעדט וועגן שפּיטאָל.

— אָ, דאָס איז אַ קאַפּיטאַלע זאַך! — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט. אָבער כדי עס זאָל נישט אויסזען, אַז ער רעדט סתם אַזוי צוליב ווראָנ־

סקין, האָט ער גלייך צוגעגעבן אַ לייכט טאַדלענדיקן באַמערקונג. — איך וווּנדער מיך פונדעסטוועגן, גראַף, — האָט ער געזאָגט, — ווי אַזוי איר, וואָס טוט אַזוי פיל אין סאַניטאַרער הינזיכט פאַרן פאָלק, זענט גלייכגילטיק צו די שולן.

,C’est devenu tellement commun, les écoles — האָט וראָנסקי געזאָגט. — איר פאַרשטייט, נישט צוליב דעם, נאָר סתם אַזוי, איך האָב מיך עקזאַלטירט. דאָ אַרום צום שפּיטאָל, — האָט ער זיך געווענדט צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אָנווייזנדיק אויף אַ זייטיקן אַרויסגאַנג פון דער אַלעע.

די דאַמען האָבן געעפנט די שירעמס און זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ זייטיק שטעגל. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך עטלעכע מאָל אַנגעדרייט און זענען אַרויסגעגאַנגען פון טירל, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויף אַ הויך אָרט דערזעען פאַר זיך אַ גרויסע, שיינע, שוין כמעט פאַרטיקע געביידע פון אַן אימפּאָזאַנטער פאָרם. דער נאָך נישט געפאַרבטער אייזערנער דאַך האָט בלענדנדיק געגלאַנצט אויף דער העלער זון. לעבן דער פאַרענדיקטער געביידע האָט זיך דערהויבן אַ צווייטע, אַרומגערינגלט מיט רושטאָוואַניעס, און אַרבעטער אין פאַרטיכער האָבן געלייגט ציגל, געגאָסן עפּעס פון שעפּעלעך אויף די ציגל און געמאָסטן מיט וואַסערוואָגעס.

— ווי שנעל די אַרבעט גייט בא אייך! — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט. — ווען איך בין געווען דאָס לעצטע מאָל, איז נאָך דער דאַך נישט געווען.

— אַרום האַרבסט-צייט וועט אַלץ זיין פאַרטיק. אינעווייניק איז שוין כמעט אַלץ אויסגעפאַרטיקט, — האָט אַנאַ געזאָגט.

— און וואָס איז דאָס עפּעס נייעס?

— דאָס איז אַ וווינונג פאַרן דאָקטאָר און פאַר אַן אַפּטייק, — האָט וראָנסקי געענטפערט, דערזעענדיק דעם אַרכיטעקטאָר אין אַ קורצן פאַלטן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים, און, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די דאַמען, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַקעגן אים.

דורכגייענדיק דעם קאַלך-גרוב, פון וועלכן די אַרבעטער האָבן אָנגענומען קאַלך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיטן אַרכיטעקטאָר און עפּעס הייס אָנגעהויבן צו רעדן.

— דער פּראָנטאָן קומט אַלץ אויס נידעריקער, — האָט ער געענטפערט אַננען, וועלכע האָט געפרעגט אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— איך האָב געזאָגט, אַז מען האָט געדאַרפט דעם פונדאַמענט אויפהייבן, — האָט אַננאַ געזאָגט.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, עס וואָלט בעסער געווען, אַננאַ אַרקאַדיעווגאַ, — האָט דער אַרכיטעקטאָר געזאָגט, — אָבער עס איז שוין פאַרפאַלן.

— יאָ, איך אינטערעסיר מיך זייער מיט דעם, — האָט אַננאַ געזאָגט סוויאַזשסקין, וואָס האָט זיך געוווּנדערט אויף איר באַהאַוונטקייט אין אַרכיטעקטור. — מען דאַרף, אַז די נייע געביידע זאָל זיין אַנטשפּרעכנד צום שפּיטאָל. אָבער זי איז צוגעטראַכט געוואָרן שפּעטער און אָנגעהויבן געוואָרן אָן אַ פּלאַן.

פאַרענדיקט דעם געשפּרעך מיטן אַרכיטעקטאָר, האָט ווראָנסקי זיך אומגעקערט צו די דאַמען און זיי אַריינגעפירט אינעווייניק אין שפּיטאָל.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אינדרויסן האָט מען ערשט פאַרענדיקט די קאַרניזן און אין אונטערשטן גאָרן האָט מען געפאַרבט, איז אין אייבערשטן שוין אַלץ כמעט געווען אויסגעפּאַרטיקט. אַרויפגעקומען מיט די ברייטע אייזערנע טרעפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין ערשטן גרויסן צימער. די ווענט זענען געווען געטינקעוועט אין דער פאָרם פון מירמלשטיין, די ריזיקע פיינע פענצטער זענען שוין געווען אַריינגעשטעלט, בלויז די פּאַרקעט־פּאָדלאָגע איז נאָך נישט געווען געענדיקט, און די סטאָליאַרעס, וואָס האָבן געהובלעוועט אַן אויפגעהויבענעם קוואַדראַט, האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן, כדי אַראָפּצונעמען די טאַשמעלעך, וואָס האָבן צוגעהאַלטן זייערע האָר, און זיך צו באַגריסן מיט די הערן.

— דאָס איז דאָס אויפנאַמצימער, — האָט ווראָנסקי געזאָגט. — דאָ וועט זיין אַ פּיופּיטר, אַ טיש, אַ שאַנק און מער גאָרנישט.

— אַהער, דאָ קומט אַריין. גייט נישט צו צום פענצטער, — האָט אַננאַ געזאָגט, פּרוּוונדיק, צי די פאַרב איז שוין אויסגעטרוקנט. — אַלעקסיי, די פאַרב איז שוין אויסגעטרוקנט, — האָט זי צוגעגעבן.

פון אויפנאַמצימער זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר. דאָ האָט זיי ווראָנסקי געוויזן אַן איינגעריכטעטע ווענטילאַציע פון אַ נייעם סיסטעם. דערנאָך האָט ער געוויזן מירמלשטיינערנע וואַנעס, בעטן מיט אומגעוויינלעכע פּרוזשינעס. דערנאָך האָט ער געוויזן איינעם נאָכן צווייטן די

זאַלן, די שפּייז-קאַמער, דאָס צימער אויף וועש, דערנאָך אייוונס פון אַ נייעם פאַסאָן, דערנאָך וועגעלעך אַזעלכע, וואָס וועלן נישט אָנמאַכן קיין גערויש, ווען מען וועט אין זיי איבערן קאָרידאָר צופירן די נייטיקע זאַכן, און נאָך אַ סך אַנדערע איינריכטונגען. סוויאַזשסקי האָט אָפּגעשאַצט אַלץ, ווי אַ מענטש, וואָס איז באַקאַנט מיט אַלע נייע פאַרפּולקאָמונגען. דאָללי האָט זיך פּשוט געוווּנדערט פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט נאָך ביז אַצינד נישט געזען און, ווילנדיק אַלץ פאַרשטיין, האָט זי זיך וועגן אַלעם אויספירלעך אויסגעפרעגט, וואָס עס האָט משמעות פאַרשאַפט פאַרגעניגן ווראָנסקין.

— יאָ, איך מיין, אַז דאָס וועט זיין דאָס איינציקע אינגאַנצן ריכטיק איינגעאָרדנטע שפּיטאָל אין רוסלאַנד, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט.

— און עס וועט נישט זיין בא אייך קיין אָפּטיילונג פאַר קימפּעטאָרינס? — האָט דאָללי געפרעגט, — דאָס איז אַזוי נייטיק אין דאָרף. איך האָב אָפט...

נישט געקוקט אויף זיין העפלעכקייט, האָט ווראָנסקי איר איבערגעשלאָגן.

— דאָס איז נישט קיין הויז פאַר קימפּעטאָרינס, נאָר אַ שפּיטאָל, און איז באַשטימט פאַר אַלע קראַנקייטן, אַ חוץ אָנשטעקנדע, — האָט ער געזאָגט. — און אָט זעט נאָר דאָס... — און ער האָט צוגעפירט צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגען אַ ניי אויסגעשריבענעם פאָטעל פאַר אַזעלכע, וואָס הייבן אָן געזונט ווערן. — זעט נאָר. — ער האָט זיך אריינגעזעצט אין פאָטעל און אָנגעהויבן זיך באַוועגן. — איינער קאָן נישט גיין, ער איז נאָך שוואַך אָדער איז קראַנק אויף די פיס, אָבער אים איז נייטיק לופט, און ער פאָרט אַרום...

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך מיט אַלעם אינטערעסירט, אַלץ איז איר זייער געפעלן, אָבער מער פון אַלץ איז איר געפעלן ווראָנסקי אַליין מיט דעמדאָזיקן נאַטירלעכן נאַיוון עקזאַלטירן זיך. „יאָ, דאָס איז זייער אַ ליבער, גוטער מענטש”, האָט זי טייל מאָל געטראַכט, נישט הערנדיק אים, אָבער געקוקט אויף אים, אַריינגעדרונגען אין זיין אויסדרוק און אין רעיון זיך געשטעלט אויף אַנגעס אָרט. ער איז איר אַצינד אַזוי געפעלן אין זיין הייטערקייט, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, ווי אַננאַ האָט געקאָנט זיך פאַרליבן אין אים.

XXI.

— ניין, איך מיין, אַז די פירשטין איז מיד און די פערד אינטע־רעסירן זי נישט, — האָט ווראָנסקי געזאָגט אַננען, וואָס האָט פאָרגעלייגט צוצוגיין צו דער פערד־שטאַל, ווו סוויאַזשסקי האָט געוואָלט זעען אַ נייעם זשרעבאָק. — איר גייט, און איך וועל באַגלייטן די פירשטין אַהיים, מיר וועלן אַ ביסל שמועסן, — האָט ער געזאָגט. — אויב איך איז אַנגע־נעם? — האָט ער זיך געווענדט צו איר.

— אויף פערד בין איך אינגאַנצן קיין מבין נישט, און איך בין זייער צופרידן, — האָט געזאָגט די עטוואָס פאַרוווּנדערטע דאַריאַ אַלעק־סאַנדראָוונאַ.

זי האָט געזעען לויט ווראָנסקיס פּנים, אַז ער דאַרף עפּעס פון איר. זי האָט זיך נישט טועה געווען. ווי נאָר זיי זענען אַריינגעגאַנגען דורכן טירל ווידער אין גאָרטן, האָט ער אַ קוק געטון אין יענער זייט אַריין, וווהין אַננאַ איז אַוועקגעגאַנגען, און, איבערצייגנדיק זיך, אַז זי קאָן זיי — נישט הערן, נישט זעען, האָט ער אָנגעהויבן:

— איר האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מיר ווילט זיך אַ ביסל רעדן מיט אייך, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף איר מיט לאַכנדיקע אויגן. — איך האָב נישט קיין טעות, אַז איר זענט אַננעס אַ פריינט. — ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, אַרויסגענומען דאָס טיכל און אָנגעהויבן זיך אָפּווישן דערמיט זיין קאָפּ, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פּליכיק ווערן.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט גאָרנישט געענטפערט און בלויז דערשראָקן אַ קוק געטון אויף אים. ווען זי איז געבליבן מיט אים אַליין, איז איר פּלוצלינג געוואָרן שרעקלעך: די לאַכנדיקע אויגן און דער שטרענגער אויסדרוק האָבן זי געשראָקן.

די פאַרשידנאַרטיקסטע השערות פון דעם, וועגן וואָס ער קלויבט זיך צו רעדן מיט איר, זענען דורכגעפלויגן אין איר קאָפּ: „ער וועט מיך בעטן אַריבערצופאָרן צו זיי מיט די קינדער צו גאַסט, און איך וועל אים מוזן אָפּזאָגן; אָדער אַז איך זאָל אין מאָסקווע שאַפן אַ קרייז פאַר אַננען... אָדער אפשר וועגן וואַסענקאַ וועסלאָווסקי און זיינע באַציונגען צו אַננען? און אפשר וועגן קיטין, וועגן דעם, אַז ער פילט זיך שולדיק?

זי האָט פֿאַרגעזעזן בלויז נישט אָנגענעמע זאַכן, אָבער נישט געטראָפֿן דאָס, וועגן וואָס ער האָט געוואָלט רעדן מיט איר.

— איר האָט אַזאַ השפּעה אויף אַננען, זי האָט אייך אַזוי ליב, — האָט ער געזאָגט, — העלפֿט מיר.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט פֿרעגנדיק נישט דרייסט געקוקט אויף זיין ענערגיש פּנים, וואָס איז דאָ אינגאַנצן, דאָ טיילווייז באַלויכטן געוואָרן מיט זון אין שאָטן פֿון די ליפּעס, דאָ ווידער באַדעקט געוואָרן מיט שאָטן, און געוואַרט אויף דעם, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן; נאָר ער האָט געשאַרט מיטן שפּיצרוט איבער די קליינע שטיינדלעך און איז שווייגנדיק געגאַנגען לעבן איר.

— אויב איר זענט געקומען צו אונז, איר, די איינציקע פֿרוי פֿון אַננעס פֿריערדיקע פֿריינט — איך רעכן נישט די פּירשטין וואַרוואַראַ, — פֿאַרשטיי איך, אַז איר האָט דאָס געטון נישט דערפֿאַר, וואָס איר האַלט אונזער לאַגע פֿאַר נאָרמאַל, נאָר דערפֿאַר. וואָס איר, פֿאַרשטייענדיק די גאַנצע שווערקייט פֿון דעראָזיקער לאַגע, האָט זי נאָך אַלץ ליב און ווילט איר העלפֿן. צי האָב איך אייך ווי געהעריק פֿאַרשטאַנען? — האָט ער געפֿרעגט, זיך אומקוקנדיק אויף איר.

— אָ, יאָ, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געענטפֿערט, פֿאַרמאַכנדיק דעם שירעם, — אָבער...

— ניין, — האָט ער איבערגעשלאָגן און, נישט ווילנדיק פֿאַרגעסן, אַז ער שטעלט מיט דעם זיין מיטשמועסערין אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי אַז זי האָט זיך אויך געמוזט אָפּשטעלן. — קיינער פֿילט נישט מער און שטאַרקער פֿון מיר די גאַנצע שווערקייט פֿון אַננעס לאַגע. און דאָס איז פֿאַרשטענדלעך, אויב איר פֿאַרשאַפֿט מיר דעם כּבוד מיך צו האַלטן פֿאַר אַ מענטש, וואָס האָט אַ האַרץ. איך בין די סיבה פֿון דעראָזיקער לאַגע און דעריבער פֿיל איך זי.

— איך פֿאַרשטיי, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, נישט ווילנדיק געשעפּט נחת פֿון אים, ווי אויפֿריכטיק און זיכער ער האָט דאָס געזאָגט. — אָבער טאַקע דערפֿאַר, וואָס איר פֿילט, אַז איר זענט די סיבה, האָב איך מורא, אַז איר כאַפּט איבער, — האָט זי געזאָגט. — איר לאַגע איז אַ שווערע אין דער הויכער געזעלשאַפֿט, איך פֿאַרשטיי.

— אין דער הויכער געזעלשאַפֿט איז דאָס אַ גיהנום! — האָט ער שנעל אַ זאָג געטון און זיך פֿינצטער אָנגעכמורעט. — עס איז נישט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן קיין מאָראַלישע פּיין ערגער פֿון די, וועלכע זי

האָט צוויי וואָכן איבערגעלעבט אין פעטערבורג... און איך בעט אייך דאָס צו גלייבן.

— יאָ, אָבער דאָ, אַזוי לאַנג, ווי נישט אַנגאַ... נישט איר פילט נישט קיין בייטיקייט אין דער הויכער געזעלשאַפט...

— די הויכע געזעלשאַפט! — האָט ער מיט פאַראַכטונג געזאָגט, — וואָס קאָן מיך אָנגיין די הויכע געזעלשאַפט?

— אַזוי לאַנג — און דאָס קאָן זיין שטענדיק — זענט איר גליקלעך און רויק. איך זע לויט אַננען, אַז זי איז גליקלעך, פולשטענדיק גליקלעך, זי האָט מיר שוין באַוויזן איבערצוגעבן, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ שמייכלענדיק געזאָגט; און זאָגנדיק דאָס, האָט זי נישט ווילנדיק געצווייפלט אין דעם, צי אַנגאַ איז טאַקע גליקלעך.

אָבער וראָנסקי האָט, דאַכט זיך, נישט געצווייפלט אין דעם.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט. — איך ווייס, אַז זי האָט אויפגעלעבט נאָך אַלע אירע ליידן; זי איז גליקלעך. זי איז גליקלעך מיט דער קעגנוואַרט. נאָר איך?.. איך האָב מורא פאַר דעם, וואָס דערוואַרט אונז... אַנטשולדיקט, איר ווילט גיין?

— ניין, אַלצאיינס.

— נו, איז לאָמיר זיך דאָ זעצן.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך געזעצט אויף אַ גאָרטן-באַנק אין עק פון דער אַלעע. ער איז שטיין געבליבן פאַר איר.

— איך זע, אַז זי איז גליקלעך, — האָט ער איבערגעחזרט. און דער ספק וועגן דעם, צי זי איז טאַקע גליקלעך, האָט נאָך שטאַרקער באַהערשט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען. — אָבער צי קאָן דאָס אַזוי לאַנג געדויערן? צי מיר האָבן גוט אָדער שלעכט געהאַנדלט — דאָס איז אַ צווייטע פראַגע; נאָר די זאַך איז געשען, — האָט ער געזאָגט, איבערגייענדיק פון רוסיש אויף פראַנצויזיש, — און מיר זענען פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן. מיר זענען פאַרייניקט דורך די פאַר אונז הייליקסטע בענדער פון ליבע. מיר האָבן אַ קינד, מיר קאָנען האָבן נאָך קינדער. אָבער דאָס געזעץ און אַלע באַדינגונגען פון אונזער לאַגע זענען אַזעלכע, אַז עס שאַפן זיך טויזנטער קאָמפּליקאַציעס, וועלכע זי זעט נישט און וויל נישט זען אַצינד, ווען איר נשמה רוט אָפּ פון אַלע ליידן און נסיונות. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. אָבער איך קאָן נישט נישט זען. מיין טאָכטער איז לויטן געזעץ — נישט מיין טאָכטער, נאָר קאַרענינס. איך וויל נישט דידאָזיקע פאַלשקייט! — האָט ער געזאָגט מיט אַן ענערגישן

זשעסט פון אָפּוועגדונג און טרויעריק־פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט און בלויז געקוקט אויף אים. ער האָט ווייטער גערעדט:

— מאָרגן ווערט געבוירן אַ זון, מיינס אַ זון, און ער איז לויטן געזעץ — אַ קאַרענין, ער איז נישט דער יורש נישט פון מיין נאָמען, נישט פון מיין פאַרמעגן, און ווי גליקלעך מיר זאָלן נישט זיין אין דער פאַמיליע, און וויפיל קינדער מיר זאָלן נישט האָבן, איז צווישן מיר און זיי נישטאָ קיין פאַרבינדונג. זיי זענען קאַרענינס. פאַרשטייט די שווערקייט און שרעקלעכקייט פון דערדאָזיקער לאַגע! איך האָב געפּרוּווט זאָגן וועגן דעם אַננען, דאָס רייצט זי אויף. זי פאַרשטייט נישט, און איך קאָן א י ר נישט אַלץ אַרויסזאָגן. אַצינד גיט אַ קוק פון דער צווייטער זייט. איך בין גליקלעך, גליקלעך מיט איר ליבע, נאָר איך מוז האָבן אַ באַשעפטיקונג. איך האָב געפונען דידאָזיקע באַשעפטיקונג, שטאָלציר מיט איר, און האַלט זי פאַר פיינער, ווי די באַשעפטיקונגען פון מיינע געוועזענע חברים באַם הויף און אין דער דינסט. און וועל שוין, אָן ספק, נישט בייטן מיין טעטיקייט אויף זייער טעטיקייט. איך אַרבעט דאָ, זיצנדיק אויפן אָרט, און איך בין גליקלעך, צופרידן, און מיר דאַרפן גאָרנישט מער כדי צו זיין גליקלעך. איך האָב ליב דידאָזיקע טעטיקייט. Cela n'est pas un pisaller, פאַרקערט...

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט באַמערקט, אַז אויף דעם אָרט פון זיין דערקלערונג האָט ער זיך געפּלאָנטערט, און זי האָט נישט גוט פאַרשטאַנען דידאָזיקע אָפּווייכונג. אָבער געפילט, אַז אויב ער האָט שוין איינמאָל אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיינע אינטימע באַציונגען, וועגן וועלכע ער האָט נישט געקאָנט רעדן מיט אַננען, האָט ער אַצינד אַרויסגעזאָגט אַלץ און אַז די פראַגע וועגן זיין טעטיקייט אין דאָרף האָט זיך געפונען אין דער זעלבער אָפּטיילונג פון די אינטימע געדאַנקען, ווי די פראַגע וועגן זיינע באַציונגען צו אַננען.

— בכן, זעץ איך פאָר, — האָט ער געזאָגט אויפוואַכנדיק. — דער עיקר איז דאָך, אַז ווען מען אַרבעט, איז נייטיק צו האָבן די איבערצייגונג, אַז דאָס, וואָס מען אַרבעט, וועט נישט מיטשטאַרבן מיט מיר, אַז איך וועל האָבן יורשים, — און די איבערצייגונג האָב איך נישט. שטעלט אייך פאָר די לאַגע פון אַ מענטש, וועלכער ווייסט פאָרויס, אַז די קינדער פון אים און זיין געליבטער פרוי וועלן נישט זיין זיינע, נאָר

ווען מענס אַנדערש, דעמס, ווער עס האָסט זיי און וויל זיי נישט קענען. דאָס איז דאָך שרעקלעך!

ער איז שטיל געבליבן, משמעות, שטאַרק אויפגערעגט.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, איך פאַרשטיי דאָס. אָבער וואָס־זשע קאָן אַננאַ טון? — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געפרעגט.

— יאָ, דאָס ברענגט מיך צום ציל פון מיין רעדן, — האָט ער געזאָגט, און קוים זיך באַרויקט. — אַננאַ קאָן, דאָס הענגט אָפּ פון איר... אפילו כדי צו בעטן דעם קייסער וועגן אַדאָפּטאַציע, איז אויך נייטיק אַ גט. און דאָס הענגט אָפּ פון אַננען. איר מאַן איז איינגעגאַנגען אויף אַ גט — דעמאָלט האָט אייער מאַן דאָס שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן דורכגעפירט. און איך ווייס, אַז ער וואָלט אַצינד אויך נישט אָפּגעזאָגט. מען דאַרף אים בלויז אָנשרייבן. ער האָט דעמאָלט גלייך געענטפערט, אַז אויב זי וועט פאַרלאַנגען, וועט ער נישט אָפּזאָגן. פאַרשטייט זיך, — האָט ער מרה־שחורהדיק געזאָגט, — דאָס איז איינס פון די פאַריסעישע גרויזאַמקייטן, אויף וועלכע עס זענען פעיק בלויז מענטשן אָן אַ האַרץ. ער ווייסט, וויפיל פיין זי קאָסט יעדע דערינערונג וועגן אים, און, וויסנדיק דאָס, פאָדערט ער אַ בריוו פון איר. איך פאַרשטיי, אַז איר איז פיינלעך. אָבער די סיבות זענען אַזעלכע וויכטיקע, אַז מען מוז passer pardessus tou-tes ces finesses de sentiment. Il y va du bonheur et de l'existence d'Anne et de ses enfants. איך רעד נישט וועגן מיר, הגם מיר איז שווער, זייער שווער, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון דראָונג פאַר עמעצן דערפאַר, וואָס אים איז שווער. — איז אָט, פירשטין, איך כאַפּ מיך אָן אָן אייך, ווי אָן אַ רעטונגס־אַנקער. העלפט מיר זי אָנרעדן צו שרייבן צו אים און פאָדערן אַ גט!

— יאָ, פאַרשטייט זיך, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאַרטראַכט געזאָגט, זיך בולט דערמאַנענדיק איר לעצטע זעונג מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. — יאָ, פאַרשטייט זיך, — האָט זי אַנטשלאָסן איבערגעחזרט, זיך דערמאַנענדיק אָן אַננען.

— באַנוצט אייער ווירקונג אויף איר, זעט, אַז זי זאָל אָנשרייבן. איך וויל נישט און קאָן כמעט נישט רעדן מיט איר וועגן דעם.

— גוט, איך וועל רעדן. אָבער ווי אַזוי טראַכט זי אַליין נישט, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, איבער עפּעס באַ דעם זיך פּלוצלינג דערמאַנענדיק אַננעס מאָדנע נייע טבע זיך צו זשמורען. און זי האָט זיך דערמאַנט, אַז אַננאַ פּלעגט זיך זשמורען טאַקע, ווען עס פּלעגן

באַרירט ווערן די אינטימע זייטן פון איר לעבן. „פונקט ווי זי וואָלט זיך פאַר איר לעבן געזשמורעט, כדי נישט אַלץ צו זעען", האָט דאָללי אַ קלער געטון. — איך וועל אומבאַדינגט רעדן מיט איר. איך וועל דאָס טון צוליב מיר און איר, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געענטפערט אויף זיין דאַנקבאַרן אויסדרוק.

זיי זענען אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צום הויז.

XXII.

געטראָפן דאָללין שוין צוריקגעקומען, האָט אַננאַ אויפמערקזאַם איר אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט זי געפרעגט וועגן דעם געשפרעך, וועלכן זי האָט געהאַט מיט ווראָנסקין, אָבער נישט געפרעגט מיט קיין ווערטער.

— דאַכט זיך, אַז עס איז שוין צייט צו מיטאָג, — האָט זי געזאָגט. — מיר האָבן זיך נאָך גאָרנישט געזעען. איך שטעל אויס אויפן אָוונט. אַצינד דאַרף מען גיין זיך איבערטון. איך מיין, אַז דו אויך. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשמירט באַם באַקוקן די אַרבעט אַרום די בנינים.

דאָללי איז אַוועקגעגאַנגען אין איר צימער אַריין, און איר איז געוואָרן קאָמיש. איבערצוטון זיך האָט זי נישט געהאַט אין וואָס, ווייל זי האָט שוין געהאַט אָנגעטון איר שענסט קלייד; אָבער, כדי צו באַצייכענען מיט עפּעס איר צוגרייטן זיך צום מיטאָג, האָט זי געבעטן דאָס שטובמיידל איר אָפּצופוצן דאָס קלייד, האָט געביטן די מאַנקעטלעך און די באַנד און אָנגעטון שפּיצן אויפן קאָפּ.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט טון, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט אַננען, וועלכע איז אין אַ דריטן, ווידער זייער איינפאַכן קלייד אַרויסגעקומען צו איר.

— יאָ, מיר זענען דאָ זייער פאַרשווענדעריש, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר רייכער קליידונג. — אַלעקסיי איז צופרידן פון דיין קומען, ווי ער איז זעלטן צופרידן פון עפּעס. ער איז ממש פאַרליבט אין דיר, — האָט זי צוגעגעבן. — און דו ביסט נישט מיד?

ביז מיטאָג איז נישט געווען קיין צייט צו רעדן וועגן עפּעס. אַריינקומענדיק אין גאַסטצימער, האָבן זיי שוין געטראָפן דאָרט די פירשטין וואַרוואַראַ און די מענער אין שוואַרצע סורדוטן. דער אַרכיטעקטאָר איז געווען אין אַ פראַק. וראָנסקי האָט פאָרגעשטעלט פאַרן גאַסט דעם דאָקטאָר און דעם פאַרוואַלטער. דעם אַרכיטעקט האָט ער באַקענט מיט איר נאָך אין שפּיטאָל.

דער דיקער הויף־מייסטער, מיטן גלאַנציקן קיילעכיקן געגאָלטן פּנים און געפּרעסטן שלייף פון דעם ווייסן שניפּס, האָט געמאָלדן, אַז דאָס עסן איז פאַרטיק, און די דאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן. וראָנסקי האָט געבעטן סוויאַזשסקין צו דערלאַנגען די האַנט אַננאַ אַרקאַדיעוונען, און ער אַליין איז צוגעגאַנגען צו דאָללין. וועסלאָווסקי האָט פריער פאַר טושקעוויטשן דערלאַנגט די האַנט דער פירשטין וואַרוואַראַ, אַזוי, אַז טושקעוויטש מיטן פאַרוואַלטער און דעם דאָקטאָר זענען געגאַנגען אַליין.

דאָס מיטאָג, דאָס עסצימער, דאָס געשיר, די דינערשאַפט, דער ווייַן און דאָס עסן האָבן נישט בלויז האַרמאָנירט מיט דעם אַלגעמיינעם טאָן פון נייעם לוקסוס אין הויז, נאָר זענען, דאַכט זיך, געווען נאָך גרויסאַרטיקער און נייער פון אַלץ. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן פאַר איר נייעם לוקסוס און, הגם זי האָט פון דעם אַלעם געזעענעם גאָרנישט געהאָפט עפּעס איינצופירן בא זיך אין הויז, — אַזוי ווייט לויטן לוקסוס איז דאָס אַלץ געווען פון איר אַרט לעבן, — איז זי דאָך, ווי אַ באַלעבאָסטע, וואָס פירט אַ הויז, נישט ווילנדיק אַריינגעדרונגען אין אַלע איינצלהייטן און זיך געשטעלט אַ פראַגע, ווער און ווי אַזוי עס האָט דאָס אַלץ איינגעאָרדנט. וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, איר מאַן און אפילו סוויאַזשסקי און אַ סך מענטשן, וועלכע זי האָט געקענט, האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם און האָבן געגלייבט אויפן וואָרט אין דעם, וואָס יעדער אָנשטענדיקער באַלעבאָס וויל שטענדיק געבן צו פילן זיינע געסט, נעמלעך, אַז אַלץ, וואָס איז בא אים אַזוי שיין איינגעאָרדנט, האָט נישט געקאָסט אים, דעם באַלעבאָס, קיין שום אָנשטרענגונג, נאָר האָט זיך פון זיך אַליין געטון. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אָבער געוווסט, אַז פון זיך אַליין איז אפילו נישטאָ קיין קאַשע אויף פרישטיק פאַר די קינדער און אַז דעריבער האָט אויף אַזאַ קאָמפּליצירטער און הערלעכער איינריכטונג געמוזט פאַרווענדט ווערן עמעצנס אַ סך אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט. אי לויט אַלעקסיי קירילאָוויטשס בליק, ווי אַזוי ער האָט באַקוקט דעם טיש, אי לויט דעם צייכן מיטן

קאָפּ. וואָס ער האָט געמאַכט דעם הויף-מייסטער, אי לויט דעם, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרגעלייגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען זיך אויסצוקלייבן צווישן קוואַס און זופּ, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז אַלץ ווערט געטון און פֿאַר אַלעם ווערט געזאָרגט דורכן באַלעבאָס אַליין. פֿון אַננען איז דאָס אַלץ, משמעות, אָפּהענגיק געווען נישט מער, ווי פֿון וועסלאָווסקין. זי, סוויאַזשסקי, די פּירשטין און וועסלאָווסקי זענען אַלע גלייך געווען געסט, וואָס געניסן פֿרייליך פֿון דעם, וואָס ווערט פֿאַר זיי צוגעגרייט.

אַננאַ איז געווען די באַלעבאָסטע בלויז לויטן פֿירן דעם געשפּרעך. און דער דאָזיקער געשפּרעך, וואָס איז גאַנץ שווער פֿאַר אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ הויז בײַ נישט קיין גרויסן טיש, איז געווען נאָך שווערער בײַ די פּערזאָנען, ווי דער פֿאַרוואַלטער און דער אַרכיטעקטאָר, פּערזאָנען פֿון גאָר אַן אַנדערער וועלט, וואָס האָבן זיך באַמיט נישט אַראָפּצופֿאַלן בײַ זיך פֿאַר דעם אומגעוויינלעכן לוקסוס און האָבן נישט געקאָנט לאַנג זיך באַטייליקן אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך, — דעם דאָזיקן שווערן געשפּרעך האָט אַננאַ געפֿירט מיט איר געוויינלעכן טאַקט, נאַטירלעכקייט און אַפֿילו פֿאַרגעניגן, ווי דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט באַמערקט.

דער געשפּרעך איז פֿאַרפֿירט געוואָרן וועגן דעם, ווי טושקעוויטש מיט וועסלאָווסקין זענען געפֿאָרן אין אַ שיפֿל. און טושקעוויטש האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די לעצטע געיעגן אין פּעטערבורגער יאַכט-קלוב. אָבער אַננאַ, וואָס האָט צוגעוואַרט אויף אַ הפסקה, האָט זיך גלייך געווענדט צום אַרכיטעקטאָר, כּדי אים אַרויסצופֿירן פֿון שווייגן.

— ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש איז געווען איבערראַשט, — האָט זי געזאָגט וועגן סוויאַזשסקין, — ווי עס איז אויסגעוואַקסן די נײַע געבײַדע, זינט ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל; אָבער איך אַליין קום אויך יעדן טאָג און ווונדער מיך אויך יעדן טאָג, ווי שנעל עס גייט.

— מיט זײַן דורכלויכט איז גוט צו אַרבעטן, — האָט דער אַרכיטעקטאָר געזאָגט מיט אַ שמייכל (ער איז געווען מיט דער אָנערקענונג פֿון זײַן ווירדע, אַ העפֿלעכער און רויִקער מענטש). — עס איז גאָר אַנדערש, ווי האָבן צו טון מיט די גובערניאַלע מאַכטהאָבער. ווי זיי וואָלטן געדאַרפֿט אַ ריז פּאַפּיר פֿאַרשרײַבן, טייל איך מיט דעם גראַף, מיר שמועסן זיך דורך, און עס ווערט געמאַכט אין דרײַ ווערטער.

— אויפֿן אַמעריקאַנישן שטייגער, — האָט סוויאַזשסקי שמייכלענדיק געזאָגט.

— יאָ, דאָרט ווערן בנינים געבויט ראַציאָנעל...

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף די מיסברויכן פון די מאַכטהאָבער אין די פּאַרייניקטע שטאַטן, אָבער אַננאַ האָט אים גלייך אַריבערגעפירט אויף אַ צווייטער טעמע, כּדי אַרויסצופירן דעם פּאַרוואַלטער פון זיין שווייגן.

— דו האָסט געזעען אַמאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען? — האָט זי זיך געווענדט צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען. — מיר זענען געפאָרן זעען, ווען מיר האָבן דיך באַגעגנט. איך אַליין האָב צום ערשטן מאָל געזעען.

— ווי אַזוי־זשע אַרבעטן זיי? — האָט דאָללי געפרעגט.

— פּונקט ווי שערן. אַ ברעט און אַ סך קליינע שערלעך. אָט אַזוי.

אַננאַ האָט גענומען מיט אירע שיינע, ווייסע, מיט רינגלעך פּאַרצירטע, הענט אַ מעסער און אַ גאָפּל און אָנגעהויבן צו ווייזן. זי האָט משמעות געזעען, אַז מען וועט פון איר דערקלערן גאָרנישט פאַרשטיין; אָבער, ווייסנדיק, אַז זי רעדט אָנגענעם און אַז אירע הענט זענען שיין, האָט זי פאָרגעזעצט דאָס דערקלערן.

— גיכער פעדערמעסערלעך, — האָט שפּאַסנדיק אַ זאָג געטון וועסלאָווסקי, וואָס האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר.

אַננאַ האָט קוים באַמערקט אַ שמייכל געטון, אָבער אים נישט געענטפערט. — אמת, קאַרל פעדאָראָוויטש, ווי שערלעך? — האָט זי זיך געווענדט צום פּאַרוואַלטער.

— O ja, — האָט דער דייטש געענטפערט. — Es ist ein ganz einfaches Ding, — און האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן די קאָנסטרוקציע פון דער מאַשין.

— אַ שאָד, וואָס זי בינדט נישט. איך האָב געזעען אויף דער ווינער אויסשטעלונג אַזעלכע, וואָס בינדן מיט דראָט, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט. — יענע וואָלטן באַקוועמער געווען.

— Es Kommt drauf, an... Der Preis fom Draht muss ausgerechnet werden. — און דער דייטש, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון שווייגן, האָט זיך געווענדט צו ווראָנסקין. — Das läst sich ausrechnen, Erlaucht. — דער דייטש האָט זיך שוין גענומען צו דער קעשענע, וו ער האָט געהאַט אַ בליישטיפט און ביכעלע, אין וועלכן ער האָט אַלץ אויסגעחשבונט, אָבער, דערמאָנט זיך, אַז ער זיצט בּאַם מיטאָג און באַמערקט ווראָנסקיס קאַלטן בליק, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. Zu

complicirt, macht zu viel Klopot, — האָט ער פאַרענדיקט.
— Wünscht man Dochots, so hat man auch Klopots, — האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי געזאָגט, שפּאַסנדיק פון דייטש. —
J'adore l'allemand, — האָט ער זיך געווענדט ווידער מיטן זעלבן שמייכל צו אַננען.

— Cessez, — האָט זי אים געזאָגט וויציק־שטרענג.

— און מיר האָבן גערעכנט אייך צו טרעפן אין פעלד, וואסילי סעמיאָנאָוויטש, — האָט זי זיך געווענדט צום דאָקטאָר, אַ מענטש אַ קרענקלעכן, — איר זענט דאָרט געווען?

— איך בין דאָרט געווען, אָבער זיך גוט אָנגעגאַנגען, — האָט דער דאָקטאָר מרה־שחורהדיק געענטפערט.

— האָט איר דאָך מסתּם אַ גוטן געמאַכט מאָציאָן.

— אַ גרויסאַרטיקן!

— נו, ווי האַלט עס מיטן געזונט פון די אַלטע? איך האָף, אַז דאָס איז נישט קיין טיפוס?

— יאָ אַ טיפוס — נישט קיין טיפוס, אָבער די לאַגע איז נישט קיין איבעריק גוטע.

— ווי אַ שאָד דאָס איז! — האָט אַננאַ געזאָגט און, אָפּגעגעבן אויף אַזאַ אופן דעם חוב פון העפלעכקייט די הויז־מענטשן, האָט זי זיך געווענדט צו די אייגענע.

— און פונדעסטוועגן וואָלט לויט אייער דערציילן שווער געווען צו מאַכן אַ מאַשין, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, — האָט סוויאַזשסקי אין שפּאַס געזאָגט.

— ניין, פאַרוואָס־זשע? — האָט אַננאַ געזאָגט מיט אַ שמייכל, וועלכער האָט געוויזן, אַז זי ווייסט, אַז אין איר אַרומרעדן די קאָנסטרוקציע פון דער מאַשין איז געווען עפּעס באַחנטס, וואָס איז אויך באַמערקט געוואָרן דורך סוויאַזשסקין. דערדאָזיקער נייער שטריך פון יונגער קאָקעטישקייט האָט אומאָנגענעם געווירקט אויף דאַלין.

— אָבער דערפאַר זענען אַננאַ אַרקאַדיעוונעס ידיעות אין אַרכיטעקטור צום באַוווּנדערן, — האָט טושקעוויטש געזאָגט.

— אוודאי, איך האָב געהערט, ווי אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ האָט נעכטן געזאָגט: אין דעם סטראָב און אין די פּלינטוסן, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט. — איך זאָג גוט?

— עס איז גאָרנישט קיין וווּנדער, ווען מען זעט און הערט אַזוי-

פיל, — האָט אַננאַ געזאָגט. — און איר, אוודאי, ווייסט אפילו נישט, פון וואָס עס ווערן געמאַכט הייזער ?

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט געזעען, אַז אַננאַ איז נישט צופרידן געווען פון דעם וויציקן טאָן, וועלכער איז געווען צווישן איר און ווֶעס-לאָווסקין, אָבער זי אַליין איז נישט ווילנדיק אַריינגעפאַלן אין דעמדאָזיקן טאָן.

ווראָנסקי האָט געהאַנדלט אין דעם פאַל גאָרנישט אַזוי, ווי לעווין. ער האָט, משמעות, נישט צוגעגעבן וועסלאָווסקיס פלוידערייען קיין שום וויכטיקייט און, פאַרקערט, ער האָט נאָך אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע הלצהלעך.

— יאָ, נו זאָגט, וועסלאָווסקי, דורך וואָס ווערן צוגויפגעהעפט די שטיינער ?

— פאַרשטייט זיך דורך צעמענט.

— בראַוואָ ! און וואָס איז אַזוינס צעמענט ?

— אַזאַ מין פאַפּ... ניין, אַזאַ שמירעכץ, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט, אַרויסרופנדיק אַן אַלגעמיין געלעכטער.

דער געשפרעך צווישן די, וואָס האָבן געגעסן מיטאָג, חוץ דעם דאָקטאָר, וואָס איז פאַרזונקען געווען אין אַ מרהשחורהדיק שווייגן, דעם אַרכיטעקטאָר און דעם פאַרוואַלטער, איז נישט שטיל געוואָרן, אַמאָל פליסנדיק גלייך, אַמאָל פאַרטשעפּענדיק און אָפּשפּעטנדיק פון עמעצן. איין מאָל האָט זיך דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ געפילט שטאַרק געטראָפן און זיך אַזוי צעהיצט, אַז זי איז אפילו רויט געוואָרן, און דערנאָך ערשט געגומען זיך איבערלייגן, צי זי האָט נישט געזאָגט עפּעס איבעריקס און נישט אַנגענעמס. סוויאַזשסקי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן לעווינען, דער-ציילנדיק זיינע אויסטערלישע מיינונגען וועגן דעם, אַז די מאַשינען זענען נאָר שעדלעך פאַר דער רוסישער ווירטשאַפט.

— איך האָב נישט דאָס פאַרגעניגן צו קענען דעמדאָזיקן הער לעווין, — האָט ווראָנסקי שמייכלענדיק געזאָגט, — נאָר ער האָט, וואָרשיינלעך, קיינמאָל נישט געזעען די מאַשינען, וועלכע ער פאַראורטיילט. און אויב ער האָט געזעען און זיי אויסגעפּרוווט, זענען דאָס זיכער נישט קיין אויסלענדישע, נאָר עפּעס רוסישע. און וואָסער-זשע בליקן קאָנען דאָ זיין ?

— בכלל טערקישע בליקן, — האָט וועסלאָווסקי געזאָגט, ווענדנ-דיק זיך מיט אַ שמייכל צו אַננען.

— איך קאָן נישט פֿאַרטיידיקן זיינע מיינונגען, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט רויט ווערנדיק. — נאָר איך קאָן זאָגן, אַז ער איז זייער אַ געבילדעטער מענטש, און ווען ער זאָל דאָ זיין, וואָלט ער אייך געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן; איך ווייס נישט.

— איך האָב אים זייער ליב, און מיר זענען גרויסע גוטע פֿריינט, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. — Mais pardon, il esf un petit peu toqué; למשל, ער האַלט, אַז סיי די „זעמ־סטוואָ“ סיי די פֿרידנס־געריכטן — זענען נישט נייטיק, און וויל זיך אין גאָרנישט באַטייליקן.

— דאָס איז אונזער רוסישע גלייכגילטיקייט, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אָנגיסנדיק זיך וואַסער פֿון דער קאַראַפֿינקע מיט אייז אין אַ דינן גלאָז אַריין אויף אַ פּיסל: — נישט צו פֿילן די התחייבֿותן, וועלכע אונזערע רעכט לייגן אַרויף אויף אונז, און דעריבער אָפּוואַרפֿן די־דאָזיקע התחייבֿותן.

— איך קען נישט קיין מענטש, וואָס זאָל זיין שטרענגער בנוגע דער אויספֿירונג פֿון זיינע התחייבֿותן, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, צערייצט פֿון דעם דאָזיקן טאָן פֿון ווראָנסקיס זיך האַלטן העכער פֿאַר לעווינען.

— פֿאַרקערט, איך, — האָט ווראָנסקי פֿאָרגעזעצט, משמעות פֿילנ־דיק זיך איבער עפּעס געטראָפֿן פֿון דעם דאָזיקן געשפּרעך, — פֿאַרקערט, איך, ווי איר זעט מיך, בין זייער דאַנקבאַר פֿאַר דעם כּבֿוד, וועלכן מען האָט מיר פֿאַרשאַפֿט, אָט אַ דאַנק ניקאָלאַי איוואַניטשן (ער האָט אָנגע־וויזן אויף סוויאַזשסקין). מיט דעם, וואָס מען האָט מיך אויסגעקליבן אַלס ערן־פֿרידנסריכטער, איך האַלט, אַז פֿאַר מיר איז די פֿליכט פֿון פֿאָרן אויף אַ צוזאַמענפֿאָר, פֿון באַהאַנדלען אַ פּויערס אַן ענין וועגן אַ פֿערד פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי אַלץ, וואָס איך בין ביכולת צו טון. און וועל דאָס האַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד, אויב מען וועט מיך אויסקלויבן אַלס ראַטמאַן. איך קאָן מיט דעם בלויז באַצאָלן פֿאַר די באַקוועמלעכקייטן, פֿון וועלכע איך געניס, ווי אַן ערד־באַזיצער. צום אומגליק, פֿאַרשטייט מען נישט די באַ־דייטונג, וועלכע עס דאַרפֿן האָבן אין דער מלוכה די גרויסע ערד־באַ־זיצערס.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען איז מאָדנע געווען צו הערן, ווי זיכער ער איז אין זיין גערעכטיקייט בײַ זיך בײַם טיש. זי האָט זיך דערמאַנט, ווי לעווין, וואָס האָט געהאַט פּונקט פֿאַרקערטע מיינונגען, איז געווען

אויך אַזוי אַנטשלאָסן אין זיינע איבערצייגונגען בײַ זיך בײַם טיש. אָבער זי האָט ליב געהאַט לעווינען און איז דעריבער געווען אויף זיין זייט.

— קאָנען מיר רעכענען אויף אייך, גראַף, אויפן קינפטיקן צוזאַמענפאָר? — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט. — נאָר מען דאַרף פאָרן פריער, כּדי דעם אַכטן שוין צו זיין דאָרט. ווען איר וואָלט מיר פאַרשאַפט דעם כּבוד צו קומען צו מיר.

— און איך בין אַ ביסל איינשטימיק מיט דיין beau-frère, — האָט אַננאַ געזאָגט, — אָבער נישט אַזוי, ווי ער, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — איך האָב מורא, אַז די לעצטע צייט האָבן מיר שוין צופיל דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. ווי עס איז פריער געווען אַזוי פיל באַאַמטע, אַז אויף יעדער זאַך האָט מען געדאַרפט אַ באַאַמטן, אַזוי זענען אַציקד אַלע געוואָרן געזעלשאַפטלעכע טוער. אַלעקסיי איז ערשט דאָ זעקס חדשים, און ער איז שוין אַ מיטגליד, דאַכט זיך, פון פינף אָדער זעקס פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אַ מיטגליד פון באַשיצונגס-אַמט, אַ ריכטער, אַ ראַטמאַן, אַ געשווירענער, אַ מיטגליד פון עפּעס אַ פערד-געזעלשאַפט Du train que cela va, די גאַנצע צייט וועט אַוועקגיין אויף דעם. און איך האָב מורא, אַז בײַ אַזאַ גרויסער צאָל ענינים איז דאָס בלויז אַ פאָרם. פון וויפיל ערטער זענט איר אַ מיטגליד, ניקאָלאַי איוואַניטש? — האָט זי זיך געווענדט צו סוויאַזשסקין, — דאַכט זיך מער פון צוואַנציק?

אַננאַ האָט גערעדט אין שפּאַס, אָבער אין איר טאָן האָט זיך געפילט צערייצטקייט. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וואָס האָט אויפמערקזאַם באַאָבאַכטעט אַננען און וורָאָנסקין, האָט דאָס גלייך באַמערקט. זי האָט אויך באַמערקט, אַז וורָאָנסקיס פּנים האָט בײַ דעמדאָזיקן געשפּרעך גלייך אָנגענומען אַן ערנסטן און עקשנותדיקן אויסדרוק. באַמערקט דאָס און אויך דאָס, וואָס די פירשטין וואַרוואַרא האָט גלייך, כּדי צו ענדערן דעם געשפּרעך, אייליק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די פּעטערבורגער באַקאַנטע, און דערמאָנט זיך אָן דעם, וואָס וורָאָנסקי האָט אין גאָרטן כּלאָהר-יד געזאָגט וועגן זיין טעטיקייט, האָט דאַלי פאַרשטאַנען, אַז מיט דערדאָזיקער פראַגע וועגן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז פאַרבונדן עפּעס אַן אינטימע קריג צווישן אַננען און וורָאָנסקין.

דאָס מיטאָג, די וויינען, די סערווירונג, — אַלץ איז געווען זייער שיין, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַזוינס, וואָס דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט שוין געהאַט געזען אויף אָפיציעלע מיטאָגן און בעלער, פון וועלכע

זי איז אָפּגעוווינט געוואָרן, מיטן זעלבן כאַראַקטער פון אומפּערזענלעכקייט און אָנגעשטרענגטקייט, און דעריבער האָט דאָס אַלץ אין אַ געוויינלעכן טאָג און אין אַ קליינעם קרייז געמאַכט אויף איר אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק.

נאָכן מיטאָג איז מען אַ ביסל געזעסן אויף דער טעראַסע, דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שפּילן אין lwan tennis. די שפּילערס, וואָס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטיעס, האָבן זיך צעשטעלט אויף דעם פּינקטלעך אויסגעגלייכטן און האַרטן קראָקעטגראָונד, אין ביידע זייטן פון דער אָנגעצויגענער שאַטקע מיט די געגילדטע סלופּעקלעך. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געפּרוּווט שפּילן, אָבער האָט לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס שפּילן, און ווען זי האָט פאַרשטאַנען, איז זי שוין געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט דער פירשטין וואַרוואַראַ און בלויז געקוקט אויף די שפּילנדיקע. איר פּאַרטנער, טושקעוויטש, איז אויך אָפּגעשטאַנען; אָבער די איבעריקע האָבן נאָך לאַנג געשפּילט. סוויאַזשסקי און ווראָנסקי האָבן ביידע געשפּילט זייער גוט און ערנסט. זיי האָבן שאַרף זיך צוגעקוקט צום באַלעם, וואָס איז צו זיי געוואָרפן געוואָרן, נישט געאײַלט זיך און נישט פאַרזוימט, פלינק צוגעלאָפן צו אים, אָפּגעוואַרט דעם שפּרונג אויף, טרעפלעך און זיכער אונטערוואַרפנדיק דעם באַלעם מיט דעם ראַקעט, האָבן זיי אים אַריבערגעוואָרפן איבער דער שאַטקע. וועסלאָווסקי האָט געשפּילט ערגער פאַר אַנדערע. ער האָט זיך צופיל געהיצט, אָבער פאַר דעם האָט ער מיט זיין פריילעכקייט צוגעגעבן מוט די שפּילנדיקע. זיין לאַכן און שרייען האָט נישט אויפגעהערט, ער האָט, ווי די איבעריקע מענער, מיט דער דערלויבעניש פון די דאַמען, אויסגעטון דעם סורדוט, און זיין היפּשע שיינע פיגור מיט די ווייסע אַרבל פון העמד, מיט דעם רויטן פאַרשוויצטן פּנים און די האַסטיקע באַוועגונגען האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון.

ווען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט די נאַכט זיך געלייגט שלאָפן, ווי נאָר זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט זי גלייך דערזען וואַסענקאַ וועסלאָווסקין, ווי ער לויפט אַרום איבערן קראָקעטגראָונד.

אין דער צייט אָבער פון שפּילן איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען געווען נישט פריילעך. איר איז נישט געפעלן די וויציקע באַציונג צווישן וואַסענקאַ וועסלאָווסקין און אַננען און די אַלגעמיינע אומנאַטירלעכקייט פון די גרויסע, ווען זיי אַליין, אָן קינדער, שפּילן אין אַ קינדערישן שפּיל.

אָבער, כּדי נישט צו שטערן די אַנדערע און ווי עס איז פאַרבערענגען די צייט, איז זי, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגערוט, ווידער צוגעשטאַנען צום שפּילן און זיך געמאַכט, אַז איר איז פריילעך. דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זי שפּילט אין טעאַטער מיט בעסערע אַק־טיאָרן, ווי זי אַליין איז, און אַז איר שלעכט שפּילן מאַכט קאַליע דאָס גאַנצע עסק.

זי איז געקומען צו פאָרן מיט דער דעה צו זיין אַ צוויי טעג, אויב זי וועט זיך גוט פילן. אָבער דעם זעלבן אָוונט בשעת דעם שפּילן האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט פאָרן מאָרגן. די פיינלעכע מוטערלעכע דאגות, וועלכע זענען איר געווען אַזוי דערווידער אויפן וועג, האָבן אַצינד, נאָך איין פאַרברענגטן טאָג אָן זיי, זיך איר שוין פאָרגעשטעלט אין אַן אַנדער ליכט און זי געצויגן צו זיך.

ווען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז נאָך דער אָוונט־טיי און דעם באַנאַכטיקן שפּאַציר אין אַ שיפל איינע אַליין אַריינגעגאַנגען אין איר צי־מער, האָט אויסגעטון דאָס קלייד און זיך געזעצט צונויפנעמען אירע שיטערע האָר אויף באַנאַכט, האָט זי דערפילט אַ גרויס פאַרלייכטערונג. איר איז אפילו נישט אָנגענעם געווען צו טראַכטן, אַז אַננאַ וועט באַלד אַריינקומען צו איר. איר האָט זיך געגלוסט צו זיין אַליין מיט אי־רע געדאַנקען.

XXIII.

דאָללי האָט זיך שוין געוואָלט לייגן, ווען אַננאַ איז אין אַ נאַכט־קאָסטיום אַריינגעקומען צו איר.

אין משך פון טאָג האָט אַננאַ עטלעכע מאָל אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די אינטימע ענינים און איטלעכעס מאָל, זאָגנדיק עטלעכע ווער־טער, זיך אָפּגעשטעלט. „שפּעטער, ווען מיר וועלן זיין אַליין, וועלן מיר זיך וועגן אַלעם דורכשמועסן, איך האָב דיר אַזוי פיל צו דערציילן", האָט זי געזאָגט.

אַצינד זענען זיי געווען אַליין, אָבער אַננאַ האָט נישט געוווּסט, וועגן וואָס צו רעדן. זי איז געזעסן באַם פענצטער, קוקנדיק אויף דאָללין און איבערגעקליבן אין איר זכרון די אַלע זאַפּאַסן פון אינטימע געשפּרעכן,

וואָס האָבן איר אויסגעזעען אומאויסשעפּלעך, און נישט געפונען גאָרנישט. איר האָט זיך אין דער מינוט געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן.

— נו וואָס מאַכט קיטי? — האָט זי געזאָגט, שווער אָפּזיפּצנדיק און שולדיק קוקנדיק אויף דאָללין. — זאָג מיר דעם אמת, דאָללי, זי איז נישט בייז אויף מיר?

— בייז? ניין! — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— אָבער זי האַסט מיך, פאַראַכטעט?

— אָ, ניין! אָבער דו ווייסט, דאָס קאָן מען נישט מוחל זיין.

— יאָ, יאָ, — האָט אַנגאַ געזאָגט, זיך אַוועקדרייענדיק און קוקנדיק אין אָפענעם פענצטער אַריין. — נאָר איך בין נישט שולדיק געוועזן. און ווער איז שולדיק? וואָס איז דאָס אַזוינס שולדיקייט? האָט דען געקאָנט זיין אַנדערש? נו, ווי מיינסטו? האָט דען געקאָנט זיין, אַז דו זאָלסט נישט זיין סטיוועס ווייב?

— כ׳לעבן, איך ווייס נישט. נאָר דו זאָג מיר אָט וואָס...

— יאָ, יאָ, אָבער מיר האָבן נישט פאַרענדיקט וועגן קיטין. זי איז גליקלעך? מען זאָגט, ער איז אַ טייערער מענטש.

— בלויז אַ טייערער, איז ווייניק. איך האָב נישט געזעען קיין בעסערן מענטש.

— אָך, ווי עס פרייט מיך! עס פרייט מיך זייער! בלויז אַ טייערער מענטש איז ווייניק, — האָט זי איבערגעחזרט.

דאָללי האָט אַ שמייכל געטון.

— אָבער דו דערציייל מיר וועגן זיך. איך האָב מיט דיר אַ סך צו רעדן. און איך האָב גערעדט מיט... — דאָללי האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אים אָנצורופן. איר איז געווען אומבאַקוועם אים אָנצורופן סיי גראַף סיי אַלעקסיי קיריליטש.

— אַז דו האָסט גערעדט מיט אַלעקסייען, — האָט אַננאַ געזאָגט, — ווייס איך. אָבער איך האָב דיך געוואָלט פרעגן אָפן, וואָס דו טראַכסט וועגן מיר, וועגן מיין לעבן?

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַזוי גלייך זאָגן? כ׳לעבן, איך ווייס נישט.

— ניין, דו זאָג מיר פונדעסטוועגן... דו זעסט דאָך מיין לעבן. אָבער דו פאַרגעס נישט, אַז די זעסט אונז אין זומער, ווען דו ביסט גע-

קומען און מיר זענען נישט אַליין... אָבער מיר זענען געקומען אין פריען פרילינג, האָבן געלעבט אינגאַנצן אַליין און וועלן ווידער לעבן אַליין, און בעסערס פון דעם ווינטש איך מיר גאָרנישט. נאָר שטעל דיר פאָר, אַז איך לעב אַליין אָן אים, איינע אַליין, און דאָס וועט זיין... איך זע לויט אַלעם, אַז דאָס וועט זיך אָפּט איבערחזרן, אַז ער וועט אַ העלפט צייט נישט זיין אינדערהיים, — האָט זי געזאָגט, אויפשטייענדיק און זעצנ־דיק זיך נענטער צו דאָללין. — פאַרשטייס זיך, — האָט זי איבערגעשלאָגן דאָללין, וואָס האָט געוואָלט דערווידערן, פאַרשטייט זיך, איך וועל אים מיט געוואָלט נישט פאַרהאַלטן. און איך פאַרהאַלט אים נישט. היינט זענען געיעגן, זיינע פערד באַטייליקן זיך אין געיעג, פאָרט ער. איך בין זייער צופרידן. אָבער דו גיב נאָר אַ טראַכט וועגן מיר, שטעל דיר פאָר מיין לאַגע... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן דעם! — זי האָט אַ שמייכל געטון. — וועגן וואָס־זשע האָט ער גערעדט מיט דיר?

— ער האָט גערעדט וועגן דעם, וועגן וואָס איך אַליין וויל רעדן, און מיר איז לייכט צו זיין זיין אַדוואָקאַט: וועגן דעם, צי עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט און צי מען קאָן נישט... — דאַריאַ אַלעקסאַנ־דראָוונאַ האָט זיך פאַרהאַקט, — פאַרריכטן, פאַרבעסערן דיין לאַגע... דו ווייסט, ווי אַזוי איך קוק... נאָר פונדעסטוועגן, אויב עס איז מעגלעך, דאַרף מען חתונה האָבן...

— דאָס הייסט אַ גט? — האָט אַננאַ געזאָגט. — דו ווייסט, די איינציקע, וועלכע איז געקומען צו מיר אין פעטערבורג, איז געווען בעטסי טווערסקאַיאַ? דו קענסט דאָך זי? Au fond cest la femme la plus dépravée qui existe. זי איז געווען אין פאַרבינדונג מיט טושקעוויטשן, אָפּנאַרנדיק דעם מאַן אויפן העסלעכסטן אופן. און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל מיך נישט קענען, כּל זמן מיין לאַגע וועט זיין אָן אומגעזעצלעכע. מיין נישט, אַז איך פאַרגלייך... איך קען דיך, האַר־ציניקע מיינע. נאָר איך האָב זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט... נו, איז וואָס זשע האָט ער דיר געזאָגט? — האָט זי איבערגעחזרט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער ליידט פאַר דיר און פאַר זיך. דו וועסט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז עגאָיזם, אָבער אַזאַ געזעצלעכער און איי־דעלער עגאָיזם! ער וויל, ערשטנס, געזעצלעך מאַכן זיין טאָכטער און זיין דיין מאַן, האָבן אַ רעכט אויף דיר.

— וואָסער שקלאַפּיש ווייב קאָן זיין מער שקלאַפּין, ווי איך אין מיין לאַגע ? — האָט זי מרהשחורהדיק איבערגעשלאָגן.

— דער עיקר אָבער, וואָס ער וויל, איז... איז, אַז דו זאָלסט נישט ליידן.

— דאָס איז אוממעגלעך ! נו ?

— נו, און דאָס געזעצלעכסטע : ער וויל, אַז אייערע קינדער זאָלן האָבן אַ נאָמען.

— וואָסערע־זשע קינדער ? — האָט אַננאַ געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף דאָללין און זשמורענדיק זיך.

— אַני און די קינפטיקע...

— וועגן דעם קאָן ער זיין רויק : איך וועל מער נישט האָבן קיין קינדער.

— ווי אַזוי־זשע קאָנסטו זאָגן, אַז דו וועסט נישט האָבן ? ...

— איך וועל נישט האָבן, וייל איך וויל דאָס נישט,

און נישט געקוקט אויף איר גאַנצער אויפגערעגטקייט, האָט אַננאַ אַ שמייכל געטון, ווען זי האָט באַמערקט דעם נאַיוון אויסדרוק פון נייגי־ריקייט, פאַרוווּנדערונג און שרעק אויף דאָללים פּנים.

— מיר האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נאָך מיין קראַנקייט...

. . . .

— עס קאָן נישט זיין, — האָט דאָללי געזאָגט מיט ברייט געעפנטע אויגן. פאַר איר איז דאָס געווען איינע פון די אַנטדעקונגען, וואָס זייערע פאָלגן און אויספירן זענען אַזוי גרויס, אַז אין דער ערשטער מינוט פילט מען בלויז, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַלץ צו באַנעמען, נאָר אַז וועגן דעם וועט אויסקומען זייער און זייער אַ סך צו טראַכטן.

די דאָזיקע אַנטדעקונג, וואָס האָט איר פּלוצלינג קלאָר געמאַכט די אַלע פאַר איר אומבאַגרייפלעכע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהאַט בלויז צו איינס און צוויי קינדער, האָט אַרויסגערופן בא איר אַזוי פיל געדאַנקען, השערות און סתירותדיקע געפילן, אַז זי האָט גאָרנישט געהאַט צו זאָגן און האָט בלויז מיט ברייט געעפנטע אויגן פאַרוווּנדערט געקוקט אויף אַננען. דאָס איז געווען טאַקע דאָס, וועגן וואָס זי האָט געחלומט, אָבער אַצינד, געוווּיר ווערנדיק, אַז דאָס איז מעגלעך, איז זי אַ שרעק באַפאַלן. זי האָט געפילט, אַז דאָס איז אַ צו איינפאַכע לייזונג פון אַ צו פאַרוויקל־טער פראַגע.

‫— Nest-ce pas immoral ? — האָט זי בלויז געזאָגט שווייגנ-‬
דיק אַ ווײַלע.

— פאַרוואָס ? באַקלער נאָר, איך קאָן אויסקלויבן איינס פון די צוויי : אָדער זיין מעוברת, דאָס הייסט קראַנק, אָדער זיין אַ פריינט, אַ חבר פון מיין מאַן, אַלצאיינס אַ מאַן, — האָט אַננאַ געזאָגט בכיוון מיט אַ אויבערפלעכלעכן און לייכטזיניקן טאָן.

— נו-יאָ, נו-יאָ, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, הערנ-דיק די זעלבע אַרגומענטן, וועלכע זי פלעגט זיך אַליין ברענגען, און נישט געפינענדיק אין זיי מער די פריערדיקע איבערצייגונג.

— פאַר דיר, פאַר אַנדערע, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַזוי ווי טרעפנ-דיק אירע געדאַנקען, — קאָן נאָך זיין אַ ספק, אָבער פאַר מיר... דו פאַרשטיי, איך בין נישט קיין ווייב ; ער האָט מיך ליב אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער האָט מיך ליב. און וואָס-זשע, מיט וואָס וועל איך אויפהאַלטן זיין ליבע ? אַט מיט דעם ?

זי האָט אויסגעשטרעקט די ווייסע הענט פאַרן בויך.

מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט, ווי דאָס געשעט אין מינוטן פון אויפרעגונג, האָבן געדאַנקען און דערינערונגען אָנגעהויבן צו איילן אין דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס קאָפּ. „איך, — האָט זי געטראַכט, — האָב נישט צוגעצויגן צו זיך סטיוואַן ; ער איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר צו אַנדערע, און יענע ערשטע, צוליב וועלכער ער האָט מיך פאַרראַטן, האָט אים נישט אויפגעהאַלטן מיט דעם, וואָס זי איז שטענדיק געווען שיין און פריילעך. ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן און גענומען אַ צווייטע. און צי וועט אַננאַ מיט דעם יאָ צוציען און אויפהאַלטן דעם גראַף ווראָנסקי ? אויב ער וועט דאָס זוכן, וועט ער געפינען טואַלעטן און מאַ-נירן נאָך מער אָנציענדע און פריילעכע. און ווי ווייס, ווי הערלעך עס זענען נישט אירע אַנטבלויזטע הענט, ווי שיין עס איז נישט איר גע-מאַקטע פיגור, איר דערהיצט פנים פון אונטער דידאָזיקע שוואַרצע האָר אפּער, וועט ער געפינען נאָך שענערס, ווי עס זוכט און געפינט מיין עקלהאַפטער, קלאָגעדיקער און ליבער מאַן".

דאָלי האָט גאָרנישט געענטפערט און בלויז אַ זיפץ געטון. אַננאַ האָט באַמערקט דעמדאָזיקן זיפץ, וואָס האָט אויסגעדריקט נישט איינשטי-מיקייט, און זי האָט ווייטער גערעדט. אין איר זאַפּאַס זענען געווען נאָך אַרגומענטן, שוין אַזעלכע שטאַרקע, וואָס מען האָט שוין אויף זיי גאָר נישט געקאָנט ענטפערן.

— דו זאָגסט, אַז דאָס איז נישט גוט? אָבער מען מוז דאָך באַקלערן, — האָט זי פאַרגעזעצט. — דו פאַרגעסט מיין לאַגע. ווי אַזוי קאָן איך וועלן האָבן קינדער? איך רעד נישט וועגן ליידן: איך האָב נישט מורא פאַר דעם. גיב נאָר אַ טראַכט, ווער עס וועלן זיין מיינע קינדער? אומגליקלעכע קינדער, וועלכע וועלן טראָגן אַ פרעמדן נאָמען. מיט זייער בלויזן געבוירן ווערן וועלן זיי געשטעלט ווערן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי וועלן זיך מוזן שעמען מיט זייער מוטער, מיטן פאָטער, מיט זייער געבוירן ווערן.

— צוליב דעם טאַקע איז דאָך נייטיק דער גט.

אָבער אַננאַ האָט זי נישט געהערט. איר האָט זיך געגלוסט אַרויסצוזאָגן די אַלע אַרגומענטן, מיט וועלכע זי האָט זיך אַזוי פיל מאָל איבערצייגט.

— צו וואָס-זשע איז מיר געגעבן געוואָרן שכל, אויב איך פאַרווענדט אים נישט דערויף, נישט צו ברענגען קיין אומגליקלעכע אויף דער וועלט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף דאָללין, אָבער, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, ווייטער גערעדט.

— איך וואָלט מיך אייביק געפילט שולדיק קעגן דידאָזיקע אומגליקלעכע קינדער, — האָט זי געזאָגט. — אויב זיי זענען נישטאָ, זענען זיי דאָך על כל פנים נישט אומגליקלעך, און אויב זיי זענען אומגליקלעך, בין איך די אַליין שולדיק אין דעם.

דאָס זענען געווען די זעלבע באַווייזן, וועלכע דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פלעגט זיך אַליין ברענגען; אָבער אַצינד האָט זי געהערט און זיי נישט פאַרשטאַנען. „ווי אַזוי קאָן מען זיין שולדיק פאַר וועזנס, וואָס עקזיסטירן נישט“, האָט זי געטראַכט. און פלוצלינג איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: צי וואָלט געקאָנט זיין אויף וואָסערן עס איז אופן בעסער פאַר איר ליבלינג גרישען, אויב ער וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט? און דאָס האָט איר אויסגעזעען אַזוי ווילד, אַזוי משונהדיק, אַז זי האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, כּדי צו צעשטרייען דעמדאָזיקן פּלאָנטער פון ווירבלענדיקע אומזיניקע געדאַנקען.

— ניין, איך ווייס נישט. דאָס איז נישט גוט, — האָט זי בלויז געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון עקל אויפן פנים.

— יאָ, אָבער דו פאַרגעס נישט, וואָס דו ביסט און וואָס איך בין... און חוץ דעם, — האָט אַננאַ צוגעגעבן, נישט געקוקט אויף דער רייכקייט

פון אירע באַווייזן און אויף דער אָרימקייט פון דאָלליס באַווייזן, אַזוי ווי דאָך אָנערקענענדיק, אַז דאָס איז נישט גוט, — די פאַרגעס נישט דעם עיקר, אַז איך געפין מיך אַצינד נישט אין דער לאַגע, ווי דו. פאַר דיר שטעלט זיך די פראַגע: צי ווילסטו מער נישט האָבן קיין קינדער, און פאַר מיר: צי וויל איך זיי יאָ האָבן. און דאָס איז אַ גרויסער חילוק. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך קאָן דאָס נישט וועלן אין מיין לאַגע.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט נישט דערווידערט. זי האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז זי איז שוין געוואָרן אַזוי ווייט פון אַננען, אַז צווישן זיי עקזיסטירן פראַגן, אין וועלכע זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט צונויפגיין און וועגן וועלכע עס איז גלייכער נישט צו רעדן.

XXIV.

— דאַרפסטו אוודאי איינאָרדנען דיין לאַגע, אויב עס איז מעגלעך, — האָט דאָללי געזאָגט.

— יאָ, אויב עס איז מעגלעך, — האָט אַננאַ פּלוצלינג געזאָגט גאָר מיט אַן אַנדער, שטיל און טרויעריק קול.

— צי איז נישט מעגלעך קיין גט? מיר האָט מען געזאָגט, אַז דיין מאַן באַשטייט.

— דאָללי, מיר גלוסט זיך נישט צו רעדן וועגן דעם.

— מילא, וועלן מיר נישט רעדן, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איילּיק געזאָגט, באַמערקנדיק אַן אויסדרוק פון ליידן אויף אַננעס פּנים. — איך זע בלויז, אַז דו ביסט צו יאַושדיק.

— איך? לגמרי נישט. איך בין זייער פריילעך און צופרידן. יענע האָט געזען, je fais des passion. וועסלאָווסקי...

— יאָ, אויב צו זאָגן דעם אמת, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן וועסלאָווסקיס טאָן. — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, מיטן פאַרלאַנג צו ענדערן דעם געשפּרעך.

— אַך, לגמרי נישט! דאָס קיצלט אַלעקסייען און מער גאָרנישט; אָבער ער איז אַ ייִנגל און איז אינגאַנצן אין מיינע הענט; דו פאַרשטייסט, איך פיר מיט אים, ווי איך וויל. ער איז פּונקט אַזוי, ווי דיין גרישאַ...

דאָללי! — האָט זי פּלוצלינג געענדערט דעם שמועס, — דו זאָגסט, אַז איך קוק צו יאַושדיק. דו קאָנסט נישט פאַרשטיין. דאָס איז צו שרעקלעך. איך באַמי מיך אינגאַנצן נישט צו קוקן...

— נאָר מיר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף, מען דאַרף טון אַלץ, וואָס מען קאָן.

— אָבער וואָס-זשע קאָן מען? גאָרנישט. דו זאָגסט — חתונה האָבן מיט אַלעקסייען און אַז איך טראַכט נישט וועגן דעם. איך טראַכט נישט וועגן דעם! — האָט זי איבערגעחזרט, און אַ רויטקייט איז אַרויסגעטרעטן אויף איר פּנים. זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעגלייכט די ברוסט, שווער אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן גיין מיט איר לייכטן גאַנג הין און צוריק איבערן צימער, פון צייט-צו-צייט זיך אָפּשטעלנדיק. — איך טראַכט נישט? עס איז נישטאָ קיין טאָג און קיין שעה, וואָס איך זאָל נישט טראַכטן און זיך נישט טאַדלען דערפאַר, וואָס איך טראַכט... ווייל די געדאַנקען וועגן דעם קאָנען פון זינען אַראָפּפירן. פון זינען אַראָפּפירן, — האָט זי איבערגעחזרט. — ווען איך טראַכט וועגן דעם, קאָן איך שוין נישט איינשלאָפן אָן מאָרפיום. אָבער גוט. לאָמיר רעדן רויק. מען זאָגט מיר — אַ גט. ערשטנס, וועט ער אים מיר נישט געבן. ער איז אַצינד אונטער דער ווירקונג פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, גלייך אויסגעצויגן אויף דער שטול, האָט מיט אַ ליידנד מיטפילנדיק פּנים, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, נאָכגעקוקט אַננען, וואָס איז געגאַנגען איבערן צימער.

— מען דאַרף פּרווון, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— לאָמיר אָננעמען, אַז פּרווון. וואָס הייסט דאָס! — האָט זי געזאָגט משמעות דעם געדאַנק, וואָס זי האָט שוין געהאַט טויזנט מאָל איבערגעטראַכט און אויסגעוויניק אויסגעלערנט. — דאָס הייסט, אַז איך, וואָס האָב אים פיינט, נאָר האַלט מיך פונדעסטוועגן שולדיק קעגן אים, — און האַלט אים פאַר גרויסמוטיק, — איך זאָל מיך דערנידעריקן און אים שרייבן... נו, לאָמיר אָננעמען, איך וועל מיך אָנשטרענגען און דאָס טון. אָדער איך וועל קריגן אַ באַליידיקענדן ענטפער, אָדער אַ הסכמה... — גוט, איך האָב געקריגן אַ הסכמה... — אַננאַ איז אין דער צייט געווען אין ווייטן ווינקל פון צימער און האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, טוענדיק עפּעס מיט דער גאַרדין פון פענצטער. — איך וועל קריגן אַ הסכמה, און דער זון? ... זיי וועלן דאָך אים מיר נישט אָוועקגעבן. ער וועט דאָך אויפוואַקסן, אין פאַראַכטונג צו מיר, באַם פאָטער, וועלכן איך האָב אָוועקגע-

וואָרפן. דו פאַרשטייסט, אַז איך האָב ליב, דאַכט זיך, גלייך, נאָר ביידע מער פון זיך אַליין, צוויי וועזנס — סעריאָזשען און אַלעקסייען.

זי איז אַריינגעגאַנגען אינמיטן צימער און זיך אָפּגעשטעלט פאַר דאָללין, צודריקנדיק מיט די הענט די ברוסט. אין דעם ווייסן פעניואַר האָט איר פיגור אויסגעזעען באַזונדערס גרויס און ברייט. זי האָט אָנגע־בויגן דעם קאָפּ און פון אונטערן שטערן אָפּערגעקוקט מיט שטראַלנדיקע פייכטע אויגן אויף דער קליינינקער, דאַרינקער און נעבעכדיקער דאָללין אין איר געצירעוועטן יאַקעלע און נאַכט־הייבל, וואָס האָט אינגאַנצן גע־ציטערט פון אויפרעגונג.

— בלויז די דאָזיקע צוויי וועזנס האָב איך ליב, און איינס שליסט אויס דאָס צווייטע. איך קאָן זיי נישט פאַראייניקן, און דאָס איז דאָס איינ־ציקע, וואָס מיר איז נייטיק. און אויב דאָס איז נישט אַזוי, איז מיר אַלצאיינס. אינגאַנצן אַלצאיינס. און עס וועט זיך ווי עס איז ענדיקן, דע־ריבער קאָן איך נישט, האָב נישט ליב צו רעדן וועגן דעם. טאַדל־זשע מיך נישט, משפּט מיך נישט אין גאָרנישט. דו מיט דיין ריינקייט קאָנסט נישט פאַרשטיין דאָס אַלץ, פון וואָס איך לייד.

זי איז צוגעגאַנגען, זיך אַנידערגעזעצט לעבן דאָללין און, איינקוקנ־דיק זיך מיט אַ שולדיקן אויסדרוק אין איר פּנים, האָט זי זי אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— וואָס טראַכסטו? וואָס טראַכסטו וועגן מיר? דו פאַראַכט מיך נישט. איך בין נישט ווערט קיין פאַראַכטונג. איך בין טאַקע דאָס, וואָס עס הייסט אומגליקלעך. אויב עמעצער איז אומגליקלעך, בין א י ך דאָס, — האָט זי אַרויסגעזאָגט, זיך אַוועקגעדרייט פון איר און זיך צעוויינט.

געבליבן אַליין, האָט דאָללי אָפּגעזאָגט אַ תּפילה און זיך געלייגט אין בעט אַריין. זי האָט מיטן גאַנצן האַרץ רחמנות געהאַט אויף אַננען, ווען זי האָט גערעדט מיט איר; אָבער אַצינד האָט זי זיך נישט געקאָנט נייטן צו טראַכטן וועגן איר. דערינערונגען וועגן דער היים און די קינדער זענען מיט אַ באַזונדערן, פאַר איר נייעם, רייץ, אין עפּעס אַ נייעם ליכט אויפגעקומען אין איר דמיון. די דאָזיקע וועלט אירע האָט איר אַצינד אויס־געזען אַזוי טייער און ליב, אַז זי האָט פאַר קיין שום פּרייז נישט גע־וואָלט פאַרברענגען מחוץ איר קיין איבעריקן טאָג און באַשלאָסן, אַז זי וועט אומבאַדינגט מאָרגן אַוועקפאָרן.

אַננאַ, וואָס האָט זיך דערווייל אומגעקערט אין איר קאַבינעט אַריין, האָט גענומען אַ גלעזעלע און אַריינגעטראָפּט דערין עטלעכע טראָפּנס רע־

צעפּט, אין װעלכער עס האָט זיך געפֿונען אַ גרױסער טײל מאָרפֿיום, און, אױסגעטרונקען און געזעסן אַ געװיסע צײַט אומבאַװעגלעך, איז זי מיט אַ באַרויקטן און פֿרײלעכן געמיט אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפֿצימער.

װען זי איז אַרײַנגעקומען אין שלאָפֿצימער, האָט װראָנסקי אױפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אױף איר. ער האָט געזוכט די שפּורן פֿון דעם געשפּרעך, װעלכן זי האָט געמוזט האָבן מיט דאָללין, בלײַבנדיק אַזױ לאַנג אין איר צימער. אָבער ער האָט אין איר אױסדרוק, דעם אױפֿגערודערט־אײַנגעהאַלטענעם און עפּעס פֿאַרבאָרגנדיקן, גאָרנישט געפֿונען, אַ חוץ דער פּאַר אים שױן געװײנלעכער, אָבער נאָך אַלץ אים באַצױבערנדיקער שײנקײט, דאָס אָנערקענען זי און פֿאַרלאַנגען, אַז זי זאָל װירקן אױף אים. ער האָט זי נישט געװאָלט פֿרעגן, װאָס זײ האָבן גערעדט, אָבער געהאָפֿט, אַז זי װעט אַלײן עפּעס זאָגן. אָבער זי האָט בלױז געזאָגט:

— עס פֿרײט מיך, װאָס דאָללי איז דיר געפֿעלן. נישט אמת?

— איך קען זי דאָך שױן פֿון לאַנג. זי איז זײער אַ גוטע, דאַכט זיך, mais excessivement terre-á-terre. אָבער פֿונדעסטװעגן געפֿעלט זי מיר זײער.

ער האָט גענומען אַננעס האַנט און איר פֿרעגנדיק אַ קוק געטאָן אין די אױגן אַרײַן.

זי, אַנדערש פֿאַרשטאַנען דעמדאָזיקן בליק, האָט אַ שמײכל געטאָן.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, נישט געקוקט אױף דעם בעטן פֿון די באַלעבאַטים, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ זיך גענומען גרײטן צום פֿאָרן. לעװינס קוטשער אין זײַן נישט נײַעם קאַפּטן און האַלב־באַלעגאַלעשן הוט, מיט די פֿאַרשײדנפֿאַרביקע פֿערד, אין דער קאַטש מיט די געלאַטעטע פֿליגל, איז אָנגעכמורעט און אַנטשלאָסן פֿאַרפֿאָרן פֿאַרן פּראַנט, װאָס איז אױסגעשיט געװען מיט זאַמד.

דאָס געזעגענען זיך מיט דער פֿירשטין װאַרװאַראַ, מיט די מענער, איז דאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנען געװען נישט אָנגענעם. נאָך דעם פֿאַרברענגטן טאָג, האָבן סײַ זי סײַ די באַלעבאַטים קלאָר געפֿילט, אַז זײ פּאַסן זיך נישט אײנער צום אַנדערן און אַז עס איז בעסער זיך נישט

נאָענט צונויפצוגיין. בלויז אַננען אַליין איז געווען טרויעריק. זי האָט געוווּסט, אַז אַצינד, נאָך דאָליס אָוועקפאָרן, וועט שוין קיינער נישט וועקן אין איר נשמה די געפילן, וועלכע האָבן אויפגעוואַכט אין איר בײַ דער־דאָזיקער זעונג. דאָס וועקן די־דאָזיקע געפילן האָט איר ווי געטון; אָבער זי האָט פונדעסטוועגן געוווּסט, אַז דאָס איז די בעסטע טייל פון איר נשמה, און אַז די־דאָזיקע טייל פון איר נשמה ווערט שנעל פאַרוואַקסן אין דעם לעבן, וואָס זי פירט.

אַרויסגעפאָרן אויפן פעלד, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איבער־געלעבט אַן אָנגענעם געפיל פון דערלייכטערונג און איר האָט זיך גע־גלוסט צו פרעגן בײַ די מענטשן, ווי אַזוי עס איז זיי געפעלן בײַ ווראָנ־סקין, ווי דער קוטשער פיליפּ האָט פּלוצלינג אַליין אָנגעהויבן צו רעדן.

— רייכע לייט, טאַקע רייכע לייט, נאָר האָבער האָבן זיי אינגאַנצן דריי מעסטלעך געגעבן. די פערד האָבן ביזן לעצטן קערנדל אויפגע־קליבן. וואָס האָט דאָס אַ ווערט דריי מעסטלעך? אויף איין צאָן בלויז. היינט קאָן מען קריגן האָבער בײַ די הויזוועכטערס צו פינף און זעכציק קאָפּיעס. בײַ אונז, אַז עס קומט ווער, קריגן די פערד האָבער אַזוי פיל, וויפיל זיי קאָנען נאָר אויפעסן.

— אַ קאַרגער פּריץ, — האָט דער קאָנטאָר־שרייבער באַ־שטעטיקט.

— נו, און די פערד זייערע זענען דיר געפעלן? — האָט דאָללי געפרעגט?

— די פערד — זענען שוין איינמאָל פערד. אויך דאָס עסן איז גוט געווען. נאָר עס האָט מיר עפּעס אַלץ אַזוי טרויעריק אויסגעזעען, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ; איך ווייס נישט, ווי אייך, — האָט ער געזאָגט, אויסדרייענדיק זיין שיין און גוט פּנים צו איר.

— מיר אויך. וואָס־זשע, ביז אָוונט וועלן מיר צופאָרן?

— מען איז מחויב צוצופאָרן.

צוריקגעקומען אַהיים און געטראָפן אַלע אין בעסטן צושטאַנד און באַזונדערס ליבנסווירדיק, האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט גרויס היי־טערקייט דערציילט וועגן איר נסיעה, וועגן דעם, ווי גוט מען האָט זי אויפגענומען, וועגן דעם לוקסוס און פיינעם לעבנס־געשמאַק פון די ווראָנ־סקיס, וועגן זייערע פאַרווייַלונגען און האָט נישט געלאָזט קיינעם רעדן קיין וואָרט קעגן זיי.

— מען דאַרף קענען אַננען און ווראָנסקין — איך האָב איצט אַצינד

מער דערקענט, — כדי צו פארשטיין, ווי ליב און רירנד זיי זענען, — האט זי איצינד גאנץ אויפריכטיק געזאגט, פארגעסנדיק יענע אומבאשטימטע געפיל פון אומצופרידנקייט און פארלעגנהייט, וועלכעס זי האט דארט איבערגעלעבט.

XXV.

ווראנסקי און אננא האבן נאך אלץ אין די זעלבע באדינגונגען, נאך אלץ נישט אננעמענדיק קיין שום מיטלען פאר א גט, דורכגעלעבט דעם גאנצן זומער און א טייל פון הארבסט אין דארף. עס איז צווישן זיי באשלאסן געווארן, אז זיי וועלן אין ערגעץ נישט פארן; אבער ביידע האבן געפילט, וואס מער זיי האבן געלעבט אליין, באזונדערס אין הארבסט און אן געסט, אז זיי וועלן נישט אויסהאלטן דאסדאזיקע לעבן און אז עס וועט אויסקומען צו ענדערן עס.

דאס לעבן איז, דאכט זיך, געווען אזוינס, ווי מען האט זיך בעסער נישט געקאנט ווינטשן: זיי זענען געווען רייך, זענען געווען געזונט, האבן געהאט א קינד און האבן ביידע געהאט באשעפטיקונג. ווען עס זענען קיין געסט נישט געווען, האט אננא ווייטער אזוי געארבעט איבער זיך און זייער א סך זיך פארנומען מיט לייענען — סיי ראמאנען סיי ערנסטע ביכער, וואס זענען געווען אין דער מאדע. זי האט כסדר אויסגעשריבן די אלע ביכער, וועגן וועלכע עס איז מיט לויב דערמאנט געווארן אין די אויסלענדישע צייטונגען און זשורנאלן, וואס זי האט דערהאלטן און זיי געלייענט אזוי אויפמערקזאם, ווי מען קאן נאר לייענען, ווען מען לעבט אפגעזונדערט. חוצדעם, האט זי אלע זאכן, מיט וועלכע ווראנסקי האט זיך באשעפטיקט, אזוי אויסשטודירט מיט דער הילף פון ביכער און ספעציעלע זשורנאלן, אז ער פלעגט זיך אפט גלייך ווענדן צו איר מיט אגראנאמישע, ארכיטעקטאנישע, אפילו טיילמאל מיט פערד-ציכטלעכע און ספארטמענישע פראגן. ער האט זיך געוואונדערט אויף איר וויסן, אויף איר זכרון, תחילת, צווייפלענדיק, פארלאנגט א באשטעטיקונג; און זי פלעגט געפינען אין די ביכער דאס, וואס ער האט געפרעגט און אים געוויזן.

עס האט זי אויך אינטערעסירט דאס בויען פון דעם שפיטאל. זי האט נישט בלויז צוגעהאלפן, נאר א סך זאכן געמאכט און צוגעטראכט

אַליין. אָבער איר הויפּטזאָרג איז פונדעסטוועגן געווען זי אַליין — זי אַליין, אויך וויפיל זי איז טייער וורעאָנסקין, אויף וויפיל זי קאָן אים פאַרטרעטן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאָזט. וורעאָנסקי האָט געשעצט דעמדאָזיקן פאַרלאַנג, וואָס איז געוואָרן דער איינציקער ציל פון איר לעבן, נישט בלויז צו געפעלן, נאָר אויך אים בייהילפיק צו זיין, אָבער אייבצייטיק האָט ער זיך געפילט באַלעסטיקט פון דידאָזיקע ליבעס־נעצן, מיט וועלכע זי האָט זיך באַמיט אים אַרומצוּוויקלען. וואָס מער צייט עס איז פאַרגאַנגען, וואָס מער ער האָט זיך געזעען אַרומגעוויקלט פון דידאָזיקע נעצן, אַלץ מער האָט זיך אים געגלוסט נישט אַזוי אַרויסצוגיין פון זיי, ווי אַ פּרווו צו טון. צי זיי שטערן נישט זיין פרייהייט. ווען נישט דערדאָזיקער אַלץ זיך שטאַרקנדיקער פאַרלאַנג צו זיין פריי, נישט צו האָבן קיין סצענעס יעדעס מאָל, ווען אים פלעגט אויסקומען צו פאָרן אין שטאָט אַריין אויף אַ צוזאַמענפאָר, אויף געיעגן, וואָלט וורעאָנסקי געווען פולשטענדיק צופרידן פון זיין לעבן. די ראָלע, וועלכע ער האָט זיך אויסגעקליבן, די ראָלע פון אַ רייכן ערדבאַזיצער, וואָס פון זיי דאַרף באַשטיין דער קערן פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע, איז נישט בלויז געווען אינגאַנצן לויט זיין געשמאַק, נאָר האָט אַצינד, נאָכדעם, ווי ער האָט אַזוי דורכגעלעבט אַ האַלב יאָר, אים פאַרשאַפט אַלץ אַ גרעסער פאַרגעניגן. און זיין געשעפט, וואָס האָט אים אַלץ מער און מער פאַראינטערעסירט און אַריינגעצויגן, איז געגאַנגען אויסגעצייכנט. נישט געקוקט אויף די ריזיקע געלטער, וואָס עס האָט אים געקאָסט דאָס שפּיטאָל. די מאַשינען, די אויסגעשריבענע בהמות פון דער שווייץ און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט נישט רוינירט, נאָר פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן. דאָרט, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט אין הכנסות, אין פאַרקויפן וואַלד, תּבואה, וואָל, און אַוועקגעבן ערד אין אַרענדע, איז וורעאָנסקי געווען האַרט ווי שטיין און האָט געקאָנט אויסהאַלטן אַ פּרייז. בײַ וויכטיקע ענינים אין דער באַלעבאַטישקייט האָט ער זיך געהאַלטן אין דעם גוט סיי אין די אַנדערע בײַ די איינפאַכסטע, נישט ריזיקאַלישע מעטאָדן און איז געווען אין העכסטן גראַד שפּאָרזאַם און אויסגערעכנט אויף דיווירטשאַפטלעכע קלייניקייטן. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער כיטרעקייט און געשיקטקייט פונם דייטש, וואָס פלעגט אים אַריינציען אין קניות און פלעגט אויסשטעלן יעדן חשבון אַזוי, אַז מען האָט גענדאַרפט אין אָנהייב אַ סך מער, אָבער, נאָכדעם ווי מען האָט זיך איבערגעלייגט, האָט מען געקאָנט מאַכן דאָס אייגענע אי ביליקער אי גלייך באַקומען דעם נוצן, האָט וורעאָנסקי זיך אים נישט אונטערגעגעבן.

ער פלעגט אויסהערן דעם פאַרוואַלטער, אים אויספרעגן און איינשטימען מיט אים בלויז דעמאָלט, ווען דאָס, וואָס מען האָט געוואָלט אויסשרייבן אָדער איינאָרדנען, איז געווען דאָס נייעסטע, אין רוסלאַנד נאָך נישט באַקאַנטע, וואָס האָט געקאָנט אַרויסרופן פאַרווונדערונג. חוצדעם, פלעגט ער זיך באַשליסן אויף גרויסע אויסגאַבן בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַט איבעריק געלט, און, מאַכנדיק דידאָזיקע הוצאות, איז ער דער־גאַנגען ביז צו די קלענסטע פרטים און זיך באַמיט, צו האָבן דאָס בעסטע פאַר זיין געלט. אַזוי, אַז לויט דעם, ווי אַזוי ער האָט געפירט די געשעפטן, איז געווען קלאָר, אַז ער האָט נישט רויבירט, נאָר פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן.

אין חודש אָקטאָבער זענען פאָרגעקומען די וואַלן פון די אַדללייט אין קאַשינער גובערניע, ווו עס האָבן זיך געפינען די גוטער פון ווראָנסקין, סוויאַזשסקין, קאָזנישעוון, אָבלאָנסקין און אַ קליינע טייל פון לעווינען.

מחמת פיל אומשטענדן און די פערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין זיי, האָבן דידאָזיקע וואַלן געווענדט אויף זיך די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט. מען האָט אַ סך וועגן זיי גערעדט און זיך געגרייט צו זיי. די מאָסקווער, פעטערבורגער און אויסלענדישע איינוווינער, וואָס פלעגן קיינמאָל נישט זיין בײַ די וואַלן, זענען זיך צו דידאָזיקע וואַלן צונויפגעפאָרן.

ווראָנסקי האָט שוין לאַנג געהאַט צוגעזאָגט סוויאַזשסקין צו קומען אויף זיי.

פאַר די וואַלן האָט סוויאַזשסקי, וואָס פלעגט אָפט באַזוכן וואָזדוויזשענסקאָיע, אָפגעטרעטן נאָך ווראָנסקין.

נאָך ערב דעמדאָזיקן טאָג איז צווישן ווראָנסקין און אַננען פאָרגעקומען כמעט אַ קריג צוליב דערדאָזיקער פאָרשטייענדער נסיעה. עס איז געווען די לאַנגווייליקסטע, שווערסטע האַרבסט־צייט אין דאָרף, און דעריבער האָט ווראָנסקי, גרייטנדיק זיך צום קאַמף, מיט אַ שטרענגן און קאַלטן אויסדרוק, ווי ער האָט קיינמאָל פריער נישט גערעדט מיט אַננען, איר מיטגעטיילט וועגן זיין אָפפאָרן. אָבער, צו זיין פאַרווונדערונג, האָט אַננאַ אויפגענומען דידאָזיקע ידיעה זייער רויק און בלויז געפרעגט, ווען ער וועט צוריקקומען. ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף איר, נישט פאַרשטייענדיק דידאָזיקע רויקייט. זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל אויף זיין בליק. אים איז באַקאַנט געווען

דידאָזיקע פעיקייט אירע פאַרזונקען צו ווערן אין זיך און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פלעגט פאָרקומען בלויז דעמאָלט, ווען זי פלעגט אַליין זיך אויף עפּעס באַשליסן, נישט מיטטיילנדיק אים אירע פּלענער. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם; נאָר אים האָט זיך אַזוי געוואָלט אויסמיידן סצענעס, אַז ער האָט געמאַכט אַ מינע און טיילווייז אויפריכטיק געגלייבט אין דעם, אין וואָס עס האָט זיך אים געגלוסט צו גלייבן — אין איר פאַרנונפטיקייט.

— איך האָף, אַז עס וועט דיר נישט זיין אומעטיק?

— איך האָף אויך, — האָט אַנגאַ געזאָגט. — איך האָב נעכטן דערהאַלטן אַ קאַסטן ביכער פון גאָטיע. ניין, עס וועט מיר נישט זיין אומעטיק.

„זי וויל אָננעמען אַזאַ טאָן, און גאַנץ גוט אַזוי, — האָט ער אַ קלער געטון, — ווארים אַז נישט, איז אַלץ דאָס אייגענע".

און טאַקע נישט אַרויסרופנדיק זי אויף קיין אָפענער דערקלערונג, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף די וואַלן. דאָס איז געווען ערשט דאָס ערשטע מאָל זינט זייער פאַרבינדונג, וואָס ער האָט זיך צעשיידט מיט איר, נישט האָבנדיק זיך דערקלערט אינגאַנצן. פון איין זייט, האָט עס אים באַאומרויקט, פון דער צווייטער זייט, האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז בעסער אַזוי. „אין אָנהייב וועט זיין, ווי אַצינד, עפּעס נישט קלאָרס, פאַרהוילנס, און דערנאָך וועט זי געוווינט ווערן. אַלנפאַלס קאָן איך איר אַלץ אַוועקגעבן, אָבער נישט מיין מענישע אומאָפּהענגיקייט", האָט ער געקלערט.

XXVI.

אין סעפּטעמבער איז לעווין אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע אויף קיטיס קימפּעט. ער האָט שוין געלעבט אָן באַשעפטיקונג אַ גאַנצן חודש אין מאָסקווע, ווען סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט געהאַט אַ גוט אין קאַשינער גובערניע און האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער פראַגע פון די פאָרשטייענדע וואַלן, האָט זיך געקליבן פאָרן אויף די וואַלן. ער האָט איינגעלאַדן מיט זיך דעם ברודער, וועלכער האָט געהאַט אין קאַשין צו דערלייזיקן פאַר דער שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אין אויסלאַנד,

אַ זייער נייטיקן ענין אין באַשיצונגס-אַמט און באַקומען געלט פון אויסקויף.

לעווין האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אַנטשלאָסן, אָבער קיטי, וואָס האָט געזעען, אַז ער לאַנגווײַלט זיך אין מאָסקווע, און האָט אים איך גערעכטן צו פאָרן, האָט אָן זיין וויסן באַשטעלט אַן אדל-מונדיר, וואָס האָט געקאָסט אַכציק רובל. און דידאָזיקע אַכציק רובל, וואָס זענען באַצאָלט געוואָרן פאַרן מונדיר, זענען געווען די הויפּט-סיבה, וואָס האָבן באַוועגט לעווינען צו פאָרן. ער איז געפאָרן קיין קאַשין.

לעווין איז געווען אין קאַשין שוין דעם זעקסטן טאָג, האָט באַזוכט יעדן טאָג די פאַרזאַמלונג און זיך משתדל געווען וועגן דער שוועסטערס ענין, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט דערלײדיקט געווען. די אַנפירערס זענען אַלע פאַרנומען געווען מיט די וואַלן, און עס איז נישט מעגלעך געווען דורכצופירן דעם איינפאַכן ענין טאַקע, וועלכער איז אָפּהענגיק געווען פון דעם באַשיצונגס-אַמט. דער צווייטער ענין ווידער — דאָס באַקומען דאָס געלט — האָט אויך אָנגעטראָפן אויף שטערונגען. נאָך אַ סך השתדלותן וועגן אַראָפּנעמען דעם פאַרבאָט, איז דאָס געלט גרייט געווען צום אַרויסגעבן; אָבער דער נאָטאַריוס, זייער אַ העלפֿעכער מענטש, האָט נישט געקאָנט אַרויסגעבן דעם טאַלאָן, ווייל מען האָט געדאַרפט דעם פאָרזיצערס אונטערשריפט, און דער פאָרזיצער, וואָס האָט נישט איבערגעגעבן זיין אַמט, איז געווען אויף אַ סעסיע. די אַלע השתדלותן, דאָס גיין פון פון איין אַמט אין צווייטן אַריין, דאָס רעדן מיט זייער גוטע, פיינע מענטשן, וואָס פאַרשטייען דורכויס די אומאָנגענעמע לאַגע פון דעם אינטערעסאַנט, נאָר קאָנען אים גאָרנישט העלפן, דידאָזיקע אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס גיבן נישט קיין שום רעזולטאַטן, האָבן אַרויסגערופן בא לעווינען אַ פיינלעך געפיל, ענלעך צו דער פאַרדראָסיקער מאַכטלאָזיקייט, וועלכע מען לעבט איבער אין שלאָף, ווען מען וויל באַנוצן פיזישן כוח. ער האָט דאָס אָפט געפילט, רעדנדיק מיט זיין זייער גוטמוטיקן אַדוואָקאַט. דערדאָזיקער אַדוואָקאַט האָט געטון, דאַכט זיך, אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך געווען, און אָנגעשטרענגט אַלע זיינע גייסטיקע כוחות, כדי אַרויסצופירן לעווינען פון דערדאָזיקער שווערער לאַגע. „פּרוווט אָט וואָס, — האָט ער אים נישט איינמאָל געזאָגט, — פאָרט-צו דאָ און דאָ", און דער אַדוואָקאַט האָט געמאַכט אַ גאַנצן פּלאַן, ווי אַזוי אויסצומיידן דעמדאָזיקן פאַטאַלן אָנהייב, וועלכער האָט אין אַלעם געשטערט. אָבער ער

פֿלעגט באַלד צוגעבן: „זיי ווילן דאָך פֿאַרהאַלטן; פֿונדעסטוועגן פּרוּווט".
און לעווין האָט געפּרוּווט, איז געגאַנגען, איז געפֿאָרן, אַלע זענען געווען
גוט און ליבלעך, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אויסגעמיטענע
איז ווידער אויפֿן סוף אויסגעוואַקסן און האָט ווידער פֿאַרצוימט דעם וועג.
באַזונדערס איז געווען באַליידיקענד דאָס, וואָס לעווין האָט בשום אופֿן
נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, מיט וועמען ער קעמפֿט, ווער עס האָט אַ נוצן
פֿון דעם, וואָס צו זיין ענין נעמט קיין סוף נישט. דאָס האָט, דאַכט זיך,
קיינער נישט געוווּסט; אויך דער אַדוואָקאַט האָט נישט געוווּסט. ווען
לעווין וואָלט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי ער פֿלעגט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס מען
קאָן נישט צוגיין צו דער קאַסע בײַ דער באַן אַנדערש, ווי נאָר, זיך
שטעלנדיק אין דער ריי, וואָלט אים נישט געווען באַליידיקענד און פֿאַר-
דראָסיק; אָבער אין די שטערונגען, אויף וועלכע ער האָט אָנגעטראָפֿן בײַם
דערליידיקן זיין ענין, האָט אים קיינער נישט געקאָנט אויפֿקלערן, פֿאַרוואָס
זיי עקזיסטירן.

אָבער לעווין האָט זיך אַ סך געענדערט פֿון דער צייט אָן, זינט ער
האָט חתונה געהאַט; ער איז געווען געדולדיק און אויב ער האָט נישט
פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דאָס אַלץ איז אַזוי איינגעאָרדנט, האָט ער זיך גע-
זאָגט, אַז, נישט וויסנדיק אַלץ, קאָן ער נישט אורטיילן, אַז, מסתּמא, דאַרף
מען אַזוי, און האָט זיך באַמיט זיך נישט אויפֿצורעגן.

אַצינד, זייענדיק בײַ די וואַלן און נעמענדיק אָן אָנטייל אין זיי,
האָט ער זיך אויך באַמיט נישט צו פֿאַראורטיילן, נישט צו דיסקוטירן,
נאָר ווי ווייט מעגלעך צו פֿאַרשטיין דעם ענין, מיט וועלכן עס האָבן זיך
מיט אַזאַ ערנסטקייט און עקזאַלטאַציע פֿאַרנומען די דורך אים געשעצטע
און פֿיינע מענטשן. זינט ער האָט חתונה געהאַט, זענען פֿאַר לעווינען
אַנטדעקט געוואָרן אַזוי פֿיל נייע ערנסטע זייטן, וואָס האָבן אים פֿריער
צוליב זיין לייכטזיניקער באַציִונג צו זיי אויסגעזען נישטיק, אַז אויך אין
די וואַלן האָט ער באַהויפּטעט און געזוכט אַן ערנסטע באַדייטונג.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים דערקלערט דעם זינען און די באַ-
דייטונג פֿון דער פֿאָרגעזעענער איבערקערעניש בײַ די וואַלן. דער
פֿירער פֿון דער גובערניע, אין וועמענס הענט עס האָבן זיך לויטן געזעץ
געפֿונען אַזוי פֿיל וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, אי די באַשיצונגס-
אַמטן (די זעלבע, פֿון וועלכע לעווין האָט אַצינד אַזוי געליטן), אי די
ריזיקע סומעס פֿון אַדל, אי די גימנאַזיעס — פֿאַר פֿרויען, מענער און
מיליטערלייט, אי די פֿאָלקסבילדונג אין דער נייער לאַגע, אי ענדלעך

די זעמסטוואָ, — דער פירער פון דער גובערניע סנעקטאָוו איז געווען אַ מענטש פון אַן אַלטן אַדעליקן שניט, וואָס פאַרלעבט אַ ריזיק פאַרמעגן, אַ גוטער מענטש, אַן ערלעכער אויף זיין שטייגער, נאָר האָט פולשטענדיק ניט פאַרשטאַנען די באַדערפענישן פון דער נייער צייט. ער איז אין אַלעם תמיד געווען אויף דער זייט פון אַדל, ער האָט אייגנפאַך געווירקט קעגן דער פאַרשפרייטונג פון דער פאָלקסבילדונג און צוגעגעבן דער זעמסטוואָ, וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ ריזיקע באַדייטונג, אַ קלאַסן-כאַראַקטער. מען האָט געדאַרפט אויף זיין אָרט באַשטימען אַ פרישן, היינטצייטיקן, טיכטיקן מענטש, גאָר אַ נייעם, און פירן דעם ענין אַזוי, אַז מען זאָל אַרויסציען פון אַלע רעכט, וואָס זענען געשענקט געוואָרן דעם אַדל, ניט ווי דעם אַדל, נאָר ווי דעם עלעמענט פון דער זעמסטוואָ, די נוצן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וועלכע עס איז נאָר מעגלעך געווען אַרויסצוציען. אין דער רייכער קאַשינער גובערניע, וואָס איז שטענדיק אין אַלעם געשטאַנען אויפן ערשטן פונקט, האָבן זיך אַצינד אָנגעזאַמלט אַזעלכע כוחות, אַז דער ענין, וואָס וואָלט געפירט געוואָרן דאָ ווי עס געהער צו זיין, וואָלט געקאָנט דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע גובערניעס, פאַר גאַנץ רוסלאַנד. און דעריבער האָט דער גאַנצער ענין געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. אַלס פירער אויף סנעטקאָווס אָרט האָט מען בדעה געהאַט צו באַשטימען אָדער סוויאַזשסקין, אָדער נאָך בעסער ניעווידאָווסקין, אַ געוועזענעם פראָפעסאָר, אַ מערקווירדיק קלוגן מענטש און גרויסן פריינט פון סערגיי איוואַנאָוויטשן.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די אַדללייט, אַז זיי זאָלן אויסקלויבן מענטשן ניט לויט פערזענלעכע סימפּאַטיעס, נאָר לויט די פאַרדינסטן און פאַרן וווילזיין פון פאָטערלאַנד, און אַז ער האָפט, אַז דער קאַשינער הויכער אַדל וועט, ווי בײַ די פריערדיקע וואַלן, הייליק דערפילן זיין חוב און באַרעכטיקן דעם גרויסן צוטרוי פון דעם מאָנאַרך.

פאַרענדיקט די רעדע, האָט דער גובערנאַטאָר אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון זאַל, און די אַדללייט האָבן רוישיק און לעבהאַפט, טייל אַפילו באַגייסטערט, אים אָנגעהויבן נאָכצוגיין און אים אַרומגערינגלט, בשעת ער האָט אָנגעטון דאָס פוטער און האָט פריילעך געשמועסט מיטן פירער פון דער גובערניע. לעווין, וואָס האָט געוואָלט אין אַלעם אַריינדרינגען און גאָרניט דורכלאָזן, איז געשטאַנען דאָ טאַקע צווישן עולם און געהערט, ווי דער גובערנאַטאָר האָט געזאָגט: „איך בעט אייך, גיט

איבער מאַריאַ איוואַנאָוונען, אַז מיין פרוי באַדויערט זייער, וואָס זי פאָרט אין פריוט אַריין". און באַלד נאָכדעם האָבן די אַדללייט פריילעך אָנגעטון די פוטערס און זענען אַלע געפאָרן אין קירכע אַריין.

אין קירכע האָט לעווין, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע, אויפגעהויבן די האַנט, איבערגעחזרט די ווערטער פון פּראָטאָפּאָפּ און געשווירן מיט די שרעקלעכסטע שבועות צו דערפילן דאָס אַלץ, אויף וואָס דער גובערנאַטאָר האָט געהאָפט. די קירכלעכע גאָטעסדינסטן האָבן שטענדיק געהאַט אַ ווירקונג אויף לעווינען, און ווען ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער: „איך קוש דעם צלם", זיך אומגעקוקט אויף דעם עולם פון דידאָזיקע יונגע און אַלטע לייט, וואָס האָבן איבערגעחזרט דאָס זעלבע, האָט ער זיך דערפילט גערירט.

אויפן צווייטן און דריטן טאָג זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן וועגן די סומעס פון דעם אַדל און פון דער פרויען-גימנאַזיע, וואָס האָבן נישט געהאַט, ווי סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דערקלערט, קיין שום וויכטיקע באַדייטונג, און לעווין, וואָס איז פאַרנומען געווען מיט פאַרזאָרגן זיינע ענינים, האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיי. אויפן פערטן טאָג זענען באַם גובערניאַלן טיש קאָנטראָלירט געוואָרן די סומעס פון דער גובערניע. און דאָ איז צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער נייער פאַרטיי מיט דער אַלטער. די קאָמיסיע, וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו קאָנטראָלירן די סומעס, האָט געמאָלדן דער פאַרזאַמלונג, אַז אַלע סומעס שטימען. דער פירער פון דער גובערניע איז אויפגעשטאַנען און מיט טרערן אין דער שטימע געדאַנקט דעם אַדל פאַרן צוטרוי. די אַדללייט האָבן אים געמאַכט אַ רוישיקע אָוואַציע און אים געדריקט די האַנט. אָבער אין דער צייט האָט איין אַדלמאַן פון סערגיי איוואַנאָוויטשס פאַרטיי געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז די קאָמיסיע האָט נישט קאָנטראָלירט די סומעס, האַלטנדיק דאָס קאָנטראָלירן אַלס באַליידיקונג פאַר דעם פירער פון דער גובערניע. איינער פון די קאָמיסיע-מיטגלידער האָט דאָס אומפאָרזיכטיק באַשטעטיקט. דעמאָלט האָט איין קליינער, לויטן אויסזעען זייער יונגער, אָבער זייער פאַרביסענער הער אָנגעהויבן רעדן, אַז דעם פירער פון דער גובערניע וואָלט, ווארשיינלעך, געווען אָנגענעם אָפּצוגעבן אַ רעכענונג פון די סומעס און אַז די איבערמעסיקע איידלקייט פון די קאָמיסיע-מיטגלידער נעמט אים צו דידאָזיקע מאָראַלישע באַפרידיקונג. דעמאָלט האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיך אָפּגעזאָגט פון זייער מעלדונג, און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אָנגעהויבן לאָגיש צו

באַווייזן, אַז מען דאַרף אָדער אָנערקענען, אַז די סומעס זענען דורך זיי קאָנטראָלירט אָדער נישט קאָנטראָלירט געוואָרן, און האָט אויספירלעך אַנטוויקלט דידאָזיקע דילעמע. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אָפּגעענטפערט אַ רעדנער פון דער קעגנערישער פּאַרטיי. דערנאָך האָט גערעדט סוויאַזשסקי און ווידער דער פאַרביסענער הער. די וויכּוחים האָבן לאַנג געדויערט און זיך מיט גאָרנישט געענדיקט. לעווין איז געווען פאַרוואונדערט, וואָס מען האָט וועגן דעם אַזוי לאַנג דיסקוטירט, באַזונדערס דערפאַר, וואָס, ווען ער האָט געפרעגט סערגיי איוואַנאָוויטשן, צי ער האַלט, אַז די סומעס זענען פאַרשווענדט געוואָרן, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געענטפערט:

— אָ, ניין! ער איז אַן ערלעכער מאַן. אָבער מען האָט געדאַרפט אַ ריר טאָן פון טויטן פּונקט דעמדאָזיקן פאַטערלעכן פאַמיליאַרן אופן פון פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון דעם אַדל.

אויפן פינפטן טאָג זענען פאָרגעקומען די וואַלן פון די קרייז-אָנפירער. דערדאָזיקער טאָג איז געווען אַ גאַנץ שטורמישער אין טייל קרייזן. אין סעלעזניעווסקער קרייז איז סוויאַזשסקי אויסגעקליבן געוואָרן אָן אַ באַלאָטירונג איינשטימיק, און ער האָט דעם טאָג געגעבן אַ מיטאָג.

XXVII.

אויפן זעקסטן טאָג זענען באַשטימט געוואָרן די וואַלן פון דער גובערניע. די גרויסע און קליינע זאַלן זענען פול געווען מיט אַדליים אין פאַרשידענע מונדירן. אַ סך זענען געקומען בלויז אויף דעם טאָג. באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען, ווער פון קרים, ווער פון פּעטערבורג, ווער פון אויסלאַנד, האָבן זיך באַגעגנט אין די זאַלן. באַם גובערניאַלן טיש, אונטערן קייסערס פּאָרטרעט, זענען געפירט געוואָרן וויכּוחים.

די אַדליים האָבן סיי אין גרויסן, סיי אין קליינעם זאַל זיך גרופּירט אין לאַגערן, און לויט די פיינדלעכע און אומצוטרויִלעכע בליקן, לויט דעם, ווי דאָס רעדן פלעגט אויפהערן באַם דערנענטערן זיך פון פרעמדע פּערזאָנען, לויט דעם, וואָס טייל זענען, שושקענדיק זיך, אַפילו אַוועקגעגאַנגען אין ווייטן קאָרידאָר אַריין, איז קענטיק געווען, אַז יעדער צד האָט סודות פאַר דעם צווייטן. לויט דעם אויסערלעכן אָנבליק זענען

די אַדללייט שאַרף צעטיילט געווען אויף צוויי פּונקטן: אויף אַלטע און נייע. די אַלטע זענען געווען אָנגעטאָן מערסטנטיילס אָדער אין אַדעליקע אַלטע פאַרשפּיליעטע מונדירן, מיט שווערדן און הוטן, אָדער אין זייערע באַזונדערע, פלאָטאַרטיקע, קאַוואַלערישע, אינפאַנטערישע, אויסגעדינטע מונדירן. די מונדירן פון די אַלטע אַדללייט זענען געווען גענייט לויט דער אַלטער מאָדע, מיט בופלעך אויף די אַקסלען; זיי זענען געווען משמעות קליין, קורץ אין די טאַליעס און שמאָל, ווי די, וואָס האָבן זיי געטראָגן, וואָלטן געהאַט אויסגעוואַקסן פון זיי. די יונגע ווידער זענען געווען אין אַדעליקע צעשפּיליעטע מונדירן מיט נידעריקע טאַליעס און ברייט אין די אַקסלען, מיט ווייסע וועסטן, אָדער אין מונדירן מיט שוואַרצע קעלנער און לאַרבערס, מיט אויסנייעכצן פון יוסטיק-מיניסטעריום. צו די יונגע אָבער האָבן געהערט די הויפישע מונדירן, וואָס האָבן דאָ און דאָרט באַשיינט דעם עולם.

אָבער די טיילונג אויף יונגע און אַלטע איז נישט צונויפגעפאַלן מיט דער טיילונג פון די פּאַרטייען. טייל פון די יונגע, ווי לעווין האָט באַמערקט, האָבן געהערט צו דער אַלטער פּאַרטיי, און אַ טייל, ווידער פאַרקערט, גאָר אַלטע אַדללייט האָבן זיך געשושקעט מיט סוויאַזשסקין און זענען משמעות געווען הייסע אָנהענגער פון דער נייער פּאַרטיי.

לעווין איז געשטאַנען אין קליינעם זאַל, וווּ מען האָט גערייכערט און עפּעס טועם געווען. לעבן דער גרופּע פון די זייניקע, זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מען האָט גערעדט, און בחינם אָנגעשטרענגט זיינע גייסטיקע כוחות, כדי צו פאַרשטיין, וועגן וואָס ס'איז גערעדט געוואָרן. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען דער צענטער, אַרום וועלכן די אַנדערע האָבן זיך גרופּירט. ער האָט אַצינד אויסגעהערט סוויאַזשסקין און כליוסטאָוון, דעם אָנפירער פון אַ צווייטן קרייז, וואָס האָט געהערט צו זייער פּאַרטיי. כליוסטאָוו האָט נישט איינגעשטימט צו גיין מיט זיין קרייז בעטן סנעטקאָוון זיך צו לאָזן באַלאָטירן, סוויאַזשסקי האָט אים אָנגערעדט דאָס צו טון און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט באַגיטיקט דעמדאָזיקן פּלאַן. לעווין האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער קעגנערישער פּאַרטיי איז נייטיק געווען צו בעטן דעם אָנפירער, וועלכן זיי האָבן געוואָלט פאַרבאַלאָטירן, אַז ער זאָל זיך לאָזן באַלאָטירן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וואָס האָט נאָר-וואָס געהאַט אויסגעטרונקען און פאַרביסן, זיך אָפּווישנדיק דאָס מויל מיט אַ דופּטיק באַטיסטן

טיכל מיט שלעקלעך, איז צוגעגאנגען צו זיי אין זיין מונדיר פון א קאמערהער.

— מיר פארנעמען די פאזיציע, — האט ער געזאגט, צענעמענדיק ביידע באקנבערד, — סערגיי איוואנאוויטש!

און, נאכדעם ווי ער האט זיך צוגעהערט צום געשפרעך, האט ער באשטעטיקט סוויאזשסקיס מיינונג.

— עס איז גענוג איין קרייז, און סוויאזשסקי איז שוין משמעות אן אפאזיציע, — האט ער געזאגט די אלעמען, א חוץ לעווינען, באקאנטע ווערטער.

— וואס, קאסטיא, דו ביסט אויך, דאכט זיך, געקומען צום טעם? — האט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו לעווינען און נעמענדיק אים אונטער דער האנט. לעווין וואלט טאקע צופרידן געווען צו קומען צום טעם, ער האט אבער נישט געקאנט פארשטיין, אין וואס עס האנדלט זיך, און, אוועקגייענדיק עטלעכע טריט פון די, וואס האבן גערעדט, האט ער אויסגעדריקט סטעפאן ארקאדיעוויטשן זיין פארוואונדערונג, נאכוואס מען דארף בעטן דעם אנפירער פון דער גובערניע.

— O sancta simplicitas! — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט און קורץ און שארף געגעבן צו פארשטיין לעווינען, אין וואס עס האנדלט זיך.

ווען אלע קרייזן וואלטן, ווי בא די פריערדיקע וואלן, געבעטן דעם פירער פון דער גובערניע, וואלט מען אים אויסגעקליבן מיט אלע ווייסע. דאס האט מען נישט געדארפט טון. איצנד אבער באשטייען אכט קרייזן צו בעטן; אויב אבער צוויי וועלן זיך אפזאגן צו בעטן, קאן סנעטקאוו זיך אפזאגן פון באלאטירן. און דעמאלט קאן די אלטע פארטיי אויסקלייבן אן אנדערן פון זיך, מחמת מ'וועט אינגאנצן אנווערן די אויסרעכנונג. אויב אבער סוויאזשסקיס קרייז אליין וועט נישט בעטן, וועט סנעטקאוו זיך באלאטירן. מען וועט אים אפילו אויסקלייבן און בכיוון אים איבערלייגן, אזוי, אז די קעגנערישע פארטיי וועט אנווערן דעם חשבון און ווען מ'וועט ארויסשטעלן אונזערס א קאנדידאט, וועלן זיי אליין אים איבערלייגן. לעווין האט פארשטאנען, אבער נישט אינגאנצן, און געוואלט שטעלן עטלעכע פראגן, אבער פלוצלינג האבן אלע אנגעהויבן צו רעדן, צו ליארמען און זיך א לאז געטון אין גרויסן זאל אריין.

— וואס אזוינס? וואס? וועמען? — א באפולמעכטיקונג? וועמען? וואס? זיי ווארפן אפ? — נישט קיין באפולמעכטיקונג. — פלע-

ראָוון לאָזט מען נישט צו. — וואָס־זשע, וואָס הייסט אַ פּראָצעס אויף זיך? אַזוי וועט מען קיינעם נישט צולאָזן. דאָס איז נידעריק — דאָס געזעץ, — האָט לעווין געהערט פון פאַרשידענע זייטן און גלייך מיט אַלע, וואָס האָבן זיך געאײַלט ערגעץ און מורא געהאַט נישט דורכצולאָזן עפּעס, זיך אַוועקגעלאָזט אין גרויסן זאַל אַריין און, ווערנדיק געשטופּט דורך די אַדליים, האָט ער זיך דערנענטערט צו דעם גובערניאַלן טיש, בײַ וועלכן עס האָבן זיך עפּעס הייס מתווכח געווען דער פירער פון דער גובערניע, סוויאַזשסקי און אַנדערע אָנפירער.

XXVIII.

לעווין איז געשטאַנען גאַנץ ווייט. איין אַדלמאַן, וואָס האָט שווער און כריפּענדיק געאָטעמט לעבן אים און אַ צווייטער, וואָס האָט געסקריפּעט מיט גראָבע זוילן, האָבן אים געשטערט דייטלעך צו הערן. ער האָט בלויז פונדערווייטנס געהערט דאָס ווייכע קול פון דעם אָנפירער, דערנאָך דאָס קוויטשעדיקע קול פון דעם פאַרביסענעם אַדלמאַן און דערנאָך סוויאַזשסקיס קול. זיי האָבן דיסקוטירט, אויף וויפיל ער האָט געקאָנט פאַרשטיין, וועגן דער באַדייטונג פון אַרטיקל פון קאָדעקס און וועגן דעם טייטש פון די ווערטער: װ אָ ס ג ע פ י נ ט ז י ך א ו נ ט ע ר א ן א ו י ס פ אָ ר ש ו נ ג.

דער עולם האָט זיך צערוקט, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן, וואָס איז צוגעגאַנגען צום טיש. סערגיי איוואַנאָוויטש, צוּוואַרטנדיק ביז דער פאַרביסענער אַדלמאַן האָט אויפגעהערט צו רעדן, האָט געזאָגט, אַז ווי אים דאַכט זיך, וואָלט גלייכער געווען פון אַלץ נאָכצוקוקן דאָס אַרטיקל פון קאָדעקס און האָט געבעטן דעם סעקרעטאַר צו געפינען דאָס אַרטיקל. אין אַרטיקל איז געזאָגט געוועז, אַז אין פאַל פון אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט דאַרף מען באַלאָטירן.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל און אָנגעהויבן דערקלערן די באַדייטונג דערפון, אָבער דאָ האָט איין הויכער, דיקער, ברייטבייניקער גוטבאַזיצער, מיט געפאַרבטע וואָנסעס, אין אַן ענגן מונדיר מיט אַ קאָלנער, וואָס האָט אים געשניטן אונטערן האַלז,

אים איבערגעשלאָגן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, א קלאַפּ געגעבן איבער אים מיטן רינג און הויך זיך צעשריגן:

— באַלאָטירן! מיט גאַלקעס! עס איז נישטאָ וואָס צו רעדן! מיט גאַלקעס!

דאָ האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רעדן עטלעכע שטימען, און דער הויכער אַדלמאַן מיטן רינג, וואָס איז אַלץ מער און מער בייז געוואָרן, האָט געשריגן אַלץ העכער און העכער. נאָר מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער האָט געזאָגט.

ער האָט געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס סערגיי איוואַנאָוויטש האָט פאָרגעלייגט; אָבער ער האָט משמעות אים און זיין גאַנצע פּאַרטיי פיינט געהאַט, און דאָסדאָזיקע פיינקלעכע געפיל האָט זיך איבערגעגעבן דער גאַנצער פּאַרטיי און האָט אַרויסגערופן א ווידערשטאַנד פון פונקט אַזאַ, הגם מער אָנשטענדיקער אויפרעגונג פון דער צווייטער זייט. עס האָבן זיך אויפגעהויבן געשרייען, און אויף א מינוט האָט זיך אַלץ אויסגעמישט, אַזוי אַז דער אָנפירער פון דער גובערניע איז געגייט געווען צו בעטן זיך צו באַרויקן.

— באַלאָטירן, באַלאָטירן! ווער עס איז אַן אַדלמאַן, דער פאַרשטייט. — מיר פאַרגיסן בלוט... דעם צוטרוי פונם מאָנאַרך... נישט רעכענען דעם אָנפירער, ער איז נישט קיין אָנגעשטעלטער... אָבער נישט אין דעם גייט עס דאָך... דערלויבט אויף גאַלקעס! — האָבן זיך געהערט בייזע, אויפגערעגטע געשרייען פון אַלע זייטן. די בליקן און פּנימער זענען געווען נאָך בייזער און אויפגערעגטער פון די געשרייען. זיי האָבן אויסגעדריקט א שרעקלעכן האַס. לעווין האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך און האָט זיך געוווּנדערט אויף דער ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם, צי מען זאָל יאָ אָדער נישט באַלאָטירן די מיינונג וועגן פלעראָוון. ער האָט פאַרגעסן, ווי סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים דערנאָך געגעבן צו פאַרשטיין, דעם סילאָגיזם, אַז פאַר דעם אַלגעמיינעם וווילזיין דאַרף מען אַראָפּצוּוואַרפן דעם פירער פון דער גובערניע; כדי אָבער אַראָפּצוּוואַרפן דעם פירער, האָט מען געדאַרפט האָבן א מערהייט גאַלקעס; כדי ווידער צו האָבן א מערהייט גאַלקעס, האָט מען געמוזט געבן פלעראָוון דאָס רעכט צו שטימען; כדי ווידער צו אָנערקענען פלעראָוון פאַר באַרעכטיקט, האָט מען געמוזט אויסטייטשן, ווי אַזוי מען דאַרף פאַרשטיין דאָס אַרטיקל פונם געזעץ.

— און איין שטימע קאָן לעזן דעם גאַנצן ענין, און מען מוז זיין ערנסט און קאָנסעקווענט, אויב מען וויל דינען דעם כּלל, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש פאַרענדיקט. אָבער לעווין האָט דאָס פאַרגעסן, און אים איז שווער געווען צו זען דידאָזיקע דורך אים געשעצטע מענטשן אין אַזא אומאָנגענעמער, בייזער אויפרעגונג. כּדי זיך צו באַפרייען פון דעמדאָזיקן שווערן געפיל, האָט ער נישט צוגעוואַרט אויפן סוף פון דעמדאָזיקן וויכּוח און איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל, וווּ עס איז קיינער נישט געווען, חוץ די לאַקייען אַרום דעם בופעט. דערזעען זי לאַקייען, וואָס זענען פאַרנומען געווען באַם איבערווישן דאָס געשיר און צעשטעלן די טעלערס און גלעזלעך, דערזעען זייערע רויקע, הייטערע פּנימער, האָט לעווין איבערגעלעבט אַן אומדערוואַרט געפיל פון פאַרלייכטערונג, גלייך ער וואָלט פון אַ דעמפּיק צימער אַרויסגעגאַנגען אויף דער פרייער לופט. ער האָט אָנגעהויבן גיין הין און צוריק, קוקנדיק מיט פאַרגעניגן אויף די לאַקייען. אים איז זייער געפעלן געוואָרן, ווי איין לאַקיי מיט גרויע באַקנבערד, אַרויסווייזנדיק ביטול צו די איבעריקע, יונגע, וועלכע האָבן פון אים חוזק געמאַכט, האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף צונויפלייגן די סערוועטקעס. לעווין האָט נאָר-וואָס געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיטן אַלטן לאַקיי, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם באַשיצונגס-אַמט פונם אַדל, אַן אַלטיטשקער, וואָס זיין ספּעציאַליטעט איז געווען צו קענען אַלע אַדל-לייט פון דער גובערניע באַ די נעמען און פאַמיליע-נעמען, האָט אים צעשטערט.

— ביטע, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט ער אים געזאָגט, — דער ברודער זוכט אייך. עס ווערט באַלאָטירט די מיינונג.

לעווין איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל, האָט באַקומען אַ ווייסינקע גאַלקע און איז גלייך נאָכן ברודער סערגיי איוואַנאָוויטש צוגעגאַנגען צום טיש, באַ וועלכן עס איז געשטאַנען מיט אַ וויכטיקן און איראָנישן פּנים סוויאַזשסקי, צונויפנעמענדיק די באָרד אין דער גאָרשטש און שמעקנדיק זי. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין קעסטל, האָט ערגעץ דאָרט אַוועקגעלייגט זיין גאַלקע און, צולאָזנדיק לעווינען, איז ער שטיין געבליבן דערלעבן. לעווין איז צוגעגאַנגען, אָבער, גאָר פאַרגעסנדיק, אין וואָס עס האַנדלט זיך און פילנדיק זיך אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך געווענדט צו סערגיי איוואַנאָוויטשן מיט דער פראַגע: „וווּהין צו לייגן?" ער האָט געפרעגט שטיל, בעת מען האָט דערלעבן גערעדט, אַזוי אַז ער האָט געהאָפט, אַז זיין פראַגע וועט נישט דערהערט

וערן. אָבער די, וואָס האָבן גערעדט, זענען שטיל געבליבן, און זיין נישט אָנשטענדיקע פראַגע איז דערהערט געוואָרן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך אָנגעכמורעט.

— דאָס איז אַ זאַך פון יעדנס איבערצייגונג, — האָט ער שטרענג געזאָגט.

עטלעכע האָבן אַ שמייכל געטון. לעווין איז רויט געוואָרן, האָט איילִיק אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן טוך און אָנגערירגעלייגט רעכטס, ווייל די באַלקע איז געווען אין דער רעכטער האַנט. נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געהאַט אָנגערירגעלייגט, האָט ער זיך דערמאַנט, אַז מען האָט געדאַרפט אַרונטערוקן אויך די לינקע האַנט, און זי אַרונטערגערוקט, אָבער שוין שפעט, און, זיך נאָך מער פאַרשעמענדיק, איז ער שנעל אַוועקגעגאַנגען אין די סאַמע הינטערשטע רייען.

— הונדערט זעקס און צוואַנציק פאַר — אַכט און נײַנציק קעגן! — האָט זיך דערהערט דעם סעקרעטאַרס קול, וואָס האָט נישט אַרויסגערעדט דעם בוכשטאַב „ר“. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער: אין קעסטל זענען געפינען געוואָרן אַ קנעפל און צוויי ניס. דער אַדלמאַן איז צוגעלאָזט געוואָרן, און די נייע פּאַרטיי האָט געזיגט.

אָבער די אַלטע פּאַרטיי האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר באַזיגט. לעווין האָט דערהערט, אַז מען בעט סנעטקאָוון ער זאָל זיך באַלאָטירן, און דערזעען, אַז אַן עולם אַדללייט האָט אַרומגערינגלט דעם פירער פון דער גובערניע, וועלכער האָט עפּעס געזאָגט. לעווין איז צוגעגאַנגען נענטער. ענטפערנדיק די אַדללייט, האָט סנעטקאָוו גערעדט וועגן דעם צוטרוי פון דעם אַדל, וועגן דער ליבע צו אים, וועלכע ער איז נישט ווערט, וואָרים זיין גאַנץ פאַרדינסט באַשטייט בלויז אין דער איבערגעגעבנהייט דעם אַדל, וועלכן ער האָט געווידמעט צוועלף יאָר דינסט. עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעחזרט די ווערטער: „איך האָב געדינט מיט אַלע כּוחות, מיט גלויבן און אמת, איך שעץ און דאַנק“, און פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פון די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט און איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל. צי די דאָזיקע טרערן האָבן געשטאַמט פון דער אָנערקענטער אומגערעכטיקייט צו אים, פון דער ליבע צום אַדל, אָדער פון דער אָנגעצויגענער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, פילנדיק זיך אַרומגערינגלט מיט שונאים, אָבער די דאָזיקע אויפרעגונג האָט זיך איבערגעגעבן, די מערהייט אַדללייט איז געווען גערירט, און לעווין האָט דערפילט אַ צאַרטקייט צו סנעטקאָוון.

אין דער טיר האָט דער אָנפירער פון דער גובערניע זיך צונויפגעטראָפן מיט לעווינען.

— אַנטשולדיקט, איך בעט אייך, — האָט ער געזאָגט, ווי צו אַן אומבאַקאַנטן; אָבער, דערקענענדיק לעווינען, האָט ער נישט דרייסט אַ שמייכל געטון. לעווינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער פון אויפרעגונג נישט געקאָנט. דער אויסדרוק פון זיין פּנים און פון דער גאַנצער פיגור אין מונדיר מיט די אָרדנס און אין די ווייסע הויזן מיט שיך, ווי ער איז איילִיק געגאַנגען, האָט דערמאַנט לעווינען אַ פאַרפּאָלגטע חיה, וועלכע זעט, אַז עס האַלט מיט איר שלעכט. דערדאָזיקער אויסדרוק אויפן פירערס פּנים איז געווען באַזונדערס רירנד פאַר לעווינען, ווייל ער איז ערשט נעכטן צוליבן ענין פון באַשיצונגסאַמט געהאַט געווען בא אים אינדערהיים און געזעען אים אין דעם גאַנצן פּראַכט פון אַ גוטן פאַמיליען-מענטש. דאָס גרויסע הויז מיטן אַלטן פאַמיליע-מעבל; די נישט עלעגאַנטע, אַ ביסל שמוציקע, אָבער חשיבותדיקע אַלטע לאָקייען, משמעות נאָך פון די פריערדיקע לייב-אייגענע, וואָס האָבן נישט געביטן דעם באַלעבאָס; די דיקע, גוטמוטיקע פרוי אין אַ הייבל מיט שפּיצן און טערקישן שאַל, וואָס האָט געצערטלט אַ שיינינקע אייניקל, דער טאָכטערס אַ טעכטערל; דער כוואַטסקע זון, אַ גימנאַזיסט פון זעקסטן קלאַס, וואָס איז געקומען פון גימנאַזיע און, בעתן באַגריסן זיך מיטן פאָטער, אַ קוש געטון זיין גרויסע האַנט; די איבערצייגנדע, ליבלעכע רייד און די זשעסטן פון דעם באַלעבאָס, — דאָס אַלץ האָט נעכטן אַרויסגערופן בא לעווינען אַ נישט ווילנדיקע אַכטונג און מיטגעפיל. לעווין איז אַצינד געווען גערירט און האָט רחמנות געהאַט אויף דעמדאָזיקן אַלטן, און אים האָט זיך געגלוסט צו זאָגן אים עפּעס אָנגענעמס.

— זענט איר, הייסט עס, ווידער אונזער אָנפירער, — האָט ער געזאָגט.

— ווער ווייסט, — האָט דער אָנפירער געזאָגט, דערשראָקן זיך אומקוקנדיק. — איך בין מיד, שוין אַלט. עס זענען דאָ ווירדיקערע און יינגערע פון מיר, זאָלן זיי אַ ביסל דינען.

און דער פירער איז פאַרשווונדן אין אַ זייטיקער טיר.

עס האָט זיך דערנענטערט די פייערלעכסטע מינוט. באַלד האָט מען געדאַרפט צוטרעטן צו די וואַלן. די פירערס פון ביידע פּאַרטייען האָבן אויף די פינגער אויסגערעכנט די ווייסע און שוואַרצע.

די וויכוחים וועגן פלעראָוון האָבן געגעבן דער נייער פּאַרטיי נישט בלויז איין גאַלקע פלעראָווס, נאָר אויך געווונענע צייט, אַזוי אַז עס האָבן געקאָנט געבּרענגט ווערן דריי אַדלליַיט, בּאַ וועלכע עס איז דורך אַן אויפטו פון דער אַלטער פּאַרטיי צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן. צוויי אַדלליַיט, וואָס האָבן געהאַט אַ שוואַכ־קייט צו וויין, האָבן סנעטקאָווס חברים אָנגעשיכורט, און דעם דריטן האָט מען צוגענומען דעם מונדיר.

ווען די נייע פּאַרטיי איז דאָס געוויר געוואָרן, האָט זי באַוויזן, בשעת די וויכוחים וועגן פלעראָוון, אָוועקצושיקן אויף אַ דראָושקע אירע מענטשן מיט אַ מונדיר פאַרן אַדלמאַן און פון די צוויי אָנגעשיכורטע צו ברענגען איינעם אויף דער פאַרזאַמלונג.

— איינעם האָב איך געבּרענגט, מיט וואַסער אים אָפּגעגאָסן, — האָט אַ זאַג געטון דער גוטבּאַזיצער, וואָס איז געפאָרן נאָך אים, צוגייענ־דיק צו סוויאַזשסקין. — נישקשה, ער האַלט זיך.

— ער איז נישט זייער שיכור, ער וועט נישט פאַלן? — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— ניין, ער האַלט זיך אויסגעצייכנט. מען זאָל אים נאָר דאָ נישט אונטערגיבן אַ כוסה... איך האָב אָנגעזאָגט דעם בופעטשיק, ער זאָל בשום אופן נישט געבן.

XXIX.

דער שמאָלער זאַל, אין וועלכן מען האָט גערייכערט און עפּעס שועם געווען, איז געווען פול מיט אַדלליַיט. די אויפרעגונג איז אַלץ גע־וואַקסן, און אויף אַלע פּנימער איז געווען צו באַמערקן אומרויקייט. באַ־זונדערס האָבן זיך שטאַרק אויפגערעגט די פירערס, וואָס האָבן געוווּסט אַלע פּרטים און דעם חשבון פון אַלע גאַלקעס. דאָס זענען געווען די פירערס פון דער פאָרשטייענדער שלאַכט. די איבעריקע אָבער, ווי איינ־פאַכע סאָלדאַטן פאַר אַ שלאַכט, הגם זיי האָבן זיך אויך געגרייט צום קאַמף, האָבן דערווייל געזוכט צעשטרייונג. טייל האָבן עפּעס טועם געווען, שטייענדיק, אָדער זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש; אַנדערע זענען געגאַנגען

הין און צוריק איבערן לאַנגן צימער, גערייכערט פּאַפּיראָסן און געשמייכלט מיט שוין לאַנג זיך נישט געזעענע פריינט.

לעווינען האָט זיך נישט געגלוסט צו עסן, ער האָט נישט גערעדט; צונויפגיין זיך מיט זיינע אייגענע, דאָס הייסט מיט סערגיי איוואַנאָוויטשן, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, סוויאַזשסקין און אַנדערע, האָט ער נישט געוואָלט, ווייל מיט זיי צוזאַמען, פירנדיק אַ לעבהאַפטן געשפּרעך, איז געשטאַנען ווראָנסקי אין אַ מונדיר פון אַ שטאַל־מייסטער. לעווין האָט אים נאָך נעכטן געהאַט געזען אויף די וואַלן און אים פלייסיק אויסגעמיטן, נישט וועלנדיק זיך מיט אים באַגעגענען. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אַנידערגעזעצט, באַטראַכטנדיק די גרופּעס און זיך צוהערנדיק צו דעם, וואָס מען האָט גערעדט אַרום אים. אים איז געווען טרויעריק באַזונדערס דערפאַר, וואָס אַלע, ווי ער האָט געזען, זענען געווען אויפגעלעבט, פאַרזאָרגט און באַשעפטיקט, און בלויז ער אַליין מיט אַן אַנציינינקן זייער־זייער אַלטיטשקן אין אַ פלאָט־מונדיר, וואָס האָט, פּאַטשנדיק מיט די ליפּן, זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, איז געווען נישט פאַראינטערעסירט און נישט באַשעפטיקט.

— דאָס איז אַזאַ שווינדלער! איך האָב אים געזאָגט, האָט ער מיך נישט געוואָלט הערן. אוודאי! ער האָט אין דריי יאָר נישט געקאָנט צונויפנעמען, — האָט ענערגיש געזאָגט אַ געהאָרבעטער, נישט הויכער גוטסבאַזיצער מיט פּאָמאַדעטע האָר, וואָס זענען געלעגן אויף דעם געהאָפטענעם קאָלנער פון זיין מונדיר, פעסט קלאַפּנדיק מיט די אָפּצאַסן פון זיינע נייע, משמעות צו די וואַלן אָנגעטוענע שטיוול. און דער גוטסבאַזיצער, וואָס האָט געוואָרפן אַן אומצופרידענעם בליק אויף לעווינען, האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט.

— יאָ, אַ מיאוסע מעשה, וואָס איז דאָ צו רעדן, — האָט מיט אַ דינינקע קול אַ זאָג געטאָן אַ קליינער גוטסבאַזיצער.

באַלד נאָכדעם האָט אַ גאַנצע גרופּע גוטסבאַזיצער, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ דיקן גענעראַל, זיך דערנענטערט צו לעווינען. די גוטסבאַזיצערס האָבן משמעות געזוכט אַן אָרט זיך דורכצושמועסן, ווו מען זאָל זיי נישט קאָנען הערן.

— ווי אַזוי וואַגט ער צו זאָגן, אַז איך האָב געהייסן בײַ אים צוגנבענען די הויזן! ער האָט זיי, מיין איך, פאַרשיכורט. איך שפּיי אויף

אים מיט זיין פירשטלעכקייט. ער זאָל דאָס נישט וואַגן צו זאָגן, דאָס איז שווינעריי!

— אָבער לאָזט נאָר רעדן! זיי שטיצן זיך דאָך אויפן אַרטיקל — האָט מען גערעדט אין אַ צווייטער גרופּע, — די פרוי מוז זיין צוגעשריבן צום אַדל.

— וואָס גייט מיך אָן דאָס אַרטיקל! איך רעד לויטן געוויסן. אויף דעם זענען מיר אַדללייט. מען מוז האָבן צוטרוי.

— אייער דורכלויכט, קומט fine champagne.

אַ צווייטע גרופּע איז נאָכגעגאַנגען אָן אַדללמאַן, וואָס האָט עפּעס הויך געשריגן; דאָס איז געווען איינער פון די דריי אָנגעשיכורטע.

— איך האָב מאַריאַ סעמיאָנאָווגען שטענדיק געעצהט אָוועקצוגעבן אין אַרענדע. ווייל זי וועט גאָרנישט אויסשפּילן, — האָט מיט אַן אָנגענעם קול געזאָגט אַ גוטסבאַזיצער מיט גרויע וואָנסעס, אין אַ מונדיר פון אַ פּאָלקאָווניק פון אַלטן גענעראַל-שטאַב. דאָס איז געווען דער זעלבער גוטסבאַזיצער, וועלכן לעווין האָט באַגעגנט בײַ סוויאַזשסקין. ער האָט אים באַלד דערקענט. דער גוטסבאַזיצער האָט אויך באַטראַכט לעווינען, און זיי האָבן זיך באַגריסט.

— זייער אָנגענעם. אוודאי! איך געדענק זייער גוט! פאַריאָרן בײַ ניקאָלאַי איוואַנאָוויטשן, דעם אָנפירער.

— נו, ווי גייט אייער באַלעבאַטישקייט? — האָט לעווין געפרעגט.

— נאָך אַלץ אַזוי ווי פריער, מיט היזק, — האָט מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל, אָבער מיט אַן אויסדרוק פון רויקייט און איבערצייגונג, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין, געענטפערט דער גוטסבאַזיצער, זיך אָפּשטעלנדיק לעבן אים. — און ווי אַזוי זענט איר אין אונזער גובערניע אַריינגעפאַלן? — האָט ער געפרעגט, — איר זענט געקומען זיך באַטייליקן אין אונזער coup d'état? — האָט ער געזאָגט, זיכער, נאָר שלעכט אַרויסרעדנדיק די פראַנצויזישע ווערטער.

— גאַנץ רוסלאַנד איז זיך צונויפגעפאָרן: אי קאַמערהערן אי שיער נישט מיניסטאָרן. — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער רעפּרעזענטאַטיווער פיגור פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אין ווייסע הויזן און אין אַ מונדיר פון אַ קאַמערהער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גענעראַל.

— איך מוז אייך מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי זייער קנאַפּ די באַדייטונג פון די וואַלן פון דעם אַדל, — האָט לעווין געזאָגט.

דער גוטבאזיצער האָט אַ קוק געטון אויף אים.

— וואָס איז דאָ דאָ צו פארשטיין? עס האָט קיין שום באַדייטונג נישט. אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע, וואָס האַלט זיך נאָך בלויז מיטן כוח פון אינערציע. גיט אַ קוק אויף די מונדירן — אויך זיי זאָגן אייך: דאָס איז אַ פאַרזאַמלונג פון פרידנס־ריכטער, אומבאַדינגטע מיטגלידער און אַזוי ווייטער, אָבער נישט פון אַדללייט.

— נאָכוואָס־זשע פאָרט איר? — האָט לעווין געפרעגט.

— אויס געוווינהייט, איז איינס. חוצדעם, דאַרף מען אונטערהאַלטן די פאַרבינדונגען. די מאָראַלישע פליכט אין אַ געוויסער הינזיכט. און אַחוצדעם, אויב דעם אמת צו זאָגן, האָב איך אַ פערזענלעכן אינטערעס. דער שוואָגער וויל זיך באַלאָטירן אַלס אומבאַדינגטן מיטגליד; זיי זענען נישט קיין רייכע מענטשן און מען דאַרף אים דורכפירן. נאָכוואָס פאָרן דידאָזיקע הערן? — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף יענעם פאַרביסענעם הער, וואָס האָט גערעדט בײַם גובערניאַלן טיש.

— דאָס איז אַ נייער דור פון אַדל.

— אַ נייער ווי אַ נייער. אָבער נישט קיין אַדל. דאָס זענען ערד־אייגנטימער, און מיר זענען גוטבאַזיצער. זיי, ווי דער אַדל, מאַכן זיך אַליין קאַליע.

— איר זאָגט דאָך, אַז דאָס איז אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע.

— אַן אָפּגעלעבטע ווי אַן אָפּגעלעבטע, אָבער פונדעסטוועגן וואָלט מען זיך געדאַרפט באַגיין מיט איר אַ ביסל חשיבותדיקער. אָט נעמט כאָטש סנעטקאָוון... צי מיר טויגן, צי נישט, מיר זענען אָבער רייך אין יאָרן. עס קומט דאָך אַמאָל אויס, זעט איר, פאַרן הויז אַ גערטל צו מאַכן, צו פלאַנעווען, און עס געפינט זיך בײַ אייך גראָד אויף דעם אָרט אַ הונדערטיעריקער בוים... ער מעג זיין אַי קרום, אַי אַלט, וועט איר פונדעסטוועגן צוליב די בלומען־בייטלעך נישט אונטערהאַקן דעם זקן, נאָר איר וועט זיי אַזוי אויספלאַנעווען, אַז איר זאָלט זיך באַנוצן מיטן בוים. אַ צווייטער אַזעלכער וועט דאָך בײַ אייך אין קיין יאָר נישט אויפוואַקסן, — האָט ער געזאָגט פאָרזיכטיק און גלייך געענדערט דעם שמועס. — נו, און ווי גייט אייער באַלעבאַטישקייט?

— נישט גוט. פינף פראָצענט.

— יאָ, נאָר זיך רעכנט איר נישט. איר זענט דאָך אויך עפּעס ווערט? אָט וועל איך אייך וועגן זיך דערציילן. איך, איידער איך האָב מיך פאַרנומען מיטן באַלעבאַטישקייט, האָב יערלעך באַקומען דריי טויזנט

רובל פון מיין אמט. אצינד ארבעט איך מער, ווי ווען איך האב געדינט, און באקום אויך אזוי, ווי איר, פינף פראצענט, און דאס איז שוין גוט. און מיין ארבעט איז אומזיסט.

— נאכוואס־זשע טוט איר דאס? אויב עס איז א ריינער היזק?

— זעט איר דאך, מען טוט! איך וויים? די געוווינהייט, און דו ווייסט, אז אזוי דארף מען. איך וועל אייך נאך מער זאגן, — האט דער גוטבאזיצער פארגעזעצט, זיך אנשפארנדיק אין פענצטער, און ברייט זיך צערעדט: — דער זון מיינער האט גארנישט קיין חשק צום באלעבאטישקייט. ער וועט, משמעות, זיין א געלערנטער. אזוי, אז ס'וועט נישט האבן ווער ווייטער צו פירן. און פונדעסטוועגן טוט מען. אט האב איך היינט א סאד געפלאנצט.

— יא, יא, — האט לעווין געזאגט, — דאס איז גאנץ אמת. איך פיל שטענדיק, אז עס איז נישטא קיין אויסגעהאלטענער חשבון אין מיין באלעבאטישקייט, און פונדעסטוועגן ארבעט איך... מען פילט עפעס א פליכט צו דער ערד.

— אט וועל איך אייך דערציילן, — האט דער גוטבאזיצער פארגעזעצט. — מיין שכן, דער סוחר, איז געווען בא מיר. מיר זענען זיך דורכגעגאנגען איבער דעם באלעבאטישקייט, איבערן גארטן. „ניין, זאגט ער, סטעפאן וואסיליעוויטש, אלץ איז בא אייך אין ארדנונג, נאר דאס גערטל איז פארגאכלעסיקט". און עס איז בא מיר גאר אין ארדנונג. „לויט מיין שכל, וואלט איך די דאזיקע ליפע אונטערגעהאקט. בלויז זי אויף סאק באנוצט. זיי געפינען זיך דאך בא אייך אין די טויזנטער, די ליפעס, פון איטלעכער וואלט א היפש ביסל קארע ארויס. און ליפאווע קארע איז היינט נישט צום באצאלן".

— און פאר דעמדאזיקן געלט וואלט ער אנגעקויפט בהמות, אדער וואלט געקויפט ערד בחצי חינם און עס אוועקגעגעבן אין ארענדע די פויערן, — האט מיט א שמייכל פארענדיקט לעווין, וואס האט משמעות שוין נישט איינמאל געהערט װעגן אזעלכע חשבונות. — און ער וועט זיך שאפן א פארמעגן. און איר און איך — הלוואי מיר זאלן אונזערס דערהאלטן און האבן וואס די קינדער איבערצולאזן.

— איר האט חתונה געהאט, האב איך געהערט? — האט דער גוטבאזיצער געזאגט.

— יאָ, — האָט לעווין געענטפערט מיט שטאָלצער צופרידנקייט. — יאָ, דאָס איז עפּעס מערקווירדיק, — האָט ער פאָרגעזעצט. — מיר לעבן טאַקע אָן רעכנונג, ווי מיר וואָלטן באַשטימט געוואָרן, ווי די פאַרצייישע וועסטאַלקעס, עפּעס אַ פייער אָפּצוהיטן.

דער גוטסבאַזיצער האָט אַ שמייכל געטון אונטער די ווייסע וואָנסעס.

— עס זענען פאַראַן צווישן די אונזעריקע אויך אַזעלכע. אָט נעמט כאָטש אונזער פריינט ניקאָלאַי איוואַניטש אָדער דעם גראַף ווראָנסקי, וואָס האָט זיך ערשט אין דאָרף באַזעצט. די־דאָזיקע ווילן פירן אַן אַגראָנאָמישע אינדוסטריע; נאָר דאָס פּטרט בלויז דעם קאַפּיטאַל און האָט נאָך ביז אַצינד צו גאָרנישט געפירט.

— אָבער פאַרוואָס־זשע טוען מיר נישט אַזוי ווי די סוחרים? פאַר־וואָס־זשע האַקן מיר נישט אויס דעם גאָרטן אויף ליפּאָווע קאָרע? — האָט לעווין געזאָגט, זיך אומקערנדיק צו דעם געדאַנק, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט.

— אָט טאַקע, ווי איר האָט געזאָגט, כדי דאָס פייער אָפּצוהיטן. און דאָס איז נישט קיין ענין פון אַדל. אונזער אַדעליקע זאַך ווערט געטון נישט דאָ, אויף די וואַלן, נאָר דאָרט, אין אייגענעם ווינקל. מיר האָבן אויך אונזער קלאַסן־אינסטינקט און פילן, וואָס מען דאַרף יאָ אָדער נישט טון. אָט באַ די פויערן איז אויך דאָס אייגענע. איך זע טייל מאָל, ווי אַ גוטער פויער כאַפּט זיך נעמען וואָס מער ערד און אַרענדע. מעג דאָס זיין שלעכטע ערד ער האַלט אין איין אַקערן. אויך אָן אויסרעכנונג. אויך מיט זיכערן היזק.

— מיר זענען אויך אַזוי, — האָט לעווין געזאָגט. — עס איז זייער, זייער אָנגענעם געווען זיך צו באַגעגענען, — האָט ער צוגעגעבן, דערזעענדיק סוויאַזשסקין, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו זיי.

— מיר האָבן זיך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געזעען באַ אייך, — האָט דער גוטסבאַזיצער געזאָגט, — און זיך צעשמועסט.

— וואָס־זשע, איר האָט אָפּגעלאַכט פון די נייע איינפירונגען? — האָט סוויאַזשסקי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— דאָס אויך.

— זיך פון האַרץ אָפּגערעדט.

XXX.

סוויאַזשסקי האָט גענומען לעווינען אונטער דער האַנט און אַוועקגעגאַנגען מיט אים צו זייערע אייגענע.

אַצינד האָט מען שוין נישט געקאָנט אויסמיידן ווראָנסקין. ער איז געשטאַנען מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן און סערגיי איוואַנאָוויטשן און געקוקט גלייך אויף לעווינען, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

— עס פרייט מיך זייער. דאַכט זיך, איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך צו באַגעגענען מיט אייך... בא דער פירשטין שטשערבאַצקאַיאַ, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האַנט לעווינען.

— יאָ, איך געדענק זייער גוט אונזער באַגעגעניש, — האָט לעווין געזאָגט און, ווערנדיק זייער רויט, האָט ער זיך באַלד אויסגעדרייט און אָנגעהויבן רעדן מיטן ברודער.

ווראָנסקי האָט לייכט אַ שמייכל געטון און ווייטער אָנגעהויבן צו רעדן מיט סוויאַזשסקין, משמעות נישט האָבנדיק קיין שום פאַרלאַנג צו פאַרפירן אַ געשפרעך מיט לעווינען; אָבער לעווין, וואָס האָט גערעדט מיטן ברודער, האָט כסדר געוואָרפן בליקן אויף ווראָנסקין, טראַכטנדיק וועגן וואָס אָנצוהייבן רעדן מיט אים, כדי צו פאַרגלעטן זיין פריערדיקע גראָבקייט.

— אין וואָס־זשע גייט עס אַצינד? — האָט לעווין געפרעגט, זיך אומקוקנדיק אויף סוויאַזשסקין און ווראָנסקין.

— אין סנעטקאָוון. מ'דאַרף, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן אָדער איינשטימען, — האָט סוויאַזשסקי געענטפערט.

— וואָס־זשע, ער האָט איינגעשטימט אָדער נישט?

— אין דעם גייט עס דאָך. וואָס ער האָט ביידע זאַכן נישט געטון, — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

— און אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן, ווער־זשע וועט זיך באַלאָטירן? — האָט לעווין געפרעגט, וואַרפנדיק אַ בליק אויף ווראָנסקין.

— ווער עס וועט וועלן, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט.

— אפשר איר? — האָט לעווין געפרעגט.

— מיך טשעפּעט נישט, — האָט סוויאַזשסקי געזאָגט, דערפּילנדיק זיך אין פאַרלעגנהייט און וואַרפנדיק אַ דערשראָקענעם בליק אויף דעם פאַרביסענעם הער, וואָס איז געשטאַנען לעבן סערגיי איוואַנאָוויטשן.

— איז ווער־זשע? ניעוויעדאָווסקי? — האָט לעווין געזאָגט, פילנ־דיק, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט.

אָבער דאָס איז געווען נאָך ערגער. ניעוויעדאָווסקי און סוויאַזשסקי זענען ביידע געווען קאַנדידאַטן.

— איך אין קיין פאַל נישט, — האָט געענטפערט דער פאַרביסע־נער הער.

דאָס איז געווען ניעוויעדאָווסקי אַליין. סוויאַזשסקי האָט אים באַ־קענט מיט לעווינען.

— וואָס־זשע, עס האָט דיך אויך אַריינגעצויגן? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אַ ווינק געבנדיק צו ווראָנסקין. דאָס זענען אויך אַזעלכע געיעגן. מען קאָן גיין אין אַ געוועט.

— יאָ, דאָס ציט אַריין, — האָט ווראָנסקי געזאָגט. — און אויב מען נעמט זיך שוין צו אַ זאַך, גלוסט זיך זי צו פאַרענדיקן. דאָס איז אַ קאַמף! — האָט ער געזאָגט, אַנכמורענדיק זיך און צונויפדריקנדיק זיינע שטאַרקע באַקנביינער.

— וואָס פאַר אַן אויפטוער דער סוויאַזשסקי איז! אַלץ איז אַזוי קלאָר באַ אים.

— אָ, יאָ, — האָט ווראָנסקי צעשטרייט געזאָגט.

עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שווייגן, בעת וועלכן ווראָנסקי — ווייל מען מוז דאָך אויף עפּעס קוקן — האָט אַ קוק געטון אויף לעווינען, אויף זיינע פיס, אויף זיין מונדיר, דערנאָך אויף זיין פּנים און, באַמערקט זיינע מרהשחורהדיקע, אויף זיך אָנגעשטעלטע אויגן, האָט ער, כדי עפּעס צו רעדן, אַ זאָג געטון:

— און וואָס איז דאָס עפּעס מיט אייך — איר זענט אַ שטענדי־קער דאָרפסווינער און זענט נישט קיין פרידנס־ריכטער? איר זענט נישט אין קיין מונדיר פון אַ פרידנס־ריכטער.

— דערפאַר, וואָס איך האַלט, אַז דאָס פרידנס־געריכט איז אַ נאַרישע אינסטיטוציע, — האָט מרהשחורהדיק געענטפערט לעווין, וואָס האָט די גאַנצע צייט געוואַרט צו פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט ווראָנסקין, כדי צו פאַרגלעטן זיין גראָבקייט פון דער ערשטער באַגעגעניש.

— איך האַלט נישט אַזוי, פאַרקערט, — האָט ווראָנסקי געזאָגט מיט אַ רויקער פאַרוואונדערונג.

— דאָס הייסט געשפּילט זיך, — האָט אים לעווין איבערגעשלאָגן. — די פרידנס-געריכטן זענען אונז נישט נייטיק. איך האָב אין אַכט יאָר נישט געהאַט קיין איין פּראָצעס. און אויב איך האָב יאָ געהאַט, איז ער געמשפּט געוואָרן פּונקט פאַרקערט. דער פרידנס-ריכטער געפינט זיך פערציק ווייאָרסט ווייט פון מיר. אין אַן ענין וועגן צוויי רובל, מוז איך שיקן אַן אַדוואָקאַט, וועלכער קאָסט פינפצען.

און ער האָט דערציילט, ווי אַ פּויער האָט געגנבעט באַם מילנער מעל, און ווען דער מילנער האָט אים דאָס געזאָגט, האָט אים דער פּויער אָנגעקלאָגט פאַר רכילות. דאָס אַלץ איז געווען נישט אויפן אָרט און נאַריש, און לעווין האָט דאָס אַליין געפילט, ווען ער האָט גערעדט.

— אָ, דאָס איז אַזאַ אָריגינאַל! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט מיט זיין בוימלדיקן שמייכל. — קומט פונדעסטוועגן; דאַכט זיך, מען באַלאָטירט...

און זיי זענען זיך צעגאַנגען.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט באַמערקט דעם ברודערס אומגעלומפּערט האַלטן זיך, — איך פאַרשטיי נישט, ווי מען קאָן אַזוי ווייט נישט האָבן דעם מינדסטן פּאָליטישן טאַקט. אָט וואָס מיר, רוסן, האָבן נישט. דער פירער פון דער גובערניע — איז אונזער קעגנער, ביסטו מיט אים ami cochon און בעטסט אים, אַז ער זאָל זיך באַלאָטירן. און דער גראַף ווראָנסקי... איך מאַך מיר נישט קיין פריינט פון אים; ער האָט מיך איינגעלאַדן אויף מיטאָג, איך וועל נישט פאָרן צו אים, אָבער ער איז אַן אונזעריקער, פאַרוואָס-זשע זאָלסטו דיר מאַכן פון אים אַ שונא? דערנאָך, פרעגסטו ניעוויעדאָווסקין, צי ער וועט זיך באַלאָטירן. אַזוי טוט מען נישט.

— אַך, איך פאַרשטיי גאָרנישט! און דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן, — האָט לעווין מרהשחורהדיק געענטפערט.

— אָט דו זאָגסט, אַז דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן, און ווי דו רירסט דיך נאָר צו, קומט אַלץ בײַ דיר אַרויס פאַרפּלאָנטערט.

לעווין האָט פאַרשוויגן, און זיי זענען צוזאַמען אַריינגעגאַנגען אין גרויסן זאַל.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער פירער פון דער גובערניע האָט

געפילט אין דער לופט, אז מען גרייט זיך אים אָפּצוגאַרן, און נישט געקוקט דערויף, וואָס נישט אַלע האָבן אים געבעטן, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו לאָזן זיך באַלאָטירן. אַלץ אין זאַל איז שטיל געוואָרן, דער סעקרעטאַר האָט מיט אַ הויך קול געמאָלדן, אַז עס ווערט באַלאָטירט אַלס פירער פון דער גובערניע דער גוואַרדיע-ריטמייסטער מיכאַיל סטעפּאַנאָוויטש סנעטקאָוו.

די פירערס פון די קרייזן זענען צוגעגאַנגען פון זייערע טישן צום גובערנאַטאָר מיט טעלערלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די גאַלקעס, און די וואַלן האָבן זיך אָנגעהויבן.

— רעכטס זאָלסטו לייגן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ פליסטער געטון לעווינען, ווען ער איז צוזאַמען מיטן ברודער באַלד נאָכן פירער צוגעגאַנגען צום טיש. אָבער לעווין האָט אַצינד געהאַט פאַרגעסן דעם חשבון, וואָס מען האָט אים קלאָר געמאַכט, און מורא געהאַט, צי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך נישט טועה געווען, זאָגנדיק: „רעכטס“. סנעטקאָוו איז דאָך געווען דער שונא. צוקומענדיק צום קעסטל, האָט ער געהאַלטן די גאַלקע אין דער רעכטער האַנט, אָבער אַ קלער געטון, אַז ער האָט זיך טועה געווען, האָט ער שוין באַם סאַמע קעסטל אַריבערגעלייגט די גאַלקע אין דער לינקער אַריין און, משמעות, דערנאָך שוין געלייגט לינקס. אַ מבין אויף די זאַכן, וואָס איז געשטאַנען באַם קעסטל און האָט לויט דער בלויזער באַוועגונג פון עלנבויגן דערקענט, ווי אימלעכער וועט לייגן, האָט נישט ווילנדיק זיך פאַרקרימט. ער האָט נישט געהאַט אויף וואָס צו איבן זיין דורכדרינגלעכקייט.

אַלץ איז שטיל געוואָרן און עס האָט זיך דערהערט דאָס ציילן פון די גאַלקעס. דערנאָך האָט אַן איינציק קול אויסגערופן די צאָל פון די גאַלקעס, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר און קעגן.

דער אָנפירער איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט אַ באַדייטנדער מערהייט. אַלע האָבן אָנגעהויבן צו רוישן און איילִיק זיך אַ לאָז געטון צו די טירן. סנעטקאָוו איז אַריינגעקומען, און די אַדליי׳ט האָבן אים אַרומגערינגלט און באַגריסט.

— נו, אַצינד איז שוין געענדיקט? — האָט לעווין געפרעגט סערגיי איוואַנאָוויטשן.

— עס הייבט זיך ערשט אָן, — האָט סוויאַזשסקי שמייכלענדיק געענטפערט פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן. — דער קאַנדידאַט אויף פירער קאָן באַקומען מער גאַלקעס.

לעווין האט דאס ווידער געהאט גאר פארגעסן. ער האט זיך ערשט אצינד דערמאנט, אז דא איז געווען עפעס א שפיצל, נאר אים איז לאנגווייליג געווען זיך צו דערמאנען, אין וואס דאס שפיצל איז באשטאנען. אים איז בעפאלן א מרה שחורה, און עס האט זיך אים געגלוסט זיך צו באפרייען פון דעמדאזיקן עולם.

אזוי ווי קיינער האט נישט געלייגט קיין אכט אויף אים, און ער איז, דאכט זיך, קיינעם נישט נייטיק געווען, איז ער אומבאמערקט אוועקגעגאנגען אין קליינעם זאל אריין, ווו מען האט געקאנט נעמען עפעס אין מויל אריין, און דערפילט א גרויסע דערלייכטערונג, ווידער דערזעענדיק די לאקייען. אן אלטיטשקער לאקיי האט אים פארגעלייגט עפעס צו עסן, און לעווין האט איינגעשטימט. נאכדעם ווי ער האט אויפגעגעסן א קאטלעטל מיט ארבעס און גערעדט א ביסל מיטן לאקיי וועגן די פריערדיקע הערן, איז לעווין, וואס האט נישט געוואלט אריינגיין אין זאל, ווו עס איז אים געווען אזוי נישט אנגענעם, א ביסל ארויפגעגאנגען אויף דער גאלעריע.

די גאלעריע איז געווען פול מיט אויסגעפוצטע דאמען, וואס האבן זיך אריבערגעבויגן איבערן פארענטש און זיך באמיט נישט צו פארלירן קיין איין ווארט פון דעם, וואס ס'איז אונטן גערעדט געווארן. לעבן די דאמען זענען געזעסן און געשטאנען עלעגאנטע אדוואקאטן, גימנאזיאללערערס אין ברילן און אפיצירן. אומעטום האט מען גערעדט וועגן די וואלן, וועגן דעם, ווי דער אנפירער איז פארמאטערט געווארן און ווי אינטערעסאנט עס זענען געווען די דיספוטן; אין איין גרופע האט לעווין געהערט לויבן זיין ברודער. איין דאמע האט געזאגט צו אן אדוואקאט:

— ווי עס פרייט מיך, וואס איך האב געהערט קאזנישעוון! ס'איז ווערט א ביסל צו הונגערן. וווּנדערבאר! ווי קלאר און דייטלעך מען הערט אלץ! אט בא אייך אין געריכט רעדט קיינער נישט אזוי. בלויז איין מיידעל, אבער ער רעדט אויך נישט אזוי פיין.

געפינען א פריי ארט באם פארענטש, האט זיך לעווין אריבערגעבויגן און אנגעהויבן קוקן און הערן.

אלע אדללייט זענען געזעסן הינטער די פארצוימונגען אין זייערע קרייזן. אינמיטן זאל איז געשטאנען א מענטש אין א מונדיר און האט מיט א דין, הויך קול אויסגערופן:

— עס ווערט באלאטירט אלס קאנדידאט פאר א גובערניאלן פירער

פון דעם אדל דער שטאַב־ריטמייסטער יעווגעני איוואַנאָוויטש אַפּוכטין! — עס האָט אַריינגעטרעטן אַ טויט שטילשווייגן, און עס האָט זיך דערהערט איין שוואַך זקניש קול:

— ער האָט זיך אָפּגעזאָגט!

— עס ווערט באַלאָטירט דער הויפּראַט פּיאָטר פּעטראָוויטש באָל, — האָט ווידער די שטימע אָנגעהויבן.

— ער האָט זיך אָפּגעזאָגט! — האָט זיך דערהערט אַ יונג קוויטשע־דיק קול.

עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס אייגענע, און ווידער „ער האָט זיך אָפּגעזאָגט". אַזוי האָט געדויערט קעגן אַ שעה. לעווין, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש, האָט געקוקט און געהערט. אין אָנהייב האָט ער זיך געוווּנדערט און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט; דערנאָך, ווען ער האָט זיך איבערציַיגט, אַז ער קאָן דאָס נישט פאַרשטיין איז אים געוואָ־ן לאַנגווייליק. דערנאָך ווידער, ווען ער האָט זיך דערמאַנט די גאַנצע אויפ־רעגונג און בייזקייט, וואָס ער האָט געזעען אויף אַלע פּנימער, א־ז אים געוואָרן טרויעריק: ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן און איז אַראָפּגע־גאַנגען אונטן. דורכגייענדיק דעם קאָרידאָר פון דער גאַלעריע, האָט ער באַגעגנט אַ פלעגמאַטישן גימנאַזיסט מיט טריבע אויגן, וואָס האָט זיך גע־דריי־ט הין און צוריק. אויף די טרעפּ ווידער האָט ער באַגעגנט אַ פּאָר: אַ דאַמע, וואָס איז שנעל געלאָפן אויף די אָפּצאַסלעך, און אַ געהילפס־פּראָקוראָר.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר פאַרשפּעטיקט נישט, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, בעת לעווין האָט זיך אָפּגערוקט, זי דורכלאָזנדיק.

לעווין איז שוין געווען אויף די אונטערשטע טרעפּ און האָט שוין אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע דעם נומער פון זיין פוטער, ווען דער סעקרעטאַר האָט אים פאַרהאַלטן. — ביטע, קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש, מען באַלאָטירט.

אַלס קאַנדידאַט איז באַלאָטירט געוואָרן ניעוויעדאָווסקי, וואָס האָט זיך פריער אַזוי אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט.

לעווין איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון זאַל: זי איז געווען גע־שלאָסן. דער סעקרעטאַר האָט אָנגעקלאַפּט: די טיר האָט זיך געעפנט, און קעגן לעווינען האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט צוויי דערהיצטע גוטבאַזיצער.

— איך האָב שוין קיין כוח נישט, — האָט געזאָגט איין דערהיצ־טער גוטבאַזיצער.

גלייך נאָכן גוטבאַזיצער האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס פּנים פונם פירער פון דער גובערניע. דאָסדאָזיקע פּנים איז געווען שרעקלעך פון פאַרמאַטערטקייט און שרעק.

— איך האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט אַרויסלאָזן, — האָט ער אַ געשריי געטון צום שווייצער בײַ דער טיר.

— איך האָב אַרייַנגעלאָזט, אייער עקסעלענץ!

— אָ גאָט! — און, שווער אָפּזיפּצנדיק, איז דער פירער פון דער גובערניע, אַ מידער, אין זיינע ווייסע הויזן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוגעגאַנגען צום גרויסן טיש אינמיטן זאַל.

ניעוויעדאָווסקין האָט מען איבערגעלייגט, ווי מען האָט פאָרגעזעען, און ער איז געוואָרן פירער פון דער גובערניע. אַ סך זענען געווען פריילעך, אַ סך צופרידן, גליקלעך, אַ סך באַגייסטערט, אַ סך נישט צופרידן און אומגליקלעך. דער פירער פון דער גובערניע איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט דאָס נישט געקאָנט באַהאַלטן. ווען ניעוויעדאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל, האָט אים אַן עולם אַרומגערינגלט און באַגייסטערט אים נאָכגעגאַנגען, פונקט אַזוי, ווי זיי זענען דעם ערשטן טאָג נאָכגעגאַנגען דעם גובערנאַטאָר, וואָס האָט געעפנט די וואַלן, און פונקט אַזוי, ווי זיי זענען נאָכגעגאַנגען סנעטקאָוון, ווען יענער איז אויסגעקליבן געוואָרן.

XXXI.

דער ניי־אויסגעווייילטער פירער פון דער גובערניע און אַ סך מיטגלידער פון דער נייער טריומפירנדיקער פּאַרטיי האָבן דעם טאָג גע־געסן מיטאָג בײַ ווראָנסקין.

ווראָנסקי איז געקומען אויף די וואַלן אי דערפאַר, וואָס אים איז געווען לאַנגווייליק אין דאָרף און מען האָט געדאַרפט מאַניפעסטירן די אייגענע רעכט אויף פרייהייט פאַר אַנגען, אי צוליב דעם, כדי אָפּצוצאָלן סוויאַזשסקין מיט אונטערשטיצונג אויף די וואַלן פאַר אַלע זיינע השתדלותן פאַר ווראָנסקין אויף די וואַלן אין דער זעמסטוואָ, און מער פון אַלץ, כדי שטרענג אויסצופירן אַלע פליכטן פון דער לאַגע פון אַן אַדלמאַן און ערדבאַזיצער, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. אָבער ער האָט בשום אופן זיך נישט גערעכט, אַז דערדאָזיקער ענין פון די וואַלן זאָל אים אַזוי

פאַראינטערעסירן, אַזוי אַריינבציען, און אַז ער זאָל קאָנען אַזוי גוט מיטאַרבעטן אין דעמדאָזיקן ענין. ער איז געווען גאָר אַ נייער מענטש אין קרייז פון די אַדללייט, נאָר האָט משמעות געהאַט דערפאָלג און זיך נישט טועה געווען, טראַכטנדיק, אַז ער האָט זיך שוין דערוואָרבן איינפלוס צווישן די אַדללייט. צו זיין איינפלוס האָבן מיטגעהאָלפן: זיין רייכקייט און יחוסדיקייט, די הערלעכע וווינונג אין שטאָט, וועלכע ס׳האָט אים אָפּגעטרעטן אַן אַלטער באַקאַנטער, שירקאָוו, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פינאַנסיעלע ענינים און האָט געגרינדעט אַ באַנק אין קאַשין, וואָס האָט זיך רייך אַנטוויקלט; דער אויסגעצייכנטער קוכער ווראָנסקיס, וואָס איז מיטגעבראַכט געוואָרן פון דאָרף; די פריינטשאַפט מיטן גיבערנאַטאָר, וועלכער איז געווען אַ חבר און דערצו נאָך אַ באַשיצנדיקער חבר ווראָנסקיס; און מער פון אַלץ — די איינפאַכע, אויפריכטיקע באַציונגען צו אַלע, וואָס האָבן זייער גיך גענייט די מערהייט אַדללייט צו ענדערן די מיינונג וועגן זיין פלומרשטער שטאָלצקייט. ער האָט אַליין געפילט, אַז, חוץ דעמדאָזיקן נאַרישן הער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט קיטי שטשערבאַצקאַיאַ, וועלכער האָט à propos de bottes מיט אַ ווילדן כעס אָנגערעדט אַ גאַנצן באַרג זינלאָזע נאַרישקייטן, איז יעדער אַדלמאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט, געוואָרן זיין אָנהענגער. ער האָט דייטלעך געזען, און אויך אַנדערע האָבן דאָס אָנערקענט, אַז צו ניעוויעדאָווסקיס דערפאָלג האָט ער זייער אַ סך מיטגעווירקט. און אַצינד בײַ זיין טיש, ווען ער האָט געפייערט ניעוויעדאָווסקיס אויסוואַל, האָט ער איבערגעלעבט אַן אָנגענעם געפיל פון טריומף פאַר זיין אויסדערוויילטן. די וואַלן אַליין האָבן אים אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז, אויב ער וואָלט באַוויזן חתונה צו האָבן ביז צו די קומענדיקע וואַלן אין דריי יאָר אַרום, וואָלט ער אַליין אויך אַ טראַכט געטון זיך צו באַלאָטירן, — פונקט אַזוי, ווי נאָכן געווינענעם פריז דורכן זשאָקיי, האָט זיך אים אַליין אויך פאַרגלוסט זיך צו באַטייליקן אין די געיעגן.

אַצינד אָבער האָט מען געפייערט דאָס געווינען פון דעם זשאָקיי. ווראָנסקי איז געזעסן אויבנאָן פון טיש, אין זיין רעכטער האַנט איז געזעסן דער יונגער גובערנאַטאָר, דער סוויטע-גענעראַל. פאַר אַלע איז דאָס געווען דער באַלעבאָס פון דער גובערניע, וואָס האָט פייערלעך געעפנט די וואַלן, האָט געהאַלטן אַ רעדע און אַרויסגערופן אי אַכטונג אי הכנעה בײַ אַ סך, ווי ווראָנסקי האָט געזען; פאַר ווראָנסקין אָבער איז דאָס געווען מאַסלאָוו קאַטקאַ, — אַזאַ צונאָמען האָט ער געהאַט אין פּאַזשן-

קאָרפוס, — וואָס האָט זיך געשעמט פאַר אים און וועלכן ווראָנסקי האָט זיך באַמיט mettre à son aise. אין דער לינקער האַנט איז געזעסן ניעוויעדאָווסקי מיט זיין יונג, אומוואַקלהאַפט און פאַרביסן פנים. מיט אים איז ווראָנסקי געווען איינפאַך און השיבותדיק.

סוויאַזשסקי האָט אַריבערגעטראָגן זיין דורכפאַל פריילעך. דאָס איז אפילו נישט געווען קיין דורכפאַל פאַר אים, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, ווענדנדיק זיך מיט אַ באָקאַל צו ניעוויעדאָווסקין: מען האָט נישט געקאָנט געפינען קיין בעסערן פאָרשטייער פון דער נייער ריכטונג, וועלכן דער אַדל דאַרף נאָכפאָלגן. און דעריבער איז אַלץ, וואָס ס'איז ערלעך, ווי ער האָט געזאָגט, געשטאַנען אויף דער זייט פון היינטיקן דערפאָלג און אים געפייערט.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן האָט אויך הנאה געטון, וואָס ער האָט פריילעך פאַרבראַכט די צייט און וואָס אַלע זענען צופרידן. באַם אויסגעצייכנטן מיטאָג זענען איבערגערעדט געוואָרן די עפּיזאָדן פון די וואַלן. סוויאַזשסקי האָט קאָמיש איבערגעגעבן די וויינענדיקע רעדע פון דעם אָנפירער און האָט באַמערקט, ווענדנדיק זיך צו ניעוויעדאָווסקין, אַז זיין עקסעלענץ וועט אויסקומען זיך אויסצוקלייבן אַ צווייטע קאָנטראָל פון די סומעס, אַ מער קאָמפּליצירטע, ווי טרערן. אַ צווייטער וויציקער אַדלמאַן האָט דערציילט, ווי עס זענען אויסגעשריבן געוואָרן לאַקייען אין זאָקן פאַרן באַל פון דעם פירער פון דער גובערניע און ווי אַצינד וועט אויסקומען זיי צוריקצושיקן, אויב דער נייער פירער פון דער גובערניע וועט נישט אַראַנזשירן קיין באַל מיט לאַקייען אין זאָקן.

מען האָט כסדר בעת דעם מיטאָג, ווענדנדיק זיך צו ניעוויעדאָווסקין, געזאָגט: „אונזער פירער פון דער גובערניע” און „אייער עקסעלענץ”.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיטן זעלבן פאַרגעניגן, מיט וועלכן מען רופט אָן אַ יונגע פרוי „madame” און אויפן נאָמען פון מאַן. ניעוויעדאָווסקי האָט געמאַכט אַ מינע, אַז ער איז נישט בלויז גלייכגילטיק, נאָר אַז ער איז אויך מבטל דעמדאָזיקן טיטול; אָבער עס איז געווען באַשיינפערלעך, אַז ער איז גליקלעך און האַלט זיך איין, נישט אויסצודריקן קיין באַגייסטערונג, וואָס עס געפעלט נישט דער נייער ליבעראַלער ספערע, אין וועלכער אַלע געפינען זיך.

באַם מיטאָג זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן עטלעכע טעלעגראַמעס צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גאַנג פון די וואַלן, און

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכן עס איז געווען זייער פריילעך, האָט געשיקט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען אַ טעלעגראַמע מיט אַזאַ אינהאַלט: „ניעוויעדאָווסקי איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט צוואַנציק גאַלקעס. איך גראַטוליר. גיב איבער”. ער האָט זי דיקטירט הויך, באַמערקנדיק: „מען דאַרף זיי דערפרייען”. אָבער ווען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע, האָט זי בלויז אַ זיפץ געטון וועגן דעם רובל פאַר דער טעלעגראַמע און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געטון געוואָרן אין סוף פון מיטאָג. זי האָט געוווסט, אַז סטיוואַ האָט אַ שוואַכקייט נאָך יעדן מיטאָג „faire jeuer le télégraphe”.

אַלץ, צוזאַמען מיטן אויסגעצייכנטן מיטאָג און מיט די ווײַנען, נישט פון רוסישע וויין-הענדלער, נאָר גלייך פון אויסלענדישע וויין-קעלערס, איז געווען זייער פיין, אייפאַך און פריילעך. דער קרייז מענטשן פון צוואַנציק מאַן איז צוגעקליבן געוואָרן דורך סוויאַזשסקין פון גלייכדענקענדיקע, ליבעראַלע, נייע טוער און איינצייטיק שאַרפזיניקע און אָנשטענדיקע מענטשן. מען האָט געהאַלטן טאָסטן, אויך האַלב וויציקע, אי פאַרן נייעם פירער פון דער גובערניע, אי פאַרן גובערנאַטאָר, אי פאַרן באַנקדירעקטאָר, אי פאַר „אונזער ליבן באַלעבאָס”.

ווראָנסקי איז געווען צופרידן. ער האָט לחלוטין נישט דערוואַרט אַזאַ פיינעם טאָן אין דער פראָווינץ.

אין סוף פון מיטאָג איז געוואָרן נאָך פריילעכער. דער גובערנאַטאָר האָט געבעטן ווראָנסקין צו פאָרן אויפן קאָנצערט לטובת אַ ווילטעטיקן צוועק, וועלכן עס האָט איינגעאָרדנט זיין ווייב, וואָס האָט זיך געוואָלט מיט אים באַקענען.

— דאָרט וועט זיין אַ באַל און דו וועסט זעען אונזער שיינהייט. זי איז באמת מערקווירדיק.

— Not in my line, — האָט געענטפערט ווראָנסקי, וואָס האָט ליב געהאַט דעמדאָזיקן אויסדרוק, נאָר האָט אַ שמייכל געטון און צוגעזאָגט צו קומען.

שוין פאַרן אָפּגיין פון טיש, ווען אַלע האָבן פאַררייכערט, איז ווראָנסקיס קאַמערדינער צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ בריוו אויף אַ טאַץ.

— פון וואָזדוויזשענסקאָיע מיט אַ ספּעציעלן שליח, — האָט ער געזאָגט מיט אַ וויכטיקער מינע.

— ווי ווונדערלעך ענלעך ער איז צום געהילף-פּראָקוראָר סוויענ-

טיצקי, — האָט איינער פון די געסט געזאָגט אויף פראַנצויזיש וועגן קאַמערדינער, בעת ווראָנסקי האָט, כמורענדיק זיך, געלייענט דעם בריוו.

דער בריוו איז געווען פון אַננען. נאָך איידער ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער שוין געוווּסט זיין אינהאַלט. אָננעמענדיק, אַז די וואַלן וועלן זיך ענדיקן אין משך פון פינף טעג, האָט ער צוגעזאָגט צוריקצוקומען פרייטיק. היינט איז געווען שבת, און ער האָט געוווּסט, אַז דער בריוו אַנטהאַלט אַ פאָרוווּרף דערפאַר, וואָס ער איז נישט צוריקגעקומען אין דער צייט. דער בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט נעכטן אינאָוונט, איז נאָך וואָרשיינלעך נישט געהאַט אָנגעקומען.

דער אינהאַלט איז געווען טאַקע אַזעלכער, ווי ער האָט דערוואַרט, נאָר די פאָרם איז געווען אַן אומגעריכטע און פאַר אים באַזונדערס נישט אָנגענעמע. „אַני איז זייער קראַנק, דער דאָקטאָר זאָגט, אַז עס קאָן זיך מאַכן אַן אָנטצינדונג. איך איינע אַליין פאַרליר דעם קאָפּ. די פירשטין וואַרוואַראַ איז נישט קיין העלפערין, נאָר אַ שטערונג. איך האָב מיך גערעכנט אויף דיר אייערנעכטן, נעכטן, און אַצינד שיק איך געוווּיר ווערן, וווּ דו ביסט און וואָס דו טוסט. איך האָב אַליין געוואָלט פאָרן, אָבער זיך מישב געווען, וויסנדיק, אַז דאָס וועט דיר זיין נישט אָנגענעם. גיב עפּעס אַן ענטפער, כדי איך זאָל וויסן, וואָס צו טון".

דאָס קינד איז קראַנק, און זי האָט אַליין געוואָלט פאָרן, די טאָכטער איז קראַנק, און דערדאָזיקער פיינדלעכער טאָן.

דידאָזיקע אומשולדיקע פריילעכקייט בּאַ די וואַלן און דידאָזיקע אומעטיקע, שווערע ליבע, צו וועלכער ער מוז זיך אומקערן, האָבן איבערראַשט ווראָנסקין מיט זייער ווידערשפּרעכלעכקייט. אָבער מען האָט געמוזט פאָרן, און ער איז מיטן ערשטן צוג בּאַנאַכט אַהיימגעפאָרן.

XXXII.

פאַר ווראָנסקיס אוועקפאָרן צו די וואַלן, באַקלערנדיק זיך, אַז די סצענעס, וועלכע פלעגן זיך איבערחזרן צווישן זיי בא יעדן מאָל אוועקפאָרן, קאָנען אים בלויז אָפּקילן און נישט צובינדן, האָט אננא באַשלאָסן צו מאַכן אַלע מעגלעכסטע אָנשטרענגונגען, כּדי רויק איבערצוטראָגן די צעשיידונג מיט אים. אָבער דער קאַלטער, שטרענגער בליק, מיט וועלכן ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, ווען ער איז געקומען מעלדן וועגן זיין אוועקפאָרן, האָט זי באַליידיקט, און ער איז נאָך נישט געהאַט אוועקגעפאָרן, ווי איר רויקייט איז שוין געווען צעשטערט.

קלערנדיק דערנאָך אין דער איינזאַמקייט וועגן דעמדאָזיקן בליק, וועלכער האָט אויסגעדריקט אַ רעכט אויף פרייהייט, איז זי געקומען, ווי שטענדיק, צו איינס — צום אָנערקענען איר דערנידעררונג. „ער האָט אַ רעכט אוועקצופאָרן, ווען און וווהין ער וויל. נישט בלויז אוועקצופאָרן, נאָר מיך איבערצולאָזן. ער האָט אַלע רעכט, איך האָב קיין שום רעכט נישט. אָבער וויסנדיק דאָס, האָט ער דאָס נישט געדאַרפט טון. וואָס האָט ער אָבער דאָך געטון? ... ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַ קאַלטער, שטרענגער מינע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן, אָבער פריער איז דאָס נישט געווען, און דערדאָזיקער בליק באַטייט אַ סך, — האָט זי געטראַכט. — דערדאָזיקער בליק באַווייזט, אַז עס הייבט זיך אָן די אָפּקילונג".

און הגם זי האָט זיך איבערצייגט, אַז עס הייבט זיך אָן די אָפּקילונג, האָט זי פונדעסטוועגן גאָרנישט געקאָנט טון, און גאָרנישט געקאָנט ענדערן אירע באַציונגען צו אים. פונקט, ווי פריער, האָט זי בלויז מיט ליבע און רייץ געקאָנט צוהאַלטן אים און מיט באַשעפטיקונג באַטאָג און מאָרפיום אין די נעכט פאַרטויבן די שרעקלעכע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס ס'וועט זיין, אויב ער וועט זי אויפהערן ליב צו האָבן. אמת, ס'איז געווען נאָך איין מיטל: נישט צוצוהאַלטן אים, — פאַר דעם האָט זי נישט געוואָלט קיין שום אַנדערע זאַך, חוץ זיין ליבע, — נאָר דערנענטערן זיך מיט אים, זיין אין אַזאַ לאַגע, אַז ער זאָל זי נישט אוועקוואַרפן. דאָסדאָזיקע

מיטל איז געווען זיך צו גטן און חתונה האבן. און זי האט דאס אנגע-הויבן צו וועלן און האט זיך אנטשלאסן מסכים צו זיין אין ערשטן מא-מענט, ווי נאר ער אדער סטיווא וועלן איר דאס פארלייגן.

אין אזעלכע געדאנקען האט זי פארברענגט אן אים פינף טעג, די טעג טאקע, וועלכע ער האט געדארפט זיין אפוועזנד.

די שפאצירגענג, די געשפרעכן מיט דער פירשטין ווארווארא, די באזוכן אין שפיטאל, און דער עיקר דאס לייענען, דאס לייענען איין בוך נאכן צווייטן, האבן פארנומען איר צייט. אבער אויפן זעקסטן טאג, ווען דער קוטשער איז צוריקגעקומען אן אים, האט זי דערפילט, אז זי איז שוין מער נישט בכוח צו פארטויבן דעם געדאנק וועגן אים און וועגן דעם, וואס ער טוט דארטן. אין דער זעלבער צייט טאקע איז איר טאכ-טער קראנק געווארן. אננא האט אנגעהויבן גיין ארום איר, אבער דאס האט זי אויך נישט צעשטרייט, בפרט אז די קראנקייט איז געווען נישט קיין געפערלעכע. ווי זי האט זיך נישט באמיט, זי האט דאך נישט געקאנט ליב האבן דאסדאזיקע מיידעלע, און מאכן זיך, אז זי האט ליב, האט זי נישט געקאנט. דעם זעלבן טאג, אוונט-צייט, האט אננא, בלייבנדיק אליין, דערפילט אזא שרעק פאר אים, אז זי האט גלייך באשלאסן צו פארן אין שטאט אריין, אבער, נאכדעם ווי זי האט זיך גוט מישב געווען, האט זי אנגעשריבן יענעם ווידערשפרוכיקן בריוו, וועלכן ווראנסקי האט דער-האלטן, אפילו אים נישט איבערגעלייענט און אוועקגעשיקט מיט א ספע-ציעלן שליח. צומארגנס האט זי דערהאלטן זיין בריוו און חרטה געהאט אויף אירן. זי האט מיט שרעק אפגעווארט דאס איבערחזרן זיך פון יע-נעם שטרענגן בליק, וועלכן ער האט, אוועקפארנדיק, געווארפן אויף איר, באזונדערס, ווען ער וועט געוויר ווערן, אז דאס מיידעלע איז נישט געפערלעך קראנק געווען. אבער פונדעסטוועגן איז זי געווען צופרידן, וואס זי האט אים געשריבן. אצינד האט אננא זיך שוין מודה געווען, אז זי איז אים צו לאסט, אז ער זאגט זיך אפ מיט באדויערונג פון זיין פרייהייט, כדי זיך אומצוקערן צו איר, און, נישט געקוקט דערויף, איז זי געווען צופרידן, וואס ער וועט קומען. זאל ער זיך פילן באלעסטיקט, אבי ער זאל זיין דא מיט איר, כדי זי זאל אים זעען, וויסן וועגן זיין יעדע באוועגונג.

זי איז געזעסן אין גאסטצימער, באם לאמפ, מיט טענס א ניי בוך און געלייענט, זיך צוהערנדיק צום גערויש פון ווינט אינדרויסן און ריכטנדיק זיך יעדע מינוט אויפן אנקומען פון זיין עקיפאזש. עטלעכע

מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט אַ גערויש פון רעדער, אָבער זי האָט געהאַט אַ טעות; ענדלעך האָט זיך דערהערט נישט בלויז אַ רױשן פון רעדער, נאָר אויך דעם קוטשערס געשריי און אַ דומפּ געריר אין טויער. אפילו די פירשטין וואַרוואַראַ, וואָס האָט אויסגעלייגט אַ פּאַסיאַנס, האָט דאָס באַשטעטיקט, און אננאַ איז, אַן אָנגעצונדענע, אויפגעשטאַנען, אָבער, אָנשטאָט אַראָפּצוגיין אונטן, ווי זי איז פריער צוויי מאָל געגאַנגען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. איר איז פּלוצלינג געוואָרן אַ בושה פאַר איר אָפּנאַרן. אָבער שרעקלעכער פון אַלץ איז איר געווען פאַר דעם, ווי אַזוי ער וועט זי אויפנעמען. דאָס געפיל פון באַליידיקונג איז שוין געהאַט אַריבער; זי האָט בלויז מורא געהאַט פאַרן אויסדרוק פון זיין אומצופרידנקייט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די טאָכטער איז שוין צוויי טעג געווען קראַנק... אַז די טאָכטער איז שוין צומאָרגנס געווען אינגאַנצן געזונט. עס האָט זי אַפילו פאַרדראָסן אויף איר דערפאַר, וואָס איר איז גראָד בעסער געוואָרן באַלד, ווי נאָר דער בריוו איז אָוועקגעשיקט געוואָרן. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן אים, אַז ער געפינט זיך דאָ, אינגאַנצן, מיט זיינע הענט, מיט זיינע אויגן. זי האָט דערהערט זיין קול. און, פאַרגעסנדיק אַלץ, האָט זי זיך פריידיק אַ לאָז געטון לויפן אַקעגן אים.

— נו, וואָס מאַכט אַני? — האָט ער נישט דרייסט געפרעגט פון אונטן, קוקנדיק אויף אַנגען, וואָס איז צו אים אַראָפּגעלאָפן.

ער איז געזעסן אויף אַ שטול, און אַ לאַקיי האָט אים אַראָפּגעשלעפּט דעם וואַרעמען שטיוול.

— נישקשה, עס איז איר בעסער.

— און דו? — האָט ער געזאָגט, אָפּטרייסלענדיק דעם שטויב פון זיך.

זי האָט אים אָנגענומען מיט ביידע הענט בײַ דער האַנט און זי אַ ציִ געטון צו איר טאַליע, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון אים.

— נו, עס פרייט מיך זייער, — האָט ער געזאָגט, קאַלט באַטראַכטנדיק זי, איר פריזור, איר קלייד, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט עס אָנגעטון פאַר זיינעטוועגן.

דאָס אַלץ איז אים געפעלן, אָבער שוין אַזוי פיל מאָל געפעלן! און דער שטרענג פאַרשטיינערטער אויסדרוק, פאַר וועלכן זי האָט אַזוי מורא געהאַט, האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

— נו, עס פרייט מיך זייער. און דו ביסט געזונט ? — האָט ער געזאָגט, אָפּווישנדיק מיטן טיכל די נאַסע באָרד און קושנדיק איר האַנט.

„אַלצײנס, — האָט זי געטראַכט, — אַבי ער זאָל נאָר זיין דאָ, און ווען ער געפינט זיך דאָ, קאָן ער נישט, וואַגט ער נישט מיך נישט ליב צו האָבן".

דער אָוונט איז אַריבער גליקלעך און פריילעך אין דער אָנוועזנהייט פון דער פירשטין וואַרוואַרא, וועלכע האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז אננא האָט אָן אים גענומען מאָרפיום.

— וואָס-זשע קאָן מען טון ? איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן... די געדאַנקען האָבן געשטערט. ווען ער איז דאָ, נעם איך קיינמאָל נישט, כמעט קיינמאָל נישט.

ער האָט דערציילט וועגן די וואַלן, און אננא האָט געקאָנט מיט פראַגן אים אַרויסרופן אויף דעם, וואָס האָט אים פריילעך געמאַכט, — אויף זיין דערפאָלג. זי האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס האָט אים אינטע־רעסירט אינדערהיים. און אַלע ידיעות אירע זענען געווען בלויז פריילעכע.

אָבער שפּעט אינאָוונט, ווען זיי זענען געבליבן אַליין, זעענדיק, אַז זי האָט אים ווידער אינגאַנצן באַהערשט, האָט אננא געוואָלט אָפּווישן דעם שווערן איינדרוק פון זיין בליק איבערן בריוו. זי האָט געזאָגט :

— זיי דיך מודה, דיך האָט פאַרדראָסן, וואָס איך האָב דיר גע־שיקט דעם בריוו און דו האָסט מיר נישט געגלייבט ?

ווי נאָר זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען, אַז, ווי ליב ער איז נישט געשטימט צו איר, איז ער איר דאָס דאָך נישט מוחל.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט. — דער בריוו איז געווען אַזא מאָדנער : דאָ איז אַני קראַנק, דאָ האָסטו אַליין געוואָלט קומען.

— דאָס אַלץ איז געווען אמת.

— איך צווייפל נאָרנישט.

— ניין, דו צווייפלסט יאָ. איך זע, אַז דו ביסט נישט צו־פרידן.

— קיין איין מינוט נישט. אמת, איך בין בלויז נישט צופרידן פון דעם, וואָס דו ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז עס זענען פאַראַן פליכטן.

— פֿליכטן צו פֿאָרן אויף אַ קאָנצערט...

— אָבער לאָמיר נישט רעדן, — האָט ער געזאָגט.

— פֿאַרוואָס־זשע נישט רעדן? — האָט זי געזאָגט.

— איך וויל בלויז זאָגן, אַז עס קאָנען זיך מאַכן נייטיקע זאַכן. אַט וועט מיר אַצינד אויסקומען צו פֿאָרן קיין מאָסקווע וועגן הויז... טאַ, אַננאַ, פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי צערייצט? דו ווייסט דען נישט, אַז איך קאָן אָן דיר נישט לעבן?

— אויב אַזוי, — האָט אַננאַ פּלוצלינג געזאָגט מיט אַ געענדערט קול, — איז דיר דאָסדאָזיקע לעבן צו לאַסט... יאָ, דו וועסט קומען אויף אַ טאָג און אַוועקפֿאָרן, ווי דער שטייגער איז.

— אַננאַ, דאָס איז אַכזריותדיק. איך בין גרייט דאָס גאַנצע לעבן אַוועקצוגעבן...

אָבער זי האָט אים נישט אויסגעהערט.

— אויב דו וועסט פֿאָרן קיין מאָסקווע, וועל איך אויך פֿאָרן. איך וועל דאָ נישט בלייבן. אָדער מיר דאַרפֿן זיך צעגיין, אָדער לעבן צוזאַמען.

— דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז מיין איינציקער ווונטש. אָבער פֿאַר דעם...

— איז נייטיק אַ גט? איך וועל צו אים אָנשרייבן, איך זע, אַז איך קאָן נישט אַזוי לעבן. . . אָבער איך וועל פֿאָרן מיט דיר קיין מאָסקווע.

— פּונקט ווי דו וואָלסט מיך געדראָט. אָבער איך וויל קיין זאַך נישט אַזוי שטאַרק, ווי זיך נישט צעשיידן מיט דיר, — האָט ווראָנסקי שמייכלענדיק געזאָגט.

אָבער נישט בלויז אַ קאַלטער, נאָר אַ בייזער בליק פֿון אַ מענטש, אַ פֿאַרפֿאָלגטן און פֿאַרביטערטן, האָט אַ גלאַנץ געטון אין זיינע אויגן, ווען ער האָט גערעדט דידאָזיקע צערטלעכע ווערטער.

זי האָט געזען דעמדאָזיקן בליק און ריכטיק פֿאַרשטאַנען זיין באַדייטונג.

„אויב אַזוי, איז דאָס אַן אומגליק!" האָט געזאָגט דערדאָזיקער בליק זיינער. דאָס איז געווען אַ מינוטנווייליקער איינדרוק, אָבער זי האָט אים שוין קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן.

אַננאַ האָט אָנגעשריבן אַ בריוו דעם מאַן, בעטנדיק אים וועגן אַ גט, און אין סוף נאָוועמבער האָט זי זיך צעשיידט מיט דער פּירשטין

וואָרוואַרא, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרן קיין פּעטערבורג, און איז צוזאַמען מיט ווראָנסקין אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. וואַרטנדיק יעדן טאָג אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס ענטפֿער און באַלד דערנאָך אויפֿן גט, האָבן זיי זיך באַזעצט אַצינד צוזאַמען, ווי מאַן און ווייב.